STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00779

FARLOSHENE SHTERN

Jonas Turkow

Permanent preservation of this book was made possible by
Miriam S. Slotnick
in memory of
beloved husband, Irving Jack Slotnick

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאָנאַס טורקאָוו

פֿאַרלאָשענע שטערן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

באַנד 95

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

יאָנאס טורקאָוו

פאַרלאָשענע שטערן

באַנד איינס

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, 1953 — תשי״ד

יאָנאַס טורקאָוו

געצייכנט דורך בען

אינהאַלט פון ערשטן באַנד

זייט מיר מוחל, וואָס איך לעב 11
אייזיק סאַמבערג 17
קלאַראַ סעגאַלאָוויטש 29
מאַקס ברין 38
שאַיעלע ראָטשטיין 45
מרים אָרלעסקאַ 50
שמחה פּאָסטעל 55
מרדכי מאַזאָ 62
מרים אייזענשטאַט 68
אַרנאָלד 74
שלמה קוטנער 79
מאַקס וויסקינד 85
זשאַק לעווי 92
דוד זיידערמאַן 100
שמחה ראָזען און אברהם קורץ 108
רעגינאַ צוקער 116
די משפּחה פישער 122
אברהם האַלפּערן 129
מנחם קיפּניס און זמרה זעליגפעלד 137
דוד העלפּמאַן 143
דוד שערמאַן 149
יחיאל בוים 153
יאַנקעלע דאַנציגער 160
דוד לואי 167

אידאַ ערוועסט	172
שלום צוקער	178
משה קאַרפּינאָוויטש	186
שמואל לאַנדאו	197
חנה בראז	206
משפּחה נאַטאַן	209
דאָראַ פּאַקעל	216
אַדאָלף בערמאַן	221
מרדכי געבירטיק	228
דריי דורות גימפּעל	235
לייב שריפּטזעצער	252
משפּחה ליפּאָווסקי	262
געניאַ שליט	269
לייב ווינער	274
משפּחה סאַנדלער	280
הענרי לאַכטיגער	289
מאָריס לאַמפּע	295
יידל־יוליוס גוטמאַן	301
די שטאָקפּעדערס	306
ראַשעל בערגער	313
שלמהלע קאָן	320

ד י אַ נ אַ ן —
מ י ט ל י ב ש אַ פ ט

זייט מיר מוחל, וואס איך לעב...

אין חודש יולי 1942 בין איך געזעסן אין וואַרשע, צוזאַמען מיט מיינע חברים־אַקטיאָרן, אין היסטאָרישן לאָקאַל פון יידישן אַרטיסטן־פאַריין, אויף לעשנאָ 2.

לעשנאָ 2 איז, פונקט ווי טלאָמאַצקע 13, דאָס זיך־אָרט פון פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע, געווען אַ זאַמל־ און טרעף־פונקט נישט נאָר פון יידישע אַרטיסטן און שרייבער, נאָר אויך פון זייערע אומצאָליקע פריינט און פאַרערער.

לעשנאָ 2 איז פאַר דער מלחמה געווען באַרימט נישט נאָר אין וואַר־שע און אין גאַנץ פוילן, נאָר אויך איבער דער ברייט און לענג פונעם ערדקויל — אומעטום ווו אַ יידישער אַרטיסט האָט נאָר אָנגעשפּאַרט, — און ווו איז דאָס אַ יידישער אַרטיסט נישט געווען פאַר דער מלחמה!

לעשנאָ 2 איז אַזוי אַרום פּאָפּולאַריזירט געוואָרן דורך די בלאָנדזשענ־דיקע שטערן איבער דער גאַנצער יידישער וועלט.

מיטן פאַרשווונדן ווערן פון לעשנאָ 2 איז אויך פאַרשוווּנדן דער גרעסטער רעזערוואַר פונעם יידישן טעאַטער־פּובליקום, — פון דעם פּובליקום, וואָס האָט פאַרגרעסערט די רייען פון אונדזער טעאַטער אויף דער גאָרער וועלט; וואָס האָט אַריינגעהויכט פריש בלוט און לעבן אומעטום, ווו עס האָט נאָר געקענט און געדאַרפט זיין אַ יידיש טעאַטער.

מיטן פאַרענדיקן די מלחמה איז פאַרן יידישן אַרטיסט געוואָרן דער וועלט־שטח קליין און שמאָל. מיטאַמאָל האָט פאַרן יידישן אַרטיסט אויס־געפעלט לופט אין דער גאָרער וועלט. וואָרום מיטן פאַרשווינדן פון לעש־נאָ 2 פון דער אויבערפלאַך איז אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן דער גרויסער

שטח, דאָס ברייטע פעלד, ווו דער יידישער אַרטיסט האָט זיך געקענט אויסלעבן.

געצייילטע יאָרן טיילן אונדז אָפּ פונעם יאָר 1942 און דאָך — אַזוי פיל טרויעריקע און בלוטיקע געשעענישן; אַזוי פיל מיליאָנען יידישע לעבנס זענען אין משך פון דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הויפנס אַש, וואָס האָט באַמיסטיקט די פעלדער; געזעטיקט די פיש אין די וואַסערן; פונאַנדערגעטראָגן געוואָרן דורכן ווינט איבער אַלע פיר עקן וועלט. דאָס אַלץ האָט זיך פאַר מיר אויסגעפאָרמט אין אַ באַזונדערע וועלט, אין וועלכע איך אָטעם, מיט וועלכער און אין וועלכער איך לעב.

און ווי אַזוי קען איך אייך, מיינע טייערע, אומגעקומענע חברים־אַקטיאָרן פאַרגעסן, אַז איך האָב אייך שטענדיק פאַר מיינע אויגן; אַז איך זע אייך אין חלום און אויף דער וואָר; אַז איך לעב ווייטער מיט אייער נישט פאַרענדיקט לעבן.

צי וועל איך דען אין מיין לעבן קענען פאַרגעסן די לעצטע שעהן, וועלכע איך האָב פאַרבראַכט צוזאַמען מיט אייך אויף לעשנאָ 2, וואָס האָט שוין ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַריין נישט געטאָרט מער עקזיס־טירן (די דייטשן האָבן אַלע יידישע פאַריינען, תיכף נאָך זייער פאַרנעמען וואַרשע, „אויפגעלייזט") און מיר האָבן דעם לאָקאַל, כדי ער זאָל נישט רעקוויזירט ווערן דורך די דייטשן, פאַרוואַנדלט אין אַ פאָלקס־קיך, — אין אַ קיך פאַר יידישע אַקטיאָרן און זייערע משפחות. מיר האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט טאָג־טעגלעך, געזעסן ביי די טישלעך און שטילערהייט (הויך רעדן האָבן שוין דעמאָלט יידן נישט געטאָרט) געמאַכט פּלענער אויף דער צוקונפט... מיר זענען דעמאָלט נאָך געווען 187 יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, אַ חוץ אונדזערע משפחות.

מיר האָבן זיך געטיילט אויף צוויי לאַגערן. עס זענען געווען צווישן אונדז אָפּטימיסטן און פּעסימיסטן. די אָפּטימיסטן האָט מען גערופן: „יזוואָ"־מענטשן, ד"ה „יידן ווילן אַזוי — מענטשן, וואָס האָבן אַלץ געזען אָדער געוואָלט זען אין ראָזע פאַרבן. די פּעסימיסטן האָט מען ביי אונדז גערופן: „שוואַרצע קראָען" — ווייל זיי האָבן אַלץ אויסגעטייטשט צום שלעכטן.

צום גליק איז די מערהייט יידישע אַקטיאָרן באַשטאַנען פון אָפּטי־מיסטן, — ווייל ווי אַזוי וואָלטן מיר דען אַנדערש אויסגעהאַלטן, ביי

אונדזער אַזוי אויך שווערן געמיט, אין די גורלדיקע שעהן פון אונדזער שווער־אויסגעפרוווטן פאָלק, בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע.

אַ שטראַל פון האָפענונג — האָט זי געמעגט זיין אַפילו אילוזאָריש — האָט אונדז אין יענע פינצטערע טעג דערמוטיקט, דערהויבן און געשטאַרקט.

און ווי קען איך פאַרגעסן די האָפענונגספולע ווערטער פון אונדזער אייזיק סאַמבערג, וואָס איז געווען דער ראש פון דער „יזוואַ"־גרופּע (אָפּטימיסטן) אין וואַרשע, און וועלכער האָט זיך באַמיט אַלעמען איבערצוצייגן, אַז וואָס ערגער עס איז, אַלץ בעסער איז; אַז מען דאַרף נאָר האָבן געדולד; מען דאַרף נאָר קענען אויסדויערן, ווייל עס וועלן אָנקומען פאַר אונדז ליכטיקע טעג, — זיי קומען שוין אָן. אָט־אָט — און מיר וועלן לייכטער קענען אָפּאָטעמען; די מלחמה האַלט זיך שוין ביים פאַרענדיקן. — זי קען דאָך לענגער נישט דויערן, ווייל באו מים עד נפש... די צרות קענען שוין ווייטער נישט אָנהאַלטן. מיר, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַזוי פיל ליידן און פיין, וועלן ענדלעך קענען אויסגלייכן אונדזערע ביינער. אַלע אונדזערע זאָרגן וועלן פאַרשווינדן. מען וועט אונדז אויף די הענט טראָגן. מען וועט אָנגרייטן פאַר אונדז די בעסטע סאַנאַטאָריעס, וווּ מען וועט שוין זאָרגן פאַר אונדז, אַז מיר זאָלן די רעשטלעך יאָרן, וואָס זענען אונדז נאָך איבערגעבליבן צום לעבן, אויסלעבן רויק, זאָרגלאָז און פריידיק. ווייל איז דען אַ מענטש בכוח מער דורכצומאַכן, מער איבערצולעבן, ווי מיר, וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין אונטער דעם נאַצישן רעזשים?

קיינער פון אונדז, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין די חברישע צוזאַמענטרעפן אויף לעשנאָ 2, האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום, ד"ה דעם 23סטן יולי 1942, וועט זיך אָנהויבן אַ קאַפּיטל, וואָס וועט איבערשטייגן אַלץ, וואָס איז ביז איצט ביי אונדז געשען... דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער גירוש־וואַרשע, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צו דער גרעסטער יידישער קהילה אין אייראָפּע, מיט אירע, צו יענער צייט, קנאַפּע 600 טויזנט יידן.

צי וועל איך ביזן סוף פון מיין לעבן קענען פאַרגעסן די איבערגעשראָקענע אויגעלעך פון אונדזערע אָקטיאָרישע קינדער, וועלכע האָבן זיך מיט זייערע צאַרטע הענטעלעך פעסט געקלאַמערט צו זייערע טאַטע־מאַמע, גלויבנדיק, אַז זייערע טאַטע־מאַמע וועלן נישט דערלאָזן מען זאָל

זיי עפּעס שלעכטס טון; אַז אין קעגנוואַרט פון זייערע טאַטע־מאַמע קענען זיי זיך פילן זיכער און רואיק! ווייל צי קענען דען זיין פּאַר זיי בעסערע באַשיצערס, ווי זייערע אייגענע טאַטע־מאַמע?!

אָבער וואָס פאַראַ ווייטיק און אַנטוישונג האָבן די קינדערלעך מסתמא איבערגעלעבט אין די לעצטע רגעס פון זייער נישט־פאַרענדיקט יונג לעבן, ווען מען האָט זיי אָפּגעריסן פון זייערע טאַטע־מאַמע און זיי אַריינגעשטופּט אין די גאַז־קאַמערן.

אפשר איז דאָס געווען זייער ערשטע, אָבער זיכער זייער לעצטע און גרעסטע אַנטוישונג אין זייערע עלטערן, וועלכע האָבן זיי נישט געראַ־טעוועט פון אומקום; זיי האָבן עס זיך זיכער נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז זייערע טאַטע־מאַמעס זענען געווען פּונקט אַזוי הילפלאָז ווי זייערע קינדער און אַז אויך זיי זענען באַלד נאָך דעם געגאַנגען אויפן זעלביקן וועג און אומגעקומען אויפן זעלביקן אופן.

די גרויסע קריוודע פון זייערע טאַטע־מאַמע האָט זיך אויך קיינער נישט אָנגענומען, און זיי האָבן דאָך אויך אויסגעקוקט און געוואַרט אויף הילף, אויף יושר פון דער וועלט. די וועלט איז פאַרבליבן גלייכגילטיק צו די וויי־געשרייען און צו די הילפסרופן און מיט אָפענע אויגן און אויערן זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צו זייער אומקום.

אויך אונדזערע קריסטלעכע בינע־קאָלעגן האָבן קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער נישט איינגעטונקען, כדי עמעצן פון זייערע ייִדישע קאָלעגן צו העלפן, און געלאָזט זיי אַלע אַוועקגיין אַהין, פון וואַנען מען קומט שוין מער נישט צוריק. דער דאָזיקער לעצטער וועג איז געווען אַ פאַר־שיידנאַרטיקער: ווער דירעקט אין גאַז־קאַמער, ווער — אין טויטנלאַגער, אָבער לסוף — אַלע זיך פאַרייניקט אין אַש און אין שטויב.

און ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז פון אַלע מיינע 187 טעאַטער־חברים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין וואַרשעווער געטאָ — זענען פאַרבליבן ביים לעבן בלויז איך און מיין פרוי דיאַנאַ בלומענפעלד, גייט מיר דורך אַ ציטער איבערן לייב... פאַרוואָס גראָד מירביידע און נישט קיין אַנדערע?!

און איך פיל מיך אַ פאַרשעמטער, וואָס דער גורל האָט גראָד אונדז אויסגעקליבן צו זיין די אויסדערוויילטע.

ווען איך וואָלט ווו עס איז געפונען אייערע קברים, מיינע טייערע

חברים, וואָלט איך צו צו זיי און אַריינגעשריִען: זייט מיר מוחל, וואָס איך לעבּ!

איך פאַרזיכער אייך, אַז איך האָב קיין שום מיטל נישט אָנגענומען, כדי צו בלייבן ביים לעבן. איך בין נישט געגאַנגען מיט קיין עלנבויגנס, נישט דורכגעשטופּט זיך אויפן חשבון פון אַנדערע, פּונקט אַזוי ווי איר, מיינע טייערע, אומפאַרגעסלעכע חברים, האָט עס נישט געטון.

איך האָב נישט געטון קיין שום זאַך, וואָס זאָל זיין קעגן אונדזער עטיק און מאָראַל. איך בין נישט געווען קיין מיטאַרבעטער פון דער ייִדי־שער געטאָ־פּאָליציי; כ׳בין נישט געווען טעטיק אין קיין שום אינסטיטו־ציע, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן.

צי בין איך שולדיק, וואָס כ׳בין נישט געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן ביים טראָגן געווער פאַר דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע?

צי בין איך שולדיק, וואָס איך בין בעת דער דייטשישער אָקופּאַ־ציע באַפרייט געוואָרן פון תפיסה, ווו איך בין געזעסן פאַר סאַבאָטאַזש?

צי בין איך שולדיק, אַז זייענדיק אין אַזוי פיל טויט־געפאַרן, בין איך פאָרט געבליבן לעבן?

צי בין איך שולדיק, וואָס מען האָט מיך בעתן אויפשטאַנד אינעם וואַרשעווער געטאָ נישט דערשאָסן אויפן אָרט, נאָר מיך אַוועקגעפירט אין אַ לאַגער אַריין?

צי בין איך שולדיק, וואָס די אונטערערדישע באַוועגונג האָט מיך פונעם לאַגער אַרויסגעגנבעט אַ פּאָר טעג איידער מען האָט אַלע ייִדן פון דאָרט אַוועקגעפירט קיין טרעבלינקע און זיי דאָרט פאַרגאַזט?

צי בין איך שולדיק, וואָס שפּילנדיק מיין נייע ראָל אַלס „אַריער“, ווען איך בין געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן און שוין בעתן פירן מיך צום שיסן, אין דער לעצטער רגע, בין איך געראַטעוועט געוואָרן דורך דער אונטערערדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע?

צי בין איך שולדיק, וואָס כ׳בין אויך אין אַנדערע פאַלן ניצול געוואָרן אין דער לעצטער מינוט פונעם טויט?

צי בין איך שולדיק, אַז ווען איך בין צוזאַמען מיט מיין פרוי און מיט נאָך דריי ייִדן געלעגן באַגראָבן אונטער דער ערד וואָכנלאַנג, אין אַ דאָרף נעבן וואַרשע, האָט מען בעת די שלאַכטן (דאָרט איז דעמאָלט געווען דער קאַמפּס־פראָנט) גראָד אויף דעם אָרט געגראָבן אָקאָפּעס

און על פּי נס זענען דאָס נישט געווען קיין דייטשן, נאָר רויט־אַרמייער, וועלכע האָבן אונדז אַזוי אַרום געראַטעוועט דאָס לעבן?

עס איז דאָך געווען בלויז אַ צופאַל, וואָס איך און מיין פרוי זענען געבליבן לעבן. אַ לאַנגע קייט פון ווונדערלעכע צופאַלן, וועלכע זענען, ליידער, אייך, מיינע אומפאַרגעסלעכע חברים, קרובים, פריינט און אומ־צאָליקע מיינע צושויער און פאַרערער, נישט געווען באַשערט.

און פאַר דעם דאָזיקן גליקלעכן צופאַל — זייט מיר מוחל!

איך וויל אָבער מיין חטא, וואָס כ׳בין געבליבן לעבן, אויסקויפן דער־מיט, וואָס ביז צום סוף פון מיין לעבן וועל איך נישט לאָזן מען זאָל אייך פאַרגעסן. איך וועל אייך אומעטום און שטענדיק דערמאָנען, און אַלס אָנהויב פון דעם, וועל איך איבערגעבן דער עפנטלעכקייט זכרונות וועגן אייך, וועגן אייער לעבן און שאַפן, וועגן אייערע לעצטע מינוטן און וועגן אייער מאַרטירער־טויט.

זאָלן די יזכור־בלעטלעך זיין אַ דענקמאָל, אַן אָנדענק, אַ דערמאָ־נונג אָן אייער ליכטיקן, נישט־פאַרענדיקטן לעבן. זאָלן זיי אַריבער לדור־דורות ווי אַ וועגווייזער פון דערהויבנקייט, געלייטערטקייט און העראָיזם און גלייכצייטיק זאָלן זיי דינען ווי אַ וואָרנונג פאַר אַ צייט, וואָס טאָר זיך מער נישט איבערחזרן.

יאָנאַס טורקאָוו

אײַזיק סאַמבערג

מײַן טאַטע פֿלעגט מיך פֿירן אין ייִדישן טעאַטער אַרײַן ווען איך בין נאָך אַ קלײן קינד געווען.

מײַן טאַטע איז געווען אַ פֿאַרברענטער חסיד פֿון ייִדישן טעאַטער, און מיר, זײַנע זעקס קינדער, האָבן עס פֿון אים געירשנט.

געוויסע עפּיזאָדן און סצענעס האָבן זיך מיר אײַנגעקריצט אין זכרון און איך געדענק זײ נאָך עד־היום. איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט מײַנע „טעאַטער־ליבלינגען". ווען איך בין אַלט געווען אומגעפֿער צען יאָר, האָב איך צום ערשטן מאָל געזען אויף דער בינע אין וואַרשע אײַזיק סאַמבערגן.

אין „עליזעום־טעאַטער", אויף דער קאַראָווע גאַס, אונטער דער די־רעקציע פֿון ל. ראַפּעל און מ. עפּעלבערג, האָט מען דעמאָלט געשפּילט יעקב גאָרדינס „גאָט, מענטש און טײַוול", מיטן גאַסט פֿון אַמעריקע, מאָריס מאָשקאָוויטש, אַלס „אוריאל מזיק". אין דער פֿאָרשטעלונג האָבן זיך באַ־טײליקט: לײזער ראַפּעל אַלס „הערשעלע דובראָוונער", סעם שילינג אַלס „לײזער בדחן", זינאַ ראַפּעל — „ציפּעניו", העלענאַ גאָטליב — „פֿרײ־דעניו", לאַזאַר פֿריד — „מאָטעלע" און אײַזיק סאַמבערג אַלס „כאַצקל דראַכמע".

נישט רײדנדיק וועגן מײַנע „ליבלינגען", וועלכע האָבן תּמיד בײ מיר נושא־חן געווען, ווען זײ האָבן אַפֿילו אַמאָל, אויסדריקנדיק זיך אויפֿן טעאַטער־לשון, „אָוועקגעלײגט" אַ ראָל, האָט מײַן אויפֿמערקזאַמקײט גע־צויגן אויף זיך אַ יונגער אַקטיאָר, מיט אַן אויסדריקלעכן פּנים און טיף אַרויסגעזעצטער פּאָדערשטער קינבאַק. דער דאָזיקער אַקטיאָר האָט גע־

האָט אַ טיפע, שיינע ברוסטשטימע און אַ פיינע דיקציע. זיין אמתער נאָמען איז געווען סאַמבאָרעק, און ער איז געווען אַ נאָענטער קרוב פונעם באַקאַנטן יידישן אַקטיאָר און טעאַטער־דירעקטאָר אברהם יצחק קאַמינסקי, — דער מאַן פון דער גרויסער אסתר רחל קאַמינסקי.

העלענאַ גאָטליב

אייזיק סאַמבערג

יאָרן זענען פאַרביי. מיטן אויסברוך פונעם ערשטן וועלט־קריג איז סאַמבערג אַוועק קיין רוסלאַנד. דאָרט איז ער שוישפּילעריש געוואַקסן און איז געוואָרן זייער פּאָפּולער ביים יידישן טעאַטער־עולם אין רוסלאַנד. הויפּטזעכלעך האָט ער געשפּילט ביי קלאַראַ יאַנג אין די אָפּערעטן און זיך אַרויסגעוויזן אויך אַלס גוטער קאָמיקער. שטאַרק באַליבט האָט זיך סאַמבערג געמאַכט אַ דאַנק זיינע קופּלעטן, וועלכע ער האָט געזונגען אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן.

ערנסט טעאַטער, אין פולן זין פון וואָרט, האָט סאַמבערג ערשט אָנגעהויבן צו שפּילן נאָך זיין צוריקקומען קיין וואַרשע, באַלד ווי עס

האָט זיך געענדיקט די ערשטע וועלט־מלחמה. ער איז אַנגאַזשירט געוואָרן אין דעם ניי־געגרינדעטן „צענטראַל"־טעאַטער, לעשנאָ 1, אונטער דער דירעקציע פון ברין און ריבאַ. אינעם דאָזיקן טעאַטער האָט סאַמבערג ערשט אָנגעהויבן צו וואַקסן און ער האָט פאַרנומען איינע פון די אָנגעזעענסטע ערטער צווישן אַזעלכע כוחות, ווי אסתר רחל קאַמינסקי, אידאַ קאַמינסקי, זיגמונט טורקאָוו, שמואל לאַנדאו, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, וול. גאָדיק, משה ליפּמאַן, ד. לעדערמאַן א"אַ.

רעזשיסער פון „צענטראַל"־טעאַטער איז געווען זיגמונט טורקאָוו. סאַמבערג איז געוואַקסן פון ראָל צו ראָל אין אַ רייע פּיעסן, ווי שלום אַש „פאַר אונדזער גלויבן", גאָגאָלס „רעוויזאָר" (ייִדישע איבערזעצונג: ז. סעגאַלאָוויטש), אין וועלכער סאַמבערג האָט געשפּילט דעם „גאָראָדניטשי", שלום עליכמס „דאָס גרויסע געווינס", ווו ער האָט געשפּילט „שימעלע סאָראָקער"; יוליוס בערסטעלס „זינדיקער הער טשו" — דעם מאַנדאַרין; מאָליערס „קאַרגער" אין א. איינהאָרנס ייִדישער איבערזעצונג, ווו ער האָט דובלירט מיט זיגמונט טורקאָוו אין דער ראָל פון „האַרפּאַגאָן"; „פּאָטאָש און פּערלמוטער" — פּאָטאָש. דעם רעקאָרד פון דערפאָלג האָט אָבער סאַמבערג געשלאָגן אין זיין „קרוין־ראָל" „מאָטקע גנב" פון שלום אַש. די דאָזיקע פּיעסע איז געגאַנגען אין „צענטראַל"־טעאַטער איבער 300 מאָל. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן טעאַטער אין פּוילן, אַז אַ פּיעסע זאָל גיין אַזוי לאַנג, אָן איבעררייס, ביי אויספאַרקויפטע קאָסעס. מיט דער ראָל האָט זיך טאַקע סאַמבערג געקויפט אַ גרויסן נאָמען און ער איז געוואָרן דער ליבלינג פונעם וואַרשעווער עולם. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק איבערגענומען מיט זיין דערפאָלג, אַז ער האָט זיך אַליין „געקרוינט" אַלס „קייזער" פון די ייִדישע אַקטיאָרן.

אָנגעהויבן האָט עס זיך מכלומרשט פון אַ וויץ מצד אים אַליין, אָבער שפּעטער איז עס אים אַזוי אַריין אין בלוט, אַז ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ פאַרשוועכונג און איגנאָראַנץ לגבי אים, ווען עמעצער האָט אים נישט טיטולירט „קייזער". זיין „קייזערלעכע" פּאָפּולאַריטעט איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. ווען מען האָט גערעדט וועגן סאַמבערגן, האָט מען אַנדערש נישט געזאָגט, ווי נאָר: „דער קייזער".

אייזיק סאַמבערג איז געווען דער איינציקער פון דער אַלטער גוואַרדיע „פוילישע אַקטיאָרן״, וואָס האָט יאָרן־לאַנג פאַרנומען אַן ערשטן אָרט ביי די „ווילנער״ (ווילנער טרופּע). מיר הערן דאָ סאַמבערגן, דעם וואַר־שעווער פאָלקסמענטש, מיט זיין ספּעציפישן וואַרשעווער יידישן דיאַלעקט, אויף די ברעטער פון די „ווילנער״ ריידן אַ שיינעם, זאַפטיקן ליטווישן יידיש.

ביי די „ווילנער״ האָט סאַמבערג געהאַט אַ גאַר גרויסן דערפאָלג און זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין אַשס „קידוש השם״, י. ל. פּרצס „ביינאַכט אויפן



אייזיק סאַמבערג אין פאַרשיידענע ראָלן

1) אַלס „שיילאָק״, 2) אַלס „ראָבעספּיער״ (אין „דאַנטאָנס טויט״) און 3) אין בערגעלסאָנס „דער טויבער״.

(צייכענונגען פון פעליקס פרידמאַן)

אַלטן מאַרק״ (רעזשי פון דוד הערמאַן), קלאַבונדס „קריידע־קרייז״, דוד בערגעלסאָנס „דער טויבער״ א״אַ. סאַמבערג האָט אויך געשפּילט שעקס־פּירס „שיילאָק״, וואָס די „ווילנער״ האָבן אויפגעפירט. וועגן דער דאָזי־קער ראָל זיינער, וואָס ער האָט געשפּילט, פונקט ווי אַמאָל אין „צענטראַל״־טעאַטער דעם „קאַרגן״, זענען שוין די מיינונגען געווען געטיילט.

אייזיק סאַמבערג האָט אָפט גאַסטראָלירט אין אויסלאַנד. ער איז אויך געווען אין אַמעריקע. זיינע אויפטריטן אין ניו־יאָרק האָבן קיין גרויס

מזל נישט געהאַט. דאָס נעמט זיך אפשר דערפון, וואָס ער איז דאָרט אויפגעטראָטן אין זיין אַמאָליקער גלאַנץ־ראָל פון וואַרשע — „מאָטקע גנב“, פאַר וועלכער ער איז שוין געווען צו אַלט. וואָלט ער דאָרט אין דער דאָזיקער ראָל גאַסטראָלירט אין זיינע יונגע יאָרן, וואָלט ער זיכער אויך דאָרט געהאַט נישט קיין קלענערן דערפאָלג, ווי אין וואַרשע.

סאַמבערג איז אויך אויפגעטראָטן אין דרום־אַמעריקע מיט זייער אַ גרויסן דערפאָלג. דאָס זעלביקע — אין אַ סך אייראָפּעאישע לענדער.

אומעטום איז סאַמבערג געווען דער ליבלינג פון די מאַסן און נישט אומזיסט האָט מען אים אויך גערופן „דער פאָלקס־אַקטיאָר“. סאַמבערג האָט מיט דעם טיטל שטאָלצירט. אָבער פון דער „קייזער־קרוין“ האָט ער דאָך נישט געוואָלט רעזיגנירן...

אייניקע מאָל איז סאַמבערג געווען דער פאָרזיצער פונעם יידישן אַקטיאָרן־פאַריין אין פוילן און אַלס פאָלקסמענטש שטענדיק געפונען אַ געמיינזאַמען לשון מיט דער מערהייט פון די יידישע אַקטיאָרן — פאָלקס־מענטשן. סאַמבערג איז אויך געווען אַ גוטער, שאַרפזיניקער מאַסן־רעדנער און איז געווען זייער באַליבט ביי זיינע חברים־אַקטיאָרן.

צום שבח פון סאַמבערגן מוז מען אויך צוגעבן, אַז ער האָט געהערט צו די געציילטע יידישע אַקטיאָרן פון עלטערן דור, וואָס האָבן נישט באַקעמפט די „יונגע“ אַקטיאָרן; פאַרקערט, אַלס פאָרזיצער פונעם אַר־טיסטן־פאַריין האָט ער אַלץ געטון, כדי צו באַרייכערן אונדזערע רייען מיט יונגע כוחות. ער האָט נישט געהאַט קיין ווידערווילן, ווי דאָס רוב פאָלקס־אַקטיאָרן, צו זיינע אינטעליגענטע חברים־אַקטיאָרן. ער האָט אַזעלכע רעספּעקטירט און גענאַשט פון זיי דאָס, וואָס ער האָט אַליין נישט פאַרמאָגט.

אייזיק סאַמבערג האָט געשטאַמט פון אַ וואַרשעווער פליישער־משפחה, פּשוטע יידן, און ער איז „אַרויס אין דער וועלט“ אָן אַלגעמיינעם וויסן. ער האָט אָבער געהאַט אַן אייזערנעם ווילן און כסדר געאַרבעט איבער זיך, געלערנט ביי אַנדערע, זייער אַ סך געלייענט און — וואָס די הויפּטזאַך — פאַרמאָגט אַ נישט־דורכשניטלעכע אינטואיציע, וואָס האָט אים דערלויבט צו שילדערן געשטאַלטן און סביבות, וועלכע זענען אים געווען פרעמד. זיין גרויסע חכמה האָט אים אין דעם אַ סך געהאָלפן.

זייער פיל האָט סאַמבערג געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין ערשטער פרוי, די אַקטריסע העלענאַ גאָטליב, וואָס האָט געשטאַמט פון אַן אינטעליגענטער היים (שלאגמאַן פון וואַרשע) און אַליין געהערט צו די אינטעליגענטסטע שוישפּילערינס פון דער אַלטער יידישער גוואַרדיע.

העלענאַ גאָטליב
אין „דאַנטאָנס טויט"

(צייכענונג פון פּ. פרידמאַן)

ווען מען האָט אין „נאָוואָשטשי"־טעאַטער אין וואַרשע, ביעלאַנסקע 5, אויפגעפירט בּרוקנערס „דאַנטאָנס טויט", האָט סאַמבערג געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג „ראָבעספּיער".

עס איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען אַן עפּיזאָד, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעשפּילט אין דעם דאָזיקן טעאַטער, אין שייכות מיט דער „דאַנטאָן"־אויפפירונג (רעזשי — מ. ווייכערט). אייזיק סאַמבערג איז, פּונקט ווי אַ סך יידישע אַקטיאָרן, קראַנק געווען אויפן פּונקט פון רעקלאַמע.

אַלס אַקטיאָר איז סאַמבערג, נישט געקוקט אויפן גרויסן דערפאָלג וואָס ער האָט ממילא געהאַט, געווען שטאַרק איינגעבילדעט און געהאַלטן, אַז היות ער איז דער „קייזער" פון די יידישע אַקטיאָרן, דאָס הייסט — דער העכסטער אין ראַנג אַקטיאָר, קומט אים דאָס ערשטע אָרט אויפן טעאַטער־אַפיש און אין דעם אַנאָנס. זענען אין דעם פּרט געקומען מיט אים אין קאָנפליקט אַקטיאָרן, וואָס האָבן פאַרנומען אין יידישן טעאַטער נישט קיין קלענערן פּלאַץ פון אים. האָט, למשל, אברהם מאָרעווסקי, וועלכער האָט געשפּילט די טיטל־ראָל „דאַנטאָן", נישט געוואָלט איינגיין, אַז סאַמבערג זאָל זיין אַנאָנסירט פאַר אים. קיין שום פּשרה האָט נישט געהאָלפן. אויפן אלף־בית־סיסטעם, וואָס איז געווען אָנגענומען אין די טעאַטערס, האָט סאַמבערג נישט געוואָלט איינגיין און מאָרעווסקי — אויך נישט. איז מען געפאַלן אויף אַזאַ המצאה: מען וועט אַרויסלאָזן אַ טאָפּלטן אַפיש. אויף איין אַפיש וועט זיין אָנגעגעבן מיט פעטע אותיות דער אָנטייל פון אייזיק סאַמבערג און אויפן

צווייטן — אברהם מאָרעווסקי. נאָר אויף אַזאַ אופֿן האָט די פֿאָרשטעלונג געקענט צושטאַנד קומען.

פֿאַר זייטיקע מענטשן, וואָס זענען נישט באַקאַנט אין די טעאַטער־ענינים, קען דער פֿאַל אויסזען לעכערלעך, נאַאיוו און קינדיש. אָבער די מענטשן, וואָס שטייען נאָענט צום טעאַטער, אָדער אַזעלכע וואָס אַרבעטן אין אים, ווייסן וויפֿל הייס בלוט און געזונט אַקטיאָרן האָבן געפּטרט צוליב אַזעלכע „נאַאיווע" זאַכן. האָט טאַקע סאַמבערג, וואָס האָט געהאַט אַזאַ אויסערגעוויינלעכן דערפֿאָלג און איז געווען דער גרויסער ליבלינג ביים טעאַטער־עולם, געלייגט אַ סך אַכט אויף די מכלומרשט פֿאַר אַנדערע נישט וויכטיקע פּרטים און אַ סך געזונט פֿאַרלוירן דערביי. ער האָט טאַקע געקריגן אַן ערנסטע לעבער־קראַנקייט, וואָס האָט אים געמאַטערט ביזן סוף פֿון זיין לעבן.

בעת מאָריס שוואַרץ האָט גאַסטראָלירט אין פּוילן, האָט זיך סאַמבערג באַטייליקט אין די פֿאָרשטעלונגען. אַ באַזונדערן גרויסן דערפֿאָלג האָט סאַמבערג געהאַט אין י. י. זינגערס „יאָשע קאַלב", אין דער ראָל פֿון „משה חסיד".

סאַמבערג איז אויך אויפֿגעטראָטן אין אַ רייע יידישע פֿילמען, צווישן אַנדערע — געשפּילט דעם „משולח" אין אַן־סקיס „דיבוק". ער האָט אָנטייל גענומען אין פּוילישן פֿילם פֿון א. מיצקעוויטשעס „פּאַן טאַדעאוש", אין וועלכן ער האָט געשפּילט „יאַנקל צימבאַליסט".

אַ לאַנגע צייט האָט סאַמבערג געהאַט אַן אייגענעם טעאַטער־אַנסאַמבל, מיט וועלכן ער איז אַרומגעפֿאָרן איבער דער גאַנצער פּוילישער פּראָווינץ.

מיטן אויסברוך פֿונעם קריג געפֿינט זיך סאַמבערג אין וואַרשע. די דייטשישע באָמבאַרדירונג אין יאָר 1939 מיידט נישט אויס סאַמבערגס דירה אויף פֿאַנסקע 22, און זיין פֿרוי, העלענאַ גאָטליב, ווערט פֿאַרוווּנדעט.

בעתן געלויף „אויף מזרח" דעם 6טן סעפּטעמבער 1939, ווען כמעט אַלץ און אַלע זענען אַנטלאָפֿן פֿון וואַרשע, איז סאַמבערג, צום אומגליק, געבליבן אין וואַרשע. ער האָט מיט אַן „אייזערנער לאָגיק" געוואָלט באַווייזן, אַז אָט־אָט מוזן די רוסן פֿאַרנעמען וואַרשע. צו וואָס, אַלזאָ, דאַרף ער גיין אַהין, אַז זיי וועלן סיי־ווי קומען צו אים... ער איז געווען אַזאַ

גרויסער אָפּטימיסט און ער האָט אַלע געשעענישן און פֿאַקטן אויסגע־טייטשט צום גוטן. אין יעדן נצחון פֿון די דייטשן האָט ער גאָר געזען זייער מפּלה... ער האָט נישט פֿאַרלוירן דעם גוטן הומאָר, וואָס איז גע־ווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר סאַמבערגן. פֿאַר אַלע האָט ער. געהאַט אַ גוט וואָרט, אַ טרייסט, און ער האָט נישט איינעם דערוואַרעמט מיט זיין אָפּטימיזם. די דאָזיקע מענטשן האָט מען אין געטאָ גערופֿן — ווי איך האָב שוין געשריבן אינעם ערשטן קאַפּיטל — „יִוואָ־מענטשן" (ייִדן ווילן אַזוי), ווייל אַלץ האָבן זיי אויסגעטייטשט אַזוי, ווי זיי האָבן געוואָלט זען, ד"ה שטענדיק צום גוטן. די דאָזיקע מענטשן האָבן אַריינגעבראַכט אין אונדזער פּאַראָומערט לעבן אַ סך וואַרעמקייט און פֿרייד, להיפּוך צו די „שוואַרצע קראָען", וואָס האָבן אין אַלעם געזען שלעכטס און פֿאַרמיאוסט אונדזער אַזוי אויך געגנוג שווער לעבן.

נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן פֿאַרנומען וואַרשע, האָט סאַמבערג געהערט צו דער קיך־פֿאַרוואַלטונג פֿון די ייִדישע אַקטיאָרן (ייִדישע פֿאַריי־נען האָבן שוין ביי די דייטשן נישט געטאָרט מער עקזיסטירן). ער האָט תּמיד אינטערווענירט ביי די „דזשאָינט" און „אַליינהילף"־אינסטאַנצן פֿאַר זיינע נויטבאַדערפֿטיקע חברים־אַקטיאָרן. נישט איינמאָל איז ער, גייענ־דיק אויף אַזאַ אינטערווענץ, געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן אויף אַר־בעט און דערביי גוט צעשלאָגן געוואָרן. דאָס האָט אים אָבער נישט איינגעבראָכן. ער איז, ווי פֿריִער, געווען אין גוטן הומאָר און געשאָטן מיט וויצן. ער האָט אויף קיין איין מינוט נישט אויפֿגעהערט צו גלויבן, אַז „זיי", די דייטשן, מוזן האָבן המנס מפּלה...

סאַמבערג האָט אויך געאַרבעט אַלס קעלנער אין אַ געזעלשאַפֿטלע־כער קיך, אָבער גלייכצייטיק איז ער אַרויסגעטראָטן אַלס רעציטאַטאָר אויף פֿאַראַנשטאַלטונגען פֿון דער אונטערערדישער קולטור־אָרגאַניזאַציע.

אין געטאָ־וואַרשע איז סאַמבערג געוואָרן קינסטלערישער לייטער פֿונעם ייִדישן טעאַטער „ניי־אַזאַזעל", וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אויף נאַוואָליפּיע עק זשעלאַזנע, אונטער דער דירעקציע פֿונעם אַקטיאָר חיים סאַנדלער.

אינעם דאָזיקן טעאַטער האָט ער געשפּילט צוזאַמען מיט זיין פֿרוי העלענאַ גאָטליב, וווּ ער האָט אויך רעזשיסירט יעדע צווייטע פּיעסע.

דער ערשטער רעזשיסאָר איז דאָרט געווען דער דירעקטאָר, חיים סאַנדלער, אַליין. און ווי מאָדנע עס זאָל נישט קלינגען, סאַמבערג איז אין דעם טעאַטער אַנאָנסירט געוואָרן אויפן צווייטן אָרט — נאָך סאַנדלערן.

ווען איך האָב אים אַמאָל געפרעגט, וואָס עס איז געשען, אַז דער „קייזער" איז אַנאָנסירט אויפן צווייטן פּלאַן, האָט מיר סאַמבערג ערנסט געענטפערט:

— יאָנאַסל, די צייטן פון די „קייזערס" האָבן זיך געענדיקט. איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיין אַמאָליקע האַנדלונג איז נישט געווען קיין ריכטיקע. איך האָב געזינדיקט; פאַרשאַפט זיך און אַנדערע אַ סך בייז בלוט. די צייט האָט מיך אָבער געלערנט און אויסגעהיילט. איך בין געוואָרן אַן אַנדערער סאַמבערג. זאָל זיך נאָר די מלחמה ענדיקן — און דאָס וועט דאָך בקרוב געשען, — וועסטו זען, יאָנאַסל, ווי עס וועט זיך מיט מיר צוזאַמענאַרבעטן. איך וועל זיך באַמיִען צו שפּילן מיט די בעסטע ייִדישע אַרטיסטן און אַלע, אָן אויסנאַם, וועלן זיין אַנאָנסירט לויטן „אלף־בית".

דערביי האָט ער באַשיידן צוגעגעבן, אַז עס איז אַפילו נישט אין אָרדענונג, וואָס חיים סאַנדלער איז אַנאָנסירט פאַר אים, אָבער פאַרפאַלן, סאַנדלער איז דאָך דער דירעקטאָר פונעם טעאַטער און האָט אים דאָך געגעבן אַ מעגלעכקייט צו שפּילן ייִדיש טעאַטער.

אין וואַרשעווער געטאָ האָט שוין צו יענער צייט עקזיסטירט אַ ייִדיש טעאַטער „עלדאָראַדאָ" אויף דזשעלנע 1, אינעם אַמאָליקן טעאַטער „סקאַלאַ". סאַמבערגן האָט עס אַ סך געזונט געקאָסט, וואָס מען האָט אים דאָרט נישט אַנגאַזשירט.

אין „ניי־אַזאַזעל", פּונקט ווי אין „עלדאָראַדאָ", האָט מען ס׳רוב געשפּילט שונד־פּיעסן. עס איז שווער צו זאָגן ווער עס טראָגט די שולד דערפאַר. איינס איז אָבער זיכער, אַז דער הויפּט־שולדיקער איז געווען די קאַשמאַרפולע צייט און די באַדינגונגען, וועלכע זענען אונדז דורך די היטלער־תלינים אָנגעוואָרפן געוואָרן. די דייטשן זענען דאָך געווען פאַראינטערעסירט, אַז מיר זאָלן זיך אַליין דעמאָראַליזירן, אַליין זיך באַשמוצן און אין אייגענעם שמוץ זיך דערטרינקען.

סאַמבערג האָט געלויכטן מיט זיינע אַרטיסטישע אויפטריטן אין די קינדער־אינטערנאַטן, אין די יתומים־הייזער פון „צענטאָס", „טאָז" און אויף די אונטערערדישע געזעלשאַפטלעכע פאַראַנשטאַלטונגען, ווו ער האָט געקענט אויסגלייכן זיין רוקן.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די „אויסזידלונג" אין וואַרשעווער געטאָ, האָט סאַמבערג געקריגן דעם ערשטן קלאַפּ: מען האָט צוגענומען און אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע אין די גאַז־קאַמערן זיין געטרייע לעבנס־באַגלייטערין און חברטע, זיין לערערין און איבערגעגעבנסטן פריינט — העלענאַ גאַטליב. דער גרויסער קלאַפּ האָט אים שטאַרק דערדריקט. ער האָט פאַרלוירן זיין זיכערקייט, אָבער נישט די האָפענונג.

— נאָר דורכהאַלטן — האָט ער געזאָגט — און מען מוז דורכהאַלטן. דאָס איז יעדן איינעמס חוב, כדי שפּעטער צו קענען איבערגעבן דער וועלט, וואָס מען האָט מיט אונדז און מיט אונדזערע נאָענטסטע געטון.

קורץ פאַר דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ האָב איך סאַמבערגן געטראָפן אין שטאַב פון דער אָנפירערשאַפט פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג. מען האָט דעמאָלט צוגעגרייט רשי־מות אַרויסצושיקן אין דער שווייץ דורך אַ ספּעציעלן שליח. די רשימות זענען געווען באַשטימט פאַר אויסלאַנד, מען זאָל קענען אַריינשיקן אויס־לענדישע וויזעס פאַר דעם קליינעם,ביים לעבן איבערגעבליבענעם קול־טור־אַקטיוו פונעם וואַרשעווער געטאָ. סאַמבערגס נאָמען איז געווען צווישן די ערשטע אויף דער רשימה.

— יאָנאָסל — האָט ער מיט פרייד געזאָגט צו מיר. — וועסט זען, מיר וועלן נאָך אין דער שווייץ אויך שפּילן יידיש טעאַטער, און נאָך דער גרויסער לעקציע, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די דייטשן, וועלן מיר שוין אײנמאָל אַ שפּיל טון...

ליידער איז אייזיק סאַמבערגן שוין מער נישט באַשערט געווען צו שפּילן טעאַטער. צו יענער צייט איז ער געווען אַן אַרבעטער אין אַ שאָפּ, טאַקע אינעם זעלביקן טעאַטער „ביי־אַזאַזעל", וואָס איז נאָך דעם אָנהויב פון די „אַקציעס" אין יאָר 1942, דורך סאַנדלערן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַבריק פון לעדער־אויסאַרבעטונגען פאַר דער דייטשישער קריגס־אינדוסטריע.

די, וואָס האָבן נישט געאַרבעט אין די „שאָפּן", האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צום לעבן. שפּעטער זענען די „שאָפּן" אויך ליקווידירט געוואָרן און אַלע אַרבעטער זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין די טויט־לאַגערן.

נאָך דער ערשטער גרויסער „אַקציע" אין וואַרשעווער געטאָ, ווען מען האָט פון זייער „שאָפּ" אַוועקגעפירט אויפן טויטן־פּלאַץ (אומשלאַגס־פּלאַץ), כדי פון דאָרט אַרויסצושיקן קיין טרעבלינקע: העלענאַ גאָטליב, נעמי און אידאַ נאַטאַן, דעם יונגן אַקטיאָר און זינגער סאַלווע (דעם מאַן פון ראָזאַ סאַנדלער), איז די איבערגעבליבענע גרופּע אַקטיאָרן, ווי: אייזיק סאַמבערג, שלמה קוטנער, די זיידערמאַנס, שמחה פאָסטעל און דאָראַ פאַקעל אַריבער אין אַ מער „זיכערן" שאָפּ צו טעבענסן.

דער דאָזיקער ס.ס.־אויסוווּרף וואַלטער טעבענס האָט פייערלעך פאַרזיכערט זיינע מענטשן (אַרבעטער), אַז נאָר זיי און נאָר ביי אים וועלן זיי איבערלעבן די מלחמה...

זענען טאַקע טויזנטער ייִדן פאַרנאַרט און פאַרטעמפּט געוואָרן; געלאָזט זיך כאַפּן אין דער פאַסטקע און אַריין גלייך אין פּיסק פון דער ווילדער נאַצישער בעסטיע. זיי האָבן זיך פרייוויליק געלאָזט אַרויספירן קיין פּאָניאַטאָוו, הינטער לובלין, וואָס איז געשטאַנען אונטערן שוץ פונעם ס.ס.־מאַן וואַלטער טעבענס און דאָרט זענען די ייִדן, אַן ערך 15.000, אויסגעשאָסן געוואָרן אין נאָוועמבער 1943.

אַ גרופּע ייִדן, וועלכע האָבן געהאַט אַ סך געלט, אָדער גרויסע „באַציאונגען", זענען אַ קורצע צייט פאַר דער פּאָניאַטאָווער שחיטה אַרויסגעפירט געוואָרן אַלס מכלומרשטע אויסלענדישע בירגער, דורך ספּעציעל נאָך זיי געקומענע „שליחים". די ייִדן האָט מען געדאַרפט ברענגען קיין וואַרשע און פון דאָרט האָט מען זיי געדאַרפט אַוועקשיקן אין אַן אויס־טויש־לאַגער אין פראַנקרייך (וויטעל), וווּ זיי האָבן געדאַרפט אויסגעטוישט ווערן אויף דייטשישע קריגס־געפאַנגענע פון די אַליאירטע לענדער.

אַ קליינע גרופּע מיט סאַמבערגן בראש איז אָנשטאָט קיין וואַרשע, אַוועקגעשיקט געוואָרן פון פּאָניאַטאָוו קיין לובלין און פון דאָרט — קיין מאַידאַנעק.

דעם 3טן נאָוועמבער 1943 איז אייזיק סאַמבערג, דער גרעסטער ייִדי־

שער פֿאָלקס־אַקטיאָר, דער אייביקער אָפּטימיסט, וואָס האָט מסתמא ביז דער לעצטער מינוט נישט פֿאַרלוירן די האָפֿענונג, אַז עס וועט געשען אַ נס, אומגעקומען, צוזאַמען מיט 18 טויזנט ייִדן, אַלס קדוש.

אונטער די קלאַנגען פֿון שטראַוס׳ „ווינער וואַלץ״, וואָס די דייטשישע רוצחים האָבן געלאָזט שפּילן דורך די מעגאָפֿאָנען אויפֿן גרויסן מאַידאַנע־קער פֿעלד, האָט אייזיק סאַמבערג, צוזאַמען מיט זיין צווייטער פֿרוי, די אַקטריסע רעגינאַ צוקער, און אַנדערע חברים־אַקטיאָרן אָפּגעשפּילט די לעצטע אומדאַנקבאַרסטע ראָל.

קלאַרא סעגאַלאָוויטש

צי איז עס דען מעגלעך, אַז קלאַראַ סעגאַלאָוויטש געפינט זיך נישט מער צווישן די לעבעדיקע? ס'ווילט זיך פּשוט נישט גלויבן. קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, וועלכע האָט זיך נישט איינמאָל געראַנגלט מיטן טויט און תמיד אים מנצח געווען, האָט פאַרענדיקט איר פאַרבנרייך, שטענדיק־אומרואיק לעבן און איז געשטאָרבן נישט אַלס קרבן פון איר שווערער קראַנקייט, מיט וועלכער זי האָט זיך געראַנגלט לאַנגע, לאַנגע יאָרן, נאָר — אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשישע „קולטור־טרעגער".

מיר האָט זיך נישט איינמאָל געשטעלט די פראַגע: מיט וואָס פאַראַ מיטלען אָפּערירט עס די קרענקלעכע, אויסגעמאַטערטע קלאַראַ, וואָס זי קען זיך אַזוי העלדיש ראַנגלען מיט דער נאַטור און אַרויס פון דעם אַלעם ווי אַ זיגערין? די לעצטע יאָרן איז זי מער געלעגן אין בעט, ווי אַרומ־געגאַנגען און דאָך האָט זי באַוויזן אַזוי פיל אויפצוטון, אַזוי פיל צו בויען, צו שאַפן און פירן אַזאַ אינהאַלטסרייך, נוצלעך און, גלייכצייטיק, ביז גאָר שטורמיש לעבן.

קלאַראַ סעגאַלאָוויטש האָט געהערט צו דעם נישט־דורכשניטלעכן טיפּ מענטש אין טעאַטער. זי האָט אין זיך פאַרקערפּערט שיינקייט, חכמה, חן, גוטסקייט און ענערגיע. זי האָט געהערט צו די אינטערעסאַנטסטע פרויען־געשטאַלטן אין יידישן טעאַטער.

ווען איך קוק אַזוי אויף איר בילד, וואָס איז, צווישן אַנדערע מיינע דאָקומענטן געווען באַגראָבן אין דער ערד אין וואַרשעווער געטאָ אין משך פון צוויי יאָר צייט, דערמאָן איך זיך, אַז אַ חודש פאַרן אָנהויב פון דער ליקווידאַציע אין וואַרשעווער געטאָ, יוני 1942, זענען מיר,

אַ גרופּע קולטור־טוער, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, געזעסן אין „אַרטיסטן־גאָרטן" אויף דער מילנע גאַס און זיך באַראַטן וועגן טרויעריקן מצב פון אונדזער יידישן טעאַטער, וואָס איז צו יענער צייט געגאַנגען באַרג־אַראָפּ.

(געצייכנט דורך ליזאַ טשערטאָק־גאָלדשטיין)

קלאַראַ סעגאַלאָוויטש האָט, צוזאַמען מיט איר מאַן ל. ניישטאַט (מיט־דירעקטאָר פונעם וואַרשעווער „דזשאַינט"), פאַרגעלייגט הילף און מאַטעריעלע שטיצע פונעם „דזשאַינט", אַוועקצושטעלן אין געטאָ אַ ריין קונסט־ווינקל, וואָס זאָל נישט גיין „מיטן שטראָם", נאָר דינען דער שיינער, ריינער טעאַטער־קונסט.

אַ חודש פאַר דער ליקווידאַציע פון דעם גרעסטן אייראָפּעאישן יידישן

ישוב האָט נאָך קלאַראַ סעגאַלאָוויטש נישט פאַרויסגעזען איר שנעלן סוף, ווי אויך דעם סוף פונעם וואַרשעווער יידנטום, געבויט פלענער פאַר אַ בע־סער יידיש טעאַטער. אין אַ חודש אַרום איז שוין קלאַראַ, ליידער, מער נישט געווען צווישן די לעבעדיקע.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז זי זאָל זיין צווישן די ערשטע קרבנות פון דער יידן־אויסראָטונג. דער גורל האָט אויך געוואָלט, אַז אינעם „אַרטיסטן־גאָרטן", ווו קלאַראַ פלעגט אָפט זיצן אין קרייז פון קינסטלער, שרייבער און פריינט, אַז אין דעם זעלביקן „אַרטיסטן־גאָרטן", ווו יהושע פערלע האָט ביי אַ טישל געלייענט פאַר אונדז זיין נייעסטע קאָמעדיע, וואָס האָט געשילדערט די קאָרומפּירטע פאַרהעלטענישן אין וואַרשעווער געטאָ, און וואָס האָט געזאָלט זיין די ערשטע אויפפירונג אין דעם דורך קלאַראַ סעגאַלאָוויטש געפּלאַנטן „קונסט־ווינקל", זאָל איך צווישן איין „אַקציע" און דער צווייטער פאַרגראָבן מיין טאָגבוך, אַ רייע וויכטיקע דאָקומענטן, איינציקע טעאַטער־שטיק און פאָטאָגראַפיעס, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געפונען אונדזערס אַ געמיינזאַם בילד פון קאַזשימיעזש ביים ווייסל, — דאָס באַליבטע אָפּרו־אָרט פון קלאַראַ סעגאַלאָוויטש. דער קונסט־מאַלער און קאָמפּאָזיטאָר ראָמאַן ראָזענטאַל, וואָס האָט געהערט אין געטאָ צום קאָאָפּעראַטיוו פון קינסטלער־פּלאַסטיקער, וועלכע זענען גלייכצייטיק געווען די באַלעבאַטים פונעם „אַרטיסטן־גאָרטן" אויף מילנע גאַס, גע־פינט זיך אויך נישט צווישן די לעבעדיקע. אויך דער אָפטער באַזוכער פון דעם גערטנדל, דער באַקאַנטער יידישער שרייבער יהושע פערלע, איז שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. אַלע פריינט, חברים און באַזוכער פונעם „אַרטיסטן־גאָרטן" זענען שוין מער נישטאָ. אויך דער „אַרטיסטן־גאָרטן" אַליין, וואָס האָט ביים אויפשטאַנד אין וואַרשע געשפּילט נישט קיין קליינע ראָל, איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד.

אָבער די ערד האָט מיין באַהעלטעניש, מיט די פאַרגראָבענע דאָרט זאַכן, טריי אָפּגעהיט און אויפבאַוואָרט. די ערד האָט, להיפוך צום מענטש, נישט אויסגעגעבן קיין סודות און זי האָט מיר אויך דערמעגלעכט צוריק צו האָבן, צווישן אַנדערע, דאָס קאַזשימיעזשער בילד, וואָס איז מיר גע־בליבן אין אָנדענק נאָך קלאַראַ סעגאַלאָוויטש.

ווען איך קוק אַזוי אויפן בילד און כ'זע די צעפּלאָמטע אויגן פון

קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, דערמאָן איך זיך אין די צייטן, וועלכע מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט אין קאַזשימיעזש ביי דער ווייסל. איך דערמאָן זיך אונדזער פרייערדיקע געמיינזאַמע אַרבעט דאָרט ביים פאַרפילמען דעם „ל״ואו׳ניק״ פון דעם אויך טראַגיש־אומגעקומענעם אין וואַרשעווער געטאָ יחיאל בוים. כ׳דערמאָן זיך, ווען נאָך די ערשטע אַטעליע־אויפנאַמעס פון דעם דאָזיקן פילם, האָט קלאַראַ סעגאַלאָוויטש אַ פּאָר טעג נישט געקענט זען אויף די אויגן, און מיר האָבן געמוזט איבעררייסן די אויפנאַמעס אויף אַ געוויסער צייט. כ׳דערמאָן זיך אויך, אַז ווען מיר האָבן צוריק אָנגעהויבן די פילם־אויפנאַמעס, נאָך קלאַראַס געזונט ווערן, האָט ווידער דער אַקטיאָר זשאַק לעווי, וואָס האָט דעמאָלט צוזאַמען מיט אונדז גע־פילמט, פאַרלוירן זיין ראיה אויף אַ פּאָר טעג, און מיר האָבן ווידער פאַרבראַכט אין קאַזשימיעזש.

איך קען אויך נישט פאַרגעסן דעם שפּאַציר מיטן שיפל, וועלכן מיר האָבן צוזאַמען מיט קלאַראַ און דעם זשורנאַליסט בער יצחק ראָזען גע־מאַכט איבער דער ווייסל, אָפּפירנדיק ביי דער געלעגנהייט דעם גאַסט אונדזערן, שלמה מענדעלסאָן, פון קאַזשימיעזש ביז פּולאַווו.

איך האָב אויך נישט פאַרגעסן: ווען מיר האָבן זומער־צייט 1929 פאַרבראַכט צוזאַמען אין קאַזשימיעזש, איז אַ ספּעציעלער שליח געקומען נאָך אונדז פון וואַרשע און איבערגעריסן אונדזער שיינעם אורלויב. מיר האָבן געמוזט אָנהויבן די פילם־אויפנאַמעס צו יוסף אָפּאַטאָשוס „די פּוי־לישע וועלדער״ און — ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען — מיר איז געלונגען צווישן די אין דער ערד פאַרגראָבענע זאַכן אָפּצוראַטעווען אַ פּאָטאָ פון דעם דאָזיקן פילם, ווו נעבן קלאַראַ סעגאַלאָוויטש געפינען זיך אונדזערע חברים־אַקטיאָרן: העלענאַ גאָטליב, חיים סאַנדלער, לובאַ פישער, אייזענבערג, דוד לואי, יוליוס אָסקאַר, שאַיעלע ראַטשיין, זישע קאַץ, שמואל לאַנדאו, דבורה פּאַקעל, משה גאַרבאַזש, זשאַק לעווי און מיין טייערסטע שוועסטער רחלע טורקאָוו. זיי אַלע געפינען זיך שוין נישט צווישן די לעבעדיקע.

אויך קלאַראַס איבערגעגעבנסטער, טייערסטער פריינט יאַנקעלע דאַנצי־גער געפינט זיך שוין נישט צווישן די לעבעדיקע. און אַפילו איר אַזוי געטרייער אַרנאָלד, איר ערשטער רעקלאַמע־שעף, איז אויך נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

ווען איך זאָל אויסרעכענען, ווער ס׳איז אַלץ נישטאָ צווישן די לע־בעדיקע פון אַלע חברים־אַקטיאָרן און פריינט פון קלאַראַן, וואָלט אויס־געקומען, אַז ס׳איז קיינער נישט פאַרבליבן...

פאַרבליבן זענען אָבער דערינערונגען פון קלאַראַס שיינעם אויפבלי און וועגן זיי וויל איך טאַקע רעדן.

צום ערשטן מאָל האָבן מיר זיך ביידע געטראָפן אויף דער בינע ווי יונגע, נישט־באַקאַנטע אַקטיאָרן אין יאָר 1921, אין וואַרשעווער „צענ־טראַל״־טעאַטער. קלאַראַ האָט נאָך דעמאָלט געהייסן אויף דער בינע: באַראָדינאָ — איר מיידלשער נאָמען. געשפּילט האָבן מיר דעמאָלט פּישל בימקאָס „גנבים״, וואָס עס האָט ביי אונדז אויפגעפירט דער אַקטיאָר פון דער „ווילנער טרופּע״ חיים שניאור. קלאַראַ סעגאַלאָוויטש האָט גע־שפּילט „רייזל״. דערנאָך איז קלאַראַ אַנגאַזשירט געוואָרן אינעם זעלביקן „צענטראַל״־טעאַטער, ווו זי האָט שוין — נאָך איר חתונה מיטן דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש — געהייסן: קלאַראַ סעגאַלאָוויטש.

אין שלום אַשס „מאָטקע גנב״, ווו זי האָט געשפּילט צוזאַמען מיט אייזיק סאַמבערגן די הויפּט־ראָל (רעזשי: זיגמונט טורקאָוו און שמואל לאַנדאַו), האָט זי באַלד געוווּנען די סימפּאַטיע פון וואַר־שעווער פּובליקום און אין אַ קורצער צייט אַרום איז זי געוואָרן דער ליבלינג פון וואַרשע. „מערי״ אין „מאָטקע גנב״ האָט טאַקע געהערט צו אירע בעסטע ראָלן. צווישן אירע געלונגענסטע ראָלן האָבן אויך געהערט „נחמהלע״ אין אַלתר קאַ־ציזנעס „דוכוס״, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אינעם זעלביקן „צענטראַל״־טעאַטער. דערנאָך — אין „נאָוואָשטשי״־טעאַטער האָט זי געשפּילט „קלאודיא״ אין א. סטרינדבערגס „פאָטער״, מיט פּאָול באַראַטאָוו, דיאַנאַ בלומענפעלד און רחל האָלצער; זי האָט אויך געשפּילט אין אידאַ קאַ־מינסקיס אַנסאַמבל און מיט משה ליפּמאַן אין דער טרופּע.

ק. סעגאַלאָוויטש אַלס נחמהלע

(צייכענ׳ פון פ. פרידמאַן)

קלאַראַ סעגאַלאָוויטש איז אויפגעטראָטן אין אַ רייע אייראָפּעאישע

לענדער און שטענדיק — אין בעסערן רעפּערטואַר. אין אַ שונד־שטיק האָט זי קיינמאָל קיין ראָל נישט אָנגענומען. ביזן סוף פון איר לעבן איז זי געווען אַ פאַרביסענער שונא פון שונד.

אויסער אין וואַרשע איז קלאַראַ סעגאַלאָוויטש אָפט אויפגעטראָטן אויף דער פּוילישער פּראָווינץ, שפּילנדיק מיט די בעסטע אַנסאַמבלען. זי איז אויך געווען די הויפּט־אַקטריסע אינעם וואַנדער־טעאַטער פון זיג־מונט טורקאָוו — אברהם מאָרעווסקי — אַלעקס שטיין.

ווען מאָריס שוואַרץ האָט אויפגעפירט אין וואַרשע י. י. זינגערס „יאָשע קאַלב“, האָט זיך קלאַראַ סעגאַלאָוויטש אַרויסגערוקט אויפן ערשטן פּלאַץ מיט איר געלונגענער קרעאַציע פון „צביה“. קלאַראַ סעגאַלאָוויטש האָט אויך געשפּילט אין וואַרשעווער „נאַציאָנאַל“־טעאַטער, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך בראַנדטשטעטער און מ. קלאַוזנער, אונטער דער רעזשי פון דעם דייטש־ייִדישן רעזשיסער לעאָפּאָלד לינדבערג. צום סוף האָט קלאַראַ סעגאַלאָוויטש אָרגאַניזירט אַן אייגן טעאַטער, א״נ: „טעאַטער פאַר יוגנט“, וואָס האָט זיך שטאַרק קונה שם געווען מיט זיין ערנסטן צוגאַנג און אינטערעסאַנטע אויפפירונגען, ווי, למשל, אברהם גאָלדפאַדנס „באָבע יאַכנע“ (כשופמאַכערין), אין איציק מאַנגערס פּרעכטיקער באַאַרבעטונג. קלאַראַ סעגאַלאָוויטש האָט אויך אויפגעפירט יעקב פּרעגערס „מלך־פריילעך“.

אַ דרייסטער פּרווו און מיט גרויס פאַרנעם איז געווען די אויפפי־רונג אין קלאַראַ סעגאַלאָוויטשעס „טעאַטער פאַר יוגנט“ פון שעקספּירס „שטורם“, צו וועלכער זי האָט פאַרבעטן דעם גרעסטן פּוילישן טעאַטער־רעזשיסאָר לעאָן שילער, ער זאָל די פּיעסע רעזשיסירן.

קלאַראַ סעגאַלאָוויטש האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט גרויסע פּלענער וואָס וואָלטן, ביי איר ענערגיע און אייזערנעם ווילן, זיכער רעאַליזירט געוואָרן, ווען נישט דער אויסברוך פונעם קריג, וואָס האָט צונישט גע־מאַכט אַלע אירע שיינע פּלענער.

ווען די דייטשן זענען אין יאָר 1939 אַריין אין וואַרשע, האָט זיך קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, פּונקט ווי דער גאַנצער דאָרט־איבערגעבליבענער קולטור־אַקטיוו, געשטעלט צו דער אַרבעט אין דער ייִדישער סאָציאַלער אַליינהילף.

פון אָנהויב האָט זי געאַרבעט אין דער דורך מיר אָנגעפירטער אָפּ־טיילונג פאַר נשרפים, ווו זי האָט מיט האַרץ און געפיל זיך באַצויגן צו די אומגליקלעכע נשרפים און פליטים. שפּעטער איז זי אַריבער אויף אַ



עס זיצן פון רעכטס: קלאַראַ סעגאַ־לאָוויטש, ד״ר ה. פּיזשיץ, רעגינאַ קאַגאַנאָווסקי מיט איר זונדל פּרץ (היינט אין אַ קיבוץ אין ישראל). עס שטייען: שלמה מענדעלסאָן און אפרים קאַגאַנאָווסקי. דאָס בילד איז אַראָפּגענומען געוואָרן ערב דער לעצטער מלחמה אין אָטוואָצק, ווו קלאַראַ סעגאַלאָוויטש האָט זיך געפונען אויף אַ קוראַציע.

פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין דער מלבושים־אָפּטיילונג, ווו זי האָט שוין געאַרבעט ביזן סוף, פאַרנעמענדיק דאָרט אַ לייטנדיקע שטעלע. זי האָט אויך אַ סך אויפמערקזאַמקייט אַרויסגעוויזן די קינדער־אַנשטאַלטן, ווי „מעדעם־סאַנאַטאָריע" אין מיעדזעשין, נעבן וואַרשע; אַנשטאַלט פאַר דע־פעקטיווע קינדער אין אָטוואָצק; יאַנוש קאָרטשאַקס היים און אַלע אינ־סטיטוציעס פון „צענטאָס", „טאָז" א״א.

קלאַראַ סעגאַלאָוויטש איז געווען אַ מענטש מיט אַ סך האַרץ, האָט קיינמאָל נישט געלעבט פאַר זיך, געזאָרגט פאַר אירע חברים און פריינט, וועלכע עס איז נישט געגאַנגען אַזוי גוט. זי האָט קיינעם קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט קיין טובה, — אַפילו ווען זי איז געלעגן קראַנק אין בעט, האָט

זי נישט אויפגעהערט צו זאָרגן פאַר די אומצאָליקע מענטשן, פאַר וועלכע זי איז געווען ווי אַ מאַמע. פאַר אַלעמען האָט זי געהאַט אַ גוט וואָרט און אַ ליבן שמייכל. איר שמייכל האָט געוואַרעמט, פונקט אַזוי ווי איר וואָרט. אירע פלאַמענדיקע, קלוגע אויגן האָבן צוגעצויגן צו זיך, — איז דען אַ וווּנדער, אַז זי האָט געהאַט אַזוי פיל פריינט, אַזוי פיל פאַרערער!

נאָכן אויסברוך פונעם קריג, ביזן סוף פון איר לעבן, האָט קלאַראַ סעגאַלאָוויטש קיין טעאַטער שוין מער נישט געשפּילט און איז נישט אויפגעטראָטן אויף קיין שום אַרטיסטישע פאַראַנשטאַלטונגען און אימפּרעזעס. אָבער נישט געקוקט אויף דעם האָט זי געחלומט וועגן שאַפן אין געטאָ אַ קליין „קונסט־ווינקל" פאַר בעסער טעאַטער. נישט איין קאָנפערענץ איז וועגן דעם ענין אָפּגעהאַלטן געוואָרן, ווייל טעאַטער איז געווען איר סטיכיע, איר לעבן. אַ פאַנאַטישע ליידנשאַפט האָט זי געבונדן מיטן טעאַטער, מיט דעם בעסערן טעאַטער.

אין די קאָנפערענצן אין געטאָ אַרום די טעאַטער־ענינים האָבן זיך באַטייליקט: קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, יהושע פּערלע, שמואל ווינטער, ל. נייטשטאַט, יצחק קאַצענעלסאָן, דוד גוזשיק, יצחק גיטערמאַן, פּנחס טשערסקי, מרדכי מאַזאָ, דער טעאַטער־דירעקטאָר הענריק ריבאָ, מאיר ווינדער, מאַקס וויסקינד, די קונסט־מאָלער וו. ווײַנטרויב און ראָמאַן ראָזענטאַל, ווי אויך דער שרייבער פון די שורות.

מעגלעך, אַז ווען דער חורבן פונעם וואַרשעווער געטאָ וואָלט זיך נאָך אַזוי שנעל נישט אָנגעהויבן, וואָלט דער פּראָיעקט רעאַליזירט געוואָרן, ווייל די פּרווון, וואָס זענען דורך אַנדערע געמאַכט געוואָרן אין דעם פּרט, האָבן געוויזן, אַז אויב מען וועט נאָר די דייטשן קענען „פאַרשיטן די אויגן", קען אַ בעסער טעאַטער האָבן דערפאָלג.

אין געטאָ איז געווען אַ צייט, ווען ייִדן (וואָס האָבן געהאַט אַ סך געלט) האָבן זיך אויסגעאַרבעט פאַלשע אויסלענדישע פּעסער, אַז זיי זענען, מכלומרשט, בירגער פון דרום־אַמעריקאַנער און צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער, כדי אַזוי אַרום צו קענען אַוועק פון פּוילן. געציילטע מענטשן איז געלונגען אַ דאַנק די דאָזיקע פּעסער אַרויסצובאַקומען זיך פונעם דייטשישן גיהנום. קלאַראַ סעגאַלאָוויטש איז אויך געווען פאַרזען מיט אַזאַ פּאַס, ווי אַן אַרגענטינער בירגערין. זי האָט אָבער נישט גע־

הערט צו די מזלדיקע. אַ פּאָר טעג פֿאַרן אָנהויב פֿון דער ליקווידאַציע פֿון וואַרשעווער געטאָ האָבן די דייטשן געמאָלדן אַלע אויסלענדישע בירגער־ייִדן, אַז זיי זאָלן זיך תּיכּף מעלדן מיט זייערע דאָקומענטן און זאַכן אין „פּאַוויאַק״ (תּפֿיסה), פֿון וואַנען מען וועט זיי אָפּשיקן קיין אויסלאַנד אין זייערע היים־ערטער. דער „פּאַוויאַק״ האָט געדאַרפֿט דינען ווי אַ „קאַ־ראַנטין״.

צו די לייכטזיניקע מענטשן, וואָס האָבן נאָך געהאַט צוטרוי צו אַ וואָרט פֿון אַ דייטש און זענען זיך רואיק צוגעפֿאָרן מיט „ריקשעס״ אויף דזשעלנע גאַס צום גרויסן, פֿאַרקראַטעוועטן טויער, וואָס האָט זיך פֿאַר זיי גאָסטפֿריינטלעך געעפֿנט, האָט אויך געהערט אונדזער טייערע קלאַראַ סעגאַלאָוויטש.

אַ סך מענטשן האָבן זיי מקנא געווען און זיי געהאַלטן פֿאַר געראַטע־וועטע, ווייל עס האָט דאָך אויסגעזען, אַז אויב מען אינטערנירט אַלע אויסלענדישע בירגער פֿונעם וואַרשעווער געטאָ, איז אַ סימן, אַז עפּעס גרייט זיך אין „שטעטל״ — אַזוי האָט מען גערופֿן די געטאָ. און אַזוי איז טאַקע געווען. דעם 23סטן יולי, 1942, האָט זיך אָנגעהויבן די שחיטה. זי האָט אָבער נישט אויסגעמיטן די מכלומרשט אינטערנירטע אויסלענ־דישע בירגער, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך געפֿונען אונדזער קלאַראַ.

מאקס ברין

מיינע ערשטע טריט אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אויף דער ייִדי־שער בינע האָב איך געשטעלט — נאָכן אָפּשפּילן אַן עפּיזאָד־ראָל אין דוד פּינסקיס „פאַמיליע צבי", אונטער דער רעזשי פון דוד הערמאַן, און אין קראַשעוסקיס „ציגיינערין אַזאַ", אונטער דער רעזשי פון שמואל לאַנדאו, אין וואַרשעווער „עליזעאום"־טעאַטער אויף קאַראָווע 18 און שפּעטער אין דער טרופּע פון אסתר רחל קאַמינסקי אין לובלין, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער עסטרייכישער אָקופּאַציע (סוף 1917). מיר האָבן געשפּילט אין דאָרטיקן „פאַנטעאָן"־טעאַטער.

אין אַ צווייטן טעאַטער, דעם זומער־טעאַטער „רוסאַלקאַ", אָדער ווי מען האָט אים גערופן „ווענוס", האָט געשפּילט אַ ייִדישע אָפּערעטן־טרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון ש. הערשקאָוויטש, מיטן „ליבלינג פון פּוב־ליקום" — ווי מען האָט אים אָנאָנסירט — דעם כאַראַקטער־קאָמיקער מאַקס ברין. צו יענער צייט איז אויך אויפגעטראָטן אינעם זעלביקן טע־אַטער פון הערשקאָוויטש מיין ליבלינג נאָך פון פאַרן קריג — סעם שילינג פון לעמבערג. שילינג האָט דעמאָלט, ווי אַן אייניאָריקער פריוויליקער, געדינט אין עסטרייכישן מיליטער און זייענדיק אין לובלין, וואָס איז, אַגב, צו יענער צייט געווען פול מיט ייִדן — סאָלדאַטן און אָפיצירן ביז צו דער העכסטער ראַנג — האָט ער פון דער מיליטער־מאַכט באַקומען אַ דערלויבעניש אויפצוטרעטן אינעם דאָרטיקן ייִדישן טעאַטער.

אין די אָוונטן, ווען איך בין געווען פריי פון שפּילן, בין איך גע־לאָפן, ווי אַ שילער־ייִנגל, זען מיין „ליבלינג" סעם שילינג און ביי דער געלעגנהייט האָב איך געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיטן „ליבלינג פון פּובלי־קום" מאַקס ברין.

אין אַ יאָר אַרום בין איך געווען אין לעמבערג און כ׳האָב באַזוכט אַ פאָרשטעלונג פון דעמאָלט־באַרימטן גימפּל־טעאַטער. און כ׳האָב ווידער דערזען אויפן אַפיש: „אין דער היינטיקער פאָרשטעלונג נעמט אָנטייל דער ליבלינג פונעם פובליקום מאַקס ברין!״ בין איך אויפסניי געוואָרן פאַר־אינטריגירט. דאָ איז דאָך שוין עסטרייך — אַן אַנדער פובליקום, דער־צויגן אויף אַנדערע טעאַטער־טראַדיציעס, ווי אונדזער פובליקום אין רו־סיש־פוילן — און מאַקס ברין איז אויך זייער ליבלינג...

ווען איך האָב צום דריטן מאָל דערזען די זעלביקע רעקלאַמע, און דאָס מאָל אין אָדעס (אוקראַינע), ווו עס איז ווידער פאַראַן אַן אַנדער פובליקום, דערצויגן אויף גאָר אַנדערע טעאַטער־טראַדיציעס, ווי אין די פאָריקע צוויי לענדער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אין דעם שטעקט עפּעס; אַז אין דעם איז פאַראַן עפּעס פאַרבאָרגן, וואָס אין די אַלע לענדער, מיט די פאַרשיידנסטע מענטאַליטעטן, ווערט דער אַקטיאָר מאַקס ברין אויפ־גענומען אויף איין און דעם זעלביקן אופן — דאָס איז אַ סימן, אַז ער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַ כוח, וואָס מאַכט אים טאַקע פאַרן ליבלינג פון פובליקום אין די אַלע פאַרשיידענע לענדער. מאַקס ברין האָט פאַר־מאָגט אין זיך אַזוי פיל פּשטות, סיי אויף דער בינע, סיי אינעם לעבן, אַז דאָס האָט אים דערנענטערט צו די מאַסן, און אין לעבן — צו זיינע אַרומיקע.

אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין קרייז פון מאַקס ברין, האָבן אים געמוזט ליב האָבן אַ דאַנק זיינע מעלות, וואָס האָבן געערעדט פאַר אים. נישט אומזיסט איז מאַקס ברין געווען לאַנגיאָריקער פאָרזיצער פון יידישן אַרטיסטן־פאַריין אין פוילן; פאָרזיצער פון אַ פאַריין, וואָס האָט גרופּירט אַרום זיך מענטשן מיט פאַרשיידענע אַמביציעס — באַרעכטיקטע און נישט־באַרעכטיקטע; צופרידענע און נישט־צופרידענע. מער נישט־באַרעכ־טיקטע, אומצופרידענע און באַעוולהטע, ווי צופרידענע. מענטשן מיט אי־בערגעטריבענעם טעמפּעראַמענט און תמיד גרייט צום אויפבראויז. אַן עלע־מענט מער אַן אַנאַרכיסטישער, ווי סאָציאַל־געאייגנט איינצופּאַסן זיך אין די ראַמען פון אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען. און אויב אין אַזאַ אויפגעבראויז־טער אַטמאָספער, ביי אַ שטענדיק געהויבענער טעמפּעראַטור, איז מאַקס ברינען געלונגען כמעט איינשטימיק אויסגעקליבן צו ווערן, יאָר־אויס,

יאָר־איין, ווי אַ פּאַרזיצער פונעם אַרטיסטן־פאַריין, איז דאָס אַליין שוין אַ סימן, אַז ער האָט טאַקע געהאַט אין זיך עפּעס אַזוינס, פאַר וואָס אַלע האָבן אים געמוזט ליב האָבן.

מיר איז אויסגעקומען צוזאַמענצואַרבעטן מיט מאַקס ברינען אַ געוויסע צייט אין טעאַטער (ווילנע — 1922), אויפן גוזעלשאַפטלעכן געביט, ווי אויך אין אַ ריי יידישע פילמען, און איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט אים גוט צו דערקענען און אויפריכטיק ליב צו קריגן. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ סך טאַקט, מאָס און איינגעבוירענער קולטור. זיין באַשיידנקייט און איידלקייט איז שוין דערגאַנגען ביז צו נאַאיוויטעט.

ווען מיט אַ פּאָר יאָר פאַרן אויסברוך פונעם קריג האָט מאַקס ברין געמאַכט זיין צווייטע רייזע קיין לאָנדאָן — דאָס מאָל צו גאַסט צו זיין ברודער — האָב איך, כ׳געדענק עס גוט, ביים געזעגענען זיך מיט אים, פאַרן אָפּגיין פון צוג, געזאָגט:

— געדענקט, ברין, ס׳גרייט זיך אַ מלחמה. נוצט אויס אַלץ, וואָס עס שטייט אין אייער רשות, כדי איינצואָרדענען זיך אין לאָנדאָן, נעבן אייער ברודער.

ווען מאַקס ברין איז צוריקגעקומען פון לאָנדאָן, האָט ער מיר געזאָגט:

— אָי, ליבער חבר, עס גייט נישט אַזוי ווי מען וויל. מיינט נישט, אַז מען כאַפּט אונדז דאָרט אויס...

און ער איז ווידער געבליבן אין פּוילן. ברין, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ וועלט און געהאַט אַ מעגלעכקייט, בעת זיין וואַנדערן, אָפּצושטעלן זיך ערגעץ וווּ, ווייט אין דער וועלט, און זיך דאָרט איינאָרדענען — אים איז באַשערט געווען צו בלייבן אין וואַרשע, דורכמאַכן די אַלע גרויזאַמקייטן און קאַשמאַרפול לעבן בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע און לסוף פאַרענדיקן — מיט אַ מאַרטירער־טויט.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט מאַקס ברין, מיט זיין פרוי און וווּנדערשיינער טאָכטער, געלעבט אין וואַרשע, אויף דער פאַנסקע גאַס. בעת די געוואַלטיקע באָמבאַרדירונגען פון וואַרשע, אין חודש סעפּטעמבער 1939, איז אַ טייל פונעם הויז, וווּ ברין האָט געוווינט, איינגעפאַלן. אונטער די חורבות האָבן זיך געפונען די פרוי און טאָכטער פון מאַקס ברין.

ער אַליין איז צופעליק געווען ביי שכנים אין צווייטן טייל פונעם זעלביקן הויז, וואָס איז שטיין געבליבן אומבאַשעדיקט, און אַזוי אַרום איז ער ניצול געוואָרן פון דער קאַטאַסטראָפע.

ווען איך בין דעם טאָג צוריקגעגאַנגען פון מיין אַרבעט צו זיך אַהיים און פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז, ווו ברין האָט געווינט, האָב איך באַמערקט, ווי ער לויפט אַרום איבער די נאָך טליענדיקע חורבות, האַלב־משוגע, מיט פאַרבראָכענע הענט. אַז ער האָט מיך דערזען, האָט ער מיט אַ ווילדער שטימע אויסגעשריען:

— יאָנאָס, כ׳האָב שוין מער נישט מיין פרוי און קינד.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען די פרוי און טאָכטער פון מאַקס ברין אַרויסגעשלעפּט פון אונטער די חורבות לעבעדיקע, אָבער שטאַרק צעניזוקטע. זיין וונדערשיינע טאָכטער האָט געהאַטביידע פיס צעבראָכן. איך בין געלאָפן אין נאָענטסטן שפּיטאָל (עס איז געווען דער קינדער־שפּיטאָל אויפן נאָמען פון באומאַן און בערסאָן, וואָס האָט זיך געפונען אויף שליסקע־שיענגע גאַס) און צוזאַמען מיט מיין אומפאַרגעסלעכן חבר הערש זאַוולאָדאַווער געגומען פון דאָרט אַ טראָגבעטל און אַהינגעפירט פריער די טאָכטער און דערנאָך די פרוי פון מאַקס ברין. ווען מען האָט זיי, מיט אַ צייט שפּעטער, אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, איז ביי דער טאָכטער געבליבן איין פוס קירצער. מאַקס ברין האָט זיך דערמיט שטאַרק איבערגענומען.

— כ׳וועל, נעבעך, האָבן אַ טאָכטער אַ קאַליקע — האָט ער מיר געזאָגט.

כ׳האָב אים געטרייסט, אַז ביי איר שיינקייט פאַלט דער חסרון אָפּ... זאָל זיך נאָר די מלחמה ענדיקן, וועלן זיך „קאַנדידאַטן״ שלאָגן איבער איר...

ווען זיין פרוי און טאָכטער זענען נאָך געלעגן אין שפּיטאָל, איז מאַקס ברין פאַרשוווּנדן אויף גאַנצע טעג. ס׳האָט אונדז געחידושט: וווהין קען ער דאָס פאַרפאַלן ווערן? אין שפּיטאָל לאָזט מען נאָר אַריין איינמאָל אַ וואָך; אין פאַריין־קיך קומט ער אויך צוגיין זייער שפּעט. ביז אַ צופאַל האָט געוואָלט, איך זאָל גיין צו דער אַרבעט אין „אַליינהילף״ נישט מיט מיין שטענדיקן וועג, נאָר פאַרקירעווען זיך דורך זייטיקע גאַסן. אויף

דער מאַזאָוויעצקע גאַס האָב איך, צו מיין גרעסטער איבעררעאַשונג, גע־טראָפן שטיין ביי אַ טויער מאַקס ברינען, מיט אַן אַריבערגעהאַנגען איבערן קאָפּ ברוסט־קעסטל, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען ראַזיר־זשילעטקעס. ער האָט אַן אויפהער גערופן:

— ענגלישע זשילעטקעס צו פאַרקויפן... (ער האָט זיי נאָך געהאַט, מסתמא, פון זיין לאָנדאָנער רייזע)...

באַמערקנדיק מיך, האָט מאַקס ברין מיט זיין באַקאַנטן, באַשיידענעם שמייכל, ווי אַנטשולדיקנדיק זיך פאַר מיר, געזאָגט:

— איך קען דאָך נישט פאַרלאַנגען, מען זאָל מיר געבן געלט אויף פאַר מיין פרוי און קינד... און איך דאַרף זיי דאָך בעסער דערנערן. אין שפיטאָל גיט מען דאָך איצט אַזוי ווייניק. און דאָ איז אַזאַ גרויסער יק־רות, אַז...

דאָס בלוט האָט מיר אַ זעץ געטון אין קאָפּ אַריין. איך האָב עס אַבסאָלוט נישט געהאַלטן פאַר קיין חרפּה, ווען עמעצער האָט געוואָלט, אַנשטאָט אויסצושטרעקן די האַנט נאָך הילף, אַליין זיך אויף דעם פאַר־דינען. ס׳האָט מיר אָבער וויי געטון, אַז אַ יאָרן־לאַנגער פאָרזיצער פון אַזאַ גרויסער אָרגאַניזאַציע, ווי עס איז געווען דער יידישער אַרטיסטן־פאַריין ביזן קריג, זאָל אויף דער עלטער דאַרפן פאַרקויפן אויף דער גאַס מעסערלעך צום ראַזירן.

איך האָב דעם זעלביקן טאָג אויפגערודערט אונדזערע סאָציאַלע הילפס־אינסטיטוציעס און דעם „דזשאָינט". מער איז מאַקס ברין שוין נישט געשטאַנען אויף דער גאַס מיט די ענגלישע ראַזיר־מעסערלעך. ער האָט זיך שוין אַפילו געקענט אָפּגעבן מיט הילפס־אַרבעט אין דער אַר־טיסטן־קיך, ווו ער איז געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגליד.

דער בייזער גורל האָט אָבער אויך ווייטער נישט אויסגעמיטן מאַקס ברינען. ער איז דורך די דייטשן נישט איינמאָל געכאַפּט געוואָרן צו פאַר־שיידענע אַרבעטן. איינמאָל, גייענדיק צו דער אַרבעט אין דער אַרטיסטן־קיך אויף לעשנאָ 2, איז ער געכאַפּט געוואָרן דורך אַ גרופּע דייטשן. מען האָט אים, ווי אויך אַנדערע פאַרבייגייענדיקע יידן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען דער סעקרעטאַר פון דער וואַרשעווער סינאַגאָגע און פון יודאַ־איסטישן אינסטיטוט, דוד פאָלמאַן, געבראַכט צו דער יודאַאיסטישער

ביבליאָטעק אויף טלאָמאַצקע 5, אויף „אַרבעט". די אַרבעט איז באַשטאַנען אין אַרויסטראָגן אַלע ווערטפולע ביכער פון דער ביבליאָטעק און אַרויפוואַרפן זיי אויף די דייטשישע לאַסט־אויטאָס, וואָס זענען געשטאַנען צוגעגרייט פאַרן בנין. דאָס איז אָבער געווען, משמעות, אַ נעבן־אַרבעט, וואָרום אין די הפסקות, וואָס האָבן געדויערט לענגער ווי די אַרבעט ביי די ביכער גופא, האָט מען מיט די ייִדן געמאַכט „גימנאַסטיק".

די „גימנאַסטיק" האָט אויסגעזען אַזוי: מ'האָט געמוזט לויפן אַרום דעם גערטנדל פון דער דייטשישער סינאַגאָגע, וואָס האָט זיך געפונען



מאַקס ברין, זיגמונט טורקאָוו און מאַקס באָזשיק אין דער סצענישער באַאַרבעטונג פון שלום־עליכמס „בלאָנדזשנדיקע שטערן", אויפגעפירט אין פוילן דורך זיגמונט טורקאָוו.

דערנעבן, מיט אויפגעהויבענע הענט און זינגען פאַרשיידענע ייִדישע און העברעאישע לידער. ביים לויפן האָט מען די ייִדן מכבד געווען מיט קלעפּ און פּעטש. אויף אַ באַפעל האָבן זיך אַלע ייִדן געמוזט אָפּשטעלן, זיך צוזעצן אויפן אָרט און אויפהויבן זיך, האַלטנדיק די גאַנצע צייט די הענט אין דער הויך. דערביי האָט מען געמוזט מאַכן פאַרשיידענע קונצן און גרימאַסן. נאָך שעהנלאַנגער „גימנאַסטיק" מיט געזאַנג און טאַנץ האָט מען ווידער געמוזט זיך נעמען צו דער אַרבעט ביים אויסליידיקן די ביבליאָטעק. דאָס האָט געדויערט ביז פאַרנאַכט.

ווען ברין איז נאָך דער דאָזיקער „אַרבעט״ אַרויפגעקומען אין אַר־טיסטן־פאַריין אַ פאַרמאַטערטער און פאַרשוויצטער, האָט ער נאָך מיט הומאָר געזאָגט:

— פון אייער פאָרשטעלונג אין דער זעלביקער ביבליאָטעק (איך האָב קורץ פאַרן קריג געשפּילט דאָרט מיט דיאַנאַ בלומענפעלד א. צוואַי־דשזינסקיס „פּרווידס טעאַריע פון חלומות״) האָב איך געהאַט מער הנאה, ווי פון דער היינטיקער פאָרשטעלונג.

ווען ס׳האָט זיך אין געטאָ געעפנט דאָס ערשטע יידישע טעאַטער „עלדאָראַדאָ״ איז מאַקס ברין געווען פון די ערשטע אַקטיאָרן, וועלכע די דירעקציע האָט אַנגאַזשירט, און ער האָט ווידער געשפּילט זיין באַ־ליבטן „פּראָפעסאָר״ אין „שיר השירים״...

אין משך פון צענדליקער יאָרן האָט מאַקס ברין געשפּילט מיט דער־פאָלג אין יידישן טעאַטער, אין אָפּערעטן־רעפּערטואַר. ברין האָט אָבער תמיד געהאַט די וואַרעמסטע באַציאונג פאַרן בעסערן טעאַטער און ערנסטן אַקטיאָר. דאָס האָט ער נישט איינמאָל געגעבן אָנצוהערן און עס אויך באַוויזן מיט מעשים, זייענדיק לאַנגיאָריקער פּאָרזיצער פון אַרטיסטן־פאַריין.

דער גורל פון דעם מענטש האָט געוואָלט, אַז זיין לעצטע ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט אין זיין לעבן, זאָל זיין אין אַ ליטעראַרישער פּיעסע, צו וועלכער ער האָט זיך באַציגן מיט גרויס פּיעטעט. דאָס איז געווען די לעצטע פּיעסע, וואָס איז געשפּילט געוואָרן פאַר דער „אַקציע״ אין גע־טאָ, אין וואַרשעווער „עלדאָראַדאָ״־טעאַטער. דער יונגער רעזשיסאָר מאַקס וויסקינד האָט דאָרט אויפגעפירט ל. קאָברינס „דאָרפסיונג״. די אויפפי־רונג איז געווען זייער אָריגינעל און אינטערעסאַנט און האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. מאַקס ברין האָט זיך אין דער פּיעסע אויך אויסגעצייכנט.

מאַקס ברין, וואָס האָט צוליב זיין באַשיידנקייט, נישט געקענט גיין מיט די עלנבויגנס דורכן לעבן, איז באַלד פון אָנהויב פון דער ערשטער „אַקציע״ אין וואַרשעווער געטאָ אָוועקגעפירט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן קיין טרעבלינקע, צוזאַמען מיט זיין פרוי און טאָכטער — מיט דער זעלביקער וווּנדערשיינער טאָכטער, פון וועלכער ער האָט געהאַט אַזוי פיל עגמת נפש, אַז זי וועט שוין, נעבעך, צוליב איר קורצן פוס, פאַרבלייבן אַ קאַליקע אויף אייביק.

שאיעלע ראטשיין

ווי לאַנג מיין זכרון גרייכט — און דאָס איז שוין אַ גע־שיכטע פון שיינע עטלעכע צענדליק יאָר — איז דער נאָ־מען שאַיעלע ראַטשיין ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער.

וויפל אָנגענעמע מינוטן האָב איך איבערגעלעבט, ווען שאַ־יעלע ראַטשיין האָט זיך באַ־וויזן אויף דער בינע. ווי גליק־לעך בין איך געווען, ווען מיין פאָטער האָט נאָך אַ פאָרשטע־לונג פאַרבעטן אין יודאַשקאָס רעסטאָראַן אין וואַרשע אויף אָוונטברויט שאַיעלע ראַטשיי־נען. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע איבערלעבונג צו קע־נען זיצן ביי איין טיש און נישט אַראָפּנעמען די אויגן פון אים, וועלכער איז — לויט מיין דעמאָלטיקן באַגריף — געווען דער גרויסער מייסטער־קאָמיקער. ער, וואָס האָט מיך געצווונגען צו קייכן פון געלעכטער פון יעדן וואָרט זיינעם, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, און פון זיין יעדער העויה.

איך האָב זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן, אַז עמעצער איז אימ־

שטאַנד בעסער אָפּצושפּילן זיין ראָל אין „שבת קודש״, ווי שאַיעלע ראַטשיין, פּונקט ווי איך האָב מיר דעמאָלט נישט געקענט פאָרשטעלן קיין בעסערן זינגער, ווי מיכאל קליין, וואָס האָט מיך אַזוי באַגייסטערט מיטן אָפּזינגען דאָס ליד „דאָס טליתל״ אין דער זעלביקער אָפּערעטע. און ווער שמועסט נאָך, אַז כ׳האָב ראַטשיינען געזען אין „כינקע־פּינקע״, „שלומהקע ריקל״, „אשה רעה״, „דער צווייטער המן״, „בלימעלע״, „וועלוועלע עסט קאָמפּאָט״, „צוויי תנאים״ און אַפילו אין דער ליטעראַרישער פּיעסע „זשאַן און מאַדלענאַ״...

שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אַ שילער פון קרינסקיס גימנאַזיע, האָב איך, בעת אונדזערס אַ שילער־פאָרשטעלונג, געהאַט די „זכיה״ צו ווערן גרימירט פון אים אַליין — פון שאַיעלע ראַטשיין.

יאָרן זענען אַוועק און איך בין אַליין געוואָרן אַן אַקטיאָר, דערנאָך אַ רעזשיסאָר; נאָך שפּעטער — אויך אַ טעאַטער־דירעקטאָר. שאַיעלע ראַטשיין האָט געשפּילט מיט מיר — אונטער מיין רעזשי, אונטער מיין דירעקציע.

ווייטערע יאָרן זענען פאַרביי — שאַיעלע ראַטשיין איז שוין אַ וועטעראַן פון יידישן טעאַטער. שטענדיק ווען איך האָב אָבער אויף אים געקוקט, אויף זיין שיין, צעשמייכלט פּנים און אויף זיין זילבער־ווייסן קאָפּ האָר, האָב איך אַלעמאָל אַרויסגערופן אין מיינע געדאַנקען די פּאָר מיר אַזוי טייערע דערינערונגען פון אַמאָליקן מוראַנאָווער טעאַטער, פון „ערמיטאַזש״, „זשאַרדען ד׳היווער״ אויף כמיעלנע גאַס, דאָס יידישע טעאַטער אויף מאַקאָטאָווסקע גאַס, ראַפּעל און עפּעלבערגס „עליזעאום״־טעאַטער אויף קאַראָווע גאַס, קאַמינסקיס טעאַטער אויף אָבאָזשנע גאַס, און ווי אַ קאַליידאָסקאָפּ זענען דורך פאַר מיינע אויגן פּיעסן און אַקטיאָרן, טריאומפן און דורכפאַלן פון דער אַמאָליקער אַלטער גוואַרדיע: די קאָמפּאַניעצעס, די פישזאָנס, די ראַפּאָעלס, שטראָספּאָגעלס, אַרקאָס, שוואַרצבאַרדס, ציפּקוס, ווינער, די ברידער בערמאַן, גאַרטעלעוויטש, לעבעדיעוו, קליין, וויסמאַן, יערמאַלינאַ, פישעלעוויטש, מייערסאָן, פישער, זינאַ גאָלדשטיין, ניעראָסלאָווסקאַיאַ, שפּיראָ, בראַון, קראַוזע, קראַוזע־מילער, נתן דראַנאָוו, ליבערט, זשעלאַזאָ, אסתר רחל און אברהם יצחק קאַמינסקי, נאַדינאַ, שמואל לאַנדאַו, גורעוויטש, די שלאָסבערגס, פּרץ

סאַנדלער, לעמפּקאָוויטש, סאָקאָלאָוו, יוליוס אַדלער, ווייסבלאַט, רודאָלף זאַסלאַווסקי, זאַנגער, קוסטין, פּאָליאַקאָוו און פּיל, פּיל אַנדערע. אַ גאַנצע עפּאָכע יידיש טעאַטער, אַ ווונדערשיין קאַפּיטל, וואָס האָט געעפנט אַ וועג פאַר די נייע, פאַר די יונגע. אַ גרופּע פּיאָנערן, וואָס האָבן ביי די ערגסטע באַדינגונגען אויסגעהאַלטן דעם שטורם־ און דראַנג־פּעריאָד, זייענדיק אַרומגערינגלט מיט איגנאָראַנץ און חוזק און — אין בעסטן פאַל — מיט אינדיפערענטיזם. זיי זענען געווען די, וואָס האָבן דורכגעשלאָגן פאַר אונדז אַ וועג — אַ וועג אַ שווערן, אַ וועג פול מיט דערנער און שטיינער.

צו די דאָזיקע פּיאָנערן האָט אויך געהערט שאַיעלע ראַטשיין. ער, וואָס האָט געהערט ביי אונדז צו די ערשטע, וואָס האָט נאָך אָנטיילגענומען ביי גאָלדפאַדענען אין וואַרשע, אויף דער לאַנגער גאַס; וואָס איז אויפגעטראָטן אין די ערשטע „זינג־קוואַרטעטן", צוזאַמען מיט אברהם יצחק קאַמינסקי, אַדאָלף בערמאַן און גוסטאַוו שוואַרצבאַרד, און זיך אַרומגעשלעפּט אויף פורן פון שטעטל צו שטעטל (קיין באַן איז נאָך נישט געווען), ברענגענדיק אַהין, אין די פאַרוואָרפנסטע מקומות, אַ יידיש וואָרט, אַ יידיש ליד — ער איז געוואָרן דער ליבלינג פון פּובליקום. ער האָט אויך געשפּילט אין אַמעריקע און אין אַ ריי אייראָפּעאישע לענדער. אין יאָר 1906 גרינדעט ראַטשיין די ערשטע יידישע קינדער־טרופּע אין וואַרשע, וואָס טרעט אויף מיט גרויס דערפאָלג אין „ערמיטאַזש"־טעאַטער. אין דער קינדער־טרופּע באַטייליקן זיך זיינעביידע זין סאַלאָמאָן און גרישע, ווי אויך זיין טאָכטער צילע, וואָס איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. ראַטשיין איז אויך אַ צייט לאַנג געווען מיט־שותף צום „ערמיטאַזש", צוזאַמען מיט קאָמפּאַניִיעצן און ראַפּעלן. ראַטשיינס יינגסטער זון, מיעטעק, איז שפּעטער אויך געוואָרן אַ יידישער אַקטיאָר.

בעתן ערשטן וועלט־קריג, ווען די דייטשן האָבן פאַרוועריט יידיש טעאַטער אין וואַרשע, עפנט ראַטשיין, צוזאַמען מיט אַדאָלף בערמאַן און פישעלעוויטשן, אַ טעאַטערל אויף דער טוואַרדע גאַס, אונטערן נאָמען „עלדאָראַדאָ", ווו מען שפּילט יידישע פּיעסן און מען זינגט יידישע לידער אין דער פּוילישער שפּראַך.

שאַיעלע ראַטשיין איז געווען אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צום יידישן טעאַטער, אַז ווען ער האָט שוין די לעצטע יאָרן, צוליב זיין הויכער עלטער,

נישט געקענט אויסלערנען קיין נייע ראָל, האָט ער זיך נישט אָפּגע־זאָגט און נישט געשעמט צו סטאַטיסטירן. ער איז אַפּילו געווען קאָנטראָ־לער ביי דער טיר, אַבי צו זייןביים טעאַטער, אין דער אַטמאָספער פון יידישע אַרטיסטן, צו וועלכע ער איז געווען אַזוי שטאַרק צוגעבונדן מיט לייב און נשמה.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט זיך דער אַלטער שאַיעלע ראַטשיין געפונען אין וואַרשע. ער איז געווען קראַנק און צעבראָכן. געלעגן צוגעשמידט צום בעט. ער האָט געהאַט אַ קאַנסער. זיין פרוי — אויך געווען אַמאָל אַ יידישע אַקטריסע — איז בלינד געוואָרן. די יינגערע חברים־אַקטיאָרן האָבן אָבער זייערע אַלטע, קראַנקע קאָלעגן נישט פאַר־לאָזן. בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע, ווען יידישע אַקטיאָרן האָבן זיך געפונען, פון אָנהויב, אין אַ האָפענונגסלאָזער מאַטעריעלער לאַגע, האָבן זיי אינטערוועניִרט ביי די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און האָבן פאַר די ראַטשיינס אויסגעאַרבעט אַ שטענדיקע שטיצע. מען האָט זיך אויך באַמיט צו לינדערן שאַיעלע ראַטשיינס ליידן און אים געהאַלטן אונטער אַ שטענדיקער מעדיצינישער אויפזיכט. ווען עס האָבן זיך אין געטאָ אָנ־געהויבן די טעאַטער־פאַראַנשטאַלטונגען און קאָנצערטן, האָט מען אויך דעם וועטעראַן פון יידישן טעאַטער נישט פאַרגעסן. מען האָט אָרגאַניזירט ספּעציעלע פאָרשטעלונגען, כדי צו שאַפן פאַר אים אַ געלט־פאָנד און אים קענען בעסער דערנערן.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט די ידיעה וועגן לייב ווינערס טויט — זיין אַמאָליקן בינע־קאָנקורענט. ווען די ידיעה וועגן ווינערס טויט איז צו אים דערגאַנגען, האָט דער אַלטער ראַטשיין זיך שטאַרק צעוויינט און געזאָגט:

— נו, איצט איז מיין ריי. איך בין דער לעצטער פון אונדזער חדר.

בעת ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די „אַקציע״ אין וואַרשעווער געטאָ, אין חודש יולי 1952, איז אַ גרופּע יידישע פּאָליציאַנטן, אָדער ווי זיי האָבן זיך גערופן: „אָ. ד.״ (אָרדענונגס־דינסט) ווי אַ סטאַדע היישעריקן אַריינגע־פאַלן צו שאַיעלע ראַטשיין (געוווינט האָט ער ביי זיין טאָכטער צילע, אויף דער סאָלנע גאַס), זוכנדיק אַלץ נייע קרבנות, אָדער, ווי זיי האָבן עס אָנגערופן: „קעפּלעך״. אַזוי אַרום האָבן זיי געהאָפּט אָפּצוראַטעווען זייערע

אייגענע קעפּ. דאָס איז זיי אָבער געלונגען נאָר אויף אַ קורצער צייט. שפּעטער איז געקומען אויך די ריי אויף זיי, אויף זייערע קעפּלעך...

ווען שאַיעלע ראָטשיין האָט, ליגנדיק אין בעט, דערזען די רוצחים, וואָס זענען מיט ווילדע געשרייען אַריינגעפאַלן צו אים אין שטוב אַריין, האָט ער פון גרויס שרעק באַקומען אַ האַרץ־שלאָג און אויסגעהויכט זיין נשמה.

די געטרייע דייטשישע משרתים, די „אָ. ד.״, האָבן אָבער מיט „ליידי־קע הענט״ נישט געקענט אַוועקגיין, האָבן זיי מיטגעשלעפּט מיט זיך די בלינדע פּרוי פון שאַיעלע ראָטשיין. זי איז, מיט דער גאַנצער געכאַפּטער גרופּע ייִדן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין „לעבנסרעכט־קאַרטן״, אַוועק־געפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

דעם וועטעראַן פון דער ייִדישער בינע — שאַיעלע ראָטשיין, איז פאַרשפּאַרט געוואָרן דער „טורנע״ אין די גאַז־קאַמערן אַריין.

מרים אָרלעסקאַ

עס איז געווען אַ צייט, ווען דער נאָמען מרים אָרלעסקאַ איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע צווישן די פּוילישע ייִדן. ער איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער פּאָפּולאַריטעט פון דער „ווילנער טרופּע", וואָס האָט זיך — אין איר צווייטן עטאַפּ — אַזוי קונה שם געווען מיט דער געלונגענער אויפפירונג פון אַנ־סקיס „דיבוק" אין דוד הערמאַנס רעזשי. ווער עס געדענקט דעם גלענצנדיקן פּעריאָד פון דער „ווילנער טרופּע" איז וואַרשע, האָט זיכער נישט פאַרגעסן מרים אָרלעסקאַ אין דער ראָל פון „לאה" אין „דיבוק".

מרים אָרלעסקאַ, וואָס האָט געהערט צו דער ערשטער גרופּע וואַר־שעווער אַרטיסטן, צו וועלכע עס האָבן אויך געהערט מאַקס נאָרוויד, בעלאַ בעלערינאַ, יוסף שידלאָ, הענריק טאַרלאָ און יעקב גערטנער, וועלכע זענען דורך זייער „רבין", דוד הערמאַן, צוגעצויגן געוואָרן צו די „וויל־נער", האָט באַלד פאַרנומען דעם אויבנאָן אינעם דאָזיקן טעאַטער. דער „דיבוק", אין וועלכן אָרלעסקאַ האָט געשפּילט „לאהן", איז דעמאָלט גע־גאַנגען אָן איבעררייס אַ יאָר צייט און איז נעבן „מאָטקע גנב", וואָס איז אין דער זעלביקער צייט געגאַנגען אין „צענטראַל"־טעאַטער, געווען, ווי מען רופט עס אויף טעאַטער־לשון, דער גרעסטער „שלאָגער" אין פּוילן.

מרים אָרלעסקאַ, וועלכע האָט אָן איבעררייס געשפּילט אַ יאָר צייט איינע און די זעלביקע ראָל אין „דיבוק", האָט זיך אין איר אַזוי איינגע־

לעבט, אַז זי איז, ווי מען האָט זיך אויסגעדריקט — אַזוי „פאַרדיבוקט״ געוואָרן, אַז אויך אין אירע שפּעטערדיקע ראָלן האָט פון איר אַרויס־געדערעדט דער „דיבוק״. לאַנגע, לאַנגע יאָרן האָט עס געדויערט, ביז אָר־לעסקאַ האָט זיך באַפרייט פון „דיבוק״־געשפּענסט.

מרים אָרלעסקאַ איז צום ייִדישן טעאַטער געקומען מיטן גאַנצן באַ־גאַזש פון דער גוטער פּוילישער טעאַטער־שול און מיט אַ גרויסער אייראָ־פּעאישער קולטור. נישט קענענדיק קיין ייִדיש, הגם זי איז געבוירן גע־וואָרן אין אַן אַנגעזעענער וואַרשעווער חסידישער היים — אַלטוסקי, האָט זי, אָנהויבנדיק שפּילן ביי די „ווילנער״, באַלד געלערנט די שפּראַך און די ראָל אינעם ליטווישן דיאַלעקט, — אַ דיאַלעקט פון אַ פרעמדער פאַר איר סביבה, מיט וועלכן זי האָט זיך שוין שפּעטער נישט געקענט שיידן.

„לאה״ אין „דיבוק״ איז געווען איר ערשטע גרויסע ראָל אויף דער ייִדישער בינע און זי האָט זיך מיט איר און אין איר אַזוי איינגעלעבט, אַז אָרלעסקאַ איז געוואָרן „לאה״ און „לאה״ איז געוואָרן אָרלעסקאַ. זיי האָבן זיך אַזוי באַהאַפטן, אַז ס׳איז זיי ממש אוממעגלעך געווען פונאַנדער־צושיידן. אָרלעסקאַ האָט אַפילו אין לעבן גערעדט מיט „לאהס״ טאָן, און דאָס איז ביי איר נישט געווען קינסטלעך, נאָר פשוט און נאַטירלעך. און פּונקט אַזוי ווי זי איז געווען פשוט און נאַטירלעך אין לעבן, ביי איר אומנאַטירלעכן טאָן, איז זי אויך אַזוי געווען אויף דער בינע אין אַנדערע ראָלן. אין יעדער נייער ראָל איז זי, נישט געקוקט אויף איר פשטות, פאַרט געווען „לאה״ אין „דיבוק״.

אָרלעסקאַ האָט געשאַפן אַ גאַלעריע אינטערעסאַנטע בינע־געשטאַלטן, פון וועלכע זי האָט געשפּרודלט מיט שיינקייט, וויסן, טאַקט און קולטור. זעלטן ווען איז מיר אין מיין שוישפּילערישער אָדער רעזשיסאָרישער טע־טיקייט אויסגעקומען צו טרעפן אַן אַקטריסע, וואָס זאָל אַזוי פיל אַרבעטן איבער זיך און זיין מיט אַלע אירע חושים אַריינגעטון אין דער דורך איר קרעאירטער געשטאַלט. אַ חוץ דעם איז זי געווען באַשאָנקען מיט וווּנ־דערבאַרע אויסערלעכע מיטלען: אַ מאַיעסטעטישע געשטאַלט, אַן אַריסטאָ־קראַטין — אין בעסטן זין פון וואָרט. שטענדיק איז זי געווען פאַרמאַכט אין זיך, שטענדיק פאַרטראַכט און שטענדיק געווען פאַרטון אין שטודירן

אַ ראָל, באַמיִענדיק זיך אַריינצודרינגען אין אַלע אירע דינסטע קע־מערלעך.

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא, ווען איך וועל זאָגן, אַז מרים אָר־לעסקאַ איז געווען די איינציקע יידישע שוישפּילערין, וואָס איך האָב געקענט, וועלכער עס איז פרעמד געווען יעדע מליצה, יעדע חניפה, די אַלע הינטער־קוליסן־געגנגלעך און דאָס באַרעדן די אייגענע חברים. זי איז זיך תמיד געגאַנגען איר אייגענעם וועג, נישט געמישט זיך אין יענעמס „טאָפּ" און דערביי געווען חבריש, האַרציק און גוט.

הגם זי האָט געהאַט גענוג גרונט צו זיין פאַרביסן און פאַרביטערט צוליב איר פּריוואַט־לעבן, וואָס האָט זיך פאַר איר אַזוי אומגליקלעך צונויפגעלייגט; הגם זי האָט איבערגעלעבט אַ גרויסע אַנטוישונג צוליבן נישט קענען איינאָרדענען זיך ביים טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד, וווהין זי איז ספּעציעל געפאָרן און ווו זי האָט פאַרבראַכט אַ יאָר צייט און שפּעטער געמוזט צוריק־קומען אין דעם פאַר־מלחמהדיקן אַנטיסע־מיטישן פּוילן, מיט וועלכן זי האָט געוואָלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל איבעררייסן, — נישט געקוקט אויף די אַלע געשעענישן, וואָס האָבן בלי שום ספק איבערגעלאָזט אויף איר אַ גרויסן מאָראַלישן חותם, האָט זי קיינמאָל נישט „געשפּילט" (דאָס מאָל אין לעבן) די מאַרטירערין, די באַעוולהטע, קיינמאָל האָט זי זיך נישט באַקלאָגט אויפן גורל, נאָר ווייטער געגאַנגען זיך איר וועג צו „זיך".

מ. אָרלעסקאַ אַלס גומכען אין אהרן צייטלינס „יידנשטאָט".

(צייכענ' פון פריץ קליינמאַן)

נאָך איר צוריקקומען פון ראַטנפאַרבאַנד איז דאָס יידישע טעאַטער אין פּוילן געווען פאַר איר (מסתמא צוליב הויך־פּאָליטיק) פאַרמאַכט. זי האָט, ביי איר שטאָלצקייט, קיינמאָל אין די „טירן" נישט געקלאַפּט, ווי עס איז געווען ביי אונדז, לײדער, אויף דער טאָג־אָרדענונג. האָט טאַקע קיינער וועגן איר נישט געטראַכט, און ווער ווייסט, צי זי וואָלט נאָך לאַנג נישט

געדאַרפט אַזוי זיצן און וואַרטן, אַז עמעצער זאָל זיך דערמאָנען אָן דער שוישפּילערין מרים אָרלעסקאַ, ווען נישט דאָס, וואָס קורץ פאַרן קריג האָב איך זי אַנגאַזשירט אין מיין „קאַמעראַל־טעאַטער" אין וואַרשע, ווו זי האָט ווידער אויפגעלעבט און געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך שויש־פּילעריש אַרויסצוזאָגן. דאָס איז אָבער געווען האַרט פאַרן קריג. דערנאָך איז געקומען דער קריג און די נאַצישע אָקופּאַציע.

מרים אָרלעסקאַ האָט געאַרבעט אין דער יידישער סאָציאַלער אַליינ־הילף. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אין געטאָ טעאַטער־פּאַראַנשטאַלטונגען, איז אויך אָרלעסקאַ אויפגעטראָטן פון צייט צו צייט אויף רעציטאַציע־אָוונטן אין יידיש און אין פּויליש, אין די קרייזן פון דער יידישער אונ־טערערדישער באַוועגונג. עס האָט זי אָבער געצויגן צו שפּילן אין טעאַטער. צוויי טעאַטערס אין דער יידישער שפּראַך זענען געווען אין געטאָ, האָט מען אָבער דאָרט געשפּילט אַ רעפּערטואַר, וואָס האָט אָרלעסקאַן נישט געקענט באַפרידיקן.

און ווידער — אַ סיורפּריז פונעם גורל: אָרלעסקאַן, וואָס האָט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו שפּילן אויף דער פּוילישער בינע און דאָך איבער־געריסן מיט איר אַלע פעדים, אַריינוואַרפנדיק זיך מיט לייב און לעבן אין יידישן טעאַטער אַריין, איז אויסגעקומען צו ענדיקן איר בינע־קאַריע־רע אין אַ טעאַטער אין דער פּוילישער שפּראַך, ווו עס איז געגעבן געוואָרן אַ בעסערער, ריינערער רעפּערטואַר. דער גורל האָט געוואָלט, אַז דאָס זאָל געשען ביים סוף פון איר לעבן, אין געטאָ, אין אַ טעאַטער, וואָס איז גע־שטאַנען אויף דער לעשנאָ גאַס, קעגנאיבער אַ פּוילישן קאָשטשיאָל, ווו יידן־משומדים פלעגן מיטן מגן־דוד אויף די אָרעמבענדער גיין מתפלל זיין און ווו עס פלעגט זיי זאָגן אַ טרייסט־וואָרט דער גלח, דער משומד פּודער. דער זעלביקער עולם האָט אויך באַזוכט דאָס יידישע טעאַטער אין דער פּוילישער שפּראַך, ווו אָרלעסקאַ האָט געשפּילט „אַננאַ מאַטעי" אין פּאָדאָרס „מאַטורע".

אין דער דאָזיקער ראָל האָט אָרלעסקאַ געשאַפן אַ קרעאַציע, מיט וואָס זי האָט זיך נישט געהאַט צו שעמען פאַר די בעסטע פרעמדע אַרטיסטינס. האָט זי טאַקע געהאַט אַ פאַרדינטן, שטורמישן דערפאָלג.

נישט איינמאָל האָט מיר אָרלעסקאַ געזאָגט:

— דערצו האָט מען געדאַרפט דערלעבן אַ געטאָ, כדי ענדלעך צו קריגן פאַר זיך אַ פאַסיקע ראָל.

אין מיינער אַ וויטערדיקער אויפפירונג, אין אַ צווייטן געטאָ־טע־אַטער, האָב איך פאַר אָרלעסקאַ צוגעגרייט אַ ראָל, וואָס וואָלט איר נישט ווייניקער פרייד פאַרשאַפן, ווייל — וואָס קען דען נאָך מער פרייד פאַר־שאַפן אַן אַקטיאָר, ווי אַ גוטע, פאַסיקע ראָל און אַ גרויסער דערפאָלג?... אָבער דערצו איז שוין נישט געקומען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די „אויס־זידלונג״ און דער היטלער־טייוול האָט אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש איינצו־שלינגען זיינע קרבנות. צו די ערשטע האָט אויך געהערט — מרים אָרלעס־קאַ, וועלכע איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין די קאַלך־אויוונס פון טרעב־לינקע...

שמחה פאסטעל

(אין אַ ראָל)

(צייכענ׳ פון פ. פרידמאַן)

נאָך מיינער אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אין וואַרשע האָט דער אַקטיאָר שמחה פאָסטעל זיך געווענדט צו מיר מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

— איך וואָלט אַמאָל געוואָלט שפּילן ביי אייך אין טעאַטער. מיינט נישט, אַז איך בין בלויז אַ „פּאַיאַץ" און קען קיין בעסער טעאַטער נישט שפּילן...

דאָס איז געווען קורץ פאַרן קריג, ווען פאָסטעל איז אויפגעטראָטן אין וואַרשע, אין „סקאַלאַ"־טעאַטער, אין ערגסטן שונד.

איך האָב בכיוון געבראַכט דאָ זיינע ווערטער, ווייל דעמאָלט האָב איך זיי ערנסט נישט גענומען. איך בין זיך מודה ומתודה: איך האָב ביזן געטאָ פאָסטעלן נישט געזען אויף דער בינע, פונקט ווי איך האָב אַ סך אַנדערע מיינע טייערע און ליבע חברים, מיט וועלכע דער גורל האָט מיך אַזוי פריינטשאַפטלעך און האַרציק צונויפגעבונדן אין געטאָ, קיינמאָל אויף דער בינע נישט געזען. איך בין נישט געווען קיין ליבהאָבער פון שונד־טעאַטער און האָב נישט געהאַט קיין געדולד און צייט אויסצוזיצן אויף אַזעלכע מאַכערייקעס. איך בין זיך מודה: איך האָב געזינדיקט. איך האָב נישט געזינדיקט מיט דעם, וואָס כ׳זאָל האָבן פלוצלונג געוואָרן אַן אַנהענגער פון דעם אַרט, וואָס איך קען, ליידער, נישט אָנרופן־טעאַטער, אָבער וואָס האָט געוויילט און

געקיצלט דעם נישט צופיל איבערקלויבערישן, פּרימיטיוון טעאַטער־באַזוכער. איך האָב געזינדיקט מיט דעם, וואָס כ׳האָב נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו זען און צו הערן אונדזערע גרויסע בינע־טאַלאַנטן, וואָס האָבן זיך געטרונקען אין דער שונד־בלאָטע.

צו די דאָזיקע טאַלאַנטן האָט געהערט אויך דער טראַגיש־אומגעקומענער חבר שמחה פאָסטעל.

ערשט אין געטאָ האָב איך דערקענט און אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון יעדן איינעם פון זיי, וואָס וואָלט, ביי אַ געהעריקער בילדונג, אַנטשפּרעכענדיקער סביבה, באַדינגונגען און מעגלעכקייטן, געקענט גלאַנצן און באַשיינען אונדזערע בינע־ברעטער. די שולד פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, פון אונדזער פּרעסע, פון אונדזער אַרטיסטן־אָרגאַניזאַציע, האָט געבראַכט דערצו, אַז פּרעכטיקע, קערנדיקע טאַלאַנטן זאָלן זיך וואַלגערן איבער די ערגסטע שונד־קאַסטנס און פּטרן זייער צייט, כוחות און לעבן אויף גאָרנישט.

דערצו האָט געדאַרפט קומען אַ היטלער אויף דער וועלט, אַ געטאָ פאַר יידן, כדי צו דערקענען די מעגלעכקייטן פון אַזעלכע פּאַטענטירטע שונד־אַרטיסטן. עס איז גענוג געווען צו הערן אַ ליד, אויסגעפירט דורך שמחה פאָסטעל, מיט וויפל ביטערקייט, מיט וואָס פאַראַ טיפקייט האָט ער, אין אַ סאַטירישער פאָרם, באַזונגען אונדזער גורל אין געטאָ. זיינע פריילעכע לידער — ער איז געווען אַ כאַראַקטער־קאָמיקער — זענען געווען דורכגעדרונגען מיט טרערן; זיין יעדער אַקטועלער קופּלעט האָט געשמיסן און אָפּגעחוזקט פון די מאַכט־האָבער. זיינע אויפטריטן אויף פאַרשיידענע פאַראַנשטאַלטונגען אין געטאָ האָבן נישט נאָר פאַרשאַפט פאַרגעניגן דעם עולם, נאָר אויך, אין אַ סאַטירישער פאָרם, אָפּגעשפּיגלט און אָפּגעחוזקט פון די פאַרהעלטענישן אין „שטעטל״ — וואָס האָט זיך גערופן: געטאָ. און פון וואָס אָפּצולאַכן, וואָס צו קריטיקירן און וואָס צו טאַדלען האָט נישט געפעלט. קיין בעסערן שליח אין דעם פרט האָט מען נישט געקענט געפינען, ווי די פּערזאָן פון שמחה פאָסטעל.

אַ גרויסע עוולה איז געשען פאָסטעלן, ווען אין געטאָ זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז ער איז אַ מיטאַרבעטער פון דער געסטאַפּאָ. דאָס האָט אים פאַרביטערט דאָס לעבן. די קלאַנגען האָבן זיך גענומען דערפון,

וואָס אין געטאָ האָט טאַקע געאַרבעט אַ יידישער געסטאַפּאָ־אַגענט מיטן נאָמען פּאָסטעל, אָבער דאָס איז געווען אַ מנוול פון דייטשלאַנד. היות ער האָט געטראָגן דעם זעלביקן נאָמען, וואָס דער פּאָפּולערער און באַליבטער יידישער אַקטיאָר, איז עס אַלץ געגאַנגען אויפן חשבון פון שמחה פּאָס־טעלן. עס איז דאָך שווער געווען אַלע, אָן אויסנאַם, באַוווסט צו מאַכן און אויפצוקלערן, אַז דער געסטאַפּאָ־אַגענט פּאָסטעל האָט מיט אונדזער שמחה פּאָסטעל קיין שום שייכות נישט און אַז אונדזער פּאָלקס־זייגער פּאָסטעל איז, פּונקט ווי אַלע אונדזערע יידישע אַקטיאָרן, אָן שום פּגימה און האָט קיינמאָל נישט מיטגעהאָלפן דעם פאַרהאַסטן שונא.

שמחה פּאָסטעל איז געווען דער ערשטער יידישער אַקטיאָר — און דאָס מוז אונטערגעשטראָכן ווערן צוליב געשיכטלעכן אמת, — וואָס איז, נאָכן פאַרנעמען וואַרשע דורך די דייטשן, אויפגעטראָטן מיט קאָנצערטן.

די פּאָליציי־שעה איז באַשטימט געוואָרן אויף 7 אַ זייגער אָוונט, ד״ה, אַז נאָך דער שעה האָט מען שוין נישט געטאָרט אַרויס אין גאַס. זענען זיך די איינוווינער פון די הייזער צונויפגעקומען ביי שכנים אויף אַ קערטל און פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט. די געקומענע געסט, פון אַנדערע הייזער, האָבן שוין געמוזט איבערנעכטיקן און געקענט אַהיימגיין ערשט נאָך 5 אַ זייגער פאַרטאָג, ד״ה נאָכדעם ווי מען האָט געמעגט צוריק עפענען די טויערן פון די הייזער.

ביי אַזאַ געלעגנהייט איז אַמאָל געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, אַז אַזוי ווי אַ גאַנצע נאַכט קען מען דאָך נישט שפּילן אין קאָרטן, זאָל מען איינלאַדן אַ יידישן אַקטיאָר, ער זאָל דעם עולם משמח זיין. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז געקומען אין באַטראַכט נאָר אַזאַ אַקטיאָר, וואָס האָט גע־קענט „פריילעך מאַכן״. דער גורל איז געפאַלן אויפן פּאָפּולערן קאָמיקער שמחה פּאָסטעל. דאָס איז געווען סוף 1939, אויף פּראָסטע גאַס 8.

אַלע, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי די קאָרטן, האָבן זיך באַ־שטייערט און אַזוי אַרום געשאַפן דעם האָנאָראַר פאַרן אַרטיסט. שפּעטער האָט מען אויך אָרגאַניזירט אַ בופעט, וואָס האָט געגעבן אַ שיינעם ריווח, ווי אויך — אַ גאַרדעראָב (אָדער, ווי מען האָט עס ביי אונדז גערופן: שאַטניע), ווו יעדער גאַסט האָט, פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל, געמוזט איבער־לאָזן זיינע מלבושים.

ווען אין אַנדערע הייזער האָט מען זיך דערפון דערוווּסט, האָט מען נאָכגעטון דעם בײַשפּיל און עס איז געוואָרן אַן אויסכאַפּעניש אויף פּאָס־טעלן. היות פּאָסטעל האָט שוין געהאַט „באַשטעלונגען" (טערמינען) אויף אַ לאַנגע צײַט פאָרויס, איז מען אַנגעקומען צו אַנדערע אַקטיאָרן — זינ־גערס און אַקטריסעס, ווי, למשל, די אַמאָל זייער־פּאָפּולערע קופּלעטיסטין אידאַ ערוועסט, די אַרטיסטן: רעגינאַ צוקער, דוד זיידערמאַן, חנה לערנער, דאָראַ פּאַקעל א״אַ. עס זענען באַלד געבוירן געוואָרן „אימפּרעסאַריאָס", וואָס האָבן אַנגענומען „באַשטעלונגען" אויף הייזער און אויף אַרטיסטן, און אַזוי אַרום באַפרידיקט ביידע צדדים. עס זענען אויך „אויפגעשווומען" אונטערנעמערס אויף בופעטן און גאַרדעראָבן און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע פּרנסה ביי ייִדן... נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז בעת אַזאַ „אימ־פּרעזע" זענען אַרײַנגעפאַלן אומגעבעטענע געסט, ד״ה דײַטשן, און אַלע אַנוועזנדיקע צוגעשטעלט צו דער וואַנט, צוגענומען דאָס גאַנצע געלט פון קאָרטן, וואָס האָט זיך געפונען אויפן טיש, ווי אויך אויסגעליידיקט ביי די געסט די טאַשן פון געלט, זייגערס, פולפעדערס און אַנדערע חפצים.

אין דער גאַרדעראָב האָבן זיי אויך „אָפּגעשטאַט אַ וויזיט" און אויך דאָרט אויסגעליידיקט די קעשענעס און ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט — אויך מיטגענומען אַ ווערטפולן מאַנטל. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט אָפּ־געשראָקן די ייִדן איינצואָרדענען וויטערדיקע נאַכט־אימפּרעזעס. פאַר־קערט, די צאָל אימפּרעזעס איז כסדר געוואַקסן.

ווען אין דער ערשטער העלפט פונעם יאָר 1940 האָט די דײַטשישע אייגנטימערין פון געוו' „קאַפע גערטנער" — טלאָמאַצקע 13, אַרויסבאַ־קומען פון דער מאַכט אַ דערלויבעניש אויף אַרטיסטישע אויפטריטן, האָט זי דאָרט אַנגאַזשירט ייִדישע אַרטיסטן. די ערשטע, וועלכע זענען דאָרט אַנגאַזשירט געוואָרן, זענען געווען: אידאַ ערוועסט, שמחה פּאָסטעל און דוד זיידערמאַן, ווי אויך — די ייִדישע מוזיקער ברידער ראָזנער און זיג־מונט בערלאַנד.

דעם גרעסטן דערפאָלג האָבן טאַקע דאָרט געהאַט שמחה פּאָסטעל און דוד זיידערמאַן. אויף אידאַ ערוועסטס אָרט איז דערנאָך צוגעקומען די פרוי פון דוד זיידערמאַן — חנה לערנער.

די דאָזיקע גרופּע איז דאָרט אויפגעטראָטן דריי חדשים, אַן איבער־

רייס, הגם בייטן דעם פּראָגראַם פון אַרטיסטן איז געווען פאַרויסגעזען יעדע צוויי וואָכן. דער דערפאָלג פון די אויפטריטן איז דאָרט געווען אַזוי גרויס, אַז יעדן שבת און זונטיק פלעגט מען איינאָרדענען אויך „פרימאָרגנס״, אויף וועלכע עס פלעגן אַרויסטרעטן צוזאַמען יידישע און פּוילישע אַרטיסטן.

זייער אָפט פלעגן די דייטשן אַריין אין לאָקאַל בעת די „פרימאָרגנס״ און אַלע פאַרזאַמלטע געסט אַוועקפירן צו דער אַרבעט. בעת די נאָכמי־טאָג־פאָרשטעלונגען (די אויפטריטן האָבן זיך צוליב דער פּאָליציי־שעה געמוזט אָנהויבן 4 נ' מ') — סתם אַוועקפירן מענטשן אין דער געסטאַפּאָ אַריין, אָדער אויפן אָרט דורכפירן ביי זיי אַ רעוויזיע און צונעמען ביי די יידן דאָס געלט און די ווערט־זאַכן. נישט געקוקט אויף דעם, איז דער לאָקאַל אויף טלאָמאַצקע 13 אַלעמאָל געווען איבערפולט און מ'האָט זיך דאָרט פשוט געשלאָגן פאַר בילעטן. און די פרייזן פון בילעטן זענען גראָד נישט געווען קיין קליינע.

שמחה פּאָסטעל איז, אַ דאַנק די אַלע אַרויסטרעטונגען אין קאַפע און אויף די נאַכט־אימפּרעזעס, געוואָרן דער ליבלינג פון די וואַרשעווער יידן און ער איז ממש צעריסן געוואָרן פון איין אימפּרעזע צו דער צוויי־טער. ווען ס'האָט זיך אין געטאָ געעפנט דאָס ערשטע יידישע טעאַטער „עלדאָראַדאָ״ (געווי' „סקאַלאַ״־טעאַטער), איז שמחה פּאָסטעל דאָרט באַלד אַנגאַזשירט געוואָרן.

ווען חיים סאַנדלער האָט געעפנט זיין טעאַטער „ניי־אַזאַזעל״, אויף נאָוואָליפּיע 72 (נעבן דער אייזן־גאַס), אין דער געביידע פונעם באַפּטיסטן־געבעטהויז, וואָס האָט זיך געמוזט, צוליבן איינפירן אין וואַרשע אַ געטאָ, אַרויספּעקלען פון דאָרט, האָט ער פון די ערשטע אַנגאַזשירט דאָרט שמחה פּאָסטעלן. פּאָסטעל איז איבערגעגאַנגען פון „עלדאָראַדאָ״ אין „ניי־אַזאַזעל״ און, נעבן סאַמבערגן, געוואָרן דער „סטאַר״ פונעם דאָרטיקן טעאַטער. וואָס פאַראַ וווּנדערבאַרע קרעאַציע פּאָסטעל האָט געשאַפן אין „ציגיינבאַנג״ אין „שולמית״! ער איז טאַקע געווען דער איינציקער, וואָס האָט אַרויס־געשיינט פון דער פאַרקריפּלטער „שולמית״־פאָרשטעלונג. אין יעדער ראָל, וואָס פּאָסטעל האָט געשפּילט, האָט מען געזען דעם זאַפטיקן, פולבלוטיקן פאָלקס־אַקטיאָר.

שמחה פאָסטעל איז געווען אַ מענטש אָן בילדונג. איך צווייפל צי ער האָט אַפילו געהאַט עלעמענטאַר־בילדונג, אָבער ער איז געווען געבענטשט מיט גרויס טאַלאַנט און אויסערגעוויינלעכער אינטואיציע. ער האָט געהערט צו די ייִדישע פאָלקס־אַקטיאָרן, וואָס האָבן אינטואיטיוו געשאַפן פּרעכטיקע געשטאַלטן. ער האָט געהאַט אַ ווונדערבאַרע דיקציע; געווען אוממיטלבאַר און פאַרמאָגט אַ סך חן.

שמחה פאָסטעל איז אויך געצווונגען געוואָרן אָנטיילצונעמען אין דעם דייטשישן פּראָפּאַגאַנדע־פילם „אַזיע אין מיטל־אייראָפּע״, און מיט אַ שווער האַרץ, אונטער דראָאונג פון טויט־שטראָף, געמוזט „פריילעך מאַכן״, אין דער צייט, ווען אַלע חושים האָבן אין אים געוויינט...

מיטן אָנהויב פון דער „אויסזידלונג״ אין וואַרשעווער געטאָ האָט פאָסטעל פאַרלוירן זיין זון, דערנאָך — זיין פרוי. כדי צו באַקומען אַ „לעבנסרעכט־קאַרטע״ האָט זיך שמחה פאָסטעל געשטעלט צו דער אַרבעט אין אַ „שאָפּ״ (וואַרשטאַט) און האָט געאַרבעט ביי סאַנדלערן, צוזאַמען מיט סאַמבערגן, קוטנערן, די זיידערמאַנס און דאַראַ פאַקעל. דאָס האָט אים נישט געשטערט אויך אויפצוטרעטן אויף נאַכט־אימפּרעזעס פון די הויז־קאָמיטעטן.

שמחה פאָסטעלס געזונגענער קופּלעט „משה״ איז געווען אַזוי פּאָ־פּולער אין געטאָ, אַז מען האָט אים געהערט אומעטום: אויף דער גאַס, אין קאַפע, אין „שאָפּ״, ביי דער אַרבעט און אַפילו — אין דער ייִדישער תפיסה...

האַלטנדיק זיך צוזאַמען מיט דער פריִער־אויסגערעכנטער גרופּע אַר־טיסטן, האָט פאָסטעל דורכגעמאַכט מיט זיי דעם זעלביקן וועג פון „שאָפּ״ צו טעבענסן, איבער פּאָניאַטאָוו — קיין מאַידאַנעק.

פאָסטעל האָט אויך געהערט צו די „אָפּטימיסטן״ און געהאָפט איבער־צולעבן די מלחמה. ער האָט גאָרנישט געטון, כדי זיך ערגעץ אויסצובאַ־האַלטן אויף דער פּוילישער זייט, אַגב האָט אים אין דעם געשטערט דאָס, וואָס ער האָט נישט געקענט קיין וואָרט פּויליש. פאָסטעל האָט געהאַט אַ ברודער, וועלכער איז אויך געווען אַ ייִדישער אַקטיאָר. ער איז אויך אומגעקומען בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע.

פונקט ווי זיינע איבעריקע חברים־אַקטיאָרן, מיט וועלכע שמחה פּאָס־טעל האָט געלעבט ווי אַ ברודער, צוזאַמען מיט זיי געטיילט דעם פאַרדינטן דערפאָלג און צוזאַמען דורכגעמאַכט אַ קאָשמאַרפולע צייט, איז ער דעם 3טן נאָוועמבער 1943, צוזאַמען מיט נאָך 18 טויזנט יידישע פרויען און מענער, אומגעקומען אין מאַידאַנעק, אונטער די קלאַנגען פון ווינער וואַלס־מוזיק.

מרדכי מאזא

דער נאָמען מרדכי מאַזאַ איז ענג פאַרבונדן מיט דעם גלאָררייכן קאַפּיטל, וואָס הייסט: ווילנער טרופּע.

בעת דעם ערשטן וועלט־קריג האָט אַ גרופּע יונגע אידעאַליסטן, צוזאַמען מיט אַ פּאָר פּראָפּע־סיאָנעלע אַקטיאָרן, געשאַפן אין ווילנע, — אין ירושלים ד׳ליטא — אַ דראַמאַטישע טרופּע, אונטערן נאָמען: „פאַרבאַנד פון יידישע דראַמאַטישע אַרטיסטן" („פאַדאַ"), וואָס האָט זיך שפּעטער אַזוי קונה שם גע־ווען אַלס „ווילנער טרופּע".

צו דער טרופּע האָבן געהערט: סאָניאַ עלמית, פּאָליאַ וואַלטער, חנה לאַרעס, ר. ריווקינאַ, פרידאַ בלומענטאַל, וויטאַלינאַ, אַלעקסאַנדער אַזראַ, פאַמיליע קאַדישזאָן, אַליאַשאַ שטיין, חיים שניאור, נח נאַכבוש, יוסף קאַמיען, יוסף בולאָוו, שלום טאַנין, מ. קאָוואַלסקי, ה. בוזגאַן, מרדכי מאַזאַ, שעפּטל, קיט א״אַ.

אייּנער פון די גרינדער, אָרגאַניזאַטאָרן, אָנפירער און נשמה פון דעם דאָזיקן טעאַטער איז געווען מרדכי מאַזאַ.

נאָך זייער דערפאָלגרייכן טורנע, וואָס די „ווילנער" האָבן געמאַכט איבער די ליטווישע שטעט, האָט זיך זייער טריאומף־צייט אָנגעהויבן ערשט אין וואַרשע, סוף 1917, ווּהין זיי זענען אַראָפּגעקומען אויף גאַסט־שפּילן און אָנגעהויבן אויפצוטרעטן אין טעאַטער „עליזעאום" אויף קאַ־ראָווע 18.

די גאַסט־אויפטריטן האָבן זיך, צוליבן גרויסן דערפאָלג וואָס די „ווילנער טרופּע" האָט געהאַט אין וואַרשע, פאַרצויגן און וואַרשע איז אַזוי אַרום געוואָרן זייער צווייטע היימשטאָט.

די „ווילנער" האָבן מיט זייערע אויפטריטן אויפגערודערט וואַרשע. די גאַנצע ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט און די ייִדישע פּרעסע איז אַרויס מיט לויבגעזאַנגען פאַר דער „ווילנער טרופּע" — ווי מען האָט זיי גערופן. זייער גרעסטער חסיד איז געווען דער שריפטשטעלער ה. ד. נאָמבערג. די „ווילנער" זענען געווען אַ וווּנדערבאַר־איינגעשפּילטער אַנסאַמבל, וווּ די קלענסטע ראָל איז פּונקט אַזוי גוט באַזעצט געוואָרן ווי די גרעסטע.

די באַציאונג פון די „ווילנער" צו זייער טעאַטער־שליחות איז געווען אַ הייליקע; די דיסציפּלין — אַ מוסטערהאַפטע; די אויסשטאַטונג, די באַלויכטונג, קאָסטיומען, רעקוויזיטן — דאָס אַלץ האָט געבילדעט אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט מיטן אַנסאַמבל. אַלע פּיעסן, אָן אויסנאַם, זענען ביי זיי געשפּילט געוואָרן אָן אַ סופלער — שוין דאָס אַליין איז געווען אַ נייעס אויף דער ייִדישער בינע. דאָס כאַראַקטעריסטישע ביי דעם אַלעם איז דאָס, וואָס די „ווילנער" האָבן געשפּילט אַלץ אַלטע פּיעסן, ווי, למשל, קאָברינס „דאָרפס־יונג", הירשביינס „פּוסטע קרעטשמע" און „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", אַרציבאַשעווס „אייפערזוכט", אַנדרעיעווס „די טעג פון אונדזער לעבן" אאַ"וו. דער עולם איז אָבער מיט דער גרעסטער פאַראינטערעסירונג געלאָפן זען די „ווילנער" און גרויס הנאה געהאַט פון זייערע פאָרשטעלונגען. אַפילו פונעם אַלטן רעפּערטואַר האָט אַ בלאָז געטון אַ פרישן ווינטל...

צום גרויסן דערפאָלג פון די „ווילנער" האָט אויך מיטגעווירקט די פּינקטלעכקייט, מיט וועלכער די פאָרשטעלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן און געענדיקט, און אַ דאַנק דער מוסטערהאַפטער דיסציפּלין און אָרדענונג, וואָס האָבן געהערשט אין זאַל. די דיסציפּלין פון דער בינע האָט זיך טאַקע אַריבערגעטראָגן אין זאַל אַריין. אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס געווען צו פאַרדאַנקען דער אייזערנער האַנט פון מרדכי מאַזאָ, וואָס איז געווען אַדמיניסטראַטיווער דירעקטאָר פון דער טרופּע.

ווען די „ווילנער" זענען געקומען קיין וואַרשע, האָבן שוין אין אַנ־

סאַמבל געפּעלט אַ רייע כּוחות, וואָס זענען נישט מיטגעקומען, ווי, למשל, אַליאָשאַ שטיין, יוסף קאַמיען, בולאָוו, וויטאַלינאַ. זיי זענען פאַר־טראָטן געוואָרן מיט אַ גרופּע יונגע אַקטיאָרן פון וואַרשע, ווי יעקב ווייס־ליץ, מרים אָרלעסקאַ, שרה ראָטבוים, בעלאַ בעלערינאַ, מרים ווײַדע, מרים שיק, מאַקס נאָרוויד, יוסף שידלאָ, הענריק טאַרלאָ, יעקב גערטנער און די פּראָפעסיאָנעלע אַקטריסע נעמי.

פון די פיל קריזיסן, וואָס די „ווילנער" האָבן שפּעטער דורכגעמאַכט, האָט מאַזאָ זיי אַלעמאָל אַרויסגעפּירט בשלימות. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ נישט־דורכשניטלעכן אונטערנעמונגס־גייסט, האָט באַזעסן אַ גרוי־סע אינטעליגענץ, אַ סך וויסן אין דער יידישער און אַלגעמיינער ליטע־ראַטור (אַ געוועזענער לערער) און ער איז געווען אַ פאַנאַטיקער פון בע־סערן יידישן טעאַטער. דאָס איז געווען דער זין און ציל פון זיין לעבן.

ווען דער ראַט פון דער „ווילנער טרופּע" האָט אָפּגעוואָרפן אַנ־סקיס „דיבוק", וואָס דוד הערמאַן האָט פאָרגעלייגט אויפצופירן ביי זיי, האָט מרדכי מאַזאָ דעם פעלער פאַרריכט און אויפגעפירט דעם „דיבוק" אין וואַרשע, גראָד צו די שלושים נאָך אַנ־סקיס טויט. ער האָט איינגעלאַדן דעם רעזשיסאָר דוד הערמאַן אויפצופירן דעם „דיבוק". די „ווילנער טרו־פּע" האָט זיך טאַקע מיטן „דיבוק" פאַרשאַפן אַ וועלט־נאָמען.

נאָך דער שפּאַלטונג אין דער „ווילנער טרופּע", ווען אַ טייל אַנסאַמבל האָט זיך אָפּגעריסן און אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע (עלמית, אַזראַ, שניאור, נעמי, בעלערינאַ, בולאָוו, די קאַדיסאָנס, ש. טאַנין, וואַלטער, ראָזאַ בירנ־באום, קאָוואַלסקי, נאַכבוש, מרים, לייזער זשעלאַזאָ, ווײַדע, משה פעדער, אייזנבערג), האָט מאַזאָ פאַרטראָטן די אַרויסגעטראָטענע „ווילנער" — אַגב, דער בעסטער טייל — מיט ניי־אַנגאַזשירטע אַקטיאָרן, ס'רוב פּוי־ליש־יידישע. אָבער די „ווילנער טרופּע", אונטער דער ליטונג פון מאַזאָ, האָט ווייטער עקזיסטירט, אינדערצייט וואָס דער אָפּגעשפּאָלטענער טייל — די אמתע „ווילנער" — זענען זיך אין אַ צייט אַרום צעפאַלן אין אַמע־ריקע. עס האָט זיי געפּעלט אַ מאַזאָ, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אייזערנעם ווילן און עפּעס אַ סוגעסטיוון כּוח.

מאַזאָ איז געווען זייער אַ קלוגער מענטש, פאַר וועלכן עס זענען נישט געווען קיין שום מניעות, קיין שום שוועריקייטן. איך געדענק אַ צייט,

ווען די „ווילנער טרופּע" האָט געשפּילט אין וואַרשע און אויסער דעם נאָמען „ווילנער טרופּע" און דעם איינציקן מאַזאָ איז אין דעם טעאַטער קיין איין „ווילנער" נישט געווען. אָבער מאַזאָ האָט ווייטער עקשנותדיק געפירט דאָס טעאַטער און אַלץ געהאָפט, אַז עס וועט נאָך אַמאָל קומען אַ צייט, ווען עס וועט אים געלינגען צוריקצושטעלן די אַמאָליקע, גלאַנצ־רייכע „ווילנער טרופּע" און ס'וועט נישט בלייבן בלויז אַ טראַדיציע פון די „ווילנער" פון אַמאָל. ליידער איז אָבער די צייט שטאַרקער געווען פון דעם ריז מאַזאָ און ער האָט נאָך לאַנגע און שווערע ראַנגלענישן געמוזט רעזיגנירן... די „ווילנער טרופּע" האָט אויפגעהערט צו עקזיס־טירן. מאַזאָ האָט געמאַכט אַנדערע ערנסטע פּרווון, אָבער אַלץ איז שוין געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ...

אין משך פון דער צייט, וואָס די „ווילנער טרופּע", אונטער מאַזאָס דירעקציע, האָט עקזיסטירט, איז ווערט צו פאַרצייכענען אַ רייע אויפפי־רונגען, וואָס האָבן געהאַט ביי זיי אַ ריזיקן דערפאָלג. נאָכן „דיבוק" איז ביי די „ווילנער" געווען דער גרעסטער שלאָגער שלום אַשס „קידוש השם" אין ווייכערטס אויפפירונג. אין דער דאָזיקער פּיעסע האָט אויך מיטגעשפּילט אייזיק סאַמבערג, וועלכן מאַזאָ האָט אַנגאַזשירט אין דער „ווילנער טרופּע". נישט קיין קלענערן דערפאָלג האָט ביי די „ווילנער" געהאַט אויך י. ל. פּרצס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" אין הערמאַנס אויפפירונג, ווי אויך טרעטיאַקאָווס „שריי, כינע!" און לאַמפּלס „בונט אין אויסבעסערונגס־הויז", אויפגעפירט פון ראָטבוימען. מאַזאָ האָט אויך אַנגאַזשירט אייניקע פּוילישע רעזשיסאָרן אויפצופירן ביי די „ווילנער" פּיעסן. די דאָזיקע אויפפירונגען האָבן קיין דערפאָלג נישט געהאַט.

נאָכן צעפאַלן זיך פון דער „ווילנער טרופּע" האָט מאַזאָ, צוזאַמען מיט דער פּרעמיערין פון דער „ווילנער טרופּע" — מרים אָרלעסקאַ, אָר־גאַניזירט אַ טור איבער דער פּוילישער פּראָווינץ. מאַזאָ האָט געהאַלטן אַ רעפּערטואַר איבער טעאַטער און אָרלעסקאַ האָט רעציטירט. זייער גע־שעפטספירער איז געווען א. גאָריעלאָוו, אַמאָליקער סעקרעטאַר פון יידישן אַרטיסטן־פאַריין אין פּוילן.

ווען מאָריס שוואַרץ איז געקומען פון אַמעריקע קיין וואַרשע מיט זיין „יאָשע קאַלב", טרעפן מיר דאָרט ווידער מאַזאָן ביי דער אַרבעט

אין דער אַדמיניסטראַציע. דערנאָך איז ער געווען טעטיק ביי קלאַראַ סעגאַלאָוויטש אין „טעאַטער פאַר יוגנט".

ביים אויסברוך פון דער מלחמה געפינט זיך מאַזאָ אין וואַרשע. ער וואַרפט זיך באַלד אַריין אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און ווערט לייטער פון דער קינד־אָפּטיילונג ביי דער געזעלשאַפט פון סאָציאַלער אַליינהילף. ער אַנטוויקלט דאָרט אַ גרויסע הילף־אַרבעט און ער האָט ווידער אַ מעג־לעכקייט אַרויסצווייזן זיין נישט־דורכשניטלעכן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַ־לאַנט. ווען עס ווערט איינגעפירט אין וואַרשע דאָס געטאָ, פירט מאַזאָ ווייטער אָן מיט זיין הילף־טעטיקייט, אָבער ער אַרבעט גלייכצייטיק אין דער אונטערערדישער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע („יִיקאָר"), פון וועלכער ער איז איינער פון די גרינדער. ער איז אויך אין ראַט פון דער אַרטיסטישער קאָמיסיע ביי דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, צו וועלכן עס האָבן, אויסער אים, געהערט אלחנן צייטלין, ד״ר נפתלי נוסענבלאַט און דער שרייבער פון די שורות.

מאַזאָ טרעט אויך אָפּט אויף מיט רעפעראַטן אין די הויז־קאָמיטעטן און אָרגאַניזירט די לעצטע צייט אַ רייע קינסטלערישע אויפטריטן, צוזאַ־מען מיט זיין פרוי, די אַרטיסטין אסתר גאָלדענבערג. ער טרעט אויך אויף מיט גרויס דערפאָלג אַלס קאָנפעראַנסיער אויף פאַרשיידענע פאַר־אַנשטאַלטונגען. מאַזאָ איז אין געטאָ אַרויס פון דעם שטאַנדפונקט, אַז אויף דאגות און צרות (און דאָס האָט אין געטאָ נישט געפעלט) קען מען רעאַגירן אויף דריי אופנים: מיט געוויין, מיט שווייגן און מיט געזאַנג. ער אַליין האָט פּראָפּאַגירט דעם דריטן אופן פון רעאַקציע. ווען די שונד־וואָקכאַנאַליע האָט אַרומגעכאַפּט דאָס וואַרשעווער געטאָ, האָט מאַזאָ גע־הערט צו די ערשטע, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף קעגן דעם. ביי זיין הויכער עלטער (ער איז אַלט געווען ביי 70 יאָר), האָט ער זיך נאָך אַלץ געפילט מונטער און פול מיט לעבן, ביז עס איז געקו־מען דער בלוטיקער פרייטיק (18טער אַפּריל 1942), ווען מען האָט, צווישן די 52 קדושים, וואָס די דייטשן האָבן דערשאָסן אין געטאָ, אומגעבראַכט אויך זיין בעסטן פריינט, דעם ווויסנשאַפטלער מנחם לינדער, מיט וועלכן ער האָט די גאַנצע צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע צוזאַמען געאַרבעט און געקעמפט. דאָס האָט אויף מאַזאָן אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז איבער

דער נאַכט האָט ער זיך אַזוי פאַרענדערט, אַז ס׳איז אים ממש אוממעגלעך געווען צו דערקענען. מיר האָבן געהאַט פאַר זיך אַ גרייזגראָען, צעבראָכע־נעם מאַן, וואָס האָט פאַרלוירן דעם גאַנצן ציל און אינטערעס צום לעבן.

מאַזאָ, דער גרויסער אָפּטימיסט, וואָס האָט דורך זיין לאַנג, פאַרבנ־רייך לעבן נישט געוווּסט פון קיין נאָכגיביקייט און איז געווען ווי אַרומ־געצוימט מיט אַן אייזערנעם פאַנצער, האָט זיך איבער דער נאַכט איינ־געבראָכן און געוואָרן ווי אַ קליין קינד, וואָס מען האָט געדאַרפט פירן פאַרן הענטל. זיין לעצטע לעבנס־באַגלייטערין און איבערגעגעבענע פריינ־דין, אסתר גאָלדענבערג, האָט אים טאַקע מאָראַליש אונטערגעהאַלטן.

נאָכדעם ווי מנחם לינדער און די איבעריקע קדושים זענען דורך די דייטשן אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַן אַכזריותדיקן אופן, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אויך מאַזאָ איז אין געפאַר. ער האָט אָבער, נישט גע־קוקט אויף אַלע בקשות פון זיינע פריינט, נישט געוואָלט זיך אויסבאַ־האַלטן. ער איז ווייטער געקומען צו זיין אַרבעט אין דער „אַליינהילף״.

די לעצטע טעג פאַרן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט מאַזאָ געאַרבעט צוזאַמען מיטן קולטור־טוער שמואל ווינטער אין אַפּראָוויזאַ־ציע־אַמט. זיינע פריינט האָבן זיך באַמיט אים אַריבערצונעמען אויף דער אַרישער זייט. ער האָט זיך אָבער איינגעעקשנט, אַז ער איז שוין צו אַלט און שוואַך אַנצוגיין מיטן לעבן און ער וועט רואיק וואַרטן אויפן טויט. זיין יונגע, שיינע פרוי, די פעאיקע אַקטריסע אסתר גאָלדענבערג, וועלכע האָט געהאַט אַ גלענצנדיקן אַרישן אויסזען, האָט זיך פאַר אים מקריב גע־ווען און טאַקע צוזאַמען מיט אים אומגעקומען.

בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, אין די אַפּריל־טעג 1943, האָט מאַזאָ, צוזאַמען מיט זיין פרוי אסתר גאָלדענבערג און פיל טויזנטער נאָמענלאָזע קדושים, פאַרלוירן זיין לעבן. מען ווייסט אַפילו נישט דאָס אָרט, ווו זיי זענען אומגעקומען.

מרים אײזענשטאַט

אין װאַרשעװער געטאָ איז געװען זײער פּאָפּולער די זינגערין מרים אײ־זענשטאַט, אָדער, װי מען האָט זי גע־רופן „דער נאַכטיגאַל פון װאַרשעװער געטאָ״. אירע ערשטע טריט אַלס זינ־גערין האָט זי אָנגעהויבן אין געטאָ בײ 18 יאָר, און אַ דאַנק איר װוּנדער־שײנעם זינגען איז זי געװאָרן דער ליב־לינג פון געטאָ.

מרים אײזענשטאַט האָט געהאַט אַ גרויסע אָפּערע־שטים, איז געװען נישט־דורכשניטלעך מוזיקאַליש, געהאַט אַ שײן, באַחנט פּנימל, מיט גרויסע, שװאַרצע שולמית־אויגן. זי האָט געהאַט אַלע מעג־לעכקײטן צו װאַקסן אויף אַן אָפּערע־אַרטיסטין אין ברײטסטן פאַרנעם.

די טאָכטער פונעם באַרימטן כאָר־דיריגענט פון דער װאַרשעװער סינאַגאָגע און קאָמפּאָזיטאָר דוד אײזענשטאַט, געפינענדיק זיך שטענדיק אין אַ סביבה פון מוזיק און געזאַנג, האָט זי נאָך אין אירע קינדער־יאָרן אַרויסגעװיזן גרויסע װאָקאַלישע פעאיקײטן. איר פאָטער איז אָבער געשטאַנען אויפן ריכטיקן שטאַנדפּונקט, אַז פריִער מוז מרימל באַקומען די געהעריקע אַלגעמײנע אויסבילדונג און ערשט דאַן װעט זי קענען זיך װידמען דער שטים־בילדונג.

ווען מרים אייזענשטאַט איז אַלט געוואָרן 17 יאָר, איז אויסגעבראָכן די מלחמה. קורץ פאַר דער מלחמה האָט זי אָנגעהויבן צו לערנען ביי אַ באַקאַנטער פוילישער געזאַנג-פּראָפעסאָרין. די לערע איז אָבער, צוליב דער מלחמה, איבערגעריסן געוואָרן. אין געטאָ האָט זיך מיט איר פאַר־אינטערעסירט דער באַרימטער פּיאַניסט און פּעדאַגאָג פּראָפעסאָר איגנאַצי ראָזענבאום, וועלכער האָט איר אָנגעהויבן צו געבן לעקציעס. ער איז אַזוי מיטגעריסן געוואָרן מיט איר פּרעכטיקער שטים און אַרט זינגען, אַז ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אַוועקצושטעלן זי, מיט דער צייט, אין איין ריי מיט די גרעסטע וועלט-זינגערינס.

די מאַטעריעלע באַדינגונגען, אין וועלכער איר פאַמיליע האָט זיך געפונען, האָבן גורם געווען דערצו, אַז זי זאָל מוזן אויפטרעטן עפנטלעך און אַזוי אַרום אויסהאַלטן איר משפחה. מרים איז טאַקע געווען די הויפּט־שפּייזערין פון דער גאַנצער אייזענשטאַט-משפחה — ביז צו איר טראַגישן סוף.

איגנאַצי ראָזענבאום, דער קלאַוויר-באַגלייטער פון וועלט-רום, וואָס האָט אַקאָמפּאַנירט די גרעסטע זינגער און מוזיקער פון גאָר דער וועלט, איז געוואָרן נישט נאָר מרים אייזענשטאַטס לערער און קינסטלערישער וועגווייזער, נאָר אויך איר שטענדיקער מוזיק-באַגלייטער.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קינסטלערישע פאַראַנשטאַלטונגען אין וואַרשעווער געטאָ, האָט מרים-מאַרישאַ אייזענשטאַט, נעבן דיאַנאַ בלומענפעלד, פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין דער קינסטלערישער וועלט פון וואַרשעווער געטאָ. צי זי איז אַרויסגעטראָטן אויף דער עסטראַדע, צי אין קאַפע, צי אין פאַרמאַכטע לאָקאַלן, צי גאָר אַלס סאָליסטין מיטן יידישן סימפאָנישן אָרקעסטער, אונטער דער אָנפירונג פון די שפּעטער טראַגיש-אומגעקומענע דיריגענטן שמעון פולמאַן און מאַריאַן נייטיך, האָט זי מיטגעריסן דאָס אוידיטאָריום מיט איר פּרעכטיק זינגען אַריעס פון פאַרשיידענע אָפּערעס.

נישט קיין קלענערן דערפאָלג האָט זי געהאַט אויך ביים זינגען יידי־שע לידער.

אומפאַרגעסלעך וועט פאַרבלייבן ביי די אַזוי וויניק ביים לעבן איבערגעבליבענע וואַרשעווער געטאָ-מענטשן איר אויספירונג פון „אלי־

אלי, למה עזבתנו״. אַזוי פיל האָרץ, אַזוי פיל בענקשאַפט האָט זי אַרויס־באַקומען פונעם דאָזיקן פּאָפּולערן ליד, אַז זי האָט געריררט אַפילו די שטיינערנע הערצער פון די געטאָ־דיגניטאַרן און פּאָליציי־גדולים.

איר רום איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען די דייטשישע תלינים האָבן אַריינגעשיקט אין געטאָ אַריין אַ גרויסע פילם־עקספּעדיציע אויפֿצונעמען דאָס „לעבן״ פון ייִדן אין געטאָ, איז מרים אייזענשטאַט, פּונקט ווי די איבעריקע אָנגעזעענסטע ייִדישע געטאָ־קינסטלער, געצוווּנגען געוואָרן צו זינגען אין דאָזיקן פילם דאָס ליד „אלי, אלי״...

די דייטשישע רוצחים זענען געקומען מיט אַ פּאַרטיקער רשימה פון די קינסטלער און זיי אָנגעוויזן וואָס פּאַראַ לידער זיי דאַרפן זינגען. זוען געוויסע אַרטיסטן האָבן זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון דער אַרבעט ביים פילם, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט דיאַנאַ בלומענפעלד, ווען זי האָט דערקלערט, אַז זי איז אַ דראַמאַטישע אַרטיסטין און נישט קיין זינגערין, האָט איינער פון די פילם־לייטערס אַרויסגענומען אַ רשימה און איר איבערגעלייענט אַלע דורך איר געזונגענע לידער פון איר רעפּערטואַר. דאָס זעלביקע איז געשען מיט די אַנדערע אַרטיסטן, ווי אויך מיט מרים אייזענשטאַט.

דער דאָזיקער פילם איז געווען אַ דייטשישער פּראָפּאַגאַנדע־פילם און איז דורך זיי אָנגערופן געוואָרן „אַזיע אין מיטל־אייראָפּע״. ער האָט געהאַט אַן אויפגאַבע צו ווייזן דער וועלט, אַז די מעטאָדעס, וואָס ווערן דורך די דייטשן אָנגעווענדט לגבי די ייִדן, זענען באַרעכטיקט. פאַרשטייט זיך, אַז דער פילם איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַזאַ טענדענציעזער ליכט, אַז ער האָט נישט געקענט אַרויסרופן קיין סימפּאַטיע צו ייִדן. און אין דעם איז דאָס טאַקע געגאַנגען די פאַרשטייער פון דער „העכערער ראַסע״.

זיי האָבן, צווישן אַנדערע, געוויזן גאַסן־סצענעס, אויסקלייבנדיק די שמאָלסטע געסלעך, ווו מען האָט קוים געקענט דורכגיין, און אין מיטן גרעסטן מענטשן־געדראַנג אָנגעהויבן צו שלאָגן ייִדן. דאָס האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, נישט געפילמט, — דאָס האָבן זיי געטון סתם זיך אַ ביסל משמח צו זיין אויפן חשבון פון ייִדן. אָבער דעם געלויף, ווי איינער שטופּט

דעם צווייטן און לויפט איבער די קעפּ פון אַנדערע — האָבן זיי יאָ אַראָפּגענומען. דאָס האָט געדאַרפט געבן אַ בילד ווי ווילד יידן גייען איבער די גאַסן.

אין אַ צווייטן פראַגמענט האָבן זיי געפילמט אַ רעסטאָראַן, ווי פיין־געקליידעטע יידן (וועלכע זיי האָבן צו דעם צוועק געכאַפּט אין די גאַסן) זיצן ביי אַ רייך־סערווירטן טיש און עסן פון כל־טוב, פאַרטרינקענדיק דערביי די בעסטע וויינען און קאָניאַקן (דאָס אַלץ האָט געמוזט צושטעלן דער „יודענראַט" אויף זיין חשבון). אָפּעסנדיק דעם געשמאַקן מיטיק, גייען די געסט אַרויס פון רעסטאָראַן. ביים אַרויסגאַנג פון רעסטאָראַן שטייען אויפן שוועל (ספּעציעל צו דעם צוועק דורך די דייטשן צוגע־שטעלטע) אויסגעהונגערטע, געשוואָלענע מענטשן, איינגעוויקלט אין שמאַ־טעס, אָנשטאָט מלבושים, און מיט וויינענדיקע שטימען רופן זיי אויס: „האָץ רחמנות, יידישע האַרצאָ (האָט רחמנות, יידישע הערצער), גיטס אַ שטיקעלע ברויט"... און די זאַטע, זעלבסט־צופרידענע מענטשן, וועלכע גייען אַרויס פון רעסטאָראַן, שטופּן אָפּ פון זיך מיט עקל די אָרעמעלייט און, אויסשפּייענדיק אויף זיי, זאָגן זיי: „וואָן, שנאָרערס!"...

אין איבערפולטן טעאַטער („ביי־אַזאַזעל"), ווו די אַרטיסטן האָבן גע־מוזט אויפטרעטן פאַר דעם פילם־אַפּאַראַט, האָט מען אויסגעזעצט אין די ערשטע רייען עלטערע יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט ווייסע, פּאַטריאַר־כאַלישע בערד און פאות, מיט יאַרמולקעס אויף די קעפּ, און נעבן זיי — יונגע, עלעגאַנטע פרויען, שטאַרק געשמינקט. אייניקע עלטערע יידן האָט מען געצוווּנגען צו האַלטן די פרויען געאָרעמט.

ווען מרים אייזענשטאַט האָט אָפּגעזונגען דאָס ליד „אלי, אלי", האָט דער גאַנצער עולם געמוזט שטורמיש אַפּלאָדירן און שרייען „ביס". דאָס אַלץ איז געפילמט געוואָרן פון אַלע זייטן און די פּנימער ביי אַלע האָבן געמוזט שטראַלן. טאָמער האָט זיך אויף אַ פּנים פון אַן עלטערן ייד באַ־וויזן אַ טרויער־אויסדרוק, אָדער ער האָט געגעבן אַ הויכן זיפץ, האָט ער פון די פילם־דייטשן געכאַפּט אַזעלכע קלעפּ, אַז זיין פּנים האָט שוין אויסגעדריקט אַלץ, וואָס מען האָט ביי אים פאַרלאַנגט.

וואָסער איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אויף די אַרטיסטן, וועלכע זענען

אויך געשטאַנען אין איין טויט־שרעק, איז נישט שווער זיך פֿאָרצושטעלן. כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם אַלעם איז דאָס, אַז דער ראַטגעבער און אינ־פֿאָרמאַטאָר פֿונעם דאָזיקן פֿילם איז געווען איינער פֿון דער ייִדישער פּאָליציי, דער רענעגאַט ראַדע (פֿון וולאָצלאַוועק).

מרים אייזענשטאַט איז נישט איינמאָל געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן און מ'האָט זי געצוווּנגען צו וואַשן דילן, טירן און פֿענצטער. דערביי האָט מען נישט געטאָרט באַנוצן קיין אַנדערע זאַכן, ווי די איי־גענע אונטערוועש. מיט דעם האָט מען אויך געמוזט אויסטריקענען די געוואַשענע ערטער. פֿון דער דאָזיקער שמוציקער אַרבעט פֿלעגט מרים אייזענשטאַט אַהיימקומען אַ פֿריילעכע, אַ מונטערע, כּדי נישט צו באַאומ־רויִקן די איבערגעשראָקענע, פֿאַרזאָרגטע עלטערן.

אָפֿט איז זי נאָך דעם זעלביקן אָוונט אויפֿגעטראָטן אויף אימפּרעזעס און מיט איר זינגען פֿאַרשאַפֿט פֿרייד דעם געטאָ־עולם. זי איז אויך אָפֿט אַרויסגעטראָטן אויף די פֿאַראַנשטאַלטונגען פֿון די געהיימע געטאָ־אָרגאַ־ניזאַציעס.

ווען מען האָט געפּלאַנט אויפֿצופֿירן אין געטאָ אַ ייִדישע אָפּערע, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון פּראָפֿעסאָר י. זאַקס (פֿון לאָדזש), האָט מרים אייזענשטאַט געזאָלט זינגען די הויפּט־פּאַרטיע. זי איז אויך אויפֿגעטראָטן אַלס סאָליסטין אין פּראָפֿעסאָר י. פֿיוווישיס כאָר, זינגענדיק ייִדישע פֿאָלקס־לידער און ארץ־ישראל־לידער. מרים אייזענשטאַט האָט אויך גע־שפּילט גוט פּיאַנאָ.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער חורבן וואַרשעווער געטאָ. איין גאַס איז „אַוועק" נאָך דער אַנדערער. אַלץ איז געגאַנגען מיט דער „אויסזידלונג".

ס'איז געקומען די ריי אויף מרים אייזענשטאַט מיט איר משפּחה. ווען מ'האָט זיי אַרויסגעפֿירט אויפֿן „אומשלאַגפּלאַץ", האָט מען אָנגעווענדט אַלע מיטלען, כּדי זי צו ראַטעווען. ווען דער אומדערמידלעכער אונטער־ערדישער טוער נחום רעמבאַ, וואָס האָט „אַמטירט" אויפֿן „אומשלאַגפּלאַץ" אַלס מכלומרשטער דאָקטער, האָט זיך דערוווּסט, אַז מרים אייזענשטאַט געפֿינט זיך אויפֿן פּלאַץ צוזאַמען מיט איר משפּחה, האָט ער אַלץ געטון, כּדי זיי אַרויסצוקריגן פֿון דאָרט. ליידער איז עס אים נישט געלונגען. ווען מרים אייזענשטאַט, אַלס יונג, בלײַענדיק מיידל, וואָלט זיך געוואָלט

צעשיידן מיט אירע עלטערן, וואָלט זי, קען זיין, נאָך געקענט אָפּגעראַ־טעוועט ווערן (אויף אַ קורצע צייט). זי איז אָבער געווען אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צו אירע עלטערן, אַז אָן זיי האָט זי נישט געוואָלט לעבן. ווען די דייטשן האָבן זיי אויפן „אומשלאַגפּלאַץ" פונאַנדערגעטיילט און דוד אייזענשטאַט — דער פּאָרדינסטפולער ייִדישער קאָמפּאָזיטאָר און כאָר־דיריגענט — איז צוזאַמען מיט זיין פרוי אַריינגעשטופּט געוואָרן אין אַן איבערפולטן פי־וואַגאָן, האָט מרים, וועלכע האָט געדאַרפט אַריין אין אַ צווייטן וואַגאָן, זיך געריסן צו זיי. הגם דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז באַשטימט געוואָרן קיין טרעבלינקע אין די גאַז־קאַמערן אַריין און דער גורל פון אַלע וואַגאָנען איז געווען איין־און־דערזעלביקער און פון פאָרויס באַשטימט, האָט מרים אַפילו אין די לעצטע מינוטן זיך אויך נישט גע־וואָלט שיידן מיט אירע נאָענטסטע.

שוין ביים סאַמע אַריינגאַנג פון וואַגאָן, ווו אירע עלטערן זענען געווען, האָט אַ דייטשישע קויל אַ סוף געמאַכט צו איר יונג, בליִענדיק, פיל־צו־זאָגנדיק לעבן.

אינגאַנצן איין יאָר צייט האָט דער „נאַכטיגאַל פון וואַרשעווער געַ־טאָ" דערוואַרעמט, דערפרייט די הערצער פון צענדליקער טויזנטער ייִדן.

איין יאָר צייט האָט מרים־מאַרישאַ אייזענשטאַט געלויכטן ווי אַ ליכטיקער שטערן אויפן פינצטערן האָריזאָנט אין די געטאָ־מויערן, ביז זי איז פאַרלאָשן געוואָרן ביים סאַמע אָנהויב פון איר אויפבלי. ביי 19 יאָר האָט דער „נאַכטיגאַל פון וואַרשעווער געטאָ" — מרים־מאַרישאַ אייזענ־שטאַט — פאַרענדיקט איר לעצט ליד...

אַרנאָלד

אין די ייִדישע טעאַטער־קרייזן אין פּוילן און אויף דער גאַנצער וועלט איז דער נאָמען אַרנאָלד געווען גוט באַקאַנט. אַלע, וואָס האָבן נאָר גע־האַט דעם מינדסטן שייכות און זיך אינטערעסירט מיט ייִדיש טעאַטער אין פּוילן, האָבן געוווּסט ווער עס איז אַרנאָלד און וואָס פֿאַראַ ראָל ער האָט געשפּילט אין טעאַטער.

וועגן אַרנאָלדן האָט מען זייער אַ סך געשריבן און געמאַכט וועגן אים וויצן, מער ווי וועגן אַ סך אַקטיאָרן, — הגם ער, אַרנאָלד אַליין, איז קיין אַקטיאָר נישט געווען. ווער־זשע איז פּאָרט געווען אַרנאָלד?



אַרנאָלד אין שאַרזש

ער איז געווען די גרויע עמינענץ, וואָס האָט געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל אין ייִדישן טעאַטער־לעבן אין וואַרשע, ביזן אָנ־הויב פֿון דער לעצטער מלחמה.

וועלכער סטאַר פֿון אַמעריקע צי פֿון ער־געץ אַנדערש, וואָס איז געקומען קיין פּוילן, האָט זיך נישט באַמיט גוט צו לעבן מיט אַר־נאָלדן? און ווי איז געווען דעם אַקטיאָר, וואָס האָט נישט געפֿונען קיין חן אין אַרנאָלדס אויגן. ער האָט שוין געקענט פֿאַרפּאַקן זיינע זאַכן און פֿאָרן ווייטער...

אַרנאָלד האָט נישט איינמאָל דעצידירט וועגן דערפֿאָלג אָדער דורכפֿאַל פֿון אַ פּיעסע און פֿון אַקטיאָרן. ער האָט געקענט מאַכן שטימונג פֿאַר אַ פּיעסע און אַקטיאָרן און שאַפֿן

זיי אַ נאָמען, אָבער, גלייכצייטיק — געקענט זיי אַרונטעררייסן. אַרנאָלד איז געווען באַקאַנט מיט זיין ווערטל: „כ'האַלט פון אייך", „ס'וועט זיין אַ שלאַגער", אָדער — פאַרקערט: „איר זענט אַ דראַנג". ער האָט גע־האַט מוט צו זאָגן אָפן אין די אויגן אַריין — האָט עס געמעגט זיין דער גרעסטער סטאַר — דאָס וואָס ער, אַרנאָלד, טראַכט וועגן אים. און ער האָט געקענט זאָגן דעם ביטערן אמת, וואָס האָט איינעם אַפילו נישט געשמעקט.

מיט אַרנאָלדס מיינונג האָט זיך גערעכנט דער טעאַטער־דירעקטאָר, דער רעזשיסאָר, דער אַקטיאָר, דער קריטיקער, די פּרעסע און די שטענ־דיקע טעאַטער־באַזוכער. אויף אַ גענעראַל־פּראָבע פלעגט דער דירעקטאָר אָדער דער רעזשיסאָר פרעגן ביי אַרנאָלדן: „נו, אַרנאָלד, וואָס זאָגסטו?" — און אַז אַרנאָלד האָט געזאָגט: „ס'איז גוט, ס'וועט זיין אַ שלאַגער", האָט מען זיך שוין אויף אים געקענט פאַרלאָזן. ווען אַרנאָלד איז נאָך אַ פּראָבע צוגעגאַנגען צו אַן אַקטיאָר און אים געזאָגט: „איך האַלט פון אייך!" — און דערביי אַ שפּיי געטון אין האַנט און זיך פאַרגלעט אין אַ זייט די האָר „אַ־לאַ היטלער", האָט שוין דער אַקטיאָר געקענט זיכער זיין אין דערפאָלג. דער טעאַטער־קריטיקער האָט אויך גערן אויסגעהערט אַר־נאָלדס מיינונג פאַרן אָנשרייבן אַ רעצענזיע, און אַרנאָלד האָט אים נישט איינמאָל משפּיע געווען.

די דרוקער און זעצער אין די רעדאַקציעס פלעגן ס'לעבן אַוועק־געבן פאַר אַרנאָלדן, ווייל ער האָט זיך צו זיי בעסער באַצויגן, ווי אַלע אַנדערע טעאַטער־געשעפטס־פירער. ער האָט זיי און זייערע משפּחות און פריינט באַזאָרגט מיט אומזיסטע בילעטן אין טעאַטער. אַרנאָלד האָט געוווסט ווי אָפּצושאַצן זייער ראָל אין רעדאַקציע.

אַרנאָלד האָט אויך געשאַפן שטימונג פאַר אַ פּיעסע און אַקטיאָרן. בעת אַ פאָרשטעלונג האָט ער זיך, צווישן די הפסקות, צונויפגעמישט מיטן עולם אין טעאַטער און אים אַזוי שטאַרק באַאיינפלוסט, אַז ער האָט דעם עולם אַרויפגעפירט אויף דעם דורך אים אָנגעצייכנטן וועג.

אַרנאָלד איז געווען זייער באַליבט ביי די פּרעסע־מענטשן און טע־אַטער־לייט: ער האָט זיך מיט זיי געחברט און כמעט מיט אַלע איז ער געווען אויף „דו". מען האָט אים ליב געהאַט פאַר זיינע געלונגענע ווערט־

לעך, פאַר זיין אויפריכטיקייט און איבערגעגעבנקייט. צו וועמען אַרנאָלד האָט זיך צוגעבונדן, איז ער אים געווען געטריי ווי אַ ברודער, און דאָס האָט מען געוווסט ווי אָפּצושאַצן.

אַרנאָלד איז געקומען צום טעאַטער אין וואַרשע אין יאָר 1915, נאָך אַלס יינגל. ער האָט זיך געווענדט צום טעאַטער־דירעקטאָר אַברהם יצחק קאַמינסקי, אַז ער וויל ווערן אַן אַקטיאָר. קאַמינסקי האָט אים אַנגאַ־זשירט, אָבער נישט אַלס אַקטיאָר. ער האָט צו אים געזאָגט גאַנץ קאַלט אויף זיין, קאַמינסקיס, שטייגער (קאַמינסקי איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער וויצלער): „מיין ליב קינד, כדי צו ווערן אַן אַקטיאָר, מוז מען אָנהויבן פון אָנהויב און דערנאָך וועלן מיר ווייטער זען...“ און אַרנאָלד האָט טאַקע אָנגעהויבן פון אָנהויב... ביי דער טיר, אַלס בילעטער, אַלס שיק־יינגל וכדומה. אַרנאָלדס חלום צו שפּילן טעאַטער איז אָבער קירצלעך דאָך פאַרווירקלעכט געוואָרן.

אַברהם יצחק קאַמינסקי האָט אָרגאַניזירט אַ טורנע איבער דער דיי־טשישער אָקופּאַציע־זאָנע און אַרנאָלד האָט זיך דערוואַרט צו קריגן עפּיזאָדן־ראָלן, וועלכע ער האָט איינע נאָך דער אַנדערער „אָוועקגע־לייגט“...

— ניין, מיין קינד, — האָט צו אים געזאָגט קאַמינסקי — דו וועסט שוין מיט דיין בינע־טאַלאַנט קיין אַקטיאָר נישט זיין. דו וועסט ווערן אַ געשעפטס־פירער...

און אַז קאַמינסקי האָט אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל, האָט מען זיך אויף אים געקענט פאַרלאָזן.

אַרנאָלד האָט קאַמינסקין ממש פאַרגעטערט און האָט — ווי ער האָט ליב געהאַט צו זאָגן — „געהאַלטן פון אים“... קאַמינסקי האָט אָבער אַר־נאָלדן אויך ליב געהאַט און געוווסט ווי אָפּצושאַצן זיין איבערגעגעבנקייט צו אים און זיין ערלעכקייט. איז אַרנאָלד טאַקע געוואָרן דער געשעפטס־פירער פון קאַמינסקיס טרופּע אויף דער פּראָווינץ.

נאָכן טויט פון אַברהם יצחק קאַמינסקי, וועלכן אַרנאָלד האָט שטאַרק באַוויינט, איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע און איז געוואָרן געהילף־געשעפטס־פירער פון יידישן טעאַטער. ביי דער פּאָזיציע איז ער שוין פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

נישט געקוקט אויף דער מכלומרשט קליינער פּאָזיציע, וואָס ער האָט פאַרנומען אַלס געהילף פון אַ געשעפטס־פירער, איז ער דאָך געווען אַ וויכטיקע פיגור אין טעאַטער־לעבן.

אַרנאָלד האָט געאַרבעט אין די בעסטע יידישע טעאַטערס, ווו ער איז אויך געווען רעקלאַמע־שעף. אַרנאָלד איז געווען דער אַזויגערופענער „באַראָמעטער" אין יידישן טעאַטער. דערפאַר האָבן זיך אַלע אַזוי גערעכנט מיט אים און זיין פּאָפּולאַריטעט איז געווען זייער גרויס.

ס'וועט נישט זיין קיין איבערגעטריבנקייט צו זאָגן, אַז אַרנאָלד איז געווען פּאָפּולער, ווי נישט איין דורכשניטלעכער אַקטיאָר. ווען אַרנאָלד וואָלט געהאַט בילדונג (הגם ער איז געווען אַ זון פון אַ באַקאַנטן יידישן לערער; זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען א. גינזבורג), וואָלט ער זיכער זייער ווייט אַוועק. צום אומגליק האָט אַרנאָלד נישט געהאַט ווען צו לער־נען. אַלס יונג ייִנגל איז ער געקומען צום טעאַטער און פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין נישט געהאַט קיין צייט ווען צו לערנען, ווייל גאַנצע טעג און נעכט איז ער געווען פאַרנומען. האָט מען זיך טאַקע וועגן אים גע־ווינצלט, אַז ער שלאָפט גייענדיקערהייט...

טעאַטער איז געווען אַרנאָלדס לעבן און זעלטן ווער פון די געשעפטס־פירערס האָט אַזוי ליב געהאַט יידיש טעאַטער ווי אַרנאָלד. און אויף טעאַטער און אויף אַקטיאָרן איז אַרנאָלד געווען אַ גרויסער מבין. אויף דעם איז ער געווען אַ „ספּעץ".

ער איז אויך געווען אַ „ספּעץ" אויפן שיינעם מין און געהאַט ביי זיי אַ גרויסן דערפאָלג. דער דערפאָלג איז נישט געלעגן אין זיין צוציִענדי־קייט; ער איז נישט געווען שיין, נישט רייצנדיק און נישט געקענט אימ־פּאָנירן מיט זיין אויסערלעכקייט. ער האָט אָבער געהאַט אַ מעלה, וואָס האָט אימפּאָנירט אַ סך פרויען... דאָס איז געווען אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד. וועגן דעם האָט מען אויך דערציילט אַ סך קוריאָזן.

קורץ פאַרן קריג האָט אַרנאָלד חתונה געהאַט מיט דער שוועגערין פונעם ערשטן געשעפטס־פירער און אַדמיניסטראַטאָר פון „נאָוואָשטשי"־טעאַטער, מיעטשיסלאַוו פרידמאַן. דער דאָזיקער שידוך האָט אים שטאַרק אימפּאָנירט. ער האָט געקריגן אַן אינטעליגענטע פרוי און איז געווען גליקלעך.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן און די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע, האָט זיך אַרנאָלד געפונען אין שטאָט. אַרנאָלד האָט פיינט גע־האַט די דייטשן. וואָס מער ער האָט אָבער אויסגעמיטן אַ באַגעגעניש מיט זיי, אַלץ מער איז ער אַריינגעפאַלן. מען האָט אים כסדר געכאַפּט אויף אַרבעט און קיין קלעפּ האָבן דערביי, פאַרשטייט זיך, נישט געפעלט. דאָס האָט אים איינגאַנצן איינגעבראָכן.

ווען די דייטשן האָבן דערלויבט שפּילן ייִדיש טעאַטער אין וואַרשע, איז אַרנאָלד דאָרט באַלד אַנגאַזשירט געוואָרן. ער האָט זיך געטון זיין אַרבעט, אָבער שוין אָן דער פריִערדיקער ענערגיע, מיטן געדאַנק: „אַבי ווייטער"...

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די „אַקציע" אין וואַרשעווער געטאָ, זע־נען מיר געווען (איך און מיין פרוי) צוזאַמען מיט אַרנאָלדן אויף דער מילנע גאַס אין אַ „שאָפּ". ער האָט געאַרבעט אין אַ וואַרשטאַט פון ראַ־זיר־אַפּאַראַטן, בראש פון וועלכן ס'איז געשטאַנען דער אַמאָל באַוווּסטער מוזיקער פּראָפעסאָר י. קאַראַבקאָוו.

דורך דער ערשטער „סעלעקציע", וואָס איז פאָרגעקומען ביי אונדז אויף דער מילנע גאַס, איז אַרנאָלד דורך בשלום. ביי דער צווייטער „סע־לעקציע" האָט מען אים, צוזאַמען מיט זיין פרוי און מיט דער גאַנצער טעאַטער־משפּחה פון מילנע גאַס, אַוועקגעפירט אויפן „אומשלאַגס־פּלאַץ".

זיין גאַנץ לעבן האָט אַרנאָלד אָפּגעלעבט אין אַ סביבה פון ייִדישע אַקטיאָרן און טעאַטער־מענטשן. פאַרענדיקט האָט ער זיין לעבן אויף אַ טראַגישן אופן, אין טרעבלינקע, אין דער סביבה פון זיינע באַליבטע חברים ייִדישע אַקטיאָרן, מוזיקער און טעאַטער־גייער.

שלמה קוטנער



געווען אַ צייט, ווען דער דאָזיקער נאָמען איז געווען זייער פּאָפּולער. שלמה קוטנער האָט לאַנגע יאָרן גע־הערט צו די בעסטע יידישע אַנ־סאַמבל־אַקטיאָרן און איז זייער באַ־ליבט געווען ביים יידישן טעאַטער־עולם. ער האָט געשפּילט סיי אין ערנסטן טעאַטער, סיי אין דעם לייכ־טערן רעפּערטואַר, ווי אָפּערעטעס, רעוויעס. ער איז געווען איינער פון די בעסטע אָפּערעטן־רעזשיסאָרן אין יידישן טעאַטער.

שלמה קוטנער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן טעאַטער אין זיין געבוירן־שטאָט לאָדזש, און זיך באַלד באַליבט געמאַכט ביים עולם מיט זיין אייגנאַרטיקן צוגאַנג צו אַ ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט. ער האָט געהערט צו די אַקטיאָרן, וואָס האָבן זייערע ראָלן אויסגעפורעמט מיט חכמה און אינטואיציע, אָנשפּאַרנדיק זיך, פאַר־שטייט זיך, אויף גרויס טאַלאַנט.

שלמה קוטנער האָט מיט זיין אויסערלעכקייט נישט געקענט אימ־פּאָנירן. ער איז געווען פון נידעריקן וווקס, אָבער פעסט געבויט; געהאַט אַ גרויסן קאָפּ; שטאַלענע דורכדרינגלעכע און קלוגע אויגן. ער האָט באַ־זעסן אַ שטים־מאַטעריאַל, וואָס נישט איין יידישער אַקטיאָר איז אים

מקנא געווען. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך מוזיקאַליש, געהאַט אַ קריש־טאָל־ריינע דיקציע און גערעדט אַ פּרעכטיקן ייִדיש. נישט זייענדיק שטאַרק באַהאַוונט אין די „דראָבנע אותיות", האָט ער זיך שטענדיק באַראָטן און געפרעגט ביי די, וואָס האָבן אים געקענט העלפן. ער האָט רעספּעקטירט די, וואָס האָבן געקענט און געוווּסט מער פון אים און ער האָט שטענדיק געלערנט און געאַרבעט איבער זיך.

ווען פּרץ הירשביין האָט אָרגאַניזירט זיין דראַמאַטיש וואַנדער־טעאַטער, געפינען מיר אויך דאָרט, נעבן בן־עמי און אַנדערע, שלמה קוט־נערן. ער האָט פאַרנומען אין דער הירשביין־טרופּע גאָר אַ חשוב אָרט. ער האָט דורכגעמאַכט מיט דער הירשביין־טרופּע דעם גאַנצן טורנע איבער רוסלאַנד און פּוילן.

בעתן אויסברוך פונעם ערשטן וועלט־קריג שפּילט קוטנער אין לאָדזשער „פּלאָראַ"־טעאַטער, דערנאָך מיט לאָלאַ פּאַטראַני אין קופּערמאַנס טרופּע, שפּעטער ביי לעאָניד סאָקאָלאָוו אין טרופּע. קוטנער שפּילט אויך אַ צייט לאַנג מיט יוליוס אַדלער און הערמאַן סעראַדזקי אין לאָדזש און אין וואַרשע, ווי אויך אין טעאַטער פון אסתר רחל קאַמינסקי.

לאַנגע יאָרן האָט קוטנער אָנגעפירט מיט דער ייִדישער אָפּערעטע אין ווילנע, ווו ער איז געווען באַזונדערס באַליבט. ער האָט אויך אָנגעפירט מיט דער אָפּערעטע ביים ריגער ייִדישן מינדערהייט־טעאַטער אין לעטלאַנד, ווו דער אָנפירער מיט דער דראַמע איז געווען אַליאַשאַ שטיין. אַ פּאָר סעזאָנען איז ער געווען צוזאַמען מיט די באַקאַנטע אָפּערעטן־אַקטיאָרן נחמה — קאַדיש — כאַש און האָט אויפגעפירט אַ רייע איירא־פּעאישע אָפּערעטעס.

אַ צייט לאַנג איז מיר אויסגעקומען צו שפּילן אין ווילנע צוזאַמען מיט קוטנערן אין דער דראַמע. איך האָב באַוווּנדערט זיין ערנסטע, איבערגעגעבענע באַציאונג צום טעאַטער. יונגע אַקטיאָרן האָבן געהאַט פון ווּעמען אַראָפּצונעמען אַ מוסטער.

יעדע באַקומענע ראָל האָט ער גרינטלעך דורכשטודירט, געזוכט אַלץ נייע פּרטים, אַריינגעדרונגען אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון דער דורך אים קרעאירטער געשטאַלט און אַזוי אַרום געשאַפן נישט איין מייסטער־קרעאַציע.

כאַראַקטעריסטיש פאַר קוטנערן איז געווען דאָס, וואָס ער פלעגט שטענדיק קומען דער ערשטער אין טעאַטער־גאַרדעראָב, מיט אַ פּאָר שעה פאַרן אָנהויב פון דער פאָרשטעלונג, זיך אַוועקגעזעצט ביים שפּיגל און אָנגעהויבן זיין גרים.

און הגם ער איז געווען — ווי איך האָב שוין פריִער באַמערקט — פון נידעריקן וווקס, האָט ער פון דער בינע אימפּאָנירט מיט זיין דערשיי־נונג און איבערראַשט מיט זיינע אָריגינעלע מאַסקעס. ער איז געווען אַ מייסטער אין גרים.

פּונקט אַזאַ ערנסטע באַציִאונג ווי קוטנער האָט געהאַט צום בעסערן טעאַטער, האָט ער אויך געהאַט צו די ערגסטע „שמירעס״. אַלץ וואָס ער האָט גענומען איז האַנט אַריין, האָט געמוזט זיין שיין, ציכטיק און ריין באַאַרבעט. אין בלאַסע, פּאַפּירענע פיגורן האָט קוטנער אַריינגעהויכט און אַריינגעבלאָזן לעבן און פאַרב. אַן אָפּערעטע, וואָס איז דורך אים אויפ־געפירט געוואָרן, האָט געשמעקט מיט ציכטיקייט און ריינקייט. אַקטיאָרן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ שטרענגן רעזשיסאָר. ער איז אָבער געווען ציל־באַוווסט און דאָס זעלביקע האָט ער געפאָדערט פון אַנדערע. אַ סך אָפּע־רעטן־אַקטיאָרן האָבן ביי אים געלערנט און געהאַט אים צו פאַרדאַנקען זייער דערפאָלג.

אַלס מענטש איז קוטנער געווען זייער אַמביציעז און קאָמפּליצירט און די, וואָס האָבן אים וויניק געקענט און אים נישט פאַרשטאַנען, זענען תמיד געקומען מיט אים אין קאָנפליקט. אַלע זיינע קעגנער האָבן אָבער געמוזט מודה זיין, אַז קוטנער איז געווען אַ מענטש אַן ערלעכער, מיט כאַראַקטער, אויפריכטיק און אוממיטלבאַר.

זיינע שטענדיקע קאָנפליקטן מיט די טעאַטער־דירעקטאָרן און אַ צייט לאַנג מיט דער אָנפירערשאַפט פונעם יידישן אַרטיסטן־פאַריין אין פוילן האָבן גורם געווען ביי אים אַן ערנסטן פּסיכישן צוזאַמענברוך, און ער איז אַ צייט לאַנג געווען פאַרשפּאַרט אין אַ הייל־אַנשטאַלט פאַר נערוון־קראַנקע, הינטער ריגע (לעטלאַנד)... קוטנער איז געווען אַליידנשאַפט־לעכער זאַמלער פון פּאָסט־מאַרקן און ער האָט געהאַט זיינע שטענדיקע „חסידים״, וואָס האָבן אים די מאַרקן צוגעשיקט. זיינער אַ לאָדזשער

פריינט, מאַקס רייכענבערג, וואָס האָט געווינט אין מעץ, האָט אים אויך געשיקט אַ גרעסערע קאָלעקציע פּאָסט-מאַרקן אין דער אַנשטאַלט פאַר גייסטיק קראַנקע, ווו קוטנער האָט זיך געפונען און ער האָט זיך מיט דער מתנה אַזוי שטאַרק איבערגענומען, אַז ער איז מיטאַמאָל געזונט געוואָרן. ער איז צוריקגעקומען צום פּסיכישן גלייכגעוויכט און פאַרלאָזט דעם הייל-אַנשטאַלט. ער האָט זיך ווידער גענומען מיט ברען צו טעאַטער-אַרבעט און אַזוי — ביז דער מלחמה. פון דעמאָלט אָן איז ער שוין געווען מער צוריקגעהאַלטן, פאַרשלאָסן אין זיך און ער האָט זיך באַמיט אויס-צומיידן קאָנפליקטן מיט מענטשן.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, האָט זיך קוטנער געפונען אין וואַרשע. ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין וווינונג און בשום אופן נישט געוואָלט אַרויסגיין אויף דער גאַס. ווען די דייטשן זענען אַריין אין וואַרשע, איז זיין מורא געוואָרן נאָך גרעסער. לאַנגע חדשים האָט געדויערט, ביז מען האָט אים באַוויזן צו איבערצייגן, ער זאָל אַרויס אויף דער גאַס. דערצו האָבן אויך גורם געווען די באַדינגונגען. קוטנערס פרוי, די אַקטרי-סע זיידע, איז פאַראַליזירט געוואָרן און זיינע מאַטעריעלע רעסורסן האָבן זיך אויך אויסגעלאָזט (אַגב האָט קוטנער געהערט צו די מער פאַרמעג-לעכע אַקטיאָרן). ער איז געווען אָנגעוויזן אויף דער שטיצע פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אין געטאָ די אַרטיסטישע פאַראַנשטאַל-טונגען, האָט זיך אויך קוטנער אין זיי באַטייליקט. ווען ריבאַ און ווינדער האָבן געעפנט דאָס טעאַטער „עלדאָראַדאָ" (אַמאָליקער „סקאַלאַ"-טעאַטער) אויף דער דזשעלנע גאַס, איז קוטנער דאָרט אַנגאַזשירט געוואָרן. אין דעם דאָזיקן טעאַטער האָט ער מיטגעשפּילט ביזן סוף, ד"ה ביזן אָנהויב פון דער ליקווידאַציע, פון וועלכער אים איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן. מען האָט אָבער צוגענומען זיין פרוי.

קוטנער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען אויף דער אַרישער זייט. אַ גע-וויסע צייט האָט ער געווינט ביי אַ קריסטלעכער פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ יידישן מאַן, וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט. נישט לאַנג האָט אָבער דער „גן עדן" געדויערט. עס האָבן זיך אויף דער

דירה, ווו קוטנער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, אַנגעזעצט פוילישע שאַנטאַ־זשיסטן, אָדער, ווי מען האָט זיי גערופן: „שמאַלצאָווניקעס" און טעראָרי־זירנדיק קוטנערן, אַז זיי וועלן אים איבערגעבן אין די הענט פון די דייטשן, האָבן זיי ביי אים אַלץ צוגענומען, ביזן לעצטן העמד. דאָס איז געווען אין אַ צייט, ווען ס'האָט נאָך פּאָליאַקן נישט געדראָט טויט־שטראָף פאַר אויסבאַהאַלטן יידן. קוטנער האָט די נערוון־שפּיל מער נישט גע־קענט אַריבערטראָגן און ער איז צוריקגעקומען אין געטאָ אַריין.

כדי צו באַקומען „לעבנס־רעכט", איז קוטנער אַריינגעטראָטן אין דעם „שאָפּ" (אַרבעט־וואַרשטאַט), וואָס האָט געהערט צום אַקטיאָר חיים סאַנדלער, ווו ס'האָבן שוין געאַרבעט אַ טייל פון זיינע חברים־אַקטיאָרן מיט סאַמבערגן בראש.

דער גורל פון דער גרופּע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי סאַנדלערן אין „שאָפּ", האָט זיך אַזוי שטאַרק צונויפגעבונדן, אַז זיי האָבן זיך שוין געהאַלטן צוזאַמען ביז זייער טראַגישן סוף.

פון סאַנדלערס „שאָפּ" איז קוטנער מיט דער גאַנצער אַקטיאָרן־גרופּע אַריבער צו טעבענסן אין „שאָפּ" און געגלויבט — ווי דער ס.ס.־מאַן טעבענס האָט פאַרזיכערט — איבערצולעבן דאָרט די מלחמה.

ווען מען האָט, בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, אַריבער־געפירט טעבענסעס מענטשן קיין פּאָניאַטאָוו, הינטער לובלין, האָט זיך דאָרט אויך געפונען קוטנער מיט די איבעריקע אַקטיאָרן.

ווען איך האָב געלעבט אויף דער אַרישער זייט אַלס פאַרשטעלטער קריסט, האָב איך נאָך געהאַט פון פּאָניאַטאָוו אַ גרוס פון קוטנערן און פון מיינע איבעריקע חברים־אַקטיאָרן. זיי האָבן, דורך אַ שליח פון דער אונ־טערערדישער אָרגאַניזאַציע, געהייסן מיר איבערגעבן, אַז זיי פילן זיך גוט און טרעטן דאָרט אויף מיט קאָנצערטן. אַפילו דאָרט, אין לאַגער, האָבן נאָך יידישע אַקטיאָרן פאַרשאַפט פרייד מיט זייערע אַרטיסטישע אַרויסטרעטונגען די 15.000 יידן, וואָס זענען געווען פאַרשיקט אין פּאָ־ניאַטאָווער לאַגער.

ווען מען האָט די גרופּע אַקטיאָרן אַרויסגעפירט פון פּאָניאַטאָוו אויף

מכלומרשטן אויסטויש קיין אויסלאַנד, האָט זיך צווישן זיי אויך געפונען שלמה קוטנער.

אין מאידאַנעק, אין דעם שוידערלעכן מאָרד־לאַגער, וווהין מען האָט די אַקטיאָרן געבראַכט, איז שוין קוטנער מער נישט געווען טעטיק אַלס אַקטיאָר.

דעם 3טן נאָוועמבער 1943 האָט שלמה קוטנער, צוזאַמען מיט די 18.000 יידן, פאַרענדיקט זיין לעבן אונטער די קלאַנגען פון שטראוס׳ „ווינער וואַלץ״, וועלכן ער האָט ביים לעבן אַזוי ליב געהאַט.

מאקס וויסקינד

אין יאָר 1933 האָב איך אין ווילנע אָנגעפירט מיטן ייִדישן פאָלקס־טעאַטער, אויף לודוויסאַרסקע 5, ווי אויך מיט דער ייִדישער דראַמאַטישער שול ביי דער ווילנער טעאַטער־געזעלשאַפט. צו דער זעלביקער צייט בין איך איינגעלאַדן געוואָרן אַלס לערער אין דער ווילנער העברעאישער דראַמאַטישער סטודיע, וועמענס פּאַטראָן ס׳איז געווען דער דאָרטיקער געזעלשאַפטלעכער טוער מאיר זיידשנור.

אַלס מיין ערשטע לאַבאָראַטאָרישע אַרבעט, וואָס איך האָב אויסגעקליבן פאַר די יונגע סטודיאַנטן, איז געווען „וואָלפּאָנע״ (דער טאַנץ אַרום עגל הזהב) פונעם אַלט־ענגלישן דראַמאַטורג בען דזשאָנסאָן, אין סטעפאַן צווייגס בינע־באַאַרבעטונג. די אַרבעט אין דער דאָזיקער סטודיע האָט מיר פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן. איך האָב דאָרט געפונען אַן אַרבעטס־גיריקן, קולטורעלן עלעמענט, וואָס האָט זיך צו דער טעאַטער־אַרבעט באַצויגן מיט דער גרעסטער ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט.

צווישן דער דאָזיקער ענטוזיאַסטישער סטודיאַנטן־גרופּע האָט זיך געפונען אַ יונגערמאַן פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, וואָס איז, פון איין זייט, געווען געבענטשט מיט גלענצנדיקע אויסערלעכע מיטלען: שלאַנק, שיין; אַ ליכטיק, איידל פּנים; גרויסע, אָפענע אויגן; אַ שוואַרצער קאָפּ האָר; פון דער אַנדערער זייט — געהאַט אַלגעמיינע בילדונג, אַ סך קולטור און אינטעליגענץ. דער דאָזיקער יונגערמאַן — מאַקס (מיטיאַ) וויסקינד — איז אין אַ קורצער צייט אַרום געוואָרן מיין אַסיסטענט. קיין גרויסן אַקטיאָרישן טאַלאַנט האָט ער נישט געהאַט, דאַקעגן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענדעניש און פעאיקייטן פאַר רעזשי.

פון דער געמיינזאַמער אַרבעט, ווי אויך פון די אָפטע שמועסן, וועלכע

איך האָב מיט אים געפּירט, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דאָס ייִדישע טעאַטער וועט נאָך פון דעם יונגנמאַן האָבן אַ סך נחת. איך האָב אים געראָטן צו פאָרן קיין וואַרשע און אַריינטרעטן אין מלוכהשן אינסטיטוט פאַר טעאַטער־קונסט.

מאַקס וויסקינד (זיצט דער ערשטער רעכטס אין דער אונטערשטער רייע) מיט דער ווילנער העברעאישער טעאַטער־סטודיע בעת זייער ערשטן אויפטריט אין וואַרשע לכבוד ח. נ. ביאַליקס באַזוך. דאָס דאָזיקע בילד איז געמאַכט געוואָרן אין די סאַלאָנען פון וואַרשעווער „בני־ברית" און אין דער מיטלסטער רייע געפינען זיך: משה גאָרדאָן (שטייט), מ. מייזעל, ד"ר יצחק שיפּער, יצחק גרינבוים, פּראָפ' ד"ר משה שאָר, דער דיכטער יעקב כהן, ד"ר מאיר קלומעל, חיים נחמן ביאַליק, דער רעזשיסער איוואָ גאַל, צבי וויינבערג, ד"ר נייגער און מאיר זייד־שנור. אין דער אויבערשטער רייע שטייען צווישן אַנדערע: פּינטשוק, קאָוואַרסקי, משה רון (דאַנציגערקאָרן), פיינזילבער, זאַבלודאָווסקי, ריוואַ זיידשנור, מאָטיע דאַנישעווסקי, וויסקינדס פרוי מאַשאַ באַביצקי, סגולה בערנשטיין, טאַניאַ וועקסלער, וואָלף מאַרקעוויטש און בעטיאַ באַדיאַן. אין דער אונטערשטער רייע זיצן, אויסער וויסקינדן, אהרן גראָדזשענסקי, מענדל קליאַטשקאָ, אַניאַ ראַבינאָוויטש, ש. וועקסלער, מוריק, אידאַ נעלקען א"אַ.

נאָך אין דעם זעלביקן יאָר איז מאַקס וויסקינד געוואָרן אַ סטיפּענדיסט פונעם דאָזיקן אינסטיטוט. זיין וואַרשעווער פריינט משה בערגמאַן האָט אים איינגעאָרדנט אינעם עמיגראַנטן־האָטעל אויף מילנע גאַס, פון וועלכן ער איז געוואָרן דירעקטאָר. דאָרט האָט וויסקינד געוווינט אַ געוויסע צייט צוזאַמען מיטן דיכטער איציק מאַנגער.

מאַקס וויסקינד איז געוואָרן סטודענט פונעם רעזשי־קורס ביים העכערן אינסטיטוט פון טעאַטער־קונסט. עס האָט זיך מיט אים שטאַרק פאַר־

אינטערעסירט דער לייטער פֿונעם אינסטיטוט אַלעקסאַנדער זעלווערעוויטש און דער לייטער פון די רעזשי־קורסן, דער באַרימטער רעזשיסאָר לעאָן שילער.

ווען קלאַראַ סעגאַלאָוויטש האָט איינגעלאַדן שילערן אויפצופירן אין איר „טעאַטער פאַר יוגנט" שעקספּירס „שטורעם", האָט שילער צוגעצויגן וויסקינדן אַלס זיין רעזשי־אַסיסטענט.

נאָכן פאַרענדיקן דעם מלוכהשן אינסטיטוט איז וויסקינד אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס רעשיסאָר און אַקטיאָר אין פּוילישן שטאָטישן טעאַטער אין ווילנע, ווו ער האָט געאַרבעט גאַנצע צוויי סעזאָנען. דערנאָך האָט וויסקינד געאַרבעט מיטן וואַרשעווער „יונג־טעאַטער", וואָס איז צו יענער צייט געווען אויף אַ טורנע איבער דער פּראָווינץ.

נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, ווען די סאָוויעטן האָבן פאַרנומען ביאַליסטאָק, האָט וויסקינד געאַרבעט אַלס רעזשיסאָר פונעם דאָרטיקן ווייסרוסישן ייִדישן מלוכה־טעאַטער, ווי אויך אין שטאָטישן קונסט־אָפּטייל אַלס טעאַטער־רעפערענט. שפּעטער פאָרט מאַקס וויסקינד אין זיין געבוירן־שטאָט ווילנע, ווו ער אַרבעט אינעם דאָרטיקן ייִדישן טעאַטער. נאָכן פאַרנעמען ווילנע דורך די דייטשן מאַכט וויסקינד דורך דעם גאַנצן גיהנום; ער ווערט אַ בוי־אַרבעטער ביי אַ דייטשישער אונטערנעמונג. זיין שיינע פרוי, מאַשאַ באַביצקי, אויך אַ סטודענטין פון דער העברעאישער סטודיע אין ווילנע, ווערט אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אומגעבראַכט דורך די דייטשן.

אין ווילנער געטאָ רעזשיסירט וויסקינד אין דאָרטיקן ייִדישן טעאַטער. זיינע פריינט פון וואַרשע באַשליסן אין יאָר 1942 אים אַראָפּצוברענגען קיין וואַרשע, אין געטאָ אַריין. דאָס געלינגט זיי פאַר אַ גרויסן פּרייז. דאָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויף פאָלגנדיקן אופן: מען האָט פון וואַרשע אַרויסגעשיקט קיין ווילנע צוויי דייטשן, וועלכע זענען מכלומרשט ספּעציעל געקומען, כדי צו אַרעסטירן וויסקינדן און אים ברענגען קיין וואַרשע, ווו ער דאַרף געמשפּט ווערן פאַר אַ פּאָליטישן פאַרברעכן. אויף אַזאַ אופן האָט מען פון ווילנער געטאָ געבראַכט קיין וואַרשע אַ רייע אָנגעזעענע ייִדן. צווישן דער דאָזיקער גרופּע האָבן זיך געפונען: דער באַקאַנטער ייִדישער כירורג ד"ר סאָלאָווייטשיק, דער די־

רעקטאָר פון וואַרשעווער אַסעקוראַציע־געזעלשאַפט „איראַפּע״ — גאָלד־מאַן און דער פילם־רעזשיסאָר הענריק שאַראָ.

קומענדיק קיין וואַרשע, אין געטאָ אַריין, האָט זיך וויסקינד אַ צייט לאַנג געמוזט אויסבאַהאַלטן, מען זאָל אים נישט פאַרשיטן. אין מאַי 1942 האָט וויסקינד אויפגעפירט אין וואַרשעווער „עלדאָראַדאָ״־טעאַטער לעאָן קאָברינס „דאָרפס־יונג״. דאָס איז געווען אַ גרויס קולטור־געשעעניש אין וואַרשעווער געטאָ. וויסקינד האָט פון קאָברינס „דאָרפס־יונג״ געמאַכט אַ טעאַטראַלע לייסטונג, וואָס האָט ביי אַלע אַרויסגערופן גרויס באַוווּנ־דערונג. מיטן אַנסאַמבל, וואָס האָט געשפּילט „ציפּקע פייערס״ און ענלעכע פּיעסן, האָט וויסקינד געשאַפן אַ מוסטער־פאַרשטעלונג, פון וועלכער יע־דער איינער אַקטיאָר האָט אַרויסגעגלאַנצט אין זיין ראָל.

אין דער דאָזיקער אויפפירונג האָט זיך אַרויסגערוקט אויפן ערשטן פּלאַן אַ יונגער, ביז־גאָר טאַלענטירטער אַקטיאָר — האַרי זיידערמאַן, דער זון פון די אַקטיאָרן דוד זיידערמאַן און חנה לערנער, וואָס האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער הויפּט־ראָל — „יאַנקל בוילע״.

אויך די איבעריקע אָנטיילנעמער פונעם „דאָרפס־יונג״, די שפּעטער טראַגיש־אומגעקומענע אַקטיאָרן: דאָראַ פאַקעל, אידאַ נאַטאַן, עווא שטאָק־פעדער, אַברהם קורץ, מאַקס ברין, שמחה ראָזען, שלמה קוטנער, מאיר ווינדער, יוסף אָרנשטיין, שלמה קאָן און אַלע אַנדערע האָבן זיך אין דער פאָרשטעלונג ווי ביי אַנטפּלעקט. אַ ווונדערבאַרע מוזיקאַלישע אילוסטראַ־ציע האָט געשאַפן פּראָפעסאָר י. זאַקס; גלענצנדיקע דעקאָראַציעס — א. ליבערמאַן. און איבער אַלץ און אַלעם האָט מען געפילט די קולטורעלע, טאַלענטירטע האַנט פונעם רעזשיסאָר מאַקס וויסקינד.

דאָס איז געווען זיין לעצטע אויפפירונג, ווי בכלל די לעצטע אויפפּי־רונג פון טעאַטער „עלדאָראַדאָ״.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די עטאַפּנווייזע ליקווידאַציע פונעם וואַרשעווער יידנטום. מאַקס וויסקינד געפינט זיך צוזאַמען מיט מיר אויף מילנע גאַס, ווו ער האָט אַמאָל געוווינט אין עמיגראַנטן־האָטעל. איצט וווינט ער אין דער זעלביקער געביידע. מיר אַרבעטן אין איין „שאָפּ״.

אינעם דאָזיקן „שאָפּ״ אויף דער מילנע גאַס האָט זיך גרופּירט, בעת דער ערשטער „אַקציע״, כמעט די גאַנצע יידישע אַרטיסטישע וועלט,

וואָס איז צו יענער צייט איבערגעבליבן אין וואַרשע. דאָרט האָבן זיך געפונען מעטאַל־וואַרשטאַטן, ווו דער טעאַטער־געשעפטס־פירער דוד העלפמאַן איז געווען „שאָפּ"־פאַרוואַלטער. נעבן מאַקס וויסקינדן איז גע־שטאַנען ביים וואַרשטאַט, פאַרקאַשערט די אַרבל, דער אָפּערעטן־רעזשי־סאָר און אַקטיאָר קאַרל צימבאַליסט; נעבן באַקאַנטן אימפּרעסאַריאָ, דעם קליינטשיקן יאַנקעלע דאַנציגער — דער אַקטיאָר דוד לואי; נעבן מיר — אַברהם קורץ.

ביי איין טיש פון גאַלאַנטעריע־אויסאַרבעטונגען זענען געזעסן: דיאַנאַ בלומענפעלד, עווא שטאַקפעדער, יוכבד זילבערג, רעגינאַ צוקער, פעלאַ גאַרבאַזש, דינה שאַיעוויטש, די פרויען פון די אַקטיאָרן הערש האַרט, לייב פרידמאַן, מאַרק מאַראַווסקי און די אַקטריסע דאָראַ פאַקעל (צוקער און פאַקעל זענען שפּעטער אַריבער אין אַן אַנדערן „שאָפּ").

אין די אַנדערע וואַרשטאַטן אויף דער מילנע גאַס האָבן זיך געפונען די איבעריקע אַקטיאָרן און די גאַנצע גרופּע מאָלער־פּלאַסטיקער, וואָס האָבן זיך געפונען אין וואַרשע, בראש מיטן סקולפּטאָר אָסטשעגאַ און דעם קונסט־מאָלער וויינטרויב.

די לאַגע אין געטאָ איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער. עס ווערט „אָפּגעשווענקט" איין יידישע גאַס נאָך דער אַנדערער. די ריי קומט אויך אויף אונדזער מילנע גאַס. אינעם ערשטן עטאַפּ, ווען די דייטשן האָבן אַרויסגעריסן פון דער מילנע גאַס אַ טייל „שאָפּ"־אַרבעטער, איז וויסקינד נאָך געבליבן.

אַזוי ווי איך און מיין משפחה זענען בעת דער ערשטער „אַקציע" אויף דער מילנע גאַס שוין איין מאָל „אַריינגעפאַלן" און נאָר על פי נס איז אונדז געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיך פונעם „אומשלאַגפּלאַץ", בין איך שוין געווען זייער פאַרזיכטיק. דעם 27סטן סעפּטעמבער 1942 האָבן די דייטשן דורכגעפירט אַ גרעסערע „יידן־רייניקונג" אין גרויסן געטאָ. דאָס איז געווען אין די פאַרמיטאָג־שעהן. עס איז געווען פאַרויסצוזען, אַז נאָכמיטאָג וועלן די אומגעבעטענע געסט, די דייטשן, קומען צו אונדז אויף דער מילנע גאַס. איך האָב אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט אַלע מיינע חברים פון דער מילנע גאַס און איך האָב זיי געראָטן צו גיין מיט מיר אין גרויסן געטאָ אַריין, ווו ס'איז דעם זעלביקן טאָג, פאַרמיטאָג,

שוין פאַרגעקומען אַן „אַקציע״. אייניקע חברים, ווי אַברהם קורץ, קאַרל צימבאַליסט, דוד לואי, יאַנקעלע דאַנציגער, זענען אַוועק צוזאַמען מיט מיר און מיין פרוי אין גרויסן געטאָ אַריין. דאָרט האָבן מיר באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן ביז די אָונט־שעהן, ווען די „אַקציעס״ ווערן שוין נישט דורכגעפירט. מאַקס וויסקינד, פונקט ווי די איבעריקע חברים, האָבן זיך נישט געקענט באַשליסן מיטצוגיין מיט אונדז. זיי האָבן געהאַלטן, אַז היות ס׳איז שוין איינמאָל געווען ביי אונדז אויף דער מילנע גאַס אַן „אַקציע״, וועט זי זיך אַזוי גיך נישט איבערחזרן. זיי זענען, צום אומגליק, פאַרבליבן אויף דער מילנע גאַס.

מיר האָבן זיך דורך זייטן־געגנג אַריינבאַקומען אויף דער זאַמענהאָף (דזשיקע) גאַס, אין אַפּראָוויזאַציע־אַמט. 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג האָבן צימבאַליסט און דאַנציגער דערקלערט, אַז מ׳קען שוין רואיק אַהיימגיין. ס׳האָט נישט קיין שום זין לענגער צו וואַרטן. מיין פרוי און איך האָבן אָבער באַשלאָסן נישט צו רירן זיך פון אָרט ביז עס וועט נישט אָנהויבן צוצופאַלן די נאַכט. די אומגעדולדיקע צימבאַליסט, דאַנציגער און לואי האָבן אונדז פאַרלאָזט און אַוועק אַהיים. קורץ איז פאַרבליבן מיט מיר און מיין פרוי.

אַרום 7 אַ זייגער האָבן מיר אויך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אונדזער אָרט און ענדלעך גיין אַהיים. אויפן וועג האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטש... ביים ראָג דזשעלנע און זאַמענהאָף האָבן מיר באַגעגנט אַ פאַרבייפאָרנדיקע פור, אויף וועלכער ס׳איז געשטאַנען מיינס אַ באַקאַנטער. באַמערקנדיק מיך, האָט ער אַראָפּגעשריגן פון דער פור: „פּאַניע טורקאָוו, אַנטלויפט, מען פירט די מילנע גאַס!״ מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן צו די נאָענטסטע חורבות (זאַמענהאָף 6), כדי זיך דאָרט צו באַהאַלטן. אין די חורבות האָבן מיר געטראָפן אונדזערס אַ באַקאַנטע, וועלכע האָט אונדז געזאָגט, אַז זי וואַרט דאָ איבער, כדי צו קענען גיין צו אירע אַלטע טאַטע־מאַמע. זי האָט — זאָגט זי — מיט זיך סם און זי וויל אירע אַלטע עלטערן אַליין פאַרסמען, כדי זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן צו די דייטשן אין די הענט אַריין...

פלוצלונג האָבן זיך דערהערט עטלעכע שאָסן. מיר האָבן אָפּגעוואַרט אַ פּאָר מינוט און איך האָב פאַרזיכטיק אַרויסגערוקט דעם קאָפּ און דערזען ס.ס.־לייט פירן אַ גרופּע יידן. איך בין ווי פאַרגליווערט געוואָרן. דאָס

האָט מען געפירט די גאַנצע מילנע און אַ טייל נאָוואָליפּיע גאַס. צווישן די אומגליקלעכע האָבן זיך געפונען אַלע אַקטיאָרן מיט מאַקס וויסקינדן אינדערמיט. צווישן דער גרופּע זענען אויך געווען קאַרל צימבאַליסט, יאַנקעלע דאַנציגער און דוד לואי, וואָס האָבן זיך אַזוי געאײַלט אַהיים.

מאַקס וויסקינד איז געווען אין בלויזן אַרבעטס־העמדל, פאַרקאַשערט די אַרבל, און ער האָט מאַרשירט מיט זײַן שײנעם אויפגעהויבענעם קאָפּ, שטאָלץ און ווירדיק, אַרומגערינגלט דורך זײַן אַנסאַמבל, וואָס האָט נישט לאַנג צוריק נאָך געפײַערט גרויסע טריאומפן אין זײַן אויפפירונג פון „דאָרפס־יונג". דער וועג זײַערער איז דאָס מאָל געווען אַ קורצער — טרעבלינקע!

דאָס איז געווען מאַקס וויסקינדס לעצטער טורנע; פון דעם טורנע איז ער און זײַנע חברים שוין מער נישט צוריקגעקומען...

זשאַק לעווי

מיט 30 יאָר צוריק בין איך אַרומגעפאָרן מיט מיין חבר, דעם אַקטיאָר זשאַק לעווי, איבער דער פוילישער פראָווינץ. מיר האָבן דעמאָלט געשפּילט שענהאַרס טראַגעדיע „ווייבס טייוול" (איבערזעצט פון שושנה און לאַזאַר קאַהאַן). אונדזער פּאַרטנערין איז דעמאָלט געווען מוסיאַ קורץ־לאַנגמאַן (שפּעטער האָט זי, געהייסן: סמאָרגאָנסקי).

אין שטעטל שערפּץ, וווּ מיר האָבן, צווישן אַנדערע, געשפּילט די דאָזיקע פּיעסע, האָבן מיר נאָך דער פאָרשטעלונג זיך אָוועקגעזעצט צום אָוונטברויט אין דער אכסניה און געמאַכט דערביי אַ כוסה. מיין חבר זשאַק לעווי האָט ליב געהאַט צו מאַכן אַ כוסה. איך האָב עס אויך נישט פיינט געהאַט. האָבן מיר טאַקע, צווישן איין גלעזל און צווייטן, פאַרפירט אַ שמועס וועגן אַקטיאָרן און שרייבערס. סיי זשאַק לעווי און סיי איך האָבן שוין דעמאָלט „געזינדיקט" מיט דער פעדער.

— איך האַלט, — האָט ער געזאָגט, — אַז אויב איינער פון אונדז וועט פריִער שטאַרבן, וועט דער לעבן־געבליבענער מוזן אָנשרייבן וועגן פאַר־שטאָרבענעם אַ הספד־אַרטיקל.

זשאַק לעווי איז דערביי אַריינגעפאַלן אין גרויס עקסטאַז און ער האָט גאַנץ ערנסט געפאָדערט פון מיר אַ וואָרט, אַז אין פאַל, ווען איך וועל

אים איבערלעבן, — ווייל איך בין פון אים אַ סך יינגער, — זאָל איך שרייבן וועגן אים; אויב אָבער איך וועל פריער שטאַרבן, וועט ער, זשאַק לעווי, שרייבן וועגן מיר.

דאָס איז געווען אין אַ ווינטער־נאַכט 1921. דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל בלייבן ביים לעבן — מוז איך דערפילן מיין טרויעריקן חוב און איך האַלט וואָרט. ווען איך האָב אָבער מיין וואָרט געגעבן מיט 30 יאָר צוריק, האָב איך באַין אופן נישט געטראַכט, אַז אונדז דערוואַרט אַזאַ קאַשמאַרפול לעבן; אַז מיר וועלן דאַרפן דורכמאַכן אַ צייט פון געטאָס, סעלעקציעס, אויסזידלונגען, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, גאַז־קאַמערן און קרע־מאַטאָריעס...

זשאַק לעווי האָט זיין טעאַטער־קאַריערע אָנגעהויבן אין אויסלאַנד. ער האָט געשפּילט אין פראַנקרייך, רומעניע, עסטרייך און אונגאַרן. אומע־טום געהאַט דערפאָלג. זיין גלאַנץ־פּעריאָד האָט ער איבערגעלעבט אין אונגאַרן, ווו די גאַנצע אונגאַרישע פּרעסע האָט אים ממש „געטראָגן אויף די הענט". מען האָט אים פאַרגליכן צו אַלעקסאַנדער מאָיִסי — דעם גרויסן מייסטער פון וואָרט. מאָלנאַר, לענגיעל, שענהער און אַנדערע האָבן גע־שריבן וועגן אים ווי וועגן אַן אַנטפּלעקונג.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג קומט לעווי צוריק קיין וואַרשע, פון וואַנען ער איז זיינער צייט אַנטלאָפן פון מיליטער. ער טרעט אויף אין וואַרשע־ווער „עליזעאום"־טעאַטער אין יאָר 1920. דוד פרישמאַן און ה. ד. נאָמ־בערג האָבן מיט באַגייסטערונג געשריבן וועגן זיינע וואָרט־קאָנצערטן.

אין 1921 פירט ער אויף אין וואַרשעווער „צענטראַל"־טעאַטער אויף לעשנאָ גאַס לענגיעלס „דער שאָטן". דאָס איז געווען מיין ערשטער אויפ־טריט מיט אים.

אין יאָר 1925 האָב איך צוזאַמען מיט זשאַק לעווי אָרגאַניזירט אַ וואַנדער־טעאַטער. מיר האָבן געשפּילט צוויי פּיעסן: „דער גיבור אין קייטן" פון וויקטאָר הוגאָ און „שולדיק" פון ריכאַרד פאָס. אין דער טרופּע זענען געווען: דיאַנאַ בלומענפעלד, פעלע גאַרבאַזש, משה גאַרבאַזש, ש. ציקאַרניק, הדסה, ה. פלאום און מירביידע. אונדזער געשעפטס־פירער איז געווען א. גאַריעלאָוו, געוו' סעקרעטאַר פון יידישן אַרטיסטן־פאַריין אין פוילן.

דער דאָזיקער טורנע האָט זיך מיר טיף איינגעקריצט אין זכרון, ווייל ער איז פאַרבונדן מיט אַ לאַנגער קייט פון קאָמישע פּאַסירונגען, הגם מיר האָבן געשפּילט בלויז ערנסטע זאַכן. איינעם אַזאַ עפּיזאָד וויל איך טאַקע איבערגעבן.

אין שטעטל סאָכאַטשעוו, וואָס ליגט נישט ווייט פון וואַרשע, האָבן מיר געשפּילט — ווי אין ס׳רוב שטעטלעך אויף דער פּוילישער פּראָ־ווינץ — אין אַ פייערלעשער־בודע, ווו מען פלעגט האַלטן די וועגענער און לייטערס צום לעשן שריפות. ווען ס׳האָט געדאַרפט פאָרקומען אַ פאָר־שטעלונג, האָט מען די אַלע זאַכן אַרויסגעשטעלט אויף דער גאַס און דאָרטן אַריינגעשטעלט לאַנגע בענק, וועלכע מען האָט אויסגעבאָרגט אין דער שול און אין ביבליאָטעק. פון ברעטער האָט מען צונויפגעקלאַפּט אַ „בינע״, וואָס איז געוואָרן אָפּגעטיילט פון זאַל מיט צוויי ליילעכער צום פאַררוקן.

אין טאָג, ווען מיר האָבן געשפּילט אין סאָכאַטשעוו, איז געווען אַ גרויסער רעגן און ס׳האָט אויך אַריינגערעגנט אין „זאַל״ אַריין. דער עולם איז געזעסן מיט די רעגנשירעמס אין די הענט. ביז צום לעצטן אַקט פון „גיבור אין קייטן״, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געשפּילט, איז אַלץ דורכגעגאַנגען כשורה, נישט רעכענענדיק דעם געזויש פון די טראָפּנס רעגן, וואָס האָבן ריטמיש אָפּגעהילכט אויף די רעגן־שירעמס און דערמיט צעשטערט אַלע רואיקע שטימונגס־סצענעס — ביז עס איז געקומען צום סוף פונעם לעצטן אַקט. דאָ האָט זיך דער פאָרהאַנג פאַרהאַקט און באַין אופן זיך נישט געוואָלט פאַררוקן, נישט געקוקט אויף די איבערמענטש־לעכע אָנשטרענגונגען פון אונדזער געשעפטס־פירער גאַריעלאָוו, וועלכער האָט „אייגנהענטיק״ געצויגן דעם פאָרהאַנג...

זשאַק לעווי, וואָס האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל זשאַן וואַל זשאַן, האָט שוין לאַנג געהאַט אויסגעהויכט זיין זינדיקע נשמה — לויט דער פּיעסע — און געלעגן אויף אַן אויסגעבעטענעם פאָטער־שטול — אַ טויטער... פּלוצלונג האָט זיך דערהערט, ווי דער פאָרהאַנג האָט זיך האַסטיק פאַר־רוקט. דער מת — זשאַק לעווי — האָט זיך אויפגעשטעלט, אַראָפּגענומען פון זיך די קאָלדרע, מיט וועלכער ער איז געווען צוגעדעקט און זיך גע־לאָזט אין די אונטער־הויזן אין דער גאַרדעראָב אַריין. אין דעם מאָמענט

האָט זיך דערהערט אַ ספּאָנטאַן־הילכיק געלעכטער פון זאַל. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט זיך פאַררוקט נאָר איין העלפט פון פאָרהאַנג. די צווייטע העלפט — גראָד די, וואָס האָט געדאַרפט פאַרשטעלן דעם „מת", האָט זיך נישט פאַרמאַכט און די העלפט בינע איז געבליבן אָפן. ווען זשאַק לעווי איז אויפגעשטאַנען, זייענדיק זיכער, אַז דער פאָרהאַנג איז פאַררוקט, איז שוין געווען צו שפּעט זיך צוריקצוציִען און ער איז, אין די אונטערהויזן, פאַרשטעלנדיק זיך מיט דער קאָלדרע, אַראָפּגעלאָפן פון דער בינע. דער עולם, זעענדיק ווי דער „מת", אַגב אַ האַלב־נאַקעטער, איז אויפגעשטאַנען תחית המתים, האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער... מיר, די אַקטיאָרן אויף דער בינע, האָבן דערגענצט דאָס געלעכטער.

כמעט אין יעדער שטאָט און שטעטל האָט מיט זשאַק לעווי געטראָפן עפּעס אַ קאָמישע פּאַסירונג — יעדעס מאָל אויף אַן אַנדערן אופן.

אַ לאַנגע צייט פאַרן צווייטן וועלט־קריג האָט זשאַק לעווי קיין טע־אַטער נישט געשפּילט. ער האָט זיך פאַרנומען מיט רעציטאַציעס.

פּובליציסטיש איז זשאַק לעווי די לעצטע יאָרן פאַרן קריג געווען זייער פּרוכטבאַר. אין יעדן פרייטיקדיקן נומער פון וואַרשעווער „אונ־דזער עקספּרעס" האָט מען געפונען זשאַק לעוויס טיילמאָל ביז גאָר גע־לונגענע אַרטיקלען. ס'רוב פלעגט ער שרייבן הומאָריסטישע פעליעטאָנען און שטייגער־בילדלעך, וועלכע פלעגן שטאַרק אויסנעמען ביים עולם, — אָבער נישט ווייניקער פלעגט ער אַליין האָבן פון זיי הנאה. מיט אומ־געדולד האָט ער געוואַרט אויפן פרייטיקדיקן נומער פון דער צייטונג, ווו עס איז געווען זיין אַרטיקל.

די זעצערס, וועלכע האָבן דאָס געוווּסט און האָבן זשאַק לעווין אַגב זייער ליב געהאַט, האָבן אָבער פון צייט צו צייט אויך ליב געהאַט אים אָפּצוטון פאַרשיידענע „דרוק־שפּיצלעך", ווי פאַרדרייען די זאַצן פון זיינע אַרטיקלען, אָדער אָנגעבן אַלס מחבר אָנשטאָט זשאַק לעווי — זשאַק ראַפּאָפּאָרט, אָדער זשאַק זילבערבערג...

די אומשולדיקע „שפּיצלעך" פלעגן זשאַק לעווין פאַרשאַפן פיל פאַר־דרוס און ער פלעגט זיך שטענדיק באַקלאָגן אויף זיינע „בלוטיקע שונ־אים" — די זעצערס...

אַלס רעציטאַטאָר פלעגט זשאַק לעווי אַרומפאָרן איבער פוילן אין דער ברייט און אין דער לענג און מהנה זיין דעם עולם פון די פאַר־וואָרפנסטע שטעטלעך מיט נחמן ביאַליקס „שחיטה־שטאָט" און „ירמיהו" פון סטעפאַן צווייג, וואָס האָט, אַגב, געהערט צו זיינע באַליבטסטע מחברים. זשאַק לעווי האָט מיט ביאַליקס און צווייגס טעקסטן מוסר געזאָגט און געוואָרנט פאַרן חורבן — ווי ער אַליין וואָלט אים פאָרויסגעזען...

בעת איינער פון זיינע רייזעס, ווען ער איז געפאָרן מיט רעציטאַ־ציעס אין אַ וויט־פאַרוואָרפן שטעטל, האָט ער אין באַן־קופע זיך באַגעגנט מיט אַ ייִדן, מיט וועלכן ער האָט פאַרפירט אַ שמועס וועגן ייִדישער לי־טעראַטור און ייִדישע שרייבער. זשאַק לעווי האָט זיך פאַר אים פאָרגע־שטעלט:

— איך בין זשאַק לעווי!

דער שכן האָט, פון זיין זייט, אָנגערופן זיין נאָמען און אויסגעדריקט פרייד צו האָבן די געלעגנהייט ענדלעך צו באַקענען פערזענלעך זשאַק לעווין.

ווען דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו דער סטאַציע, ווו זשאַק לעווי האָט זיך געקליבן אויסצושטייגן, האָט דער באַן־שכן, וואָס איז גע־פאָרן נאָך ווייטער, זיך געווענדט צו אים מיט די ווערטער: אַנטשולדיקט מיר פאַר מיין דרייסטקייט, פּאַניע זשאַק לעווי, — אייגנטלעך מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך?...

זשאַק לעווין האָט שטאַרק פאַרדראָסן די דאָזיקע איגנאָראַנטע פראַגע און ער האָט זיך אָפּגערופן:

— אייגנטלעך, וואָס אינטערעסירט דאָס אייך אַזוי שטאַרק?...

אויף דעם האָט דער שכן געענטפערט:

— זינט אַ יאָר צייט לייען איך יעדן טאָג אין צייטונג: „זשאַק לעוויס אַדרעס איז פּאַנסקע 63 און עד־היום ווייס איך נישט מיט וואָס זשאַק לעווי באַשעפטיקט זיך"...

דעם דאָזיקן אַנאָנס פון זשאַק לעווי פלעגט מען טאַקע לייענען טאָג־טעגלעך אין דער ייִדישער צייטונג.

דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט זשאַק לעווין געטראָפן אין וואַרשע, אין זיין היימשטאָט. נאָך פאַרן איינפירן ס׳געטאָ, אָבער שוין אין

פעריאָד פון אָרעמבענדער אויף יידישע קליידער, פלעגט זשאַק לעווי אַרומגיין איבער די גאַסן אָן דעם יידן־אָפּצייכן.

— מיט אַ מגן־דוד שטאָלציר איך! — פלעגט ער זאָגן (אַגב איז ער געווען אַן אַקטיווער ציוניסט), — אָבער צו שפּאָט וועל איך אים קיינמאָל נישט טראָגן.

דאָס איז געווען אַ קאַמף פון דאָן קיכאָט מיט דער ווינט־מיל. די צייט איז אָבער געווען שטאַרקער פון זיין ווילן. סוף כל סוף האָט זיך דער אָרעמבאַנד מיטן מגן דוד געפונען אויך אויף זיין האַנט...

לאַנגע אָוונטן פלעגט זשאַק לעווי אָפּזיצן ביי מיר אין שטוב און איך האָב געמוזט אָפּהיטן, ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן די פּאָליציי־שעה. ביי זיין גאַנצער לעבנס־רייפקייט איז ער געווען קינדיש־נאַאיוו און איינגע־עקשנט און ער האָט געמיינט, אַז אַפילו די דייטשישע אַכזרים וועלן אים מוחל זיין זיינע קאַפּריזן...

זשאַק לעווי האָט אויך שלום געמאַכט מיטן אַרטיסטן־פאַריין, מיט וועלכן ער פלעגט יאָרן לאַנג פירן זיין חשבון, און ער איז געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער אין דער אַרטיסטן־קיך, אויף לעשנאָ 2, אויף אַ ביסל „קיבעץ" און פּאָליטיק.

ווען ס'האָבן זיך אין געטאָ אָנגעהויבן אַרטיסטישע פאַראַנשטאַלטונ־גען, איז זשאַק לעווי ווידער אויפגעטראָטן מיט זיינע רעציטאַציעס, צווישן אַנדערעס — מיט די נייעסטע שאַפונגען פון יצחק קאַצענעלסאָן, וואָס איז געווען זיין נאָענטסטער, אינטימסטער פריינט. מען האָט תמיד געקענט טרעפן צוזאַמען יצחק קאַצענעלסאָן מיט זשאַק לעווין.

אויף די „עונג־שבתים" פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער קיך האָט זשאַק לעווי געהערט צו די חשובסטע געסט. מען האָט זשאַק לעווין אויך פאַרבעטן אויף די „עונג־שבתים" צום שעף פון „13־טל" — אַברהם גאַנצווייך, צו וועלכן עס פלעגן זיך יעדן שבת צונויפקומען אַנגעזעענע יידישע שרייבערס. זשאַק לעווי האָט זיך אָבער, פּונקט ווי דאָס האָט גע־טון זיין נאָענטסטער פריינט יצחק קאַצענעלסאָן, פון דעם גרויסן „כבוד" אָפּגעזאָגט...

זשאַק לעווין האָט מען אויך פאָרגעלייגט אַן „ערן־אַמט" אין דער יידישער פּאָליציי און ער האָט עס, להיפּוך צו אונדזער פּאַטענטירטער

אינטעליגענץ, וואָס האָט דאָרט באַזעצט די הויפּט־פּאָסטנס, מיט עקל אָפּגעוואָרפן, נישט געקוקט אויף דער ביז גאָר שווערער מאַטעריעלער לאַגע, אין וועלכער ער, ווי דער רוב פון זיינע חברים־שרייבער און אַקטיאָרן האָט זיך געפונען אין וואַרשעווער געטאָ. אַזוי האָט ער זיך געמאַטערט, ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַזוי גערופענע „אויסזידלונג", דאָס הייסט די ערשטע אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ (22סטער יולי 1942).

זשאַק לעווי איז אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטע מויז פון איין „שאָפּ" צום אַנדערן. „איך בין זשאַק לעווי, איר קענט דאָך מיך אַלע"... — אָבער דאָס האָט די האַרטע „שאָפּ"־באַלעבאַטים נישט גערירט. זיי האָבן שוין פאַרגעסן ווער עס איז געווען זשאַק לעווי. איצט איז פאַר זיי זשאַק לעווי געווען אַ פשוטער נומער, און פאַר אַ נומער, כדי אים צו רעגיסטרירן, דאַרף מען גראָב באַצאָלן. זשאַק לעווי האָט אָבער קיינמאָל, אַפילו אין די גוטע צייטן, קיין געלט נישט געהאַט. זיינע פריינט און פאַרערער פון „קאַפע גערטנער", „מעטראָפּאָל" און „פּיקאַדילי", וואָס האָבן אַמאָל גע־קענט „שטעלן" זשאַק לעווין אַ „כוסה מיט אַ פאַרבייסעכץ", זענען היינט געוואָרן גרויסע דיגניטאַרן; זיי זענען היינט געוואָרן פּאָליציי־אָפיצירן, „יודענראַט־מענער" און „שאָפּ־דירעקטאָרן". זיי האָבן שוין פאַרגעסן וועגן דעם נעכטן און טראַכטן נישט וועגן דעם מאָרגן. זייער דעוויז איז: היינט! וואָס דו וועסט היינט נישט אַריינכאַפּן, וועסטו מאָרגן נישט האָבן. וואָס מיר חבר, ווער מיר חבר?! היינט זענען נישטאָ קיין חברים, נישטאָ קיין באַקאַנטע. מאָרגן קענסטו שוין אַליין נישט זיין צווישן די היינטיקע. בוץ־זשע אויס די געלעגנהייט, דעם טאָג — ווי עס לאָזט זיך. פרעס און זויף. היינט גייט אַלץ פראָ „קאָפּ". פאַר יעדן קאָפּ צאָלט מען היינט אין די טויזנטער. די טויזנטער קריכן דיר אַליין אין האַנט אַריין. דער מסחר מיט „קעפּ" בליט. קען מען דען מקריב זיין אַ גוט־באַצאָלטן „קאָפּ" פאַר אַזאַ קאָפּ, וואָס האָט געהייסן אַמאָל זשאַק לעווי?! פריִער צי שפּעטער וועלן מיר דאָך אַלע מוזן גיין. די לעבנסרעכט־קאַרטן האָבן דאָך אויך נישט קיין טערמינען. ווער עס איז שטאַרקער, ווער עס האָט קרעפטיקע עלנבויגנס, וועט זיך נאָך אויסקעמפן דעם היינט און אפשר דעם מאָרגן און — אפשר נאָך אַ פאָר מאָרגנס...

געענוג בלויז אַ קוק צו טון אויף זיין צורה, אויף דעם... ווי הייסט ער

דאָרט?... זשאַק לעווי... אַזאַ נעבעכדיקער, אויסגעמאָגערטער, אויסגעהונגערטער פּרצוף, וועט דאָך ביי דער ערשטער „סעלעקציע" סיִיווי אַריינפאַלן... וואָלט ער כאָטש געהאַט אַ פּאָר טויזנט זלאָטעס... מילא, פאַרפאַלן, וואָלטן זיי אים נאָך אַריינגעשטופּט אין „אַ שאָפּ" אַריין! אָבער אַזוי סתם פאַרנעמען אַ פּלאַץ פון אַ מענטשן, וואָס קען נאָך נוצלעך זיין סיי... פאַר זיי, סיי פאַר דער אַרבעטס־מאַשין, איז דאָך עפּעס סתם נישט יושרדיק...

איז זיך זשאַק לעווי געלאָפן ווי אַ געפייניקטער, פאַרפאָלגטער הונט, מיט זיינע גרויסע, איבערגעשראָקענע, גלעזערנע אויגן, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעפינקלט משוגעת־בליקן; געקלאָפּט פון טיר צו טיר, ביז — אַ מחנה צעווילדעוועטע ייִדישע פּאָליציאַנטן, אויסגעטון פון זייער מענטשלעכן לבוש, האָבן, בעת אַ געיעג נאָך „קעפּלעך", אַריינגעקריגן אין זייערע פעסטע הענט דעם מידן, אויסגעהונגערטן, צעווייטיקטן זשאַק לעווי און אים געשלעפּט גלייך צום וואַגאָן. פאַר שטעלן „אַ ווידערשטאַנד", ד"ה פאַר נישט וועלן גיין צום טויט, האָבן אים זיינע אייגענע ברידער שטאַרק צעממיתטט.

— איך בין זשאַק לעווי — האָט ער מיט די לעצטע כוחות געפּרוווט רירן די שטיינערנע הערצער פון די פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן פונקט אַזוי ווילד און אַכזריותדיק אַריינגעשטופּט אין די וואַגאָנען זייערע אייגענע טאַטע־מאַמע און זייערע נאָענטסטע.

און איידער דער וואַגאָן איז פאַרהאַקט און פאַרפּלאָמבירט געוואָרן, האָט נאָך דער אַסקעטישער קאָפּ פון זשאַק לעווי, פון וועלכן ס'האָט זיך געגאָסן דאָס בלוט, געפּרוווט זיך געבן צו דערקענען:

— איך בין זשאַק לעווי...

אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן מיין טייערער חבר זשאַק לעווי.

דוד זיידערמאַן

נאָך זיצנדיק אויף דער וועבשטול אין כאַפּושס הויף, אויף וואָלבאָרסקע גאַס 36, אין לאָדזש, האָט דוד זיידערמאַן, אַלס ייִנגל, אַרויסגעוויזן, אַז ער באַזיצט אַ פענאָמענאַ־לע שטימע. ביי דער אַרבעט האָט ער שטענדיק געזונגען און זיינע חברים, ווי אויך די עלטערע וועבערס האָבן געזאָגט: דודל וואַקסט אַ גרויסער חזן. דוד זיידערמאַן האָט מיט קיינעם נישט גערעדט און קיינעם נישט אַנפאַרטרויט. זיין חלום איז געווען צו ווערן אַ ייִדישער אַקטיאָר.

פון די קינדער־יאָרן אָן האָט זיידערמאַן געהאַט אַ שטאַרקן דראַנג צום ייִדישן טעאַטער און אַלע שבת נאָכמיטאָג איז ער געלאָפן צו זאַנד־בערגן אין טעאַטער און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם צוגעקוקט זיך צו דער

„פאַרכשופטער וועלט", וואָס איז געווען אויף דער בינע. און טאַקע נאָך אַזאַ וועלט האָט דוד געבענקט און שטילערהייט וועגן איר געחלומט. ער איז פון דער נאַטור געווען אַ פאַרמאַכטער אין זיך, אַ שווייגנדיקער. זיי־נער אַ חבר האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז ער געהער צו אַ קרייז, וואָס „שפּילט טעאַטער", און אויב דוד וויל, קען ער אים דאָרט אַריינפירן. פאַרשטייט זיך, אַז דוד האָט געוואָלט. ער האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט און עס האָט לאַנג נישט געדויערט און ער האָט אויך געהערט צו די „שפּילערס". ער האָט באַקומען אַ ראָל, צו וועלכער ער האָט געדאַרפט האָבן אַ לאַנגע קאַפּאָטע. נישט לאַנג געטראַכט, האָט ער שבת, ווען דער טאַטע האָט זיך געלייגט שלאָפן נאָכן עסן, צוגענומען זיין קאַפּאָטע און געלאָפן צו זיינע חברים־„שפּילערס".

צום שלימזל האָט זיך דער טאַטע אויפגעכאַפּט פון שלאָף פריִער ווי אַלעמאָל און געוואָלט מאַכן אַ שבתדיקן שפּאַציר. נאָר גיי מאַך אַ שפּאַציר, אַז ס'איז נישטאָ די קאַפּאָטע. ווען דוד איז צוריקגעקומען פונעם „שפּילן" אַהיים, האָט אים זיין טאַטע דערלאַנגט דעם אמתן פּסק. ער האָט אים גע־שלאָגן מכות רצח...

דער דאָזיקער פאַל האָט צוגעאײַלט דודס גיין צום טעאַטער. ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַוועקצופאָרן מיט „אַרטיסטן" און אַליין פאַרדינען אויף אַ קאַפּאָטע. ער איז אַוועק פון וועבער־וואַרשטאַט און זיך אַרויסגעלאָזט מיט פאַרשיידענע אַמאַטאָרן־טרופּעס איבער די שטעטלעך אַרום לאָדזש, ווו ער האָט זיך באַקענט מיט אַ בעלכאַטאָווער אַקטיאָר, דעם צוקונפטיקן קאָמיקער — צוויליך, וועלכער האָט אים אַריינגעפירט אין דער פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער־וועלט.

דערנאָך האָט אים יוליוס אַדלער אַנגאַזשירט צו זיך אין טעאַטער און פון דעם טאָג אָן איז דוד זיידערמאַן געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר. קיין גרויס נחת אַלס אַקטיאָר האָט מען פון אים נישט געהאַט. דערפאַר אָבער, ווען ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט זינגען, האָבן אַלע פאַר־געסן וועגן זיין „שוישפּיל־קונסט" און געבליבן זיצן פאַרגאַפט פון זיין געזאַנג. דוד זיידערמאַן איז געגאַנגען פון שטאַפּל צו שטאַפּל. דירעקציעס האָבן זיך איבער אים געשלאָגן, אַלע אָפּערעטן־טרופּעס האָבן זיידערמאַנען געוואָלט האָבן ביי זיך.

ביי יוליוס אַדלערן אין טעאַטער האָט זיך דוד זיידערמאַן באַקענט מיט אַ יונגער, באַחנטער כאַריסטין, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו באַקומען קליינע עפּיזאָדן־ראָלן און ממש פאַרבערענט די בינע מיט איר טעמפּעראַמענט. דאָס איז געווען חנה לערנער, אַ געוועזענע „אָנדרייערין״, וואָס האָט אויך געאַרבעט אין אַ וועבער־וואַרשטאַט אין כאַפּושס הויף, אויף וואָלבאָרסקע 36.

דוד זיידערמאַן האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט חנה לערנער און צוזאַמען אָנגעהויבן צו שפּילן אַלס סאָליסטין אין פאַרשיידענע טעאַטערס, ביז זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער טרופּע פון די גראָדנער נחמה, קאַדיש, כאַש און מיט זיי אַרומגעפאָרן אַ לענגערע צייט איבער דער פּויּלישער פּראָווינץ. זיי האָבן, צווישן אַנדערע, אויך אויפגעפירט די אייראָפּעאישע אָפּערעטעס „באַיאַדעראַ״, „טשאַרדאַש־פירשטין״, „די רויז פון סטאַמבול״ א״אַ.

אין יאָר 1926 ווערן דוד זיידערמאַן און חנה לערנער אַנגאַזשירט אין „קאַמינסקי טעאַטער״ אין וואַרשע, ווו שלמה קוטנער פירט מיט זיי אויף די אָפּערעטע „מאָדערנע דאַמען״. נישט געקוקט אויף די גרויסע היצן, וואָס זענען צו יענער צייט געווען אין וואַרשע, איז די אָפּערעטע דורך מיט אַ שטורמישן דערפאָלג און טאָג־טעגלעך איז דאָס גרויסע „קאַמינסקי־טעאַטער״ געווען אויספאַרקויפט. גענוג צו דערמאָנען, אַז די דאָזיקע אָפּערעטע האָט אויסגעפולט דעם גאַנצן טעאַטער־סעזאָן. דאָס איז געשען אַ דאַנק דוד זיידערמאַנס זינגען, וואָס האָט אַלעמען ווי פאַרכשופט.

זיידערמאַן איז אָבער נישט פאַרשכורט געוואָרן פון דערפאָלג און איז נישט געבליבן שטיין אויף איין אָרט. ער איז געגאַנגען בהדרגהדיק פאָרויס, געלערנט דערביי ביי פאַרשיידענע געזאַנג־פּראָפעסאָרן און אַ דאַנק זיין פענאָמענאַלער נאַטור־שטים איז ער אָנערקענט געוואָרן פאַרן בעסטן יידישן טעאַטער־זינגער. ער האָט געהאַט אַ העלדן־טענאָר.

ווו נאָר ער איז געקומען אויף גאַסט־אויפטריטן, איז דאָס טעאַטער־

געווען אויספאַרקויפט ביזן לעצטן פּלאַץ. ער האָט באַרייזט גאַנץ פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, בעלגיע, טשעכאָסלאָוואַקיי, רומע־ניע, עסטרייך, דייטשלאַנד, דרום־אַמעריקע און אַפריקע.

אין דייטשלאַנד (בערלין) האָט זיידערמאַן אַ לענגערע צייט אַליין גע־פירט אַ טעאַטער. פון אַלע עקן וועלט האָט ער באַקומען פאַרשלאַגן אויפ־צוטרעטן, אָבער די לעצטע מלחמה האָט אים צעשטערט זיינע פּלענער.

ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, האָט זיך זיידערמאַן מיט זיין פרוי חנה לערנער און זייער איינציקער, ביז גאָר געראָטענער זון האַרי, וואָס האָט געענדיקט גימנאַזיע אין בערלין, געפונען אין וואַרשע. זיידערמאַן האָט מיט זיין פאַמיליע געפרווט אַנטלויפן פון די דייטשן קיין רוס־לאַנד. עס איז אים אָבער נישט געלונגען און ער איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע. זיידערמאַן מיט זיין פאַמיליע האָבן געהאַט אויסלענדישע פּעסער און מאַטעריעלע מעגלעכקייטן צו פאַרלאָזן דאָס גיהנום, זיי האָבן זיך אָבער נישט פאַרגעשטעלט, אַז עס שטייט זיי פאַר, פּונקט ווי אַלע יידן, אַזאַ גרויס אומגליק. און זיי זענען פאַרבליבן אין וואַרשע ביי די דייטשן. דער בייזער גורל האָט געוואָלט, אַז זיין גלאַנץ־פּעריאָד, אויף וועלכן זיידערמאַן האָט זיך נישט געהאַט צו באַקלאָגן אויך פאַרן קריג, זאָל זיין דווקא אין וואַרשעווער געטאָ. ער איז, נישט געקוקט אויף די אַלע צרות אין וואַרשעווער געטאָ, אויך שוישפּילעריש שטאַרק אויסגעוואַקסן.

דוד זיידערמאַן האָט געהערט צו די ערשטע יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו זינגען בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע און מען האָט זיך ממש געשלאָגן איבער אים, כדי אים צו קענען אַנגאַזשירן. פון אָנהויב איז ער אויפגעטראָטן אויף די נאַכט־אימפּרעזעס אין די הויף־קאָמיטעטן, דערנאָך איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן אין „קאַפע גערטנער״, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ דייטשקע — אַ געוועזענע וואָדעוויל־אַקטרי־סע. זי איז פאַרן קריג אויפגעטראָטן ביי גערטנערן אין לאָקאַל. ווען די דייטשן זענען אַריין קיין וואַרשע, האָט זי איבערגענומען דעם לאָקאַל און מיט אים אָנגעפירט. זיידערמאַן איז דאָרט אַנגאַזשירט געוואָרן צוזאַמען מיט פאַסטעלן און די קופּלעטיסטין אידאַ ערוועסט. ער האָט געזונגען זיי־נע סאָלאָ־נומערן איבער דריי חדשים צייט, האָבנדיק אַן אומבאַשרייבלעכן דערפאָלג. ער איז אויך, צוזאַמען מיט זיין פרוי, חנה לערנער, אויפגעע־

טראָטן אין אַנדערע וואַרשעווער קאַפעס און אומעטום געהאַט אַ שטור־מישן דערפאָלג. ער איז אויך אויפגעטראָטן אין „עלדאָראַדאָ"־טעאַטער אויף דזשעלנע אין „די רומענישע חתונה" און אין „דעם רבינס ניגון", וואָס איז געגאַנגען ביי אויספאַרקויפטע הייזער.

ווען די דייטשן האָבן געמאַכט אין געטאָ זייער פּראָפּאַגאַנדע־פילם „אַזיע אין מיטל־אייראָפּע" און געצוווּנגען יידישע אַקטיאָרן זיך צו באַ־טייליקן אין אים, האָבן זיי אויך נישט אויסגעמיטן דוד זיידערמאַנען. ער האָט געמוזט זינגען דאָס ליד „מיין יידישע מאַמע". דער עולם אין זאַל האָט געוויינט מיט אמתע טרערן — מיט אַזויפיל געפיל האָט זיידערמאַן געזונגען. און נישט נאָר דער עולם, נאָר אויך די קאָלעגן־אַקטיאָרן זענען געווען גערירט ביז טרערן.

ווי נאָר זיידערמאַן האָט פאַרענדיקט זיין ליד, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ הייזעריק געשריי פון אַ דייטש: — לאַכן!!! — און דער גאַנצער עולם איז, מיט טרערן אין די אויגן, ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ גריי־מאַסע פון געלעכטער. און וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער אָנגעהויבן צו לאַכן, ווענדיק אויסמיידן די אומברחמנותדיקע קלעפּ פון די דייטשישע „קולטור־טרעגער".

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „אַקציעס" אין וואַרשעווער געטאָ, איז זיידערמאַן מיט זיין פרוי און זון אַריינגעטראָטן אין חיים סאַנדלערס „שאָפּ", כדי אַזוי אַרום צו קריגן זייערע „לעבנסרעכט־קאַרטן". אין די אָוונט־שעהן איז ער אָבער ווייטער אויפגעטראָטן אויף די קאָנצערטן פון די הויז־קאָמיטעטן און באַגייסטערט די צוהערער מיט זיינע לידער: „די שוואַרצע נאַטאַשע", „ווהין זאָל איך גיין", „טרעבלינקע" און „גלאָקן קלינגען". זיין שטענדיקער לידער־שרייבער איז געווען י. קאַרנטייער, וועלכער האָט ספּעציעל פאַר זיידערמאַנען געשריבן די אַקטועלע לידער. דאָס ליד „גלאָקן קלינגען" האָט באַרירט אַן עפּיזאָד פון די געשמדטע יידן, ווען זיי האָבן יום־כפור דערהערט קלינגען די גלאָקן און זיך דער־מאָנט די באַדייטונג, וואָס דער הייניקער טאָג האָט פאַר זיי געהאַט אַמאָל — און דאָס „פּינטעלע ייִד" האָט זיך ביי זיי אויפגעוועקט...

אין וואַרשעווער געטאָ זענען, ווי באַוווּסט, אַריינגעטריבן געוואָרן אויך אַלע געשמדטע יידן און אַפילו אַזעלכע, וואָס זענען שוין געבוירן

געוואָרן ווי קריסטן, אָבער פון עלטערן, וואָס זענען אַמאָל געווען ייִדן, — זענען זיי אויך פאַררעכנט געוואָרן פאַר ייִדן. די צאָל פון די געשמדטע ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ איז דערגאַנגען צו אַ סך טויזנטער (זיי האָבן געהאַט זייער אייגענע קירך מיט אייגענע גלחים) און זיי האָבן זיך פאַרגאָסן מיט טרערן, ווען זיי האָבן געהערט זיידערמאַנען זינגען דאָס ליד די „גלאָקן קלינגען", אָדער „וווהין זאָל איך גיין" (דאָס דאָזיקע ליד ווערט איצט געזונגען איבער דער גאַנצער וועלט פון פאַרשיידענע זינגער און יעדער איינער גיט אָן אַן אַנדערן מחבר פונעם ליד. לשם אמת שטרייך איך אונטער, אַז דאָס ליד האָט געשאַפן אין געטאָ, נישט קיין אַנדערער, ווי י. קאָרנטייער, וועלכער איז אַליין אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן).

זיידערמאַן האָט געזונגען מיט אַזוי פיל געפיל, מיט אַזוי פיל האַרץ, אַז אַ ציטער איז דורך ביי יעדן איינעם, וואָס האָט אים נאָר ווען עס איז געהערט אין געטאָ. ער האָט באַזעסן די קונסט אָפּצוזינגען אַ ליד און רירן ביז טרערן. זיידערמאַנען האָט מען געקענט הערן אָן אויפהער, וואָרום ער האָט ווי פאַרכשופט מיט זיין זינגען. עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן ווען איך וועל זאָגן, אַז דוד זיידערמאַן איז געווען דער בעסטער ייִדישער זינגער און ווען ער און מיר וואָלטן געהאַט דאָס מזל, ער זאָל איבערלעבן די מלחמה, וואָלט די וועלט ממש איבערראַשט געוואָרן פון זיין פענאָמענאַלער שטים און פון זיין ווונדערבאַרן אויסטייטשן אַ ליד.

אין געטאָ האָט זיך זיידערמאַן שטאַרק באַפריינדעט מיט אייזיק סאַמבערגן און שמחה פּאָסטעלן און מיט זיי איז אים טאַקע באַשערט געווען אָפּצושליסן דעם לעצטן קאַפּיטל פון זיין לעבן און צוזאַמען מיט זיי אויך אַ שווידערלעכן אופן אומצוקומען.

גאַנץ אומדערוואַרט האָט זיך אַנטפּלעקט אין געטאָ אַ נייער טאַלאַנט: דאָס איז געווען דוד זיידערמאַנס און חנה לערנערס זון — האַרי זיידערמאַן. האַרי האָט, צוליב די געשעענישן אין דייטשלאַנד, איבערגעריסן דאָס שטודירן — ער האָט געשטרעבט צו ווערן אַ דאָקטער מעדיצין. וועגן שפּילן טעאַטער האָט ער קיינמאָל נישט געטראַכט. און פּלוצלונג האָט ער זיך אין געטאָ אַרויסגעוויזן פאַר אַ נישט דורכשניטלעך־פּעאיקן אַקטיאָר.

האַרי זיידערמאַן איז געווען אַ פעסט־געבויטער בחור (מיט אַ קאָפּ

העכער פונעם טאַטן), מיט אַ שיין, ליכטיק פּנים, אַ שיינער אויסשפּראַך און גאָר גרויסע בינע־פֿעאיקייטן. זיין טאַטנס שטים האָט ער נישט גע־ירשנט, אָבער דערפֿאַר האָט ער אים איבערגעוואָקסן מיט שוישפּילע־רישן טאַלאַנט. ווען דער רעזשיסאָר מאַקס וויסקינד האָט אויפֿגעפֿירט אין „עלדאָראַדאָ"־טעאַטער קאָברינס „דאָרפֿס־יונג", האָט ער דעם יונגן האַרי זיידערמאַן געגעבן די הויפּט־ראָל. זיין „יענקל בוילע" איז פֿאַר אַלעמען געווען אַ גרויסע אַנטפּלעקונג. מען האָט דערזען פֿאַר זיך אַ יונגן, זייער באַגאַבטן דראַמאַטישן שוישפּילער, פֿון וועלכן מען קען אַ סך דער־וואַרטן. ליידער האָט זיך זיין טעאַטער־קאַריערע געענדיקט מיט דער דאָזיקער ראָל (זיין ערשטע און לעצטע). זיינע עלטערן האָבן זיך מיט אים זייער געגרויסט און שטאָלצירט, און זיי האָבן טאַקע געהאַט אַ רעכט דערצו. דוד זיידערמאַן איז געווען אַ גרויסער וויצלער און דערביי אויך נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט צו זאָגן:

— „פֿון מיין גרויסער שטים און פֿון חנהס (זיין פֿרוי הנה לערנער) גרויסן סוברעטישן טעמפּעראַמענט איז געקומען אויף דער וועלט אַ גרוי־סער דראַמאַטישער טאַלאַנט. טאַ גיי, זיי אַ חכם!..."

יאָ, דוד זיידערמאַנס חכמה האָט אים אין אַנדערע פֿאַלן אויך נישט געהאָלפֿן. אַלע האָבן געוווּסט, אַז דוד זיידערמאַן איז געווען דער רייכ־סטער יידישער אַקטיאָר. און דאָך איז אים נישט איינגעפֿאַלן צו באַזאָרגן זיך אַ דירה אויף דער אַרישער זייט — אַ דירה מיט אַ באַהעלטעניש — און דאָרט איבערלעבן די מלחמה. קיין געלט דערצו האָט אים נישט גע־פֿעלט. אָבער דרייסטקייט און אַנטשלאָסנקייט, וואָס ער האָט נישט פֿאַרמאָגט צופֿיל אויך אין זיינע יינגלישע יאָרן — האָט אים איצט אויך געפֿעלט. אפֿשר האָט אין דעם פֿאַל, וועגן וועלכן איך רעד, אויך גורם געווען דאָס צוריקקומען פֿון שלמה קוטנערן פֿון דער „אַרישער" זייט — ווער ווייסט? איינס איז אָבער זיכער, אַז זיידערמאַן האָט אַפֿילו נישט געמאַכט קיין פּרווו זיך צו ראַטעווען. ער איז בלינד נאָכגעגאַנגען דעם גורל, אין וועלכן ער האָט געגלויבט, אַז ער איז פֿאַר אים מזלדיק. און ווען מען האָט אַ גרוי־פּע אַקטיאָרן, צוזאַמען מיט אַלע יידן פֿון טעבענסעס „שאָפּ" אַוועקגע־שיקט קיין פּאָניאַטאָוו, הינטער לובלין, אין לאַגער אַריין, האָט זיידער־מאַן מסתמא נאָך אַלץ געגלויבט אין זיין גליקלעכן שטערן...

לויט די ידיעות, וועלכע איך האָב געהאַט פון אים דורך אונדזער שליח פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, איז ער געווען פול מיט האָפענונג. זיידערמאַן האָט מיר געהייסן איבערגעבן, אַז אים און זיינע חברים איז דאָרט גוט, — זיי האָבן בעסערע וווינונגס־באַדינגונגען און טרעטן דאָרט אויף מיט קאָנצערטן. זיי האָבן זיך נישט געניטיקט אין דעם געלט, וואָס די יידישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע האָט געשיקט פאַר די לאַגער־יידן אין פּאָניאַטאָוו.

קורץ פאַרן אונטערצינדן דורך די דייטשן דעם פּאָניאַטאָווער לאַגער און פאַרן אומברענגען דאָרט אַלע יידן (בעת דעם יידישן העלדישן אויפשטאַנד אין פּאָניאַטאָווער לאַגער), איז דוד זיידערמאַן מיט זיין פרוי חנה לערנער און זייער זון האַרי, צוזאַמען מיט אייזיק סאַמבערגן, רעגינאַ צוקער, שמחה פּאָסטעל, שלמה קוטנער און דאָראַ פּאַקעל, אַרויסגעפירט געוואָרן פון דאָרט, כדי זיי צו ראַטעווען. אין לובלין האָבן די דייטשן פאַרהאַלטן דעם „טראַנספּאָרט" און זיי אַוועקגעשיקט גלייך קיין מאַידאַנעק. דאָס איז געווען דעם 3טן נאָוועמבער 1943.

אינעם דאָזיקן טאָג האָבן די דייטשן אַרויסגעטריבן באַקעטערהייט 18.000 (אַכצן טויזנט יידן) אויף איינעם פון די מאַידאַנקער פעלדער און זיי אַלע אויסגעשאָסן, אונטער די קלאַנגען פון שטראַוס' „ווינער וואַלץ". די דייטשישע רוצחים האָבן אין יענעם טאָג אויך אומגעבראַכט איינעם פון די גרעסטע יידישע טעאַטער־זינגער — דוד זיידערמאַן.

שמחה ראזען און אברהם קורץ

שמחה ראָזען

שמחה ראָזען — אַ הויכער, פעסט־געבויטער, אַטלעטישער מאַן — אַ ריז ממש, — האָט מען אים טאַקע גערופן: גלית.

אַברהם קורץ, להיפוך צו אים — אַ קליינטשיקער, אַ מאָגערער, מיט אַן איינגעבויגענער פלייצע, אַ שמאָל פּנים, מיט קליינע קלוגע אויגן. אין פאַרגלייך צו ראָזענען האָט ער אויס־געזען ווי דוד — צו גליתן.

האָט מען טאַקע די צוויי קעגנ־געזעצלעכע געשטאַלטן אויסגענוצט אין פאַרשיידענע פּיעסן, ווו מען האָט געדאַרפט האָבן שאַרפע קאָנ־טראַסט־טיפּן. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז זיי האָבן שטענדיק און אומעטום געשפּילט צוזאַמען.

שמחה ראָזען האָט געשטאַמט פון פאָלקס־מענטשן: דער טאַטע זיי־נער — אַ חסידישער רייכער קצב אין וואַרשע, האָט שטענדיק געפונען צייט אַריינצוכאַפּן אַ בלאַט גמרא און אַ פּרק משניות, און ער האָט אויך געוואָלט זיינע קינדער דערציִען אינעם זעלביקן גייסט. שמחה ראָזען האָט אָבער געהאַט אַן אַנדערע נייגונג — אים האָט געצויגן צו „וועלטלעכקייט״.

אַנשטאָט אַוועקצוזעצן זיך אין די פרייע שעהן לערנען, האָט ער אויסגע־קליבן אַן אַנדערע ריכטונג: ייִדיש טעאַטער, פון וועלכן ער איז געווען אַ באַגייסטערטער אַנהענגער. ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געזען די טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין „מוראַנאָווער" טעאַטער, אָדער אין „זשאַרדען ד'היווער", האָט ער באַשלאָסן, אַז ער מוז ווערן אַן אַקטיאָר. מיט זיין פיגור, מיט זיין אויסזען איז ער דאָך ווי באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַ ייִדי־שער אַקטיאָר. פלעגט ער יעדן אָוונט אַריינקומען אין דער „ליטעראַ־רישער קאַוויאַרניע" אויף דער דזשעלנע גאַס, ווו עס פלעגן זיך צונויפ־טרעפן אין יענער צייט, ביים אָנהויב פון ערשטן וועלט־קריג, אַלע בעלי־חלומות פון ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט.

עס האָט אים נישט געשטערט די לאַנגע, געהאַקטע קאַפּאָטע און דאָס קליינע ייִדישע היטעלע, וואָס ער האָט געטראָגן. ער האָט נאָר אָנגע־טון אַ שוואַרצן, ברייט־אויסגעבונדענעם קראַוואַט — ווי מען האָט אים גערופן: „ליטעראַרישער קראַוואַט". דאָס איז געווען דער אָנדייט און צייכן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, וואָס זענען צו יענער צייט געווען שטאַם־געסט פון דער „ליטעראַרישער קאַוויאַרניע". און ווי מקנא זענען מיר געווען דעם עולם פון דער „ליטעראַרישער קאַוויאַרניע". ווי גרויס זענען אין אונדזערע אויגן געווען די אַלע „ליטעראַרישע מענטשן", וואָס האָבן זיך געשאַרט אַרום די שרייבערס און קינסטלערס, מיט זייערע ייִדישע היטעלעך און שוואַרצע, אויסגעבונדענע קראַוואַטן. זיי האָבן עס געפילט, געגרויסט זיך דערמיט און געהאַלטן זיך מיט „ווירדע". ווי עס איז אָנגע־שטאַנען פאַר צוקונפטיקע „וואָרטזאָגער", וואָס וועלן דאַרפן אונדז מהנה זיין מיט עפּעס נייעס און אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַ נייע וועלט... נישט איין אינטערעסאַנטע דיסקוסיע איז דאָרט געפירט געוואָרן, נישט איין שיינער געדאַנק איז טאַקע אַרויס פון דער „ליטעראַרישער קאַוויאַרניע".

שמחה ראָזען האָט געהערט צו די, וואָס האָבן אַלעמאָל געבראַכט אין דער „קאַוויאַרניע" „פרישע נייעס פון דער וועלט", דערציילט טשיקאַווע מעשיות, וועלכע ער אַליין האָט, קודם כל, ליב געהאַט צו הערן. און וואָס גרעסער דער קרייז אַרום אים איז געוואָרן, אַלץ מער האָט זיך זיין פאַנ־טאַזיע צעשפּילט. ער האָט זיך אַזוי אַריינגעצויגן אין די פאַנטאַסטישע

מעשיות, אַז ער אַליין האָט הייליק געגלויבט אין זייער ריכטיקייט און אמת...

שמחה ראָזענען איז געלונגען, נישט געקוקט אויף די גרויסע שטע־רונגען פון זיין טאַטן, צו דערגרייכן זיין ציל און שפּילן טעאַטער. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון אַ פּראָווינץ־טרופּע און פאַרביטן דאָס קליינע יידישע היטעלע אויף אַ ברייטן שוואַרצן „קינסטלער־הוט", אָבער דער „ליטעראַרישער" קראַוואַט, דער סימבאָל פון יענער תקופה, האָט אים ווייטער באַצירט.

אַ דאַנק זיין אויסערגעוויינלעך־אימפּאָזאַנטער פיגור האָט ער זיך גיך אַריינבאַקומען אין וואַרשעווער יידישן טעאַטער, ווו ער איז שוין, מיט קליינע אויסנאַמען, פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

גיך האָט ראָזען חתונה געהאַט און איז געוואָרן אַ באַלעבעסל אויף זאַמענהאָף (דזשיקע) 11. ער האָט דאָרט געוווינט צוזאַמען מיט זיין שווער — אַ באַקאַנטער מעבל־סטאָליער אין יענער געגנט. דער דאָזי־קער פאָלקס־ייִד האָט מסתמא אויך געהאַט אַ שוואַכקייט צו יידישע אַק־טיאָרן, וואָרום זיינע 3 טעכטער — אַלע זייער עפּעקטפולע און שיינע, האָבן חתונה געהאַט מיט טעאַטער־מענטשן. איינע איז געווען שמחה ראָזענס פרוי; די צווייטע — דעם אַקטיאָר דוד לעדערמאַנס פרוי, און די דריטע — דעם טעאַטער־סופליאָר פּישמאַנס פרוי.

דאָס הויז אויף זאַמענהאָף 11, ווו זיי האָבן געוווינט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הויז פון ברויזנדיקן לעבן, וואָרום אַלע איידעמס האָבן זיך דאָרט איינגעאָרדנט מיט זייערע פרויען און נאָך פאַרגרעסערט די מש־פּחה —מיט שיינע, געראָטענע קינדער. די פרויען האָבן זיך אָבער ווייטער פאַרנומען מיט זייער אַרבעט — זיי זענען געווען גוטע שניידערינס און פאַרדינט אויף אַ שיינעם לעבן. דאָרט איז תמיד געווען יום־טובדיק און טומלדיק. פריילעכקייט, געלעכטער און געזאַנג האָט זומערצייט אַרויס־געהילכט דורך די אָפענע פענצטער פון ערשטן שטאָק און זיך געטראָגן ווייט, ווייט אַוועק. די איינוווינער און די שטענדיקע פאַרבייגייער פון יענער גאַס האָבן שוין געוווּסט, אַז דאָרט „וווינט דאָס יידישע טעאַטער"... און מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער גאַס אויסהערן די געזאַנגען, וואָס האָבן זיך פון דאָרט געטראָגן, גלייך ווי אַ ריזיקער כאָר וואָלט גע־

זונגען. וואָרום די פּרויען־שניידערינס האָבן געפירט אינדערהיים אַ גרויסן אַרבעטס־וואַרשטאַט און געהאַט אייניקע העלף־שניידערינס, וועלכע זענען געוואָרן גיך „רעפּערטואַרנע" (געקענט דעם גאַנצן רעפּערטואַר פונעם יידישן טעאַטער) און מיטגעהאָלפן אין געזאַנג און אין געלעכטער.

דעם אויבנאָן האָט דאָרט פאַרנומען דער איידעם שמחה ראָזען, וועל־כער האָט דאָ געהאַט אַ דאַנקבאַר אודיטאָריום פאַר זיינע „מעשיות" און פאַנטאַסטישע דערציילונגען. ער האָט זיך דאָרט געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער.

ביז ס'איז געקומען אַ טאָג און די רו אויף זאַמענהאָף 11 איז צע־שטערט געוואָרן. עס האָבן זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט די געזאַנגען און געלעכטערס און מיט דער צייט פאַרשוווּנדן אויף אייביק; אָפּגעווישט גע־וואָרן פון דער אויבערפלאַך, פּונקט אַזוי ווי דאָס הויז פון זאַמענהאָף 11 און פּונקט אַזוי ווי אַלע הייזער און זייערע איינוווינער פון די אַמאָליקע יידישע גאַסן.

בשעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע דורך די דייטשן, האָט זיך שמחה ראָזען אַרויסגעוויזן נישט נאָר גרויס אין ווּקס און גרויס אין זיין פאַנטאַזיע, נאָר אויך — אַלס גרויסער העלד. אַ צינד־באָמבע האָט געטראָפן דאָס הויז פון זאַמענהאָף 11 און ס'איז געווען אַ געפאַר, אַז דאָס הויז וועט אַוועק מיטן פייער.

שמחה ראָזען האָט, נישט געקוקט אויף דער כסדרדיקער באָמבאַרדי־רונג, געכאַפּט דעם עמער מיט וואַסער און די האַק אין האַנט אַריין און זיך געלאָזט דער ערשטער אויפן ברענענדיקן דאַך, כדי צו ראַטעווען דאָס הויז פון געפאַר. זיין העלדישער ביישפיל האָט גורם געווען דערצו, אַז אויך אַנדערע מענטשן זענען אים נאָך, און אין משך פון אַ קורצער צייט איז דאָס הויז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון פייער. ער האָט אָבער פאַר זיין העלדישקייט באַצאָלט מיט אַ וווּנד אין פוס, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון אַ באָמבע־שפּליטער. נאָך לאַנגע וואָכן קורירן זיך, איז ער אויסגע־היילט געוואָרן. ער האָט אַ ביסל אונטערגעהונקען, אָבער ווייטער געקענט שפּילן אין יידישן טעאַטער אין געטאָ. ער האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט אין „עלדאָראַדאָ"־טעאַטער. זיינע שוואָגערס דוד לעדערמאַן און פישמאַן האָבן פאַרלאָזט וואַרשע, אָבער זייערע משפחות זענען פאַרבליבן.

דער זון פון שמחה ראָזען, אַגב זייער אַן אינטעליגענטער, באַשיידע־נער און איידעלער בחור — האָט געאַרבעט אין דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, זייענדיק איינער פון אונדזערע באַליבסטסטע מיטאַרבעטערס. דערנאָך איז ער אַריינגעטראָטן אין דער יידישער אונטערערדישער באַווע־גונג, אין וועלכער ער האָט געאַרבעט מיט איבערגעגעבנקייט, ביז ער איז אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט.

שמחה ראָזען האָט, נאָכן אָנהויב פון דער ליקווידאַציע פון וואַרשע־ווער געטאָ, געאַרבעט אין אַ „שאָפּ", וווּ ער איז געווען אַ טראַנספּאָרט־אַרבעטער. מיר איז אויסגעקומען צו זען אים זיצן אויף אַ פור און אָניאָגן די פערד. פונדערווייטנס האָט ער מיר צוגעוואָרפן אַ שמייכל, ווי איינער זאָגט: מען מוז אין לעבן קענען שפּילן אַזאַ ראָל אויך. אָבער די „ראָל" האָט ער אויך לאַנג נישט געשפּילט. ער איז אומגעקומען, פּונקט ווי עס איז אומגעקומען זיין פרוי, זיינע קינדער, זיין שוועגער מיט די שיינע טעכטער און אייניקלעך, צווישן וועלכע עס זענען אויך געווען די פרוי און קינדער פון אַקטיאָר דוד לעדערמאַן.

**
*

אַברהם קורץ — דער קלוגער און ביז גאָר באַגאַבטער אַקטיאָר, האָט פאַרנומען אין יידישן טעאַטער אין פּוילן אַ גאָר בכבודיק אָרט. ער איז געווען איינער פון די בעסטע כאַראַקטער־אַקטיאָרן אויף דער יידישער בינע. איך וועל נישט איבערטרייבן, ווען כ'וועל זאָגן, אַז אין אַלע ראָלן, וואָס איך האָב אים געזען שפּילן, איז ער געווען גוט, אַפילו גלענצנד. אַברהם קורץ האָט געהערט צו די אַקטיאָרן, וואָס האָבן קיינמאָל קיין ראָל נישט „אַוועקגעלייגט" — ווי מען זאָגט אויף טעאַטער־לשון. צי דאָס איז געווען אין אַן ערנסטער דראַמע, צי אין אַ אָפּערעטע. יעדע ראָל, וואָס ער האָט באַקומען, האָט ער פאַרטיפט און אייגנאַרטיק אָפּגעשפּילט. אַברהם קורץ איז געווען אַ זאַפטיקער אַקטיאָר.

לאַנגע יאָרן איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט קורצן. דאָס ערשטע מאָל האָבן מיר געשפּילט צוזאַמען אין ווילנע אין יאָר 1920, דערנאָך אין וואַרשע, אין „וויקט" און אַ קאַליידאָסקאָפּ פון פּרעכטיקע

געשטאַלטן, געשאַפן דורך קורצן, גייען מיר דורך פאַר מיינע געדאַנקען. צי אין בערגערס „מבול״ (נאָרסטראַנג), צי אין „דאָס גרויסע געווינס״ פון שלום עליכם (קאַפּל), צי אין גאָרדינס „שחיטה״ (ר׳ זיסל דער רב) — אַלץ איז געווען באַאַרבעט ביזן לעצטן פּרט.

אַברהם קורץ איז אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד און אומעטום געהאַט גרויס דערפאָלג.

ווען מאָריס שוואַרץ האָט מיט אַ פּאָר יאָר פאַרן קריג געשפּילט אין וואַרשע (קאַמינסקיס טעאַטער), האָב איך מיטן אַנסאַמבל פון זיין „קונסט־טעאַטער״ אויפגעפירט און רעזשיסירט — צו מענדעלע מוכר ספרימס יובל־פייערונג — דעם „פריזיוו״ (מאָנטאַזש פון דער פּיעסע). פון דעם גאַנצן אַנסאַמבל פון „קונסט־טעאַטער״, וואָס איז באַשטאַנען פון ערשט־ראַנגיקע אַקטיאָרן, האָט אַברהם קורץ אַ גלאַנץ געטון אין דער ראָל פון ר׳ יוחנצע, פון וועלכער ער האָט געשאַפן אַ קליין מייסטערווערק.

בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע איז א. קורץ געווען אין וואַרשע, אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער אַרטיסטן־קיך (אַברהם קורץ איז ביז דער מלחמה איינער אייניקע מאָל געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פונעם יידישן אַרטיסטן־פאַריין אין פּוילן), אויפגעטראָטן מיט רעציטאַציעס אויף די אונטערערדישע פאַראַנשטאַלטונגען, געשפּילט מיט די אַרטיסטן חנה בראַז און אייזיק סאַמבערג אין די ספּעציעלע פאָרשטעלונגען פאַר קינדער („צענטאָס״ און די יתומים־אַנשטאַלטן), ביי וועלכע ער איז זייער באַליבט געווען און וועלכע האָבן זיך האַרציק אָנגעלאַכט פון זיינע טיפּן, וואָס ער האָט פאַר זיי פאָרגעשטעלט.

ווען איך שרייב שוין וועגן זיינע טיפּן אין טעאַטער, מוז איך אויך דערמאָנען די פּרעכטיקע געשטאַלט, וואָס ער האָט געשאַפן, קורץ פאַרן אויסברוך פונעם קריג, אין שעקספּירס „שטורם״ (טעאַטער פאַר יוגנט). ער און דער אַקטיאָר וול. גאָדיק האָבן געשאַפן צוויי מייסטערהאַפטע קלאַסישע געשטאַלטן.

אין געטאָ האָט אַברהם קורץ געשפּילט אין טעאַטער „עלדאָראַדאָ״, וווּ ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין „פּראָקאָפּ״ אין מאַקס וויסקינדס פּרעכטיקע אויפפירונג פון קאָברינס „דאָרפס־יונג״. דאָס איז געווען זיין לעצטע ראָל אויף דער בינע.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „אַקציעס" אין וואַרשעווער געטאָ, איז א. קורץ מיט זיין ליבער פרוי דינה שאַיעוויטש — אויך אַ פאַרדינסט־פולע יידישע אַקטריסע — געווען צוגעשריבן אַלס בעקער־אַרבעטער ביי זיין פריינט קאַרמאַן אין דער בעקעריי אויף דער נאַוואָליפּיע גאַס. לאַנג האָט אָבער דאָרט נישט אָנגעהאַלטן די פרייד. ס'איז דאָרט פאָרגעקומען אַ „סעלעקציע" (אַ יידן־רייניקונג, דורכגעפירט דורך די דייטשן) און דאָס פּאָרל קורץ איז נאָר על פּי נס געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן. פון דעמאָלט אָן האָבן זיי זיך אַריבערגעטראָגן אין אונדזער מעטאַל־„שאָפּ" אויף דער מילנע גאַס. א. קורץ האָט געאַרבעט מיט מיר אין דער מענער־אָפּטיילונג און דינה שאַיעוויטש — מיט מיין פרוי און די איבעריקע פרויען — ביי מעטאַל־ און גאַלאַנטעריע־רייניקונג. בעת איינער פון די ערשטע „אַק־ציעס" אויף מילנע גאַס, האָט מען די ליבע, טייערע דינה שאַיעוויטש אַוועקגעפירט אויפן טויטן־פּלאַץ. קורץ איז פון דעם קלאַפּ שווער געטראָפן געוואָרן, וואָרום דאָס איז געווען אַ פּאָרל, וואָס האָט זיך געלעבט ווי די צוויי טייבעלעך און זיך זייער ליב געהאַט.

דינה שאַיעוויטשס זון, דער ביז גאָר באַגאַבטער יונגער קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט, ישראל שאַיעוויטש, איז אַנטלאָפן פון די דייטשן אויף מזרח — אָבער לסוף אַריינגעפאַלן אין די דייטשישע לאַפּעס און אומ־געקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט.

ישראל שאַיעוויטש איז געווען איינער פון די בעסטע און קערנדיקסטע טאַלאַנטן אין דער יידישער מוזיק־וועלט. ער האָט געענדיקט דאָס וואַר־שעווער קאָנסערוואַטאָריום (קאָמפּאָזיציע און דירעקציע) און אָנגעשריבן זייער פיל אָריגינעלע מוזיק.

אַברהם קורץ איז יעדן טאָג געקומען צו אונדז אין „שאָפּ" אַריין (דורך פאַרמאַסקירטע גענג) אויף אַרבעט און פּאַרנאַסה, אויפן זעלביקן אופן, זיך ווידער פאַרגנבעט אין קאַרמאַנס בעקעריי, וווּ ער האָט אין אַ באַהעלטעניש איבערגענעכטיקט. ווי אַ פאַרסמטע מויז איז ער געלאָפן הין־און־צוריק און דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט. ער האָט זיך נישט איינמאָל אַרויסגעדרייט פון די הענט פון די דייטשישע תלינים. איינמאָל, בשעת די גאַנצע מילנע גאַס, צוזאַמען מיט אונדזערע יידישע אַקטיאָרן און מאָלער־פּלאַסטיקער, איז ביי אַן „אַקציע" אַוועקגעפירט געוואָרן אויפן

טויטן־פּלאַץ, איז קורץ, צוזאַמען מיט מיר און מיין פרוי, דורך אַ גליק־לעכן צופאַל, אַרויס גאַנץ פון דעם אומגליק. ביז עס איז געקומען דער טאָג פונעם באַרימטן „קעסל" אין געטאָ. ווען אַלע ייִדן, אָן אויסנאַם, האָבן געמוזט, אונטער דראָאונג פון טויט־שטראָף, זיך צושטעלן מיט זייער „באַגאַזש" אויף אַ באַשטימט אָרט (אין פיר־עק פון די גאַסן וואָלינסקע, דזשיקע, סטאַווקי, אָסטראָווסקע — דאָס האָט מען אָנגערופן „קעסל"), איז אַברהם קורץ אַהין אַוועק און מער פון דאָרט נישט צוריקגעקומען. מען האָט אים, צוזאַמען מיט צענדליקער טויזנטער ייִדן, אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע אין די גאַז־קאַמערן אַריין — אַהין, וווּ עס איז מיט אַ צייט צוריק אומגעקומען זיין הייס־געליבטע פרוי דינה שאַיעוויטש.

רעגינא צוקער

נישט נאָר ווייל רעגינאַ צוקער איז געווען די פערסאָניפיקאַציע פונעם שונד־טעאַטער, נאָר — און דאָס קודם כל — דערפאַר, ווייל זי האָט דער־גרייכט דעם העכסטן שטאַפּל אין דעם מין טעאַטער — האָט מען זי געקרוינט מיטן נאָמען: די קיניגין פון שונד.

רעגינאַ צוקער איז געווען געוואַל־דיק פּאָפּולער נישט נאָר אין פּוילן, נאָר אין דער גאַנצער וועלט, ווו מען האָט געשפּילט יידיש טעאַטער. פּאָפּו־לער איז זי געווען נישט נאָר מיט דעם, וואָס זי איז אַזוי באַליבט געווען ביי די מאַסן צושויער, וועלכע האָבן זיך אויס־געלעבט אין דעם דורך איר געשפּילטן רעפּערטואַר, נאָר אויך צוליב די כסדר־דיקע אַטאַקעס פון דער יידישער פּרע־סע אין פּוילן קעגן שונד־רעפּערטואַר, און ווייל די פּיילן זענען אָפט געווען געווענדט קעגן רעגינאַ צוקער.

ווען זי איז געקומען אויף גאַסט־אויפטריטן קיין ווילנע, האָט די דאָרטיקע יידישע פּרעסע זי אַזוי מקבל־פּנים געווען, אַז זי האָט געמוזט איבעררייסן אירע אויפטריטן און פאַרלאָזן ווילנע, וואָס איז איינמאָל פאַר אַלעמאָל געוואָרן פאַר איר פאַרמאַכט.

און דערביי איז רעגינאַ צוקער געווען אַ גרויסער בינע־טאַלאַנט, פֿאַרמאָגט אָן אַ שיעור חן און פּשטות, געהאַט אַ ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט און האָט מיט איר דערשיינען ממש פֿאַרברענט די בינע־ברעטער.

און דערביי איז רעגינאַ צוקער געווען אַ גרויסער בינע־טאַלאַנט, ערשט אין וואַרשעווער געטאָ און איך האָב מיר געטראַכט: ווען אַזאַ כּוח, ווי זי איז, וואָלט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן אין אַ בעסערן טעאַטער, אין אַ קולטורעלער סביבה און אונטער אַ געהעריקער רעזשי; ווען זי וואָלט געהאַט כאָטש אַ ביסל בילדונג, געלייענט אַ ייִדיש בוך, — וואָס פֿאַר אַ נוצן וואָלט די ייִדישע בינע געקענט פֿון איר האָבן! רעגינאַ צוקער איז געווען אַ פּרימיטיווער מענטש און איז געפֿירט געוואָרן פֿון איר אינסטינקט, וואָס האָט נישט אַלעמאָל געקענט אונטערשיידן, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. זי איז געגאַנגען אָן שום קאָנטראָל און אָנווייזונג, וווּ עס איז אַ גרענעץ, וועלכע מען טאָר נישט איבערטרעטן, — זי איז געקירעוועט געוואָרן פֿון איר סטיכישן טאַלאַנט, וואָס האָט זי געפֿירט און מערסטנטיילס — טאַקע פֿאַרפֿירט.

רעגינאַ צוקער איז געווען אַ האַרציקער, אויפֿריכטיקער מענטש, אַ גוטער חבֿר מיט אַ ברייט, איידל האַרץ. ווען איך האָב רעגינאַ צוקער געזען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אויפֿטרעטן, בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע, אויף דער עסטראַדע אין וואַרשעווער „מעלאָדי־פּאַלאַס“ אין אַ ייִדיש פֿאָלקס־ליד, בין איך געבליבן זיצן ווי פֿאַרגאַפֿט: דאָס איז רעגינאַ צוקער?! דאָס איז דאָך אַ גרויסער טאַלאַנט, וועלכן מען האָט געדאַרפֿט פֿלעגן, געבן איר אַ געהעריקע ראַם — און וויפֿל נוצן וואָלט מען פֿון איר געהאַט!

דאָס „עלדאָראַדאָ“־טעאַטער אין וואַרשעווער געטאָ ז׳אָט אַנגאַזשירט רעגינאַ צוקער אַלס איר „סטאַר“ און זי האָט דאָרט „געקיניגט“ איבער אַ יאָר צייט, שפּילנדיק דאָרט איר גאַנצן פֿאַר־מלחמהדיקן רעפּערטואַר, אונטער דער רעזשי פֿון איר מאַן קאַרל צימבאַליסט. זי איז אויך אויפֿגעטראָטן אין אַ ריי קאַפֿעס אין געטאָ און געהאַט איר עולם, וואָס האָט זי ליב געהאַט און זי פֿאַרערט. ביי זיי איז רעגינאַ צוקערס נאָמען געווען אַ מאַגנעטיש וואָרט. ווען די דייטשן האָבן געמאַכט אין געטאָ זייער פּראָ־

פּאַגאַנדע־פילם „אַזיע אין מיטל־אייראָפּע", האָט אויך רעגינאַ צוקער גע־מוזט אין אים אויפטרעטן.

בעת די „אַקציעס" אין וואַרשעווער געטאָ איז רעגינאַ צוקער מיט איר מאַן קאַרל צימבאַליסט געווען צוזאַמען מיט מיר און מיין פרוי אין „שאָפּ" אויף מילנע גאַס. דאָס איז געווען אַ שווערע צייט פון איבערלעבו־גען און טויט־שרעק! רעגינאַ צוקערס מאַן, דער אַקטיאָר און אָפּערעטן־רעזשיסאָר קאַרל צימבאַליסט, האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אונדז, מענער. נאָך דער ערשטער „סעלעקציע" (סאָרטירן צום לעבן אָדער צום טויט), וואָס איז פאָרגעקומען ביי אונדז אין „שאָפּ", האָט רעגינאַ צוקער באַ־שלאָסן, אַז זי וועט אַריבער אין אַ צווייטן, דערנעבנליגנדיקן „שאָפּ", וואָס האָט געהערט צו שולצן, און זען — אפשר וועט דאָרט זיין בעסער און זי־כערער... קאַרל צימבאַליסט איז פאַרבליבן ביי אונדז.

סוף סעפּטעמבער 1942 איז אין געטאָ געוואָרן זייער „הייס"... מען האָט דורכגעפירט גרויסע „אַקציעס". זוען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז פאַרמיטאָג איז דורכגעפירט געוואָרן אַן „אַקציע" אין גרויסן געטאָ, האָב איך באַשלאָסן צו גיין אַהין מיט מיין פרוי, רעכענענדיק זיך דערמיט, אַז נאָכמיטאָג קען פאָרקומען אַן „אַקציע" ביי אונדז. ווען איך האָב זיך מיט די געדאַנקען געטיילט מיט מיינע חברים, זענען נישט אַלע מסכים געווען מיט מיר. ס'האָט זיך אָבער געפונען אַ קליינע גרופּע, וואָס איז מיט אונדז מיטגעגאַנגען. דאָס איז געווען: קאַרל צימבאַליסט, אַברהם קורץ, דוד לואי און יאַנקעלע דאַנציגער. מיר זענען דורך הינטער־וועגן אַוועק אויף זאַמענהאָף גאַס אין אַפּראָוויזאַציע־אַמט, כדי דאָרט איבערצוּוואַרטן ביז די „אַקציעס" וועלן זיך פאַרענדיקן. אין די פאַרנאַכט־שעהן האָט זיך צימבאַליסט און די איבעריקע חברים אָנגעהויבן צו דענערווירן און לסוף באַשלאָסן אַהיימצוגיין. איך און מיין פרוי זענען פאַרבליבן ביז עס איז געוואָרן אינגאַנצן טונקל. מיט אונדז איז אויך געבליבן אַברהם קורץ. די איבעריקע, מיט קאַרל צימבאַליסט בראש, זענען אַהיימגעגאַנגען. אויפן וועג זענען זיי אַריינגעפאַלן גלייך צו די דייטשן, וועלכע האָבן גראָד געפירט אַלע יידן, וואָס זיי האָבן צוגענומען פון דער מילנע גאַס. צו דעם „מאַרש" האָב איך זיך צוגעקוקט פון אַ חורבה אַרויס, אין וועלכער איך האָב זיך פאַרשטעקט צוזאַמען מיט מיין פרוי און קורצן. די גאַנצע מילנע

גאַס מיט קאַרל צימבאַליסט, יאַנקעלע דאַנציגער און דוד לואי, האָט „מאַרשירט" אין דער ריכטונג צום „אומשלאַג־פּלאַץ", כדי אָפּטראַנספּאָר־טירט צו ווערן אין די גאַז־קאַמערן קיין טרעבלינקע.

ווען רעגינאַ צוקער איז צומאָרגנס צוריקגעקומען צו אונדז יפון איר נייעם „שאָפּ", האָט זי שוין נישט געטראָפן איר מאַן קאַרל צימבאַליסט. אַ דערשלאָגענע האָט זי זיך אומגעקערט אין איר נייער „היים", צו שולצן אין „שאָפּ". פון צייט צו צייט פלעג איך זיך מיט איר טרעפן, ווייל כ'פלעג אָפט קומען אויפן געביט פון שולצנס „שאָפּ". אין אַ געוויסן טאָג, ווען איך בין דאָרט געווען און זיך נאָכגעפרעגט אויף רעגינאַ צוקער, האָט מען מיר געזאָגט, אַז בעת אַ קליינער „אַקציע" איז זי, צוזאַמען מיט יוכבד זילבערגס און מאיר ווינדערס וווּנדערשיין מיידעלע, מאַרישע, „צו־גענומען" געוואָרן...

אין זעקס טעג אַרום איז געקומען צו אונדז אויף דער מילנע גאַס אַן אַלטע, אויסגעדאַרטע, אָפּגעריסענע, שמוציקע פרוי, מיט אויסגעלאָ־שענע אויגן און אַ ווייסן קאָפּ האָר. קיינער פון אונדז האָט די פרוי נישט דערקענט. דאָס איז געווען רעגינאַ צוקער.

שלוכצנדיק, פאַרגיסנדיק זיך מיט טרערן, האָט זי אונדז דערציילט די פאָלגנדיקע שוידערלעכע געשיכטע: ווען זי איז געזעסן ביי איר אַר־בעט־וואַרשטאַט אויף נאַוואָליפּקי גאַס, ביי שולצן אין „שאָפּ", אין סאַמעטס אָפּטיילונג, ווו זי האָט געאַרבעט ווי אַ שניידערין, זענען פּלוצלונג אַריינ־געקומען ס.ס.־לייט און צוגענומען פון דאָרט אַלע אַרבעטערינס. מיט רעגי־נאַ צוקער איז געווען צוזאַמען יוכבד זילבערגס און מאיר ווינדערס טעכ־טערל, מאַרישע. זי האָט זי גענומען פאַר דער האַנט און צוזאַמען מיט דער גאַנצער פרויען־גרופּע אַרויסמאַרשירט אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ".

דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען איבערגעפולט מיט צענדליקער טויזנ־טער יידן. אין דער גרויסער געביידע פונעם געוועזענעם יידישן שפּיטאָל (פריער איז דאָרט געווען אַ פּוילישע פאָלקסשול) אויף סטאַווקי גאַס, ווו עס איז אַריינגעשטופּט געוואָרן דער געבראַכטער פרויען־טראַנספּאָרט, איז נישט געווען קיין פּלאַץ אַפילו צו שטיין. מענטשן האָבן געקלעפּט איינער צום אַנדערן. פיל מענטשן זענען פון זינען אַראָפּ, אָדער געשפּרונגען פון די פענצטער, פאַלנדיק טויט פון אַ דייטשער קויל, וואָס האָט זיי גע־

טראָפּן. פון דעם שמוץ, שרעקלעכן ריח און ענגשאַפט אַליין האָט מען שוין געקענט משוגע ווערן. קיין ביסל וואַסער איז נישט געווען צו באַקומען. וועגן עפּעס עסן, איז דאָך שוין אָפּגערעדט. די פיזיאָלאָגישע באַדערפעניש האָט מען דערליידיקט אונטער זיך, — אַזוי, אַז ביז די קני איז מען געשטאַנען אין עקסקרעמענטן. ווען עמעצער האָט שוין מער נישט געקענט שטיין אויף די פיס פון מידקייט, האָט ער זיך געמוזט אַוועקזעצן, ביזן האַלדז איינגעטונקען אין דעם שוידערלעכן אָפּפאַל. ווען אויפן דריטן טאָג האָבן זיך דערהערט טריט פון אוקראַיִנער און ליטווינער, וואָס זענען געקומען נאָך זייערע קרבנות, האָט זיך רעגינאַ צוקער, צוזאַמען מיט מאַרישאַ ווינדער, איינגעטונקען און אויסבאַהאַלטן אונטערן שמוץ...

מאיר ווינדער

אַנדערע פרויען האָבן אויך נאָכגעטון זייער ביישפּיל, זיי זענען אָבער דערשטיקט געוואָרן פון שרעקלעכן ריח און געבליבן ליגן טויט... ווען מען האָט שוין געהאַט אַרויסגעפירט כמעט אַלע פרויען, האָט אַן אוקראַיִנער פּאָליציאַנט באַמערקט ווי עס רירט זיך עפּעס, און, אָנשטעלנדיק די ביקס צום שיסן, האָט ער אויסגערופן: „אַרויס, אָדער איך שיס!" רעגינאַ צוקער האָט געהאַט מיט זיך אַ גרויסן ברילִיאַנט און אַ דאַנק דעם האָט זי זיך אויסגעקויפט פונעם תלינס הענט. די טאָכטער פון די ווינדערס, אויף וועלכער אַן אוקראַיִנער האָט געוואָרפן אַן אויג, האָט ער באַין אופן נישט געוואָלט אָפּלאָזן און אַוועקגעפירט דאָס פּרעכטיקע מיידל... רעגינאַ צוקער האָט דער אוקראַיִנער, נאָך אַ פּאָר טעג אויסבאַהאַלטן אויפן „אומשלאַגפּלאַץ", אין אַ געוויסן פאַרנאַכט צוריקגעבראַכט אין געטאָ אַריין. זי איז אָנגעקומען צו אונדז אויף דער מילנע גאַס אין אַ שוידערלעכן מצב.

ווען יוכבד זילבערג האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם טראַגישן סוף פון איר איינציק, הייס־געליבט, געראָטן קינד, איז זי אַראָפּ פון זינען. דאָס זעלביקע איז געשען מיט איר מאַן מאיר ווינ־דער, וועלכער איז שוין אַ צייט פריִער געווען פסיכיש נישט אין אָרדענונג.

יוכבד זילבערג

רעגינאַ צוקער האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען און קלאָגן איבערן אומקום פון דעם וווּנדער־שיינעם קינד פון אַרטיסטן־פּאָרל ווינ־דער. זי האָט געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד. עס איז זי אוממעגלעך געווען צו באַרויִקן, אַז אויב נישט היינט, איז מאָרגן — וועלן מיר דאָך אַלע טיילן דעם זעלביקן גורל. די חברים־אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך געפונען אין שולצס „שאָפּ", האָבן באַשלאָסן זי דאָרט צוריק איבערצונעמען. ביי אונדז, אויף מילנע, האָבן שוין קיין פרויען נישט געטאָרט מער זיין.

אַוועק אַ צייט און מען האָט זיך, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, צוגעוויינט צו דער געשאַפענער לאַגע. די, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן, האָבן דאָך געמוזט ווייטער לעבן. די איינזאַמע רעגינאַ צוקער האָט חתונה געהאַט מיט דעם איינזאַם־פאַרבליבענעם אייזיק סאַמבערג (זיין פרוי העלענאַ גאַטליב איז נאָך ביי דער ערשטער „אַקציע" אַוועקגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע) און צוזאַמען געמאַכט פּלענער אויף... דער צוקונפט. זיי האָבן אַלץ געהאָפט איבערצולעבן די מלחמה. נישט באַשערט געווען אָבער רעגינאַ צוקער צו האָבן אַ לאַנג גליקלעך לעבן מיט איר צווייטן מאַן סאַמבערג. זיי זענען באַלד אַרויסגעשיקט געוואָרן (בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ) אין לאַגער קיין פּאָניאַטאָוו און פון דאָרט געבראַכט געוואָרן צום אומקום קיין מאַידאַנעק. דעם 3טן נאָוועמבער 1943, איינעם טאָג ווען מען האָט דאָרט אויסגעשאָסן 18 טויזנט ייִדן, אונטער די קלאַנגען פון שטראַוס' „ווינער וואַלצער", האָט רעגינאַ צוקער, צוזאַמען מיט איר מאַן אייזיק סאַמבערג און אַנדערע קאָלעגן, געפונען איר מאַרטירער־טויט.

די משפחה פישער

דער ראש פון דער משפחה — הערמאַן פישער —האָט געשטאַמט פון בענדין. זיין זיידע און פאָטער האָבן געהאַנדלט מיט פיש, און פון דאַנען נעמט זיך טאַקע זייער באָמען.

הערמאַן פישער האָט נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן געהאַט אַ דראַנג צום טעאַטער. בענדין איז אַלעמאָל געווען אַ גרויסע יידישע שטאָט, וווהין עס פלעגן אָפט קומען יידישע טעאַטער־טרופעס. פישער פלעגט נישט דורכלאָזן קיין פאָרשטעלונג און איז אַזוי „געכאַפּט געוואָרן אויף דער מעשה", אַז אין אַ שיינעם העלן טאָג איז ער, מיט אַ וואַנדער־טרופע, פאַרשוווּנדן פון דער היים. זייענדיק אַ שיינער בחור, האָט פישער געוואָלט ווערן אַ ליבהאָבער, — עס האָבן אים אָבער דערצו געפעלט צוויי זאַכן: טאַלאַנט און אויסשפּראַך. ער האָט געהאַט אַ הייזעריקע שטים און קיין ליבהאָבער־ראָלן האָט ער דעריבער נישט באַקומען. היות ער האָט אין כאַראַקטער־ראָלן אויך נישט געגלאַנצט, האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ סופליאָר.

דאָס איז אַמאָל אין יידישן טעאַטער געווען אַ בכבודיקער אַמט, וואָרום אויפן סופליאָר איז געשטאַנען די גאַנצע פאָרשטעלונג — פון קיין ראָלן־לערנען האָט מען נישט געהאַלטן. נישט יעדער אָבער האָט צו יענער צייט געקענט ווערן אַ סופליאָר, ווייל נישט אַלע זענען געווען באַקאַנט מיט די קליינע אותיותלעך... פישער איז געווען אַ בקי אין יידיש, דייטש, ווי אויך אין רוסיש — איז ער געוואָרן אַ וויכטיקע פיגור ביים טעאַטער.

ער איז אַרומגעפאָרן מיט פאַרשיידענע טרופעס איבער גאַנץ רוסלאַנד אַלס סופליאָר און אויך אַלס געהילף־רעזשיסאָר. ביים אַמט פון געהילף־רעזשיסאָר איז ער שוין פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

געהילף־רעזשיסאָר איז אַמאָל ביים יִדישן טעאַטער געווען דע, וואָס האָט, לויט די אָנווייזונגען פונעם „סטאַר", אויסגעשטעלט די בינע, פאַרזאָרגט די דעקאָראַציעס, רעקוויזיטן און קאָסטיומען און צוגעגרייט די סטאַטיסטן צו דער פאָרשטעלונג (רעזשיסאָרן אין פולן זין פון וואָרט זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען). ווען פישער איז אַריבער אין אַן אַנדערע טרופּע, האָט ער דאָרט געשטעלט די פּיעסן, וואָס זענען געווען אויפגעפירט אין די פריִערדיקע טעאַטערס, ווו ער האָט געאַרבעט, אָפּקאָפּירנדיק זיי ביזן לעצטן פּרט. אַזוי אַרום איז ער אויך געוואָרן רעזשיסאָר, ד"ה אָנגעגעבן אויף די אַפישן און פּראָגראַמען: רעזשי — הערמאַן פישער.

הערמאַן און ליזאַ פישער

ווען ס'האָט זיך אין וואַרשע געגרינדעט די ערשטע ייִדישע דראַמאַ־טישע טרופּע, א"נ „פּאַרייניקטע טרופּע" מיט אסתר רחל קאַמינסקי, אַברהם יצחק קאַמינסקי, רעגינאַ קאַמינסקי, יעקב ליבערט, בערטיל, ווייסמאַן, אסתר גלאַזער, זשעלאַזאַ, הערמאַן שיעראַדזקי, עדעלמאַן, יער־מאַלינאַ, שלמה קאַן א"אַ, איז הערמאַן פישער אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס סופליאָר און געהילף־רעזשיסאָר.

מיט דער „פּאַרייניקטער טרופּע" האָט הערמאַן פישער דורכגעמאַכט דעם טריאומף־טורנע איבער גאַנץ רוסלאַנד, איינשליסנדיק פּעטערבורג און מאָסקווע. אין צאַרישן רוסלאַנד האָט אין יענע שטעט קיין ייִדיש טעאַטער נישט געטאָרט שפּילן. פאַר דער קאַמינסקי־טרופּע איז אָבער געמאַכט געוואָרן אַן אויסנאַם.

אין אָדעס האָט זיך פישער באַקענט מיט אַ כאָריסטין פון ייִדישן טעאַטער, ליזאַ באַרסקאַ, חתונה געהאַט מיט איר און פון דעמאָלט אָן שוין צוזאַמען מיט איר אַרומגעפאָרן.

ליזאַ באַרסקאַ־פישער האָט געהאַט אַ שיינע שטים צו זינגען און אויך פעאיקייטן צו דער בינע, האָט מען איר אָנגעהויבן געבן ראָלן, און מיט דער צייט איז זי געוואָרן אַ נוצלעכע כאַראַקטער־אַקטריסע אין ייִדישן טעאַטער. ליזאַ באַרסקאַ איז געווען זייער אַ ליבער און פריינטלעכער מענטש; חבריש, פריילעך און שטענדיק — מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. אַלע, וואָס האָבן מיט איר געאַרבעט, האָבן זי זייער ליב געהאַט.

די פישערס האָבן געהאַט דריי קינדער: די עלטסטע — לובאַ פישער, האָט געשפּילט אַ געוויסע צייט אין ייִדישן טעאַטער און אין ייִדישע פילמען. נאָכן פאַרענדיקן אירע שטודיעס (געווען אין אוניווערסיטעט און אין דער פּוילישער דראַמ'־שול) — אַוועק צום פּוילישן טעאַטער. זי איז געווען די פרוי פונעם ביז־גאָר באַגאַבטן פּוילישן אַרטיסט יאַצעק וואָשטשעראַ־וויטש. פישערס ייִנגערע טאָכטער, אַנקאַ, האָט זיך ווייטער געלערנט און ערשט אין וואַרשעווער געטאָ — אָנגעהויבן אויפצוטרעטן אויף דער בינע. פישערס איינציקער זון, באָריס, איז נאָך מיט יאָרן פאַרן קריג אַוועקגע־פאָרן קיין אַמעריקע.

הערמאַן פישער האָט, להיפוך צו זיין פרוי ליזאַ, ליב געהאַט זיך צו קהלען. אומעטום איז מיט אים געווען פול. ער האָט וועגן אַלעם גע־

ווּסט און שטענדיק געהאַט צו דערציילן עפּעס אַ „פּאַסירונג״ פון הינטער די קוליסן. ער האָט אָבער געהאַט אַזאַ מזל, אַז ער האָט שטענדיק בעת אַ פאָרשטעלונג „פאַררעדט״ די אַקטיאָרן און זיי האָבן פאַרשפּעטיקט צו

הערמאַן און ליזאַ פישער אין לעאָניד אַנדרעיעווס „7 געהאָנגענע״, אויפגעפירט דורך זיגמונט טורקאָוו אין וואַרשעווער „צענטראַל״־טעאַטער.

זייערע אויפטריטן. צוליב די זעלביקע טעמים האָט ער אויך פאַרשפּעטיקט צו לאָזן, אין דער ריכטיקער צייט, דעם פאָרהאַנג.

ווען מיר האָבן, אין יאָר 1923, געשפּילט מיטן „וויקט״ אין פּשע־מישל (גאַליציע) יעזשי זשולאַווסקיס „שבתי צבי״, האָט פּאַסירט פאָלגנ־דיקער פאַל: ווען „שבתי צבי״ (זיגמונט טורקאָוו) שטעלט זיך פאַרן סולטאַן (שמואל לאַנדאו), דאַרף געשען אַ „נס״, וואָס שבתי האָט געבעטן ביים אויבערשטן: ער זאָל עפענען די הימלען און ס׳זאָל אָנהייבן צו דונערן און צו בליצן. דאָס האָט געדאַרפט איבערצייגן דעם סולטאַן, אַז שבתי צבי

איז טאַקע אַ בעל־מופת. האָט זיך אָבער הערמאַן פישער פאַררעדט און... עס איז נישט געשען דער „נס" — ער האָט פשוט פאַרגעסן צו מאַכן די געהעריקע עפעקטן... ווען שבתי צבי (זיגמונט טורקאָוו) האָט געזען, אַז דער „נס" קומט נישט, האָט ער זיך געמוזט אַרויסדרייען פון דער פריקרער סיטואַציע און אויסגעפינען אַן אַנדערן „נס", וואָס האָט געדאַרפט אָפּלענקען די דונערן און בליצן. ווען די קאָמבינאַציע איז געלונגען און דער עולם, ווי אויך די אַקטיאָרן, האָבן שוין פאַרגעסן וועגן דעם, האָט פּלוצלונג, מיט דער גאַנצער קראַפט, אָנגעהויבן צו דונערן און צו בליצן...

אַזעלכע „עפעקטן", אָדער בעסער געזאָגט — דעפעקטן, זענען ביי פישערן געווען אַן אָפטע דערשיינונג...

אויב איך ברענג איצט די דאָזיקע פאַקטן, בין איך באַין אופן נישט אויסן אָנצורירן דעם ליכטיקן אָנדענק פונעם מאַרטירער הערמאַן פישער. זיין אָנדענק איז אונדז אַלע, וואָס האָבן אים געקענט און מיט אים געאַרבעט, הייליק און אומפאַרגעסלעך, ווייל מיט אים איז פאַרבונדן אַ שטיק געשיכטע ערלעך יידיש טעאַטער, מיט וועלכן ער איז געווען ענג פאַרבונדן איבער 40 יאָר און וואָס איז אים געווען אַזוי טייער.

הערמאַן פישער איז געווען דער האָרעפּאַשניק פונעם יידישן טעאַטער; אויף זיינע פּלייצעס האָט ער געטראָגן די שווערע מאַסע פונעם לאַנגן וואַנדער־לעבן, אַלע מניעות און שטרויכלונגען, וואָס דאָס יידישע טעאַטער האָט געהאַט דורכצומאַכן אין צאַרישן רוסלאַנד. נישט פון איין שווערער סיטואַציע האָט הערמאַן פישער אַרויסגעראַטעוועט זיין טרופּע. ווען מען האָט געדאַרפט אויף שנעל איבערזעצן אַ יידישע פּיעסע אין רוסיש און זי אַזוי פּרעפּאַרירן, אַז די צענזור זאָל נישט געפינען קיין שום „טריפעס" (ניעבלאַגאָנאַדיאָזשנאָ) — האָט פישער עס געטון.

פישער איז געווען זייער אַרבעטזאַם און פול מיט ענערגיע. ער האָט אויך, ביים אָרגאַניזירן דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן פון אונדזערע אַקטיאָרן, געשפּילט נישט קיין קליינע ראָל. ער האָט געהערט צו די גרינדער פון ערשטן יידישן אַרטיסטן־פאַריין אין וואַרשע. יאָרנלאַנג איז ער געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון פאַריין און האָט אַרויסגעוויזן אַ חוש פאַר אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט זיך הערמאַן פישער מיט זיין

משפּחה געפונען אונטער די דייטשן אין וואַרשע. ער איז שוין געווען אַלט און שוואַך. זיין פרוי, ליזאַ באַרסקאַ־פישער, וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט און איז געווען צו איר שטאַרק צוגעבונדן, איז געשטאָרבן פון טיפוס, בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע. דאָס האָט אויף אים שטאַרק גע־ווירקט. זיין טרייסט זענען אָבער געווען די קינדער, וועלכע ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן זיין זון באָריס, וואָס האָט אין אַמעריקע געענדיקט אויף אינזשיניער און געאַרבעט ביי אַעראָפּלאַנען. די גאַנצע האָפענונג האָט ער געלייגט אויף באָריסן, אין וועלכן ער האָט געזען די אָנשפּאַר אויף דער עלטער...

ווען דאָס וואַרשעווער געטאָ איז הערמעטיש פאַרמאַכט געוואָרן, האָט זיין טאָכטער לובאַ פישער שוין מער נישט געקענט צו אים קומען, ווי אויך שיקן אים שטיצע. זי אַליין, אַלס ייִדישקע, האָט געמוזט אַנטלויפן פון וואַרשע. שפּעטער איז זי צוריקגעקומען און אויף אַ שרעקלעכן אופן אומגעקומען. ווען זי איז אומגעקומען האָבן שוין דער טאַטע אירער, הער־מאַן פישער, און איר געליבטע שוועסטער אַניאַ נישט געלעבט. עס איז שוין מער נישט געווען קיין געטאָ און עס זענען שוין נישט געווען קיין ייִדן.

הערמאַן פישער האָט אין געטאָ געאַרבעט אַ געוויסע צייט אין ייִדישן טעאַטער אַלס געהילף־רעזשיסאָר. זיין טאָכטער אַניאַ, וועלכע איז געווען געניט מוזיקאַליש און באַזעסן אַ קליין שטימעלע, האָט אָנגעהויבן אויפ־צוטרעטן אין די קאַפעס, שפּעטער — אין נאַכט־לאָקאַלן. פאַרטאָג איז זי אַהיים געקומען אַ טויט־מידע, ברענגענדיק דעם טאַטן די פּאָר פאַר־דינטע גראָשן...

ווען עס האָבן זיך אין געטאָ אָנגעהויבן די „אַקציעס", האָט הערמאַן פישער און זיין טאָכטער אַניאַ באַקומען אַרבעט אויף אַ „פּלאַצוווקע" (אַרבעטס־אָרט, אויסערהאַלב דעם געטאָ). אַהין פלעגט מען פון געטאָ ברענגען גרופּעס ייִדן, וואָס זענען געווען פאַרזען מיט די נויטיקע דאָ־קומענטן, אַז זיי זענען באַשעפטיקט אויף דער אַרישער זייט און האָבן אַ רעכט, גרופּעוויז, צוריקצוקומען פון דער אַרבעט אויף דער אַרישער זייט אין געטאָ אַריין.

הערמאַן פישער מיט זיין טאָכטער אַניאַ האָבן געהערט צו די „גליק־לעכע", צו די אויסדערוויילטע, ווייל די „פּלאַצוווקע"־אַרבעטער זענען תמיד צוריקגעקומען פון דער אַרישער זייט מיט לעבנסמיטל און אַזוי אַרום פאַרהיט געוואָרן פון הונגער. זיי האָבן אויך אַרויסגעשמוגלט פון געטאָ פאַרשיידענע זאַכן צו פאַרקויפן אויף דער אַרישער זייט (דעמאָלט האָבן די פּאָליאַקן יידישע זאַכן נאָך געקויפט, נישט גענומען בכוח).

איך האָב אַמאָל, שטייענדיק ביים געטאָ־טויער, געטראָפן דעם אַלטן הערמאַן פישער מיט זיין טאָכטער אַניאַ אין דער ריי מיט אַ גרופּע אַר־בעטער, גרייט דורכצוגיין די קאָנטראָל פון די דייטשן, כדי אַרויסצוגיין אויף די אַרישע זייט. פישער האָט דעמאָלט אויסגעזען מיט אַ צוואַנציק יאָר יינגער. ער האָט אינגאַנצן געשיינט. באַמערקנדיק מיך, האָט ער מיר צוגעוואָרפן: — „נו, גאָט זיי דאַנק, עס גייט מיר גאַנץ גוט"...

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב פישערן געזען. לאַנג איז אים נישט באַשערט געווען „ס'זאָל גיין גוט". ווי עדות האָבן מיר איבערגעגעבן, איז אין אַ שיינעם טאָג, אָנהויב 1943, זיין גאַנצע אַרבעטס־גרופּע אַרומגערינגלט געוואָרן ביים טויער פון געטאָ און מען האָט זיי אַלע אַוועקגעפירט אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ" אין די וואַגאָנען אַריין. וווהין מען האָט זיי דעמאָלט אַוועקגעשיקט — קיין טרעבלינקע, אָדער קיין מאַי־דאַנעק — ווייסט מען נישט. איבעריקנס, וואָס איז דער חילוק? דער סוף איז געווען דער זעלביקער: אין די גאַז־אויוונס אַריין.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די געשיכטע פון דער פּאָפּולערער טעאַ־טער־משפחה פישער.

אברהם האלפערן

אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל אין דער ליטע, גראָדנער גובערניע, וואָס איז זיך געלעגן אָפּגעריסן פון דער וועלט (קיין באַן גייט נאָך עד היום נישט אַהין), האָט זיך געלעבט אַן אָרעמע יידישע משפחה מיטן נאָמען גאַלפערן.

דער ראָש פון דער משפחה, חיים יוחנן, האָט געאַרבעט אין אַ בראָנפן־ברויז, צוזאַמען מיט זיינע זין. די דאָזיקע פרנסה, וואָס האָט אים, אַגב, נישט געקלעקט אויף אויסצוהאַלטן זיין גאַנץ גרויסע משפחה, איז אים ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. ער האָט געהאַט מער אינטערעס פאַר געזאַנג, איבערהויפּט — פאַר יידישע ניגונים. באַזיצנדיק אַ שיינע שטים און זייענדיק זייער מוזיקאַליש, איז ער געוואָרן דער „חזן" פון דער שול אין פאַראַזאָווע — אַזוי האָט געהייסן דאָס שטעטל, וואָס איז געווען גרויס ווי אַ גענעץ און איז געשטאַנען אַרומגערינגלט פון אַ גרויסן וואַלד.

און נישט נאָר פון דער שול, נאָר אויך פון זיין היים האָבן זיך געטראָגן אָן אויפהער האַרציקע יידישע ניגונים, וואָס האָבן זיך געהערט איבער גאַנץ פאַראַזאָווע און וואָס זענען אויפגעכאַפּט און אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך אַלע פאַראַזאָווער איינוווינער. דאָס האָבן געזונגען: חיים־יוחנן מיט זיינע קינדער און אייניקלעך.

חיים יוחנן גאַלפּערן איז געווען אַ בעל־מטופּל פון 7 קינדער (3 זין: אַברהם יצחק, יעקב אשר און יוסף און 4 טעכטער: כאַשיע, קיילע, רבקה און דאָס מוזיניקל אסתר רחל — די שפּעטער באַרימט־געוואָרענע אסתר רחל קאַמינסקי).

קיין פּרנסה איז, ווי געזאָגט, אין שטוב נישט געווען און דער דלות האָט געקנאַקט פון אַלע ווינקעלעך — האָבן די קינדער באַשלאָסן צו זוכן מזל אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע.

די ערשטע האָט פאַרלאָזט פּאַראַזאָווע די עלטסטע טאָכטער כאַשיע און צוביסלעך האָט זי אָנגעהויבן אַראָפּצוברענגען קיין וואַרשע אירע ברי־דער און שוועסטער. די לעצטע איז געקומען קיין וואַרשע די נאָך גאָר יונגינקע אסתר רחל.

חיים יוחנן גאַלפּערן האָט זיך אָבער נישט געוואָלט שיידן מיט זיין געבוירן־אָרט פּאַראַזאָווע, ווו ער איז אויך אין אַ צייט אַרום געשטאָרבן.

ווען יעקב אשר (דער זיידע פון דער שוישפּילערין דינה האַלפּערן) איז געקומען קיין וואַרשע, איז זיין זון אַברהם האַלפּערן — אין וואַרשע האָט זיך די משפּחה שוין גערופן האַלפּערן — אַלט געווען 12 יאָר און ער איז באַלד אָפּגעגעבן געוואָרן אין אַ חדר אַריין אויף פּאַוויע גאַס. דאָרט האָט אויך יאָרנלאַנג געוווינט די גאַנצע משפּחה.

אַברהם האַלפּערן האָט געהאַט דריי ברידער: בנימין (דער עלטסטער), יצחק (איטשע) — דער פאָטער פון דינה האַלפּערן, און ישראל, וועלכער איז אומגעקומען בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע אין פּאַריז. אַברהם האַלפּערן האָט אויך געהאַט דריי שוועסטער: סאָניע ליסקאָווסקי (די עלטסטע), לינאַ בראָדאַטי און העלענע פּאָדלאָס. די לעצטע איז שפּעטער גע־וואָרן אַ שוישפּילערין.

אַברהם האַלפּערן האָט געהאַט גרויסע אַמביציעס. ער האָט זיך אַליין אָנגעהויבן צו לערנען און שפּעטער, מיט דער הילף פון זיין פעטער פולמאַן — דער מאַן פון זיין מומע קיילע — אסתר רחל קאַמינסקיס על־טערע שוועסטער — באַלייגט די מאַטורא־עקזאַמענס און אָנגעקומען אין וואַרשעווער טעכנישער הויכשול. אַברהם האַלפּערן איז, פּונקט ווי די גאַנצע משפּחה, געווען אויסערגעוויינלעך מוזיקאַליש — נישט אומזיסט שטאַמען זיי פון אַ חזנישער משפּחה. ווען נישט דער צופאַל, וואָס זיי

זענען אַוועק אין דער הויפּטשטאָט וואַרשע, ווער וייסט, צי זיי וואָלטן נישט געענדיקט זייער קאַריערע מיטן זינגען פאַר די פּאַראָזאָווער וועל־דער...

אסתר רחל האַלפּערן, הגם זי האָט געהאַט נישט קיין גרויסע שטים צו זינגען, איז אָבער געווען אויסערגעוויינלעך מוזיקאַליש און מען האָט איר פּאָרויסגעזאָגט אַ צוקונפט אַלס זינגערין. מיט דעם האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן איר בינע־קאַריערע. נאָר גיך האָט מען אַנטדעקט איר נישט־דורכשניטלעכן דראַמאַטישן טאַלאַנט און זי האָט זיך באַרימט געמאַכט דווקא נישט אַלס זינגערין, נאָר אַלס פענאָמענאַלע דראַמאַטישע שוישפּי־לערין און זי איז שפּעטער געקרוינט געוואָרן אַלס „מאַמע פון דער יידי־שער בינע".

די גרויסע פּאָזיציע, וואָס אסתר רחל קאַמינסקי האָט פאַרנומען ביים יידישן טעאַטער און איר ליבשאַפט צו דער משפחה האָט גורם געווען דערצו, אַז כמעט די גאַנצע משפחה אירע, מיט אַלע קינדער, זענען אַריינ־געצויגן געוואָרן אין קרייז פון טעאַטער — ווער אַלס שוישפּילער, ווער אַלס אַדמיניסטראַטיווע און טעכנישע קראַפט.

אסתר רחל האַלפּערן האָט חתונה געהאַט מיט אַברהם יצחק קאַמינסקי, וועלכער איז געווען אַ גלענצנדיקער כאַראַקטער־שוישפּילער, מחבר פון אַ ריי טעאַטער־שטיק (צוו. אַנד. „יידישע אַקטיאָרן אויף דער רייזע"), איבערזעצער פון אַנדערע שפּראַכן און קודם כל אַ נישט־דורכשניטלעכער אָרגאַניזאַטאָר. כמעט דאָס גאַנצע לעבן איז ער געווען דירעקטאָר פונעם יידישן טעאַטער. אַרום אסתר רחל קאַמינסקי האָבן זיך גרופּירט כמעט אַלע מיטגלידער פון איר משפחה, וועלכע האָבן זי ממש פאַרגעטערט.

אסתר רחל קאַמינסקיס לעבנס־חלום איז געווען צו שאַפן אַ „משפחה־טעאַטער". און ס'איז נישט קיין צופאַל, אַז סיי די פון איר משפחה, וואָס האָבן געאַרבעט אַלס שוישפּילער, סיי די, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אַדמיניסטראַטיווער טעטיקייט, זענען אַלע געווען זייער באַגאַבט און דער־ביי ליב געהאַט טעאַטער מיט לייב און נשמה.

אַ לאַנג צעטל פון נעמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער האַלפּערן־קאַמינסקי־משפחה, וועט אַריין אין דער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער. אָט זענען זיי: רעגינאַ קאַמינסקי — די עלטסטע טאָכטער פון אסתר רחל

און אַברהם יצחק קאַמינסקי — די ביז־גאָר באַגאַבטע, יונג־פאַרשטאָרבענע שוישפּילערין, וואָס האָט ווי אַ מעטעאָר אַ בליץ געטון איפּן פירמאַמענט פונעם יידישן טעאַטער און פאַרשווונדן געוואָרן; איר מאַן — דער אַמאָל באַרימטער קאָמיקער ווייסמאַן; די צווייטע טאָכטער — די באַרימטע שויש־פּילערין אידאַ קאַמינסקי, די ערשטע פרוי פון זיגמונט טורקאָוו; זייער טאָכטער — רות טורקאָוו; דער זון יוסף קאַמינסקי — באַוווסטער קאָמ־פּאָזיטאָר, דיריגענט און פידל־מייסטער, וואָס לעבט היינט אין ישראל, פאַרנעמענדיק אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער דאָרטיקער מוזיקאַלישער וועלט.

די שוועסטער פון אסתר רחל קאַמינסקי, קיילע פּולמאַן, איז צוזאַ־מען מיט איר מאַן געווען מיט־דירעקטאָרן פון „קאַמינסקי־טעאַטער״, אויף אָבאָזשנע גאַס אין וואַרשע, וואָס זיי האָבן צוזאַמען אויפגעבויט און עס אָנגערופן אויפן נאָמען פון קאַמינסקי; לינאַ ביעלענקי, די טאָכטער קיילע פּולמאַן, די פרוי פונעם באַקאַנטן וואַרשעווער מעדיקער אָווסעי ביעלענקי, איז שפּעטער אויך געוואָרן אַ מיט־שותפטע צום „קאַמינסקי־טעאַטער״; איר עלטסטע טאָכטער האָט אין וואַרשעווער געטאָ חתונה געהאַט מיט דעם יונגן, פילצוזאָגנדיקן דיריגענט פונעם סימפאָנישן אָר־קעסטער — ישראל האַמערמאַן. אַלע זענען זיי אומגעקומען פון די דייטשן.

שמעון פּולמאַן

די צווייטע טאָכטער פון די פּולמאַנס — העלענאַ באַרקאָווסקי, האָט נאָכן פאַרענדיקן די פּוילישע דראַמאַטישע שול געשפּילט אין פּוילישן טעאַטער, דערנאָך — אַריבער אויף דער יידישער בינע. איר מאַן, אַדוואָקאַט באַרקאָווסקי, איז יאָרנלאַנג געווען אַדמיניסטראַטיווער לייטער פון „קאַמינסקי־טעאַטער״. ער איז אומגעקומען ביי די דייטשן. דער זון פון די פּולמאַנס — שמעון פּולמאַן, אַ באַ־רימטער פידלער און דיריגענט. ער איז אויך אומ־געקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

אסתר רחל קאַמינסקיס צווייטע שוועסטער, רבקה ליכטענבערג, וואָס איז פּאָפּולער געווען אַלס די „מומע רבקה״, אָדער, ווי אַנדערע האָבן זי גערופן — די „גראָבע רבקה״ (צוליב איר אויסערגעוויינלעך־דיקער

פיגור), איז געווען די לייטערין איבער די קאָסטיומען־מאַגאַזינען אין טעאַטער. זי האָט אַ̈יך געפּרווּוט איר מזל אויף דער בינע. בלויז איר דערשיינען אויף דער בינע האָט, צוליב איר „פיגור", אַרויסגערופן אַזאַ געלעכטער אין זאַל, אַז די איבעריקע אַרטיסטן האָבן שוין מער נישט געקענט קומען צום וואָרט... האָט מען איר דערפאַר שוין מער נישט גע־לאָזט אויפטרעטן אויף דער בינע. אָבער פון איר אַרבעט הינטער דער בינע האָט זי ביזן סוף פון איר לעבן נישט רעזיגנירט.

די טאָכטער פון דער „מומע רבקה" איז געווען אַ כאַראַקטער־אַקטריסע אין אסתר רחל קאַמינסקיס טרופּע. זי האָט געהייסן מינע, אָבער גערופן האָט מען זי „די טויבע מינע". זי איז אַ צייט־לאַנג געווען די פרוי פונעם אַקטיאָר דוד לואי. ביידע זענען זיי אומגעקומען דורך די דייטשן בעת דער „אויסזידלונג" פון וואַרשעווער געטאָ. דער איינציקער זון פון דער „מומע רבקה", אליהו ליכטענבערג, איז יאָרנלאַנג געווען געהילף־אַדמיניסטראַטאָר אין טעאַטער, דערנאָך — מיט־אייגנטימער פון דער טעאַטער־גאַרדעראָב, אָדער ווי מען האָט עס ביי אונדז גערופן: שאַטניע. אויך ער איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

אסתר רחל קאַמינסקיס ברודערס אַ טאָכטער (אַברהם האַלפּערנס שוועסטער), סאָניע ליסקאָווסקי, האָט יאָרנלאַנג געפירט דעם בופעט אין טעאַטער. זי האָט געהאַט פיר קינדער: די זין מאָטעק און העניעק און די טעכטער לינאַ און גינאַ. לינאַ און דערנאָך גינאַ האָבן געשפּילט אַלע קינדער־ראָלן ביי אסתר רחל קאַמינסקי און זיי זענען געווען זייער באַגאַבט און שיין. מיט דער צייט זענען זיי אַוועק פונעם טעאַטער. ביידע זענען זיי, מיט זייערע משפחות און מיט דער מוטער סאָניע ליסקאָווסקי, אומגע־קומען אין וואַרשעווער געטאָ.

פון די קינדער פון יעקב אשר האַלפּערן (דער ברודער פון אסתר רחל קאַמינסקי און דער זיידע פון דינה האַלפּערן) איז אויך געגאַנגען צום טעאַטער די ייִנגסטע טאָכטער העלענע האַלפּערן (אַ שוועסטער פון אַברהם האַלפּערן), וועלכע האָט געשפּילט ביי אסתר רחל קאַמינסקי און אין אַנדערע טעאַטערס אין רוסלאַנד אַ פּאָר יאָר. זי האָט חתונה געהאַט מיטן טעאַטער־סופליאָר חיים פּאָדלאַס און צוזאַמען מיט אים אַוועק קיין אַמעריקע, ווו זי איז געשטאָרבן. די צווייטע שוועסטער פון אַברהם האַל־

פּערן, לינאַ, איז געווען די פרוי פון הערמאַן בראַדאַטי, וועלכער איז געווען אַ מיט־שותּף צום „קאַמינסקי־טעאַטער", ביז ער איז פּלוצלונג פּריצייטיק געשטאָרבן. לינאַ בראַדאַטי איז מיט אירע צוויי קינדער אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

די טאָכטער פון איטשע האַלפּערן (אַברהמס ברודער) דינה האַלפּערן, אַ וווּנדערבאַרע שוישפּילערין, האָט שוין אין אירע קינדער־יאָרן אַרויס־געוויזן גרויסע בינע־פעאיקייטן און לסוף געגאַנגען צום טעאַטער. איצט געפינט זי זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דינה האַלפּערנס ברודערל יוסף (יאָסל) האָט אויך געאַרבעט אין טעאַטער אַלס עלעקטראָטעכניקער. ער איז צוזאַמען מיט זיין משפּחה, מיט זיין ברודער יעקב (יאַנקל), מיט די שוועסטערס רחל און כאַשע און מיטן פאָטער, אומגעקומען אין וואַרשע־ווער געטאָ.

פון דער משפּחה האַלפּערן־קאַמינסקי האָבן ביים ייִדישן טעאַטער געאַרבעט 28 מענטשן, נישט רעכענענדיק די זייטיקע צווייגן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט די משפּחה־מיטגלידער, און זענען געווען טעטיק אַלס שוישפּילער און רעזשיסאָרן אין ייִדישן טעאַטער. אין דער דאָזיקער צאָל איז נישט אַריינגערעכנט דער וועלט־באַרימטער, גרויסער אַמעריקאַ־נער שוישפּילער דעני קעי (פון אַברהם יצחק קאַמינסקיס משפּחה). זיין אמתער נאָמען איז קאַמינסקי און ער איז שוין געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע.

אַברהם האַלפּערן האָט אויך נישט געקענט ביישטיין דעם „נסיון", — ער האָט פאַרלאָזט זיינע סטודיעס און איז געוואָרן אַדמיניסטראַטאָר ביי זיין מומען אסתּר רחל קאַמינסקי נאָך אין וואַרשעווער מוראַנאָווער טע־אַטער. פון דעמאָלט אָן איז ער, מיט קליינע אויסנאַמען, געוואָרן דער געשווירענער אימפּרעסאַריאָ פון אסתּר רחל קאַמינסקי.

אַברהם האַלפּערן איז יאָרנלאַנג געווען דירעקטאָר פון פאַרשיידענע טרופּעס, אימפּרעסאַריאָ פון „וויקט" (וואַרשעווער ייִדישער קונסט־טע־אַטער), מיט וועלכן ער האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן טורנע אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

אָבער אויך אַברהם האַלפּערן האָט געפּרוּווט זיינע „כּוחות" אַלס שוישפּילער און ער האָט געהאַלטן, אַז ער האָט גרויסע בינע־פעאיקייטן, —

מען דאַרף אים נאָר געבן אַ געלעגנהייט זיך צו באַווייזן אין אַ ראָל. אַברהם יצחק קאַמינסקי האָט אים אַמאָל, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, גע־געבן אַזאַ געלעגנהייט. אין דער פּיעסע „אוריאַדניק מערזאַווין", וועלכע ער האָט אויפגעפירט, האָט ער אַברהמען געגעבן אַ קליינע ראָל פון אַ רו־סישן גאָראָדאָוואָי (פּאָליציאַנט). האַלפּערן האָט געהאַט אָפּצוזאָגן אַ פּאָר ווערטער אין רוסיש. אַלע פּראָבן, וואָס מען האָט מיט אים געמאַכט, זענען דורך אין בעסטער אָרדענונג — אַגב, האָט אַברהם האַלפּערן געקענט גלענצנדיק רוסיש. ס'איז געקומען צו דער פאָרשטעלונג. האַלפּערן האָט אָנגעטון דעם מונדיר פון רוסישן גאָראָדאָוואָי, אַרויס אויף דער בינע און אָנגעהויבן רעדן. פון גרויס שרעק האָט זיך האַלפּערן אַזוי פאַרלוירן, אַז אָנשטאָט אין רוסיש, האָט ער די ראָל אָפּגערעדט אין אַ ריינעם דייטש..

מער האָט ער שוין ביי קאַמינסקין קיין ראָל נישט באַקומען...

האַלפּערן האָט אָבער נישט געוואָלט רעזיגנירן פון שפּילן טעאַטער און כסדר געבעטן ביי אסתר רחל קאַמינסקי נאָך אַמאָל צו מאַכן מיט אים אַ פּרווו.

— „מומע", — האָט ער געזאָגט (ער האָט אסתר רחלען גערופן „מומע"), — „עס טרעפט דאָך אַמאָל ביים גרעסטן אַרטיסט אַן אומגליק... מאַכט־זשע מיט מיר נאָך איין פּרווו, מומע, און איר וועט זען, אַז איך וועל אייך נישט פאַרשעמען"...

און אסתר רחל קאַמינסקי האָט געמאַכט נאָך איין פּרווו. זי האָט אים געגעבן דעם שאַנס. מען האָט גראָד געשטעלט „אָן אַ היים" פון יעקב גאָרדין. אין לעצטן אַקט ווערט די הויפּט־העלדין פון דער פּיעסע (גע־שפּילט פון אסתר רחל קאַמינסקי) משוגע. מען רופט אַרויס פון שפּיטאָל אַן אַמבולאַנס, וואָס דאַרף זי אָפּפירן אין משוגעים־הויז אַריין. אַברהם האַל־פּערן האָט באַקומען דעם קליינעם עפּיזאָד פונעם סאַניטאַר, וואָס קומט אַריין נאָך דער משוגענער, טוט איר אָן דעם זיכערהייטס־קאַפּטאַן און דאַרף זי אַרויספירן. דער סאַניטאַר האָט צו זאָגן בלויז די פּאָר ווערטער: „שרעקט זיך נישט, ליבע פרוי". אין געגעבענעם מאָמענט קומט אַברהם האַלפּערן אַריין, גייט פאַרזיכטיק צו צו דער משוגענער (אסתר רחל קאַ־מינסקי) און זאָגט צו איר מיט מיטגעפיל: „שרעק זיך נישט, מומע". מער

האָט מען שוין נישט באַדאַרפֿט. אסתּר רחל קאַמינסקי (אַלס משוגענע) האָט זיך אין דער סאַמער טראַגישסטער סצענע שרעקלעך צעלאַכט און ממילא אַרויסגערופֿן אויך הייטערקייט אין צושויער־זאַל... מיט דעם האָט זיך געענדיקט אַברהם האַלפּערנס קאַריערע אַלס אַקטיאָר. מער האָט ער שוין קיין ראָלן נישט באַקומען.

אַברהם האַלפּערנס פֿרוי, אַמאַליקע אייזענבערג, אָדער — ווי זי איז געווען באַקאַנט אין דער טעאַטער־וועלט — „מאַניע", איז געווען זייער פּאָפּולער ביי די יידישע טעאַטער־מענטשן. זי איז געווען די הויפּט־צו־שטעלערין פֿון די רעקוויזיטן אין כמעט אַלע טעאַטערס און פֿון צייט צו צייט איז זי אויך אויפֿגעטראָטן אויף דער בינע. איר ספּעציאַליטעט איז געווען מחותּנתטעס ביים באַדעקן די כּלה...

בשעת די דייטשן האָבן באַזעצט וואַרשע, האָט זיך אַברהם האַלפּערן מיט זיין פֿרוי געפֿונען אין דער שטאָט. ער האָט געמאַכט אַ פּרוּוו צו אַנט־לויפֿן פֿון די דייטשן, אָבער דאָס איז אים, ליידער, נישט געלונגען. זיין שוועסטערן־טאָכטער, גינאַ ליסקאָווסקי, וואָס האָט פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון אַ רעפֿערענטין אין שפּיטאָל־וועזן אין געטאָ, האָט אים באַזאָרגט מיט אַ פּאָסטן אין דער זעלביקער אינסטיטוציע. דאָס האָט אים אָבער נישט געקענט שיצן פֿון אומקום, פּונקט ווי עס האָט גאָרנישט געשיצט פֿון אומ־קום זיין גאַנצע, ברייט־פֿאַרצווייגטע משפּחה, וואָס האָט זיך געפֿונען אין וואַרשעווער געטאָ.

דער וועג פֿון פּאַראַזאָווע ביז וואַרשע, וואָס האָט אים און זיין יחוס־דיקער טעאַטער־משפּחה פֿאַרשאַפֿן אַזעלכע גרויסע טריאומפֿן, איז איבער־געשניטן געוואָרן.

מנחם קיפּניס און זמרה זעליגפעלד

מנחם קיפּניסעס אַמביציע איז געווען צו ווערן אַן אָפּערע־זינגער און ער האָט נאָך אין וואָלין, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, אָנגעהויבן צו שטודירן געזאַנג. קיפּניס איז געווען אויסערגעוויינלעך מוזיקאַליש, האָט באַזעסן אַ שיינעם לירישן טענאָר און געהאַט אַ סך אויסדרוק. דערצו האָט ער נאָך געהאַט דעם אמתן ייִדישן קנייטש אין זינגען — ער איז געווען אַ זעלטענער מנגן. קיפּניס האָט באַזעסן אַלע מעלות, וואָס אַ גרויסער זינגער דאַרף האָבן, אויסער איין זאַך, וואָס האָט ביי אים דאָמינירט איבער אַלעם: ער איז געווען אַ קליין־געוויקסיקער, אַ מאָגערער, געהאַט אַ גע־שטופּלט פּנים און אַ בעלמע אויפן אויג. די דאָזיקע אויסערלעכע דעפעקטן האָבן דעצידירט וועגן קיפּניסעס קאַריערע: קיין אָפּערע־זינגער האָט ער שוין נישט געקענט ווערן.

רעזיגנירן אינגאַנצן פון געזאַנג, וואָס איז אים געלעגן אין בלוט, האָט ער נישט געוואָלט; האָט ער אָנגעהויבן זינגען אין כאָר פון דער וואַרשעווער אָפּערע, ווו ער איז געוואָרן אַ סאָליסט. ער איז אויך אַ צייט־לאַנג געווען סאָליסט פון דעם וואַרשעווער סינאַגאָגע־כאָר. דאָס האָט אָבער נישט געקענט שטילן זיין אַמביציע און ער האָט זיך מיטן גאַנצן ברען און טעמפּעראַמענט אַריינגעוואָרפן אין פאָלקלאָר און אָנגעהויבן צו רעס־טאַורירן די אַלטע, פאַרגעסענע ייִדישע פאָלקס־לידער. און דאָ האָט זיך פאַר קיפּניסן געעפנט אַ ריזיקער קוואַל, פון וועלכן ער האָט געצויגן אַלץ, וואָס עס האָט זיך געלאָזט. קיפּניס האָט פאַרלאָזן די אָפּערע, די סינאַגאָגע און מיט לייב און לעבן זיך געווידמעט דעם ייִדישן פאָלקס־ליד.

זייענדיק גלייכצייטיק פּובליציסט און מוזיק־קריטיקער פון דער טעג־לעכער ייִדישער צייטונג אין וואַרשע, „היינט״, האָט ער אויף די שפּאַלטן

פון זיין צייטונג געוועקט דעם אינטערעס צום יידישן פאָלקס־ליד, צום אַלטן יידישן אוצר, ווענדנדיק זיך צו זיינע לייענער זיי זאָלן אים צושיקן אַלטע פאָלקס־לידער און יידישע ניגונים, כדי זיי זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן. קיפּניס האָט אָנגעוויזן, וואָס פאַר אַ באַדייטונג דאָס קען האָבן פאַר דעם רענעסאַנס פון אונדזער קולטור־אוצר. די דאָזיקע רופן זענען נישט געבליבן אָן אָפּקלאַנג. מען פלעגט קיפּניסן צושיקן גאַנצע בערג אַלטע לידער, וואָס זענען געזונגען געוואָרן אין אַלע עקן לאַנד — אַלטע ניגונים פון רביאישע הויפן (ער איז ספּעציעל געפאָרן צו די רביים און זיי דאָרט אויך געזאַמלט); לידער, וואָס אונדזערע באָבעס און זיידעס האָבן געזונגען. קיפּניס האָט זיי סעגרעגירט לויט אַ סדר. ער איז אויך אַרומגעפאָרן איבערן גאַנצן לאַנד, אין די פּאַרוואָרפנסטע שטעט און שטעטלעך און אויפן אָרט דערגענצט די מאַטעריאַלן פון אונדזער שוין כמעט פאַרגעסענעם פאָלקס־אוצר. ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ לעבנס־ציל די אַלע מאַטעריאַלן אויפצולעבן, נישט לאָזן זיי פאַרגעסן, כדי זיי דערנאָך צו קענען איבער־געבן די קינפטיקע דורות.

דאָס איז אָבער קיפּניסן געלונגען בלויז טיילוויז. ער האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן צוויי בענדער יידישע פאָלקס־לידער. די איבעריקע בענדער האָבן שוין צוליב זיין טויט און צוליב דעם גרויסן חורבן, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף אונדזער פאָלק, נישט געקענט מער דערשיינען. דער גאַנ־צער אומשאַצבאַרער אוצר פון נאָך נישט־פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן פון אַלע יידישע פאָלקס־לידער און ניגונים זענען פאַרברענט געוואָרן בעת דער אויסראָטונג פון וואַרשעווער געטאָ.

מנחם קיפּניס האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיטן זאַמלען און פאַר־צייכענען יידישע פאָלקס־לידער, נאָר ער איז געוואָרן זייער פּראָפּאַגאַטאָר און אויסטייטשער. ער האָט, צוזאַמען מיט זיין פרוי, די פאָלקס־זינגערין זמרה זעליגפעלד, דער ערשטער אָרגאַניזירט אַ טור איבער אַלע יידישע ישובים פון פוילן און גאַנץ אייראָפּע און אומעטום דערקוויקט דעם עולם מיט די פּערל פון דער יידישער פאָלקס־שאַפונג, וואָס ער האָט אויסגעפירט צוזאַמען מיט זמרה זעליגפעלד. אַ סך לידער האָבן זיי געזונגען אין דועט. ס׳איז שווער איבערצוגעבן, וואָס פאַר אַ דערפרישונג, אויפלעבונג און

אינטערעס זייערע אויפטריטן האָבן אומעטום אַרויסגערופן. זיי זענען גע־
וועזן די ערשטע אויסטייטשער פון דעם יידישן פאָלקס־ליד.

זמרה זעליגפעלד, אַ טאָכטער פון אַ וואַרשעווער מלמד, האָט פאַר־
מאָגט אַ שיינע סאָפּראַן־שטים. זי האָט אָנגעהויבן צו זינגען אין כאָר פון
דער „מוזע" אין וואַרשע, אונטער מ. שניאורס אָנפירונג. זי איז דאָרט
געווען די סאָליסטין.



זמרה זעליגפעלד און מנחם קיפניס

קיפניס האָט זי געהערט, ער איז באַגייסטערט געוואָרן פון איר שטים
און ער האָט זי אָנגעהויבן ווייטער צו לערנען זינגען. אין אַ קורצע צייט
אַרום — דאָס איז געווען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה — זענען
זיי צוזאַמען אויפגעטראָטן אויף אָוונטן פון יידישן פאָלקס־ליד אין וואַר־
שע און אויף דער פּראָווינץ, און האָבן אומעטום אַרויסגערופן אַ שטורעם
פון באַגייסטערונג.

זמרה זעליגפעלד האָט, להיפוך צו קיפניסן, געהאַט אַ גוטע אויסער־

לעכקייט. זי איז געווען הויך געוואָקסן, געהאַט אַ שיין פּנים, אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע אויגן. ס'איז געווען אַ צייט — איבערהויפּט אין די ערשטע 15 יאָר — ווען זמרה זעליגפעלד איז געווען די פּאָפּולערסטע און באַליבטסטע פאָלקס־זינגערין.

מנחם קיפּניס, וואָס האָט נישט באַזעסן — ווי איך האָב פריִער באַמערקט — די אַלע אויסערלעכע מעלות, האָט אָבער מייסטערהאַפט אינטערפּרעטירט אַ יידיש פאָלקס־ליד, געזונגען מיט אַ סך געפיל, יידישן חן און חכמה (אַגב, איז ער געווען אַ גרויסער חכם), אַריינלייגנדיק אין יעדן ליד אַזוי פיל נשמה, אַז דער עולם איז ווי עלעקטריזירט געוואָרן פון זיין זינגען. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער האָט, צוליב זיין עלטער, פאַרלוירן די שטים, האָט ער אָבער נאָך אַלץ אַזוי פיין אויסגעטייטשט אַ ליד, אַז מען האָט אים געהערט מיט גרויס אינטערעס. די לעצטע יאָרן האָט שוין קיפּניס אינגאַנצן נישט געזונגען, — בלויז זמרה זעליגפעלד איז אויפגעטראָטן אויף אָוונטן פון יידישן פאָלקס־ליד.

איך דערמאָן זיך די צייט, ווען קיפּניס און זעליגפעלד זענען אויפגעטראָטן מיט זייערע ערשטע קאָנצערטן און ס'איז נאָך ביי זיי געווען אַ דיסאָנאַנס אין דער איינהייטלעכקייט פון דער שפּראַך. קיפּניס האָט גערעדט מיט אַ פאַרצויגענעם וואָלינער אַקצענט; זעליגפעלד — אַ פּוילישע — מיט אַ ספּעציפישן וואַרשעווער דיאַלעקט, אַזוי, אַז די לידער זענען ביי זיי אויסגעפאַלן צוליב דעם גראָטעסקמעסיק. אין אַ פּאָפּולער פאָלקס־ליד, וואָס זיי האָבן געזונגען אין דועט, איז אַרויסגעקומען אַזוי:

קיפּניס:

„וואָס־זשע ווילסטו, וואָס־זשע ווילסטו,
אַ שוסטער פאַר אַ מאַן, אַ שוסטער פאַר אַ מאַן?"

זעליגפעלד:

אַ שיסטאַ פאַר אַ מאַן וויל יאַך נישט,
אַ שיסטאַ פאַר אַ מאַן וויל יאַך נישט"...

דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, אַרויסגערופן גרויס הייטערקייט ביים עולם. מיט דער צייט אָבער זענען די שפּראַך־בלויזן אויסגעגליכן געוואָרן און זעליגפעלד האָט שוין אויך געזונגען אין אַ שיינעם, ליטעראַרישן יידיש.

מנחם קיפּניס האָט, אויסער דער פּאָפּולאַריטעט, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אַ דאַנק זיין אויסטייטשונג פון ייִדישן פאָלקס־ליד, אַלס טע־אַטער־רעצענזענט און זיין פּובליציסטישער טעטיקייט, זיך קונה שם געווען מיט זיין סעריע סאַטירישע אַרטיקלען, וואָס ער האָט געדרוקט אינעם וואַרשעווער „היינט" אונטערן נאָמען „פאַן מעצענאַס". ער האָט אויך ליב געהאַט די פאָטאָגראַפיע־קונסט; געמאַכט וווּנדערבאַרע אויפנאַ־מעס און איז געוואָרן, צווישן אַנדערע, אויך אַ שטענדיקער פּרעסע־פאָטאָגראַפיסט פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס".

קיפּניס איז געווען אַ גרויסער אַנהענגער פונעם ייִדישן טעאַטער און ייִדישן אַקטיאָר, וועמענס איבערגעגעבענער, אויסגעפּרוווטער פריינט ער איז פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן. נישט איין אָנפאַנגער־אַקטיאָר אָדער אַקטריסע האָט אים צו פאַרדאַנקען די קאַריערע. און דער ייִדישער אַק־טיאָר האָט עס געוווּסט ווי אָפּצושאַצן. ער האָט קיפּניסן אויפריכטיק ליב געהאַט.

מ. קיפּניס
(געצייכנט דורך משה אַפּעלבוים)

איך דערמאָן זיך אַן עפּיזאָד פון מיינע קינ־דער־יאָרן. איך בין דעמאָלט אַלט געווען 11 יאָר און מיין ברודער זיגמונט — נישט קיין גאַנצע 13 יאָר. מיר זענען געווען שילער פון קרינסקיס גימנאַזיע אין וואַרשע. צוזאַמען מיט זיגמונטן האָבן מיר דעמאָלט אָנגעשריבן אַ דראַמע „ווו־הין?". מיר זענען אַוועק צו קיפּניסן און געוואָלט הערן זיין מיינונג וועגן דער פּיעסע. קיפּניס האָט אונדז אַרויסגעוויזן אַזוי פיל וואַרעמקייט, געגעבן אונדז אַזוי פיל גוטע עצות, אַז מיר זענען אַרויס פון אים דערמו־טיקט. נאָכן איבערלייענען די פּיעסע, האָט אונדז קיפּניס געזאָגט, אַז מיר וויזן אַרויס אַ סך פאַרשטענדניש פאַר דער בינע און מיר דאַרפן דעם הויפּט־טראָפּ לייגן אויף שוישפּיל־קונסט. זיינע נביאות וועגן אונדז זענען טאַקע מקוים געוואָרן.

ביים אויסברוך פונעם קריג האָט זיך מנחם קיפּניס און זיין פרוי זמרה זעליגפעלד געפונען אין וואַרשע. קיפּניס האָט זיך באַלד אַריינ־

געוואָרפן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון פאַריין פון ייִדישע שרייבער און געטון פיל נוצלעכע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן.

אין יאָר 1942 האָט קיפּניס אין געטאָ באַקומען אַ בלוט־אויסגוס אין קאָפּ און איז געשטאָרבן. קיפּניס האָט געהערט צו די גליקלעכע פון דער שרייבער־ און אַרטיסטן־משפּחה, וואָס זענען געשטאָרבן מיט אַ נאַטיר־לעכן טויט. נישט אַלע האָבן דאָך געהאַט אַזאַ זכיה... זיינע חברים, פריינט און פאַרערער האָבן אים איינגעאָרדנט אַ שיינע לוויה און אים מספּיד געווען ביים קבר אויפן גענשער בית־עולם. די ייִדישע טעאַטער־וועלט — פּונקט ווי די גאַנצע ייִדישע קולטור־וועלט אין וואַרשע — האָט אים אָפּ־געגעבן זיין לעצטן, פאַרדינטן כבוד.

זמרה זעליגפעלד איז עטלעכע מאָל אויפגעטראָטן אין וואַרשעווער געטאָ מיט פאָלקס־לידער. נאָך איר מאַנס טויט האָט זי די קיפּניס־לידער־זאַמלונג, וואָס איז נאָך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ און אַלץ געהאָפט, אַז ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט זי פאַרעפנטלעכן די לידער־זאַמלונג און פאַראייביקן דערמיט קיפּניסעס נאָמען מיט זיין ליבלינג־ווערק.

צום באַדויערן האָט דער גורל אַנדערש געוואָלט. בשעת דער „אויס־זידלונג" איז זמרה זעליגפעלד, דער אַמאָלקער ליבלינג פון די ייִדישע מאַסן, אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע אין די גאַז־קאַמערן. זי איז פאַרשוווּנדן אויף אייביק, צוזאַמען מיט דעם גרויסן קיפּניס־פאָלקס־אוצר און צוזאַמען מיט די זעלביקע ייִדישע מאַסן, וועלכע זי האָט אַמאָל, צוזאַ־מען מיט איר מאַן מנחם קיפּניס, אַזוי פיל פרייד פאַרשאַפט.

דוד העלפמאן

ווען דוד העלפאן וואלט מען געדארפט אייגנטלעך אנשרייבן א גאנץ בוך, ווארום מיט אים זענען פארבונדן אזעלכע אינטערעסאנטע עפיזאדן, וואס וואלטן געקענט דינען פאר אומצאליקע שפאנענדיקע ראמאנען.

העלפאן איז געווען נאך גאר א יונגער מענטש, נישט באזעסן קיין שום בילדונג, נישט פארנומען קיין שום ספעציעלע קולטור־געזעלשאפט־לעכע פאזיציע און דאך האט ער פארדינט, אז זיין נאמען זאל אריין אין דער געשיכטע פונעם יידישן טעאטער, — ווייל טעאטער איז געווען זיין סטיכיע, טעאטער איז געווען זיין לעבן.

נאך אלס יונג יינגל (ער האט געשטאמט פון אן ארעמער פראלעטא־רישער משפחה אין ווארשע) פלעגט ער נישט דורכלאזן קיין פארשטעלונג אין יידישן טעאטער און דערנאך, נאך דער פארשטעלונג, פלעגט ער אפ־ווארטן זיינע ליבלינג־אקטיארן און זיי נאכגיין ביז צו זייער טויער. שפע־טער איז ער געווארן דרייסטער און פלעגט זיך בעטן ביי זיי צו דער־לויבן אים אפצוטראגן זייערע טעאטער־זאכן אהיים. „דאווידעק" — אזוי האבן אים די טעאטער־מענטשן גערופן — האט שוין נישט געדארפט קויפן קיין בילעטן אין יידישן טעאטער. ער איז שוין געווען אזוי פאפולער, אז אין יעדן יידישן טעאטער האט ער געהאט א פרייען ארייננאנג.

דוד העלפמאן איז געווען א שיינער בחור, הויך־געוואקסן, מיט א קאפ פעך־שווארצע האר — ווי געבוירן פאר א ליבהאבער פון יידישן טעאטער. אויף דער בינע איז ער אבער קיין ליבהאבער קיינמאל נישט געווען. וויפל פרוון מען האט מיט אים געמאכט, האט ער זיך אלעמאל ארויסגעוויזן פאר אומפעאיק. אבער א ליבהאבער אין פריוואט־לעבן און א ליבהאבער פון יידישן טעאטער איז ער פארבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן. ער האט זיך

נישט איבערגענומען מיט דעם, וואָס מען האָט אים געהאַלטן פאַר אומ־פּעאיק צו זיין אַן אַקטיאָר. ער האָט דווקא געהאַלטן, אַז מען האָט זיך נישט דערקענט אויף זיין טאַלאַנט... פאַר אים איז אָבער נישט דאָס געווען וויכטיק. וויכטיק איז פאַר אים געווען צו זיין ביים טעאַטער, — און די פּריווילעגיע האָט קיין שום קראַפט אין דער וועלט אים נישט געקענט אַוועקנעמען. אויב נישט שפּילן קיין ראָל אויף דער בינע, זאָל עס כאָטש זיין הינטער דער בינע, זאָל עס זיין ביי דער טיר פון טעאַטער, אָבער אַלץ — ביים טעאַטער, מיט וועלכן ער האָט זיך באַהאָפטן און וואָס איז געוואָרן זיין לופט, זיין לעבן.

דוד העלפּמאַן האָט געהאַט גרויסע אַמביציעס, אַ קוואַל פון ענערגיע און עקשנותדיקן ווילן. אָנהויבנדיק פון אַ שיק־ייִנגל ביים טעאַטער, האָט ער גיך אַוואַנסירט אַלס טעאַטער־אַנאָנסן־געבער און רעקלאַמע־שעף — דערנאָך איז ער געוואָרן געהילף־געשעפט־פירער, און לסוף — הויפּט־געשעפט־פירער און אַפילו אַדמיניסטראַטיווער דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער אין וואַרשע.

די בליץ־שנעלע קאַריערע ביים טעאַטער האָט ער געמאַכט אַ דאַנק זיין גרויסער אַמביציע, ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט און הויפּטזעכלעך, — אַ דאַנק זיין פּערזענלעכן חן, וואָס האָט געצווונגען אים ליב צו האָבן. דוד העלפּמאַן איז געווען אַ מענטש מיט אַ ברייט הארץ — „אַ גוטע נשמה", ווי מען פלעגט אים רופן; אַ מענטש, וואָס איז געבוירן געוואָרן צו טון גוטס. און ער האָט אַ סך גוטס געטון מענטשן, יעדן איינעם געהאָלפן.

נישט איינמאָל איז העלפּמאַנען אויסגעקומען „אַראָפּצושלינגען" אַן עוולה און באַוואָרפן צו ווערן מיט שטיינער פאַרן ברויט, וואָס ער האָט געגעבן. ער איז געווען „אַ מענטש אָן אַ גאַל"; תמיד גרייט געווען צו טון טובות, אַרויסצוהעלפן נאָענטע און אַפילו פרעמדע.

העלפּמאַנס אַמביציע איז אויך געווען אַריינצוקומען אין די „הויכע פּענצטער", און די טירן זענען פאַר אים אומעטום געווען אָפן. ווען עפּעס אַ טיר איז פאַר אים געווען פאַרמאַכט, האָט ער באַוויזן אַריינצוקומען דורך אַ פּענצטער. ער איז געווען באַפריינדעט מיט די אָנגעזעענסטע וואַרשעווער דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן אאַ"וו. תמיד האָט מען אים גע־

טראָפן אין דער אַזוי גערופענער „בעסערער געזעלשאַפט". דאָס איז גע־וועזן העלפמאַנס גרעסטע אַמביציע. און ער האָט עס דערגרייכט. ער האָט זיך אַזוי ווייט פאַרגאַלאָפּירט, אַז אין די שטעט, וווהין ער פלעגט קומען, האָט ער זיך אָנגעגעבן אַלס דאָקטער, אָדער אַדוואָקאַט העלפמאַן. עס האָט אים פאַרשאַפט דאָס גרעסטע פאַרגעניגן, ווען מען האָט אים גערופן: „הער דאָקטער", אָדער „הער אַדוואָקאַט". דאָס האָט אים, מסתמא, רעקאָמפּענ־סירט זיינע שווערע קינדער־יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין קעלער פון זיין טאַטנס שוסטער־וואַרשטאַט.

ער איז געווען יאָרן־לאַנגער געשעפט־פירער פון זיגמונט טורקאָווס און אידאַ קאַמינסקיס טעאַטערס. ער איז זיי געווען איבערגעגעבן און געטריי און אַרויסגעלייענט פון זייערע ליפּן אַלע זייערע ווונטשן און פאַרלאַנגען.

ווען אידאַ קאַמינסקי אָדער זיגמונט טורקאָוו האָבן געדאַרפט אָרגאַ־ניזירן אַ טור איבער דער פּראָווינץ, איז גענוג געווען העלפמאַנס אַ טע־לעפאָן אין די אַלע שטעט — און די בעסטע טעאַטערס זענען שוין געווען רעזערווירט פאַר זייער קומען, ווי אויך די בעסטע האָטעלן. דוד העלפמאַן איז געווען פאַר די באַלעבאַטים פון די טעאַטערס און האָטעלן אַ מאַגנע־טיש וואָרט — אַזוי באַליבט איז ער געווען ביי זיי.

אַ באַזונדער מזל האָט ער געהאַט ביים שיינעם מין, וואָס איז פאַר זיינס אַ בליק און שמייכל געגאַנגען פאַר אים אין פייער אַריין — און דאָס אַלץ פרויען פון דער אַזוי גערופענער בעסערער געזעלשאַפט. ער האָט געהאַט אַן אומבאַשרייבלעכן כוח צו איבערצייגן מענטשן און צו ווערן באַליבט ביי אַלע. ער איז געווען זייער עלאָקווענט, הגם ער האָט נישט געקענט קיין איין שפּראַך. ער האָט גענומען אַ וואָרט אין אַלע פראַגן און פּראָבלעמען, וועגן וועלכע ער האָט ,מסתמא, צום ערשטן מאָל אין לעבן געהערט. אָבער פאַר אים איז נישט געווען קיין אוממעגלעכעס...

ווען אין יאָר 1929 איז אין וואַרשע געשטאָרבן מיין מוטער, האָבן זיך מיינע ברידער זיגמונט און יצחק, ווי אויך מיין אומפאַרגעסלעכע שוועסטער רחלע, געפונען אויף אַ טור אין ווייטער מזרח־גאַליציע. זייער געשעפט־פירער איז געווען דוד העלפמאַן. מיר האָבן געוואַרט מיט דער לוויה פון אונדזער מוטער דריי טעג, ווייל אַזוי פיל צייט האָט ביי די

שניי־זאַווערוכעס (ס׳איז גראָד געווען אַ שטאַרקער ווינטער) געדאַרפט דויערן דאָס פאָרן פון מזרח־גאַליציע קיין וואַרשע.

אויף אַ געוויסער סטאַציע האָבן זיי זיך געדאַרפט איבערזעצן אויף אַן אַנדער צוג, וואָס איז געגאַנגען ווייטער אין דער ריכטונג פון וואַרשע. דער צוג, מיט וועלכן מיין משפחה איז אָנגעקומען אויף דער סטאַציע, האָט זיך פאַרשפּעטיקט און געקומען גראָד אין דעם מאָמענט, ווען דער וואַרשעווער צוג האָט שוין באַדאַרפט אָפּגיין. דער באַן־שעף האָט זיך נישט גערעכנט מיט דעם און צו דער סעקונדע אויפגעהויבן דעם סיגנאַל, כדי דער צוג זאָל אָפּגיין. ס׳האָט אים נישט געאַרט, אַז די פּאַסאַ־זשירן פון דעם אָנקומענדיקן צוג וועלן נישט באַוויזן זיך איבערצוזעצן און מוזן וואַרטן אַ גאַנצן טאָג אויף אַ צווייטער באַן.

דוד העלפמאַן, זעענדיק די פאַרצווייפלונג פון מיין משפחה, וואָס זיי וועלן צוליב דעם נישט באַוויזן צו קומען צו דער לוויה (ווייל לענגער ווי דריי טעג האָט מען דעם מת נישט געקענט האַלטן), איז ער צוגעלאָפן צום באַן־שעף, און מיט טרערן אין די אויגן אים געבעטן נישט צו געבן דעם סיגנאַל און אָפּוואַרטן אַ פּאָר מינוט. דער גויאישער באַן־שעף איז געוואָרן אַזוי שטאַרק גערירט פון דער סצענע, אַז ער האָט אויפגעהאַלטן דעם צוג אויף גאַנצע 5 מינוט, ביז מיינע נאָענטסטע האָבן באַוויזן אַריינ־צוזעצן זיך, און ערשט דעמאָלט געלאָזט אים אין גאַנג. אַזאַ זאַך האָט געקענט באַווייזן נאָר דוד העלפמאַן!

דוד העלפמאַן האָט חתונה געהאַט מיט אַן אינטעליגענט, שיין מיידל פון אַ רייכער משפחה אין וואַרשע. זיי האָבן געהאַט אַ הורט־געשעפט פון פלייש. העלפמאַן האָט דאָס גאַנצע געלט אַריינגעלייגט אין טעאַטער. די לעצטע יאָרן איז ער שוין געווען דירעקטאָר פון אַ וואַרשעווער טעאַטער.

זיין פרוי, וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט, האָט זיך מיט אים, צוליב געוויסע סיבות, געגט. דאָס האָט אים איינגעבראָכן, אָבער דאָך נישט גע־שטערט ווייטער צו פירן זיין טעאַטער־אַרבעט, וועלכע ער האָט ליב געהאַט מער ווי אַלץ.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן און די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע, האָט דוד העלפמאַן געוווינט צוזאַמען מיט זיין פריינט, אַן אָנ־געזעענעם וואַרשעווער דאָקטער, אייגענגאָלד, וואָס האָט דאָרט געפירט

אַ גינעקאָלאָגישן קאַבינעט. ווען אייגענגאָלד איז אין יאָר 1940 אַוועק־געפאָרן קיין אויסלאַנד, האָט דוד העלפמאַן ווייטער געפירט דעם גינעקאָ־לאָגישן קאַבינעט און ווייטער אויפגענומען פּאַציענטינס... פאַרשטייט זיך, אַז די באַהאַנדלונג האָט דורכגעפירט נישט ער אַליין, נאָר אַן אַלטע אַקו־שערין, וואָס האָט געאַרבעט נאָך פריִער ביים דאָקטער. דוד העלפמאַן איז אַנגעגאַנגען פאַרן שעף־אַרצט...

ווען ס'איז אין וואַרשע איינגעפירט געוואָרן דאָס געטאָ, האָט דוד העלפמאַן געאַרבעט ביי זיין שווער (ער האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיט אַ בילד־שיין מיידל, אַ טאָכטער פון אַ רייכן פאַבריקאַנט פון גאַלאַנטעריע־ און מעטאַל־אויסאַרבעטונגען, פּאַוועלסקי). די גאַנצע צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע האָט העלפמאַן מאַטעריעל געהאָלפן זיינע נויט־באַדערפטיקע חברים־אַקטיאָרן. ער האָט אַ סך געטון פאַר דער אַק־טיאָרן־קיך און אַ דאַנק אים האָבן יידישע אַקטיאָרן און זייערע משפחות באַקומען פון צייט צו צייט אויך אַ שטיקל פלייש צו דער זופּ. אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו איז אין דער אַרטיסטן־קיך אויף לעשנאָ 2 איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גלעזל טיי מיט קוכן, וואָס העלפמאַן האָט צו דעם צוועק צוגע־שטעלט אויף זיין חשבון. צו דעם גלעזל טיי האָט מען פאַרבעטן אַ ביסל פריינט פון יידישע אַקטיאָרן און אויך די אָנגעזעענסטע בעקערס און פליישערס פון וואַרשעווער געטאָ. מ'האָט אויפן אָרט געשאַפן אַ שיינע סומע געלט, ווי אויך באַקומען פון די בעקערס אַ צוזאָג צוצושטעלן יעדן טאָג אַ געוויסן סכום ברויט.

ווען העלפמאַן האָט זיך דערוווּסט, אַז זיין געוועזענע פרוי, עדזשיאַ, וואָס איז אַנטלאָפן פון די דייטשן קיין ווילנע, געפינט זיך דאָרט מיט איר מאַן (זי האָט חתונה געהאַט מיטן באַקאַנטן רעזשיסאָר וויסקינד) אין שווערע באַדינגונגען, האָט ער געדונגען אַ פּאָר דייטשן, באַצאָלט דערפאַר אַן אוצר מיט געלט און זיי אַראָפּגעבראַכט קיין וואַרשע.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „אַקציעס" אין וואַרשעווער געטאָ, האָט העלפמאַן געאַרבעט אַלס געשעפט־פירער אין זיין שווערס „שאָפּ" אויף מילנע גאַס. אַ דאַנק אים איז טאַקע די מילנע גאַס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „קינסטלער־שאָפּ", וואָרום ער האָט דאָרט אַריינגענומען כמעט אַלע יידישע אַקטיאָרן, אַלע מאָלער־פּלאַסטיקער — און דאָס אַן

אַ גראַשן געלט. איך שטרייך אונטער: אַן אַ גראַשן געלט, ווייל אין אַנ־דערע „שעפער" האָט מען געמוזט איינצאָלן שווערע טויזנטער, כדי אַרויסצובאַקומען אַ „לעבנס־קאַרטע". אין דעם דאָזיקן „שאָפּ" האָט העלפ־מאַן אויך אַריינגענומען זיין געוועזענע פרוי מיטן מאַן, וועלכע ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון ווילנע.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז אין איין טאָג (דעם 27סטן סעפטעמבער 1942) זאָלן די דייטשן אַרויספירן פון מילנע גאַס אויף טויט אַלע אַרבע־טער, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, צווישן זיי אויך העלפמאַנס ערשטע פרוי און די נייע פרוי. ביידע פרויען זענען צוזאַמען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן אין טרעבלינקע.

בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז דוד העלפמאַן, צוזאַמען מיט זיין שווער, פּאַוועלסקי, אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַ לאַגער, הינטער וואַרשע.

דוד העלפמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ כוח צו איבערצייגן מענטשן, האָט אויך דאָס מאָל באַוויזן אַרויסצובאַקומען זיך פון לאַגער. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע און איז געפאָרן צו דער באַפרייאונג... אויף איינער פון די וואַרשעווער גאַסן האָבן דייטשישע זשאַנדאַרמען אָפּגע־שטעלט די דראָזשקע, אים אַראָפּגענומען און דערשאָסן אויפן אָרט.

דוד העלפמאַן, דער גוטער מענטש און נאַאיווער אָפּטימיסט, וואָס האָט אַזוי פיל מענטשן געהאָלפן און געראַטעוועט, איז אַליין פון קיינעם נישט געראַטעוועט געוואָרן.

דוד שערמאַן

פאַר אַ שלימזל, אפשר גאָר פאַרן הויפּט־שלימזל, האָט מען גע־האַלטן אין דער ייִדישער טעאַטער־וועלט אין פּוילן דעם אַקטיאָר דוד שערמאַן. מען האָט אים אין ערגעץ נישט געוואָלט אַנגאַזשירן, ווייל מען האָט געהאַלטן, אַז ער ברענגט אומגליק דאָרט, ווו ער אַרבעט.

איז טאַקע דוד שערמאַנען, וואָס איז געווען אַ גאַנץ פיינער אַקטיאָר און ער האָט געהערט צום אינטעליגענטערן עלעמענט ביים טעאַטער, אויסגעקומען צו זיצן לאַנגע סעזאָנען לײדיק, אָן אַרבעט. דאָס האָט גורם געווען דערצו, אַז ער איז אַוועק אויף דער פּראָווינץ, אָפּגעזעסן חדשים־לאַנג אין אַ שטאָט, אָדער אין אַ שטעטל און דאָרט געאַרבעט מיט אַמאַ־טאָרן, אויפפירנדיק מיט זיי פּיעסן פון בעסערן רעפּערטואַר. דערמיט האָט ער געטון אַ גוטע זאַך: דערצויגן יונגע מענטשן פאַר אַ בעסער טעאַטער, געהויבן זייער געשמאַק און ממילא צוגעגרייט, אַ דאַנק זיינע אויפפירונגען, וואָס ער האָט געמאַכט מיט די אַמאַטאָרן, אַן עולם פאַר אַ בעסערער ייִדישער טעאַטער־פאָרשטעלונג, וואָס אַ ייִדישע טרופּע האָט אַהין געבראַכט. דאָס איז געווען אַ פּיאָנערישע אַרבעט, וואָס עס האָט אַמאָל אָנגעהויבן און געפירט מיט גרויס באַגייסטערונג דער שוישפּילער יעקב ווייסליץ, דער שוישפּילער אַדאָם דאָמב א״אַ.

דוד שערמאַן האָט געהערט אויך צו די געציילטע, וואָס זענען נישט געגאַנגען מיטן וועג פון לייכטערן ווידערשטאַנד און געטון פּאָזיטיווע אַרבעט — דאָס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן.

פאַרוואָס מען האָט דוד שערמאַנען געהאַלטן אין די טעאַטער־קרייזן פאַר אַ שלימזל און פאַר אַ מענטש, וואָס ברענגט אומגליק, איז פאַר מיר ביזן היינטיקן טאָג נישט באַגרייפלעך, — פּונקט ווי עס איז פאַר מיר

נישט באַגרייפלעך, פאַרוואָס געלע אַפּישן אָדער געלע בילעטן ברענגען אומגליק; אָדער פאַרוואָס מען טאָר נישט אָנוועקלייגן אויפן בעט קיין ראָל אָדער פּיעסע, — און ווער שמועסט נאָך, אַז מען זעצט זיך אויף דעם אָוועק, איז דאָך גאָר עק וועלט...

פונקט אַזוי ווי איך פלעג זיך נישט רעכענען מיט די אַלע אָבער־גלויבענישן און אויף צו להכעיס דרוקן דווקא געלע אַפּישן און געלע בילעטן, אָוועקזעצן זיך אויף אַ פּיעסע און טאָן אַנדערע „טריפהנע" זאַכן, האָב איך זיך אויך נישט גערעכנט מיטן „געשטעמפלטן" אַלס שלימזל אַקטיאָר און אַנגאַזשירט אין מיין טעאַטער דוד שערמאַנען. ער האָט מיר קיין אומגליק נישט געבראַכט, קיין קאַטאַסטראָפעס זענען מיט אים נישט געווען און די „קאַסעס" זענען מיט אים אויך נישט געווען קיין קלענערע. איך האָב מיט דוד שערמאַנען געאַרבעט סעזאָנען, און זיי זענען נישט געווען קיין שלימזלדיקע. דוד שערמאַן האָט קיין אומכבוד דעם טעאַטער נישט פאַרשאַפט.

אין די יאָרן 1926—1927 האָב איך איבערגענומען די אָנפירונג איבערן געזעלשאַפטלעכן יידישן טעאַטער אין קראָקע — אַגב, דאָס ערשטע יידישע געזעלשאַפטלעכע טעאַטער אין פוילן, בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען אַ קאָמיטעט מיט ד״ר לעאָן פיינער (שפּעטערדיקער איפירער פון דער יידישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע „בונד", באַקאַנט אונטערן נאָמען „מיקאַליי"), דער איבערגעגעבענער קולטור־טוער אַברהם זייגפעלד, ד״ר משה קאַנפער, ש. פרייגד, ד״ר ווילהעלם אַלעקסאַנדראָוויטש, י. וועלנער, אינזש׳ ראָזמאַרין, י. האַלפּערן, י. פישער, ס. פישגרונט און אַנדערע.

צו דעם דאָזיקן טעאַטער האָב איך צוגעצויגן יונגע כוחות, וואָס זענען נאָר־וואָס אַרויס פון דער פוילישער טעאַטער־שול און האָבן באַרייכערט די יידישע בינע מיט גאָר אַ נייעם עלעמענט, מיט וועלכן אַ פרעמד טעאַטער וואָלט געקענט שטאָלצירן. דאָרט האָב איך צום ערשטן מאָל גענומען צו דער יידישער בינע די באַגאַבטע רחל האָלצער, וואָס האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן צו שפּילן אויף דער פוילישער בינע. אינעם קראָקעווער יידישן טעאַטער האָבן אויך זייערע ערשטע טריט געשטעלט די טאַלענטירטע און באַחנטע האַנקאַ ראָקאָווער־לאַזער, דער יונגער שריפטשטעלער און דראַ־

מאַטורג בנימין רעסלער, לעאָן הערבסט־סטאַוורונאַ וועלנע, יוסף אָרנ־שטיין (אָרען) פון פשעמישל, דער פוילישער דיכטער יוליוס זוויטקאָווער־וויט, מרים ראָזען (די פרוי פונעם בונדישן טוער אַרטור זיגעלבוים), מ. אָרנשטיין־אייזען, די מאָלערס: י. וואַלדמאַן, טשאַיאַ און זוועבער.

פון וואַרשע איז, אויסער דיאַנאַ בלומענפעלד און מיך, אַנגאַזשירט געוואָרן דוד שערמאַן, חיים ניסנצווייג, חיים בראַקאַזש. אינעם דאָזיקן טעאַטער האָט אויך מיטגעאַרבעט דער פאָלקס־דיכטער און טרובאַדור פונעם יידישן ליד, מרדכי געבירטיק, און דער דיכטער בער האָראָוויץ.

ס'איז געווען איינער פון די שענסטע קאַפּיטלען אינעם יידישן טעאַטער אין פוילן. אַ קאַפּיטל, וואָס קען זיך שוין, צום באַדויערן, נישט איבערחזרן.

אינעם קראָקעווער טעאַטער האָט דוד שערמאַן געהאַט די מעג־לעכקייט אַ גלאַנץ צו טון אין אַ ריי, וווּנדערבאַר דורך אים געשאַפענע, ראָלן. שערמאַנס „מאַשקעלע חזיר" פון בערקאָוויטש; זיין „צירק־דירעק־טאָר" אין ערנסט טאָלערס „הינקעמאַן" און אַ ריי אַנדערע געשטאַלטן האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין פאָדערגרונט און אַרויסגערופן אויפמערק־זאַמקייט פון דער גאַנצער פּרעסע און טעאַטער־מבינים. דער, וועלכן מען האָט אין יידישן טעאַטער פאַרשריַען אַלס מענטש, וואָס ברענגט אומגליק, האָט פאַרשאַפט אַ סך כבוד דעם יידישן טעאַטער. דאָס איז געווען אַן אַלזייטיק־באַגאַבטער, אינטעליגענטער אַקטיאָר, פאַר וועמען טעאַטער איז געווען אַ הייליקע שליחות.

פון יאָרן־לאַנגן פּלאָגן זיך ביים טעאַטער, פון די עוולות, וועלכע זענען לגבי אים יאָרנלאַנג באַגאַנגען געוואָרן, איז דוד שערמאַן געוואָרן פאַרביטערט און אַנגעווייטיקט. ער האָט זיך גענומען צום „ביטערן טראָפּן", אומאויפהערלעכן רויכערן און צום קאָרטן־שפּיל, וואָס האָט אַרונטערגע־ריסן זיין געזונט.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה האָט זיך דוד שערמאַן געפונען אין וואַרשע. בעת דער דייטשישער באָמבאַרדירונג פון דער לופט איז דוד שערמאַן פאַרוווּנדעט געוואָרן פון אַ באָמבע־שפּליטער. מען האָט אים גענומען אין שפּיטאָל אַריין. זיין שוואַכער, אויסגעמאַטערטער אָרגאַניזם

האָט זיך נאָך אַ פּאָר חדשים געראַנגלט מיטן טויט, וואָס האָט אים סוף כל סוף מנצח געווען. דוד שערמאַן איז שוין פון שפּיטאָל מער נישט אַרויס. ער איז געשטאָרבן מיט אַ „נאַטירלעכן טויט" און זיך פאַרשפּאָרט דיליידן בעת די ווייטערדיקע עטאַפּן אין וואַרשעווער געטאָ, ווו עס איז אויף אַ שוידערלעכן אופן אַומגעקומען זיין פרוי (זיינע צוויי זין זענען אַנטלאָפן פון די דייטשן קיין רוסלאַנד).

דוד שערמאַן, דער פיינער יידישער אַקטיאָר, וועלכן מען האָט באַ־צייכנט פאַרן שלימזל פון טעאַטער, האָט קיינעם, אויסער זיך אַליין, קיינ־מאָל קיין אומגליק נישט געבראַכט.

יחיאל בוים

ביז זעכצן יאָר האָט יחיאל בוים געלערנט אין דער ישיבה, הינטער וואַרשע. ער איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ וויל־לערנער און זיינע דערציִער האָבן געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען. דורך אַ צופאַל איז אים אַריינגעפאַלן אין דער האַנט י. ל. פרצס אַ ביכל, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם, אַז ער האָט שוין געזוכט אַ געלעגנהייט צו באַקומען אויך אַנדערע „וועלטלעכע" ביכער. ער האָט זיי אין געהיים געלייענט. עס האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר אים נייע האָריזאָנטן.

לייכט איז עס אים אָבער נישט אָנגעקומען. זיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער תבואה־סוחר און — נאָך אַ גרעסערער חסיד. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זיין „שטאָלץ" יחיאל איז „אַראָפּ" פון דרך הישר און זינדיקט מיט „וועלטלעכקייט", האָט ער שוין נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון אים און אויסגענוצט אַלע מיטלען: מיט גוטן און מיט בייזן, כדי צו „ראַטעווען" זיין זונס נשמה. ס׳האָט אָבער שוין גאָרנישט געהאָלפן. יחיאל האָט זיך שוין נישט געקענט אָפּרייסן פון דער „נייער" וועלט, וואָס האָט אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט. ער האָט אַלץ געזוכט אַ וועג ווי אַזוי זיך מיט איר צו פאַרייניקן. און ווען יחיאל בוים איז אין אַ געווויסן טאָג אַנטלאָפן פון דער ישיבה און באַשלאָסן צו גיין אין דער גרויסער וועלט אַריין, האָט זיין פאַנאַטישער פאָטער מיט אים איבערגעריסן און מער נישט געוואָלט הערן פון אים, פון דעם „אַפּיקורס".

יחיאל בוים איז אַוועק פון זיין קליין היים־שטעטל סאָכאַטשעוו אין

דער גרויסער וואַרשע. דאָרט איז אים אָבער געווען שווער זיך איינצו־אָרדענען און ער האָט געליטן הונגער. ער איז אַוועק אויף דער פּראָווינץ. נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן האָט ער אַרויסגעוויזן פֿעאיקייטן צו מאָ־לעריי, — האָט ער אָנגעהויבן זיין נייע קאַריערע פֿון מאָלן פּאָרטרעטן פֿון פֿאָטאָגראַפֿיעס. ער איז געפֿאָרן פֿון שטעטל צו שטעטל און „אויסגע־פּירט" פּאָרטרעטן. אפשר מער אַ דאַנק זיין פּערזענלעכן חן, ווי זיינע מאָלערישע פֿעאיקייטן, האָט ער אומעטום באַקומען באַשטעלונגען אויף פּאָרטרעטן און פֿאַרדינט גאַנץ נישקשהדיק. ער האָט געהאַט גרויס דער־פֿאָלג ביי מענטשן, איבערהויפּט — ביים „שענערן מין". לסוף האָט ער זיך אויסגעלערנט די פֿאָטאָגראַפֿישע קונסט און צוזאַמען מיט זיין שוואָ־גער, דעם אָנפֿאַנגער־שרייבער עוזר וואַרשאַווסקי, געעפֿנט אַ פֿאָטאָגראַ־פֿישע אַנשטאַלט אין שטעטל אַמשינאָוו, הינטער וואַרשע.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה — די דייטשן האָבן פֿאַרנומען וואַרשע — און עס האָט דאָרט געהערשט אַ גרויסער הונגער, האָט יחיאל בוים, צוזאַמען מיט עוזר וואַרשאַווסקין, אָנגעהויבן אַריינצושמוגלען פֿון אַמשינאָוו קיין וואַרשע: ברויט, פּוטער, גענדז און הינער. זיי זענען מיט דער צייט געוואָרן גאַנץ ״שמוגלערס״ — צו יענער צייט האָט טאַקע עוזר וואַרשאַווסקי אָנגעשריבן זיין באַרימטן ראָמאַן „שמוגלערס", וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ נייע טעמאַטיק און אַרויסגערופֿן אַזאַ גרויסע פֿאַראינטערעסירונג מיטן בוך. אויך י. בוים האָט דעמאָלט געמאַכט זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון, משמעות נישט מיט קיין דערפֿאָלג.

אין וואַרשע האָט בוים, צוזאַמען מיט עוזר וואַרשאַווסקי, געהערט צום קרייז פֿון דער אַזוי גערופֿענער „ליטעראַרישער גרופּע", וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אין דער קאַוויאַרניע אויף דזשעלנע גאַס. פֿון דער דאָזי־קער גרופּע זענען שפּעטער אַרויס אַ ריי באַקאַנטע יידישע שרייבערס און קינסטלערס. ביי דער „פֿאָטאָגראַפֿיע" איז בוים שוין פֿאַרבליבן, אָבער תמיד זיך אַרומגעטראָגן מיטן דרייסטן געדאַנק צו שאַפֿן יידישע פֿילמען. ער האָט געשריבן פֿילם־סצענאַרן און זיך געווענדט צו די געציילטע פֿילם־אונטערנעמונגען, וואָס האָבן זיך געגרינדעט אין וואַרשע, נאָך

פוילנס באַפרייאונג. ער האָט געזוכט צו פאַראינטערעסירן די פילם־אונטערנעמער מיט זיין פּלאַן צו שאַפן אַ סעריע ייִדישע פילמען.

הגם די גאַנצע פוילישע פילם־פּראָדוקציע איז צו יענער צייט גע־לעגן אויסשליסלעך אין ייִדישע הענט, האָט אָבער קיינער פון זיי נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס פאַר ייִדישע פילמען. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די אונטערנעמער האָבן געזען אין דעם פּלאַן אַ גוט געשעפט, האָבן זיי אָבער מורא געהאַט צו „פאַרייִדישן" דערמיט זייערע אונטערנע־מונגען, וואָס קענען אַזוי אַרום, חלילה, נאָך אויפדעקן זייערע ייִדישע „קאָרטן"...

די גרעסטע פילם־געזעלשאַפט אין וואַרשע איז דעמאָלט געווען די פירמע „ספינקס", וועלכע האָט געהערט צו די ייִדן הערץ און פינקעלשטיין. די דאָזיקע ייִדן האָבן געהאַט אַ שוואַכקייט אויסשליסלעך צו פוילישע הונדערט־פּראָצענטיקע נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישע פילמען. ווען מ'האָט זיי פאַרגעלייגט צו מאַכן אַ פילם פונעם ייִדישן לעבן, האָבן זיי זיך דערפון פשוט אָפּגעטרייסלט...

בוים, וועלכער האָט וויטער געאַרבעט ביי „פאָטאָגראַפיע", האָט אָבער זיין חלום וועגן שאַפן ייִדישע פילמען נישט אויפגעגעבן און עקשנות־דיק פּראָפּאַגירט זיין אידעע. די דאָזיקע געלעגנהייט איז אים געגעבן געוואָרן ערשט אין יאָר 1924. ער האָט אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיטן פאָטאָגראַפיסט לעאָ פאָרבערט, וועלכער איז אין וואַרשע געווען זייער פּאָפּולער. ביי אים האָבן זיך פאָטאָגראַפירט אַלע קינסטלערס (ס'רוב פוילישע) פון וואַרשע. פאָרבערט, וואָס איז געווען אַן אַסימילירטער ייִד און איז געווען דער אייגנטימער פון איינעם פון די גרעסטע פאָטאָגראַ־פישע אַטעליעס אין האַרץ פון פוילישן וואַרשע (נייע וועלט 59), האָט זיך אָן דער אידעע פון שאַפן אַ ייִדישן פילם אָנגעכאַפּט.

אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען די ערשטע ייִדישע פילם־געזעלשאַפט אין פוילן, אונטערן נאָמען „לעאָ־פילם", מיטן זיץ־אָרט אין לעאָ פאָרבערטס פאָטאָגראַפישן אַטעליע.

דער ערשטער פילם איז געווען „תקיעת־כף", געבויט אויף יחיאל בוימס פילם־סצענאַר. דעם דאָזיקן פילם האָט רעזשיסירט זיגמונט טור־קאָוו. דער פילם האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און איז געגאַנגען אי־

בער דער גאַנצער וועלט. דאָס האָט דערמוטיקט די יונגע פּילם־געזעל־שאַפט און זי האָט שפּעטער פּראָדוצירט אַ צווייטן ייִדישן פּילם פון יחיאל בוים, אונטערן נאָמען „למד־וואָווניק״, געבויט אויף דער אַלטער ייִדישער לעגענדע וועגן די „ל״ו צדיקים״. די הויפּטראָל אין דעם דאָזיקן פּילם האָב איך געשפּילט. רעזשיסאָר איז געווען הענריק שאַראָ. אָפּעראַ־טאָר פון די ביידע ייִדישע פּילמען איז געווען סעווערין שטיינוווּרצעל. אינטערעסאַנט, וואָס אין די דאָזיקע פּילמען האָבן זיך באַטייליקט אויסער כמעט אַלע ייִדישע שוישפּילער פון פּוילן, אויך אַ ריי ייִדישע שרייבער, ווי י. מ. ניימאַן (פויגל), אפרים קאַגאַנאָווסקי, מנשה אונגער, יוסף רובינ־שטיין און חיל אַראָנזאָן א״אַ.

יחיאל בוים ווערט אַ שותף צו דער פּילם־געזעלשאַפט, וועלכע ווערט שוין פאַרגרעסערט, ענדערט דעם נאָמען אויף „פּאַרבערט־פּילם״ און פּראָדוצירט שוין אַנדערע, נישט־ייִדישע פּילמען. בוים רוט אָבער נישט און ער וויל, אַז די פּילם־געזעלשאַפט זאָל אויסאַרבעטן בלויז ייִדישע פּיל־מען. עס ווערן געשלאָסן אָפּמאַכן מיט שלום אַש צו פאַרפּילמען זיין „מאָטקע גנב״ און מיט יוסף אָפּאַטאָשו — „פּוילישע וועלדער״. ביידע סצענאַרן ווערן געמאַכט דורך יחיאל בוים.

אין יאָר 1929 ווערט אַלס ערשטער פּילם „געדרייט״ אָפּאַטאָשוס „פּוילישע וועלדער״ אונטער מיין רעזשי, מיט דיאַנאַ בלומענפעלד און סילווען ריטש (סטאַנסקי) אין די הויפּט־ראָלן. צוליב דער אינטערווענץ פון די אָרטאָדאָקסישע קרייזן ווערט דער דאָזיקער פּילם נישט דורכגע־לאָזט דורך דער צענזור. ערשט נאָך לאַנגע באַמיאונגען איז געלונגען אויס־צווירקן ביי דער פּוילישער מאַכט צו רעווידירן זייער באַשלוס. עס איז דורך זיי באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלע צענזור־קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון מלוכהשע דעלעגאַטן און צו איין פאָרשטייער פון דער קאַ־טוילישער קירך און אונדזער ראַבינאַט (הרב פּאָזנער). נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָט מען דערלויבט צו ווייזן דעם פּילם עפנטלעך, אָבער מיטן תנאי, אַז עס וועט פון אים אויסגעשניטן ווערן אַ ריי סצענעס, וואָס פאַר־פאַנירן — לויט זייער מיינונג — די רעליגיעזע געפילן...

עס האָבן דערביי נישט געפעלט קיין קוריאָזן. אין זייער אַן אומאָנגע־נעמער לאַגע האָט זיך געפונען דער ייִדישער „צענזאָר״, הרב פּאָזנער.

אים איז הויפּטזעכלעך געגאַנגען אין דעם, אַז די סצענעס ביים קאָצקער הויף זאָלן נישט זיין דראַסטיש. דעם גלח, ווידער, האָט זיך שטאַרק גע־וואָלט, אַז גראָד די סצענעס זאָלן יאָ געוויזן ווערן פאַרן עולם, דערפאַר



יוסף אָפּאַטאָשו, יחיאל בוים און יאָנאַס טורקאָוו ביים פילמירן „די פוילישע וועלדער"

זאָלן אַנדערע סצענעס, ווי, למשל, די, וואָס האָבן אַ שייכות צום אָנטייל פון ייִדן אין פּוילישן אויפשטאַנד, זאָלן אַרויספאַלן. האָט מען געהאַלטן אין איין שניידן... און ס'האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל אַלץ — שניידן.

היות די פילם־געזעלשאַפט האָט אינעם דאָזיקן פילם, וואָס איז גע־מאַכט געוואָרן מיט גאָר אַ ברייטן פאַרנעם, אינוועסטירט גרויסע געלט־סומעס, האָט זי, באין ברירה, געמוזט איינגיין אויפן באַשלוס פון דער ספּעציעלער צענזור־קאָמיסיע, כּדי אַזוי אַרום צו ראַטעווען וויפל עס לאָזט זיך. פאַרשטייט זיך, אַז מיטן אויסשניידן פונעם פילם אַלע הויפּט־סצענעס פון קאָצקער הויף און פון אויפשטאַנד, האָט ער אַ סך פאַרלוירן, און דאָס האָט אָפּגעשלאָגן זיך אויפן אַלגעמיינעם דערפאָלג פונעם פילם.

נישט געקוקט אויפֿן ערשטן גרויסן מיסדערפֿאָלג פֿון דער פֿילם־געזעלשאַפֿט האָט בוים ווייטער נישט אָפּגעלאָזט די הענט און געגרייט זיך צו מאַכן „מאָטקע גנבֿ" פֿון שלום אַש. דערצו איז אָבער שוין נישט געקומען. מען האָט, דאַקעגן, אויפֿסניי געפֿילמט בוימס „תּקיעת־כּף" אין אַ נייער קלאַנג־ווערסיע און אין הענריק שאַראָס רעזשי. בוים האָט צוגעגרייט אַ נייעם סצענאַר, געבויט אויף אַן אַלטער ייִדישער לעגענדע.

בוים איז גלייכצייטיק געווען פּרעסע־פֿאָטאָגראַף פֿון די ייִדישע צייטונגען אין פּוילן.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט זיך בוים געפֿונען אין וואַרשע. אַלע זיינע פּלענער זענען איבערגעריסן געוואָרן. ער האָט ווייטער אָנגעפֿירט מיט זיין פֿאָטאָגראַפֿישן אַטעליע „פֿאָטאָ־פֿאַרבערט", פֿון וועלכן ער איז, נאָכן טויט פֿון זיין שותּף לעאָ פֿאָרבערט, געוואָרן דער באַלעבאָס. אין געטאָ האָט ער געעפֿנט, צוזאַמען מיטן געוועזענעם אייגנטימער פֿון דער גרעסטער פּוילישער פֿילם־געזעלשאַפֿט „ספֿינקס" — פֿינקעלשטיין, אַ פֿאָטאָגראַפֿישע אַנשטאַלט. די ביידע פֿאַרביסענע קעגנער, וואָס האָבן פֿראָפּאַגירט צוויי קעגנזעצלעכע וועלטן: בוים פֿון סאָכאַטשעוו, — אַ ייִדישע וועלט, און פֿינקעלשטיין פֿון ליטע — אַ פּויליש־פּאַטריאָטישע, האָבן זיך אין דער געטאָ־וועלט פֿאַרייניקט אויף אייביק...

בוים איז אויך געווען דער פֿאָטאָגראַף פֿון „דזשאָינט" און האָט געמאַכט ווערטפֿולע אויפֿנאַמעס פֿונעם געטאָ־לעבן. אַ סך פֿון די אויפֿנאַמעס, וואָס זענען דורך אים געמאַכט געוואָרן מיט מסירת־נפֿש, זענען אַריין אין דעם אונטערערדישן רינגעלבלום־אַרכיוו. נישט איין בילד פֿון וואַרשעווער געטאָ, וואָס ווערט איצט, נאָך דעם גרויסן חורבן, פּובליצירט, שטאַמט פֿון בוימס געטאָ־אַלבום.

יחיאל בוימס חלום, אין דער לעצטער תּקופֿה פֿון זיין לעבן, איז געווען: ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן צו מאַכן אַ גרויסן פֿילם פֿונעם געטאָ־לעבן, וואָס זאָל שילדערן דעם לאַנגן מאַרטירער־וועג פֿון די ייִדן אין פּוילן בעת דעם נאַצישן רעזשים.

אויך דעם דאָזיקן פּלאַן איז אים שוין, צום באַדויערן, נישט געלונגען צו פֿאַרווירקלעכן.

קיין איינער פֿון זיינע פֿיל קריסטלעכע פֿריינט, ס'רובֿ צווישן דער

טעאַטער־ און פילם־וועלט, ווו ער איז געווען זייער פּאָפּולער, האָט אים אין די שווערע טעג נישט אויסגעשטרעקט די האַנט מיט הילף און גאָר־נישט געטון, כדי אים צו ראַטעווען און אַריבערנעמען אויף דער אַרישער זייט.

בעתן אויפשטאַנד אין געטאָ איז זיין בונקער, ווו ער האָט זיך פאַר־שטעקט צוזאַמען מיט זיין פרוי און זון, אַנטדעקט געוואָרן דורך די דיי־טשישע רוצחים. דאָרט האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, צוזאַמען מיט די בוימס, דער באַקאַנטער טעאַטער־דירעקטאָר שמחה ריבאָ מיט זיין משפחה און די אַקטיאָרן־משפחה סאַנדלער. ווען מען האָט זיי אַרויסגעשלעפּט פון באַהעלטעניש און געפירט צום טויט, האָבן זיך די דייטשן געווענדט צו זיי מיט אַן איראָניש שמייכל: „און איר, שמוציקע יידן, האָט עס געוואָלט באַזיגן אונדז, דייטשן?!"...

ווען דער „שאָף"־דירעקטאָר שולץ, דער מאַכטהאָבער פון דעם גע־ביט, ווו בוים האָט געאַרבעט, האָט צוגערעדט זיינע „אונטערטאַנער" זיי זאָלן זיך לאָזן „פּריוויליק" אין לאַגער טראַווניקי, ווו זיי וועלן — ווי ער האָט פאַרזיכערט — איבערלעבן די מלחמה, האָט בוים געהערט צו די, וואָס האָבן אַגיטירט נישט צו פאָרן, ווייל מען וויל אַהין פאַרנאַרן די יידן. ער האָט אַגיטירט צו גיין אויף דער אַרישער זייט אָדער זיך אויס־צובאַהאַלטן אין די בונקערס. ער אַליין האָט זיך אויך פאַרשטעקט אין אַ גלענצנדיק־איינגעאָרדנטן באַהעלטעניש. בוים האָט אָבער, פונקט ווי אַ סך אַנדערע, נישט פאָרויסגעזען, אַז די דייטשן וועלן אויפרייסן יעדעס הויז, מיט גאַזן אַרויסטרייבן פון די לעכער די רעשטלעך פאַרשטעקטע יידן, כדי זיי אויסצוראָטן.

אַזוי האָט זיך אָפּגעשלאָסן דאָס קאַפּיטל פונעם פּיאָנער פון יידישע פילמען אין פוילן — יחיאל בוים.

יאַנקעלע דאַנציגער

יאַנקעלע דאַנציגער איז געווען אַ קליינ־וויקסיקער — ממש אַ פּיצל. אַ ברייט־פּלייציקער, אַ דיקער, מיט קורצינקע פיסעלעך, וועלכע האָבן זיך שיער נישט איינגעבראָכן אונטער דער לאַסט פון זיין שווערן, פעטן קערפּער, אויף וועלכן ס׳איז געווען אָנגעזעצט אַ גרויסער קאָפּ.

פון זיין פעטן, קיילעכדיקן לבנה־פּנים האָבן אַרויסגעשטראַלט אַ פּאָר העל־בלויע, קלוגע, קינדיש־גוטמוטיקע, אַרויספּאָדערנדיקע אויגן, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: הגם איך בין קליין שטייג איך אייך איבער מיטן שכל!

פון זיין קערפּער האָבן אַראָפּגעהאָנגען אַ פּאָר קורצינקע הענטעלעך מיט קליינע, פעטע פינגער. די הענט זיינע זענען געווען אַזוי קורץ, אַז ביים אויפהייבן זיי, זענען זיי נישט דערגאַנגען ביזן קאָפּ.

ווען יאַנקעלע דאַנציגער האָט זיך געדאַרפט אַוועקזעצן אויף אַ שטול, איז עס אים אָנגעקומען מיט גרויס שוועריקייט, און ער האָט געמוזט אַ ביסל אונטערשפּרינגען, כדי זיך אַוועקצוזעצן אויף דער שטול. ביים זיצן אויף דער שטול האָבן אַראָפּגעהאָנגען זיינע צוויי פיסלעך, וואָס האָבן נישט באַרירט דעם דיל, נאָר זיך זאָרגלאָז געוויגט אין דער לופט. ביים גיין — און געגאַנגען איז דאַנציגער זייער שנעל — האָט ער אַ ביסל אונטערגעטאַנצט און געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ צעוויגט, קיילעכדיק פעסל, וואָס וויל איינהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט.

מענטשן, וואָס האָבן דאַנציגערן געזען צום ערשטן מאָל, האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן און נאָכקומען די קליינע, רירעוודיקע געשטאַלט, וואָס האָט תמיד געהאַלטן אונטערן אָרעם אַ ריזיקע — אין פאַרגלייך צו אים — לעדערנע אַקטן־טאַש, מיט וועלכער ער האָט זיך נישט געשיידט.

אין מויל האָט ער שטענדיק געהאַלטן אַ פּייקע (לולקע) און אין די צייטן פון זיינע „זיבן גוטע יאָר" — אַ גרויסן ציגאַר, וואָס האָט אין זיין מויל אויסגעזען ווי אַ ריז.

שלעכט־דערצויגענע יינגלעך פלעגן אים נאָכלויפן איבער די גאַסן און נאָכשרייען: „ליליפּוטל!... קאַרליק!..." — דאַנציגער האָט עס זיך נישט גענומען צום האַרצן. ער איז ווירדיק געגאַנגען ווייטער, ווי נישט אים מיינט מען עס.

אַזוי האָט יאַנקעלע דאַנציגער אויסגעזען אין דעם פאַרלעצטן עטאַפּ פון זיין לעבן, ווען ער איז געווען, ווי מען זאָגט, אין די פעדערן; ווען ער איז שוין געווען באַקאַנט אַלס גרעסטער טעאַטער־ און קאָנצערט־אימפּרעסאַריאָ אין פּוילן. ער האָט שוין געהאַט אַ קאָנצעסיאָנירטע ביוראָ פון טעאַטער־ און קאָנצערט־פאַראַנשטאַלטונגען אין פּוילן, אַגב — דער איינציקער ייִד, וואָס האָט באַקומען אַזאַ אַרט קאָנצעסיע, ד"ה פאַר טעאַטער־ און קאָנצערט־אויטפּריטן גלייכצייטיק.

ווו זיין ביוראָ איז געווען, ווייסט, דאַכט זיך, קיינער נישט. געוווינט האָט ער אויף לעשנאָ 24. יעדן פרימאָרגן פלעגט מען אים זען איילנדיק זיך, ד"ה אונטערטאַנצנדיק, צום ייִדישן ליטעראַטן־פאַריין, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון אים, אויף טלאָמאַצקע 13. דאָרט פלעגט ער זיין פון די ערשטע געסט, נאָכן עפענען דעם לאָקאַל. דאָרט פלעגט ער עסן פרישטיק און דורכקוקן די גאַנצע וואַרשעווער און פּראָווינצער פּרעסע, ווי אויך די אַמעריקאַנער ייִדישע צייטונגען.

נעבן אים אויף אַ טישל פלעגט ליגן זיין גרויסע, איבערגעפּולטע אַקטן־טאַש מיט פאַרשיידענע בריוו און דאָקומענטן, וועלכע ער פלעגט „שטודירן" שעהן־לאַנג. ווען עמעצער פלעגט זיך דערנענטערן צו זיין טישל, פלעגט ער די פּאַפּירן שנעל באַהאַלטן, ווי ער וואָלט אָפּגעהיט אַ שטרענגן סוד.

דאַנציגער האָט אָבער געהאַט צווישן די ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אַ גרופּע פריינט (מיט אַקטיאָרן פלעגט ער זיך ווייניק חברן), מיט וועל־כע ער פלעגט זיך טיילן מיט די באַקומענע בריוו. דאָרט, ביים טיש אין ליטעראַטן־פאַריין, פלעגט ער אויך דערליידיקן די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס פלעגט אָנקומען אין זיין „קאָנצעסיאָנירטע טעאַטער־ און קאָנצערט־ביוראָ". די קאָרעספּאָנדענץ איז געווען אַ ברייט־פאַרצווייגטע. ער האָט אויך געהאַט געדרוקטע פירמע־בלאַנקעטן און אַ שטעמפּל, וועלכן ער פלעגט „אייגנהענטיק" צודריקן צו יעדן אָוועקגעשיקטן בריוו. איך האָב אונטערגעשטראָכן, אַז דעם שטעמפּל פלעגט ער אייגנהענטיק צולייגן,



ביי אַ טישל אויף טלאָמאַצקע 13

עס זיצן פון רעכטס: יאַנקעלע דאַנציגער, מאַרק טורקאָוו און ז. סעגאַלאָוויטש

ווייל די בריוו גופא פלעגט ער אַליין נישט שרייבן. אין דער קונסט פון שרייבן איז ער נישט געווען אַזוי שטאַרק באַהאַוונט. ער האָט אָבער געהאַט פריינט, וועלכע פלעגן אים אויך אין דער שוועריקייט אַרויסהעלפן. דער־פאַר פלעגט יאַנקעלע אַרויסהעלפן זיינע פריינט אין אַנדערע שוועריקייטן: ווען זיי האָבן זיך גענויטיקט אין מאַטעריעלער הילף...

אינעם פאַרלעצטן עטאַפּ פון זיין לעבן — ביזן אויסברוך פונעם קריג

— איז יאַנקעלע דאַנציגער געווען אַ גרויסער פאַרדינער. ער האָט אַראַנזשירט די גרעסטע קאָנצערטן מיט די גרעסטע מוזיקער און זינגערס, ווי אויך אויפטריטן פון די גרעסטע „בינע־סטאַרס". צו די לעצטע האָט ער פון תמיד אָן געהאַט אַ שוואַכקייט. קיין מיטלמעסיקייטן האָט ער נישט אָנערקענט. ווען ס'האָט זיך נאָר געטראָפן אַ „סטאַר" ווי ד"ר פּאָול באַראַטאָוו (בן־צבי), וואָס איז געווען דריי מאָל אַזוי הויך ווי ער, איז זיין גרעסטע פרייד און סאַטיספאַקציע געווען צו באַווייזן זיך מיט אים אין אַלע עפנטלעכע ערטער, אַרומפאָרן מיט אים איבער דער שטאָט אין אַן אָפענער דראָשקע, כדי אַלע זאָלן קענען זען און באַוווּנדערן די „הויכע געסט". דאַנציגער פלעגט זיצן לעבן דעם „סטאַר" אַ צעשמייכלטער, אַ צעשטראַלטער, רויכערנדיק דעם גרויסן ציגאַר, און זיינע אַרונטערגעהאָנגענע פיסלעך פלעגן זיך וויגן צופרידן הין און צוריק.

און ווען ער פלעגט פון ליטעראַטן־פאַריין גיין צו־פוס מיט דעם אַטלעטיש־געבויטן באַראַטאָוון אין „פּיקאַדילי"־רעסטאָראַן אויף מיטיק, פלעגן זיך אַלע פאַרבייגייערס אָפּשטעלן און מיט אַ שמייכל נאָכקוקן דעם ריז באַראַטאָוו מיט דעם קליינינקן דאַנציגער. ער פלעגט דאָס זען, האָבן דערפון גרויס הנאה און אָנגעפולט ווערן מיט שטאָלץ. דאָס זענען געווען זיינע שענסטע מינוטן. עס פלעגט זיך אים דעמאָלט אויסדוכטן, אַז ער איז דער „סטאַר", און נישט באַראַטאָוו. ער האָט אויך ליב געהאַט זיך צו באַווייזן מיטן דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש, צו וועלכן ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן.

ווען דאַנציגער פלעגט, אין שייכות מיטן איינאָרדענען אַ קאָנצערטטור, אַריינקומען אין אַ שטאָט אָדער שטעטל, פלעגט ער, אַראָפּגייענדיק פון באַן, אַרומגערינגלט ווערן פון אַ מחנה שקצים, וועלכע פלעגן אים נאָכלויפן, ביז ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ דראָשקע, באַגלייט פון די אויסרופן: „אַ צירק איז געקומען! קאַרליקעס זענען דאָ!" יאַנקעלע דאַנציגערן האָט עס פאַרשאַפט שפּאַס, און ער האָט בלויז מיט אַ שמייכל רעאַגירט אויף דעם. ער האָט זיך דעמאָלט דערמאָנט אין די צייטן, ווען ער איז נאָך נישט געווען דער באַרימטער אימפּרעסאַריאָ; ווען ער האָט נאָך געחלומט צו זיין אין דער סביבה פון יידישע קינסטלער און פון יידישע שרייבער. דאָס איז געווען ביים אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־

מלחמה, ווען ער פלעגט שעהן־לאַנג אָפּזיצן אין דער „ליטעראַרישער קאַ־וויאַרניע" אויף דזשעלנע גאַס אין וואַרשע, און נישט אַראָפּלאָזן די אויגן פון ה. ד. נאָמבערג, י. מ. וויסנבערג און די איבעריקע „גרויסע מענטשן", וואָס פלעגן דאָרט אַריינקומען. אָבער דעמאָלט האָט דאַנציגער, אויסער דעם ברייטן ליטעראַרישן קראַוואַט, וואָס ער האָט געטראָגן, נאָך קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט ליטעראַטור און קונסט.

דעם ערשטן קאָנטאַקט האָט דאַנציגער אָנגעבונדן מיט מנחם קיפּניס און זמרה זעליגפעלד און ער איז געוואָרן זייער געשווירענער אימפּרע־סאַריאָ. יאָרנלאַנג איז ער מיט זיי אַרומגעפאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, ביז ער האָט זיך עטאַבלירט אַלס זעלבסט־שטענדיקער אימפּרעסאַריאָ און אַליין אַנגאַזשירט אַרטיסטן.

מיט טעאַטער־טרופּעס האָט ער אין דער ערשטער צייט נישט גע־אַרבעט. לסוף האָט ער זיך פאַרבונדן מיטן טעאַטער און געפירט די טרופּע פון באַראַטאָוו, נאָך זיינע אויפטריטן אין וואַרשע; ער איז געווען געשעפט־פירער פון דער „יידישער נאַציאָנאַלער בינע" אין וואַרשע, ווי אויך ביי מאָריס שוואַרץ, בעת זיינע אויפטריטן אין וואַרשע, דערנאָך גע־שווירענער געשעפט־פירער פון קלאַראַ סעגאַלאָוויטשס „טעאַטער פאַר יוגנט".

מיט קלאַראַ סעגאַלאָוויטש האָט דאַנציגערן געבונדן אַן אינטימע פריינטשאַפט, וואָס האָט זיך געצויגן ביזן סוף פון זייער לעבן. יאַנקעלע דאַנציגער איז געווען ממש קלאַראַס שאָטן. אויף אירס אַ ווונק איז ער גרייט געווען צו גיין אין פייער אַריין. ווען קלאַראַ סעגאַלאָוויטש איז געווען אַ לאַנגע צייט ערנסט קראַנק, האָט זיך דאַנציגער אַרומגעדרייט ווי אַ לונאַטיקער, נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, געזעסן ביי איר בעט ווי אַ געטרייער הונט, און פון טאָג צו טאָג האָט ער פאַרלוירן אין וואָג. ווען יאַנקעלע דאַנציגער האָט אָנגעהויבן בעסער אויסצוזען און אין זיינע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל, האָט מען שוין געוווסט, אַז דער געזונט־צושטאַנד פון קלאַראַ סעגאַלאָוויטש פאַרבעסערט זיך.

אין יאַנקעלע דאַנציגערס לעצטן עטאַפּ פון זיין לעבן — דאָס איז געווען אין וואַרשעווער געטאָ — איז שוין געוואָרן פון אים אַ העלפט. ער האָט שוין נישט געהאַט די פריִערדיקע זיכערקייט און שטאָלץ. ער

איז שוין נישט געלאָפן איבער די גאַסן אונטערטאַנצנדיק, נאָר לאַנגזאַם געגאַנגען פון זיין היים צו דער אַרבעט. דאָס איז געשען צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, איז ער אַזוי אָראָפּגעפאַלן פון וואָג, אַז די קורצע פּיסלעך זיינע האָבן שוין נישט געהאַט קיין שווערע אַרבעט צו שלעפּן די הויט און ביינער פונעם אַמאָליקן יאַנקעלע; צווייטנס, איז זיין געזונט־צושטאַנד געווען זייער אַ שלעכטער. ער האָט זיך כסדר באַקלאָגט אויפן האַרץ, אָפט געמוטשט זיך אָפּשטעלן אינמיטן גאַנג, ווייל עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם. נישט איינמאָל איז ער דורך די דייטשן געכאַפּט געוואָרן, צעשלאָגן און פאַרשלעפּט געוואָרן אויף אַרבעט. נאָך אַזעלכע „ספּעקטאַקלען" פלעגט ער צו אונדז צוריקקומען און מיט אַ טרויעריקן שמייכל זאָגן: „זיי האָבן שוין ווידער געמאַכט אַ צירק פון מיר!..."

אין געטאָ האָט יאַנקעלע געאַרבעט אין דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף אַלס קאָנטראָלער פון די אָפּצאָלונגען פון אימפּרעזעס און פּאַרוויילונגען. צוזאַמען מיטן צווייטן קאָנטראָלער, דעם טעאַטער־אימפּ־רעסאַריאָ — אויך פון נידעריקן וווּקס — אַברהם שטאָקפּעדער — פלעגט ער גאַנצע טעג אַרומגיין פון לאָקאַל צו לאָקאַל און איינמאָנען די שטייערן פאַר דער יידישער אַליינהילף.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „אַקציעס" אין וואַרשעווער געטאָ, בין איך צוזאַמען מיט דאַנציגערן געווען אין איין „שאָפּ" אויף דער מילנע גאַס. ער האָט געוווינט ביי מיר אין שטוב, ווּהין ער האָט אַריינ־געבראַכט צווישן אַנדערע אַ ריזיקן טשעמאָדאַן מיט זאַכן, וועלכע קלאַראַ סעגאַלאָוויטש און ל. נוישטאַט האָבן אים איבערגעלאָזט בירושה פאַר זייער אָפּפאָרן אויף יענער וועלט...

נוישטאַט, דער געוועזענער דירעקטאָר פון „דזשאָינט" אין פּוילן, איז געווען פונעם זעלביקן נידעריקן וווּקס, וואָס דאַנציגער, און ווען ווען ער האָט אַרויסגענומען די באַקומענע מלבושים און זיי אָנגעמאָסטן, האָט ער מיט אַ טרויעריקן שמייכל צוגעגעבן: „זיי זענען ווי געמאָסטן אויף מיר. ווען איך וואָלט זיי באַקומען פאַרן חורבן, וואָלט איך נאָך געקענט האָבן פון זיי נחת, אָבער איצט — וואָס דאַרף איך זיי שוין, מ'שטיינס געזאָגט, האָבן!..."

און ער האָט רעכט געהאַט: ער האָט זיי שוין אַפילו נישט באַוויזן אָנצוטון. דעם 27טן סעפּטעמבער 1942 האָב איך אים געזען מאַרשירן צוזאַמען מיט כמעט אַלע איבערגעבליבענע קינסטלער פון וואַרשעווער געטאָ. זיי האָבן מאַרשירט צום „אומשלאַג־פּלאַץ”, אָדער, ריכטיקער, צום טויטנפּלאַץ. פון דער גרויסער מאַסע מענטשן, וואָס זענען געפּירט געוואָרן צו די גאַז־קאַמערן קיין טרעבלינקע און האָבן זיך אַלץ מער און מער דערוויטערט פון מיינע אויגן, האָט זיך בולט אויסגעטיילט אַ גרויסער קאָפּ פון אַ קליין מענטשעלע, וואָס איז געגאַנגען אין דער ערשטער ריי, — דאָס איז געווען דער קאָפּ פון דעם גרעסטן ייִדישן אימפּרעסאַריאָ — יאַנקעלע דאַנציגער.

דוד לואי

געווען אַ צייט, ווען דער נאָמען דוד לואי איז געווען זייער באַקאַנט ביי די טעאַטער־גייערס אין רוסלאַנד און פוילן. ער איז באַקאַנט געווען נישט אַזוי פון זיין שוישפּילערישן טאַלאַנט, ווי — קודם כל — אַ דאַנק זיין אויסערלעכקייט.

דוד לואי איז געווען זייער שיין. ער האָט גע־האַט אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע ברענענדיקע אויגן און אַ פּרעכטיקן קאָפּ מיט פּעך־שוואַרצע האָר.

איך געדענק, ווען איך בין נאָך געווען אַ שי־לער — און כ׳פלעג אָפט באַגעגענען אויף די וואַרשעווער גאַסן דעם שיינעם מאַנספּערשוין — כ׳האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט ווער און וואָס ער איז — האָב איך גלייך ביי זיך פעסטגעשטעלט, אַז דאָס מוז זיין אַן אַקטיאָר.

ער איז געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרצער פּעלערינע, מיט אַ גרויסן, ברייטן, שוואַרצן הוט אויפן קאָפּ און געטראָגן האָט ער אַ שוואַרצע „ליטעראַרישע" קראַוואַט־בינדע. אַלעמאָל עלעגאַנט און ציכטיק אָנגע־טון, פּאַרפומירט, פעסט און זיכער ביי זיך, האָט ער זיך לאַנגזאַם שפּאַ־צירט איבער די גאַסן, וויסנדיק, אַז ער איז דער אָביעקט פון אַלגע־מיינער אויפמערקזאַמקייט, הויפּטזעכלעך ביים שיינעם מין, ביי וועלכן ער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. און עס איז נישט קיין וווּנדער: ווי נאָר ער האָט אַ בליק געטון מיט זיינע גרויסע, סאַמעטענע אויגן, וועלכע האָבן גלייכצייטיק געגלעט און באַצוווּנגען, האָט ער געמוזט צוציִען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פרויען.

מיט אַזאַ אויסזען איז ער ווי געבוירין געוואָרן צו זיין דער אידעאַ־לער ליבהאָבער אויף דער בינע. די דאָזיקע מעלות זענען אים טאַקע צונוצגעקומען אין זיין פּריוואַט־לעבן (און ער האָט אַלעמאָל געוווסט ווי זיי געהעריק אויסצונוצן), אָבער פאַר דער בינע האָט זיך, אויסער די פיזישע מעלות, געפאָדערט נאָך איין זאַך: טאַלאַנט, און מיט דעם איז ביי אים — ווי עס פלעגט זאָגן דער דעמאָלסטיקער דירעקטאָר פונעם יידישן טעאַטער און „ספּעץ" אויף אויסצוזוכן יונגע טאַלאַנטן, אברהם־יצחק קאַמינסקי — געווען אַביסל ערגער...

ווען דוד לואי האָט פאַרלאָזט וואַוועלבערגס שול אין וואַרשע און באַשלאָסן צו ווערן אַן אַקטיאָר (נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון זיין משפּחה), האָט ער אַ דאַנק באַקאַנטשאַפט אַריינבאַקומען זיך אין דעמאָלסטיקן „מוראַנאָווער טעאַטער" און אָנגעהויבן צו שפּילן קליינע ראָלן.

און ווער ווייסט, ווי זיין אַרטיסטישע קאַריערע וואָלט זיך געענדיקט, ווען נישט דער צופאַל, וואָס אין אים האָט זיך פאַרליבט די מומע רבקהס (אסתר רחל קאַמינסקיס שוועסטער) טאָכטער, מינע ליכטענבערג, און זי האָט באַשלאָסן, אַז דער שיינער בחור מוז זיין איר באַשערטער.

אסתר רחל קאַמינסקי איז אויף דעם שידוך איינגעגאַנגען, ווייסנדיק אַז דער יונגערמאַן איז פון אַ לייטישער היים; ר'איז נישט קיין עם־הארץ; שיין ווי די וועלט; — אַי, טאַלאַנט?! זענען דען אַלע יידישע אַקטיאָרן טאַלאַנטירט? וועט זיין נאָך איינער... נאָך דערצו, אַז מינע מוז בגוואַלד חתונה האָבן, — אגב, איז זי שוין נישט קיין יונג מיידל... און אַז זי איז אַ ביסל עלטער פון לואין, דאַרף דאָך קיינער דערפון נישט וויסן. דאָס איז נישט קיין אומגליק. די הויפּטזאַך: ווי אַזוי ווירקט מען אויף דעם שיינעם יונגנמאַן, וואָס האָט אַזאַ גרויסן דערפאָלג ביי פרויען און קען פשוט מאַכן אַ קאַריערע (נישט, חלילה, ביים טעאַטער), ווען ער זאָל וועלן חתונה האָבן מיט איינער פון זיינע פילצאָליקע פאַרערערינס...

דוד לואין האָט אָבער מער אימפּאָנירט די קאַריערע ביים טעאַטער און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ווען ער וועט חתונה האָבן מיט אסתר רחל קאַמינסקיס שוועסטערן־טאָכטער, איז זיין טעאַטער־קאַריערע אַ געזיכער־טע. מינע האָט עס אים אויפגעוויזן שוואַרץ אויף ווייס... און ער האָט

דאָך תמיד געטרוימט צו זען זיך אויפן אַפיש מיט גרויסע בוכשטאַבן...

זיין חלום איז בקרוב פאַרווירקלעכט געוואָרן. נאָך דער חתונה מיט מינאַ ליכטענבערג, איז דוד לואי אַריינגענומען געוואָרן אין דער קאַמינסקי־משפחה און ממילא איז זיין פּאָזיציע אין טעאַטער אויך געוואַקסן. ער האָט אָנגעהויבן שפּילן אַלע ערשטע ליבהאָבער־ראָלן ביי אסתר רחל קאַמינסקי אין טעאַטער. ער איז געוואָרן אויסגעטיילט אויפן אַפיש, הגם אין דער טרופּע זענען געווען אַ סך אָנגעזעענערע פון אים שוישפּילער. ער האָט זיך שוין געפּילט מעשה „סטאַר". און ווי זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: מיטן עסן וואַקסט דער אַפּעטיט. איז טאַקע דוד לואיס אַפּעטיט אויך געוואַקסן און ער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן „די ערשטע פידל" אין טעאַטער, אַ דאַנק די „שטאַרקע פּלייצעס" וואָס ער האָט געהאַט הינטער זיך.

ווען איך בין אַריינגעטראָטן אין אסתר רחל קאַמינסקיס טרופּע, האָט שוין דוד לואי פאַרנומען אַן ערשטע פּאָזיציע, און הגם איך האָב דעמאָלט שוין נישט געהאַט פאַר אים די זעלביקע באַגייסטערונג ווי אַמאָל אין מיינע שילער־יאָרן, האָב איך זיך מיט אים זייער גוט פאַרהאַלטן.

אין יאָר 1920, בעת דער פּויליש־רוסישער מלחמה, האָב איך זיך געפונען צוזאַמען מיט לואין אין דער טרופּע פון אסתר רחל קאַמינסקי אין דער שטאָט פּאָלאָצק, וויטעבסקער גובערניע. די דאָזיקע שטאָט איז צעטיילט דורכן טייך דווינאַ, וואָס פליסט דורך צווישן דיביידע טיילן שטאָט. איין טייל שטאָט, מיטן וואָקזאַל, איז געווען פאַרנומען דורך די רוסן; די אַנדערע — אויף יענער זייט דווינאַ — דורך די פּאָליאַקן. מיר האָבן זיך געפונען אויף דער רוסישער זייט. אַריבערגיין פון איין זייט גאַס אויף דער אַנדערער איז געווען פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר.

מען האָט דעריבער געמוזט בויען ספּעציעלע אָקאָפּעס, דורך וועלכע די ציווילע באַפעלקערונג איז געגאַנגען אונטערן כסדרדיקן האָגל פון פּוילישע קוילן. אויף דער גאַס גופא האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטש. אַלץ איז געווען ווי אויסגעשטאָרבן. און אין אַזאַ צייט האָבן מיר דאָרט געשפּילט יידיש טעאַטער.

די פאָרשטעלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן 4 אַזייגער נאָכמיטאָג. מיר האָבן געשפּילט אין אַ זאַל נעבן דער באַן־סטאַציע. מען האָט אָנגעהויבן

צו שפּילן אַזוי פרי, כּדי צו קענען אַהיימגיין, איידער ס׳וועט נאָך טונקל ווערן. דער זאַל איז תּמיד געווען איבערפולט. טרעפט זיך אַמאָל, אַז גראָד אין צייט, ווען ס׳איז פאָרגעקומען אונדזער פאָרשטעלונג — מיר האָבן דעמאָלט געשפּילט ז. ליבינס „גאָטס שטראָף״ — איז דער פּאָלאַצקער וואָקזאַל שטאַרק באָמבאַרדירט און באַשאָסן געוואָרן.

צווישן פּובליקום אין טעאַטער־זאַל איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מהומה. דער גאַנצער עולם איז זיך פונאַנדערגעלאָפן און מיר, אַקטיאָרן, זענען איבערגעבליבן אַליין אויף דער בינע.

זעענדיק, אַז ס׳איז שוין נישטאָ פאַר וועמען צו שפּילן, ווייל די אַקטיאָרן זענען געבליבן די איינציקע מענטשן אין טעאַטער, רופט זיך אָפּ לואי: „נו, מילא, לאָמיר אויך אַהיימגיין. מיר וועלן דאָך נישט שפּילן פאַר זיך אַליין״. מיר האָבן זיך אויסגרימירט און אָנגעהויבן זיך איבערצו־טון, כּדי צו קענען גיין אַהיים.

דערווייל האָט דאָס באַשיסן פון וואָקזאַל אויפגעהערט און ס׳איז געוואָרן רואיק. ווי נאָר ס׳איז שטיל געוואָרן, איז דער גאַנצער עולם צוריקגעקומען אין טעאַטער אַריין און מיר האָבן באין ברירה געמוזט צוריקברענגען אין אָרדענונג אונדזערע גרימען און קאָסטיומען און פאַר־ענדיקן די איבערגעריסענע פאָרשטעלונג פון „גאָטס שטראָף״. דוד לואי האָט זיך אָנגערופן צו אסתּר רחל קאַמינסקי: „נו, מומע, וואָס זאָגט איר אויף אונדזער מזל?״ אסתּר רחל קאַמינסקי האָט געענטפערט: „אַז מען זאָגט: „גאָטס שטראָף״, איז דאָך נישט שייך״...

צווישן פאַרפאַלק לואי האָט נישט געהערשט קיין שלום־בית און זיי האָבן זיך שפּעטער געגט. פון דעמאָלט אָן האָט זיך דוד לואיס שוישפּי־לערישער „שטערן״ אָנגעהויבן צו פאַרלעשן. מען האָט אים שוין נישט גערן אַנגאַזשירט, הגם ער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן כאַראַקטער־ראָלן, אין וועלכע ער איז גראָד געווען נישט שלעכט.

אַ צייט פאַרן לעצטן קריג האָט דוד לואי געאַרבעט אין וואַרשעווער אַרטיסטן־פאַריין אַלס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד. ווען די מלחמה האָט אויס־געבראָכן און די מענער פון וואַרשע האָבן זיך געלאָזט לויפן צו מזרח, איז מיר אויסגעקומען צו גיין צוזאַמען מיט דוד לואין. אינגעם דאַזיקן מאַרש זענען מיר דערגאַנגען ביז גאַרוואָלין. ווען מיר האָבן זיך געפונען אין

וואַלד, זענען מיר באַשאָסן געוואָרן פון מאַשין־געווער פון דייטשישע אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט גאַנץ נידעריק. מיר האָבן זיך בליץ־שנעל אויסגעצויגן אויף דער ערד. פון דעם אַעראָפּלאַן האָט מען אויך געוואָרפן באָמבעס, וועלכע האָבן אויפגעריסן נישט ווייט פון אונדז.

פלוצלונג דערהערן מיר אַ געשריי און זעען, ווי אַ מענטש פליט אין דער לופט... דאָס איז געווען דוד לואי. פונעם שטאַרקן לופט־דרוק האָט עס אים אַ הויב געטון פונעם אָרט, ווו ער איז געלעגן, און אים איבער־געוואָרפן עטלעכע מעטער ווייטער...

פון דער דאָזיקער געפאַר איז דוד לואי אַרויס בשלום. ער האָט אָבער באַשלאָסן שוין ווייטער נישט צו גיין. ער איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע און זיך באַלד געשטעלט צו דער אַרבעט אין דער קיך פונעם יידישן אַרטיסטן־פאַריין, ווו ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך האַרץ זיינע נויט־ליידנדיקע חברים. אין טעאַטער האָט לואי אין געטאָ נישט גע־אַרבעט. ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די „אַקציעס" אין וואַרשעווער געטאָ, האָט ער געאַרבעט אין „קינסטלער־שאָפּ" אויף דער מילנע גאַס, און דערנאָך — דער באַקאַנטער סדר: „אויסזידלונג" און גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע.

אידא ערוועסט

קורץ פאַרן ערשטן וועלט־קריג און בעתן קריג גופא זענען צום יידישן טע־אַטער צוגעקומען פיל נייע יונגע כוחות. אייניקע פון זיי האָט מען פאַרויסגעזאָגט „אַ גרויסע צוקונפט״. צווישן די טעאַ־טער־דירעקטאָרן זענען געווען ספּעציאַ־ליסטן אויסצוזוכן יונגע טאַלאַנטן.

נישט רעדנדיק וועגן פאַרשטאָרבע־נעם גרויסן יידישן רעזשיסאָר דוד הער־מאַן, וואָס האָט באַרייכערט דאָס בעסערע יידישע טעאַטער מיט אַ פלעיאַדע יונגע כוחות, וואָס פיל פון זיי האָבן זיך אַרויס־געררוקט אויפן פאָדערגרונט און פאַרנע־מען ביזן היינטיקן טאָג גרויסע פּאָזיציעס ביים טעאַטער, האָבן די אַלטע טעאַטער־דירעקטאָרן, ווי א. פישזאָן, אַברהם יצחק קאַמינסקי, י. זאַנדבערג, יוליוס אַדלער, ל. ראַפּעל און א. ג. קאָמפּאַניעיעץ, הגם זיי האָבן טעאַטער פאַרשטאַנען אַנדערש און געזען עס מיט אַנדערע אויגן, אָבער — דאָס מוז מען מודה זיין — זייער באַציאונג צו דעם אַרט טעאַטער, וואָס זיי האָבן געפירט, איז נישט געווען קיין ערגערע. זיי האָבן ליב געהאַט טעאַטער מיט לייב און נשמה און אין דעם געפונען אַ זין אין זייער לעבן. זיי האָבן זיך אין זייער טעאַטער־אַרבעט אויסגעלעבט אויף אַזוי פיל און אַזוי ווי זיי האָבן פאַרשטאַנען און באַנומען טעאַטער און אַרויסגעוויזן דעם גרעסטן יראת־הכבוד צו זייער אַרבעט און שליחות.

דער לאָדזשער טעאַטער־דירעקטאָר י. זאַנדבערג, למשל, וואָס פלעגט אויפפירן אָפערעטעס, האָט תמיד געהאַט אַ גרויסן אָרקעסטער און כאָר. יעדער כאָריסט אָדער כאָריסטקע איז געווען ריין און ציכטיק אָנגעטון און האָט אָנגענעם געווירקט אויף דער בינע. ספעציעל האָט ער אַכט געלייגט אויפן צוקליוב פון די כאָריסטינס און אַנגאַזשירט יונגע, שיינע, גוט־געבויטע מיידלעך, מיט פיינע שטימעס צום זינגען.

די איבעריקע טעאַטער־דירעקטאָרן האָבן זיך אויך באַמיט צו טון דאָס זעלביקע, אָבער ס׳איז זיי דאָס נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט, ווייל ס׳רוב מיידלעך האָבן זיך צו יענער צייט געשעמט צו באַווייזן אויף דער בינע אין כאָר.

איך וויל דערמאָנען אייניקע נעמען פון כאָריסטינס, וואָס האָבן שפּע־טער פאַרנומען ווער אַ גרעסערן, ווער אַ קלענערן אָרט אינעם יידישן טעאַטער. דאָס זענען געווען: זינאַ גאָלדשטיין, סאָניאַ ווייזנבערג, סאָניאַ שלאָסבערג, רוזשע שוואַרצבאָרד, צעשע זאַנדבערג (דעם דירעקטאָר זאַנד־בערגס שוועגערין — די פרוי פונעם לאָנגיאָריקן טעאַטער־סופליאָר און געשעפט־פירער משה זאַנדבערג), מאַניע שיין, חנה גראָסבערג, פראַניע ווינטער און אידאַ אייערוויס, אָדער, ווי מען האָט זי שפּעטער גערופן: אידאַ ערוועסט. איר טאַקע ווידמע איך דאָס דאָזיקע קאַפּיטל.

אידאַ ערוועסט האָט, נאָך זינגענדיק אין כאָר ביי א. ג. קאָמפּאַניע־יעצן, געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט נישט אַזוי ווייט מיט איר שיינער שטים, נישט מיט איר שיינעם טאַנצן, נייערט מיט איר אויסער־לעכקייט. דאָס איז געווען אַ רייצנדיק באַשעפעניש. וועגן איר קען מען דרייסט זאָגן, אַז זי האָט געהאַט אין הונדערט פּראָצענט דאָס, וואָס מען רופט „דאָס אייביק־ווייבלעכע". זי איז געווען שיין ווי אַ מלאך, מיט אַ פּאָר גרויסע, פלאַמענדיקע אויגן, וואָס האָבן דיך גלייך צערטלעך אַרומ־גענומען און געפּיעשטשעט. געזונגען האָט זי מיט אַזוי פיל חן, מיט אַזוי פיל האַרץ און געפיל, אַז זי האָט געמוזט געווינען דיין סימפּאַטיע.

א. ג. קאָמפּאַניעיעץ האָט איר אָנגעהויבן צו געבן סאָלאָ־נומערן אָפּ־צוזינגען און קלענערע ראָלן אָפּצושפּילן. דאָס איז שוין געווען אַ שטאָפּל פּאָרויס.

אַ קאַריערע האָט זי אָבער געמאַכט בליץ־שנעל אַ דאַנק אַ צופאַל. עס איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז ביים טעאַטער דעצידירט מער אָפט דער צופאַל, ווי טאַלאַנט.

צו יענער צייט, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך אין לאָדזש געפונען דער דעמאָלט זייער פּאָפּולערער און באַליבטער אַקטיאָר שלמה קוסטין, וועלכער איז צוזאַמען מיט זיין פרוי געקומען פון אַמעריקע און אָרגאַניזירט דאָס ערשטע יידישע וואָדעוויל־טעאַטער.

שלמה קוסטין איז געווען דער שוואָגער פונעם טעאַטער־דירעקטאָר א. ג. קאָמפּאַניעיעץ און פון דער אַקטריסע מאַלווינאַ אוגער־שיראַדזקי, — די פרוי פונעם רעדאַקטאָר פון „לאָדזשער טאַגעבלאַט" — מ. אוגער. ווען קוסטין האָט דערזען אויף דער בינע אידאַ ערוועסט, האָט ער מיט זיין טעאַטער־חוש באַלד פאַרשטאַנען, אַז פון איר קען מען „מאַכן אַ לייט". ער האָט זי אַנגאַזשירט צו זיך אין טרופּע, וועלכע ער האָט געפירט צוזאַמען מיטן דעמאָלט זייער פּאָפּולערן אין פּוילן אַקטיאָר און מאָנאָלאָגיסט הירש יעדוואַב. זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ טורנע איבערן געביט, וואָס איז געווען אָקופּירט דורך דער דייטשיש־עסטרייכישער אַרמיי און געשלאָגן דעם רעקאָרד פון דערפאָלג.

דאָס פּראָגראַם פון דעם וואָדעוויל־טעאַטער איז באַשטאַנען פון איינ־אַקטערס, גראָטעסקעס, מאָנאָלאָגן און סאָלאָ־געזאַנג־נומערן. די טרופּע איז דעמאָלט באַשטאַנען פון שלמה קוסטין מיט זיין פרוי (ער איז גע־שטאָרבן אין די פאַרייניקטע שטאַטן נאָך אַ שווערער קראַנקייט און אַמפּוטירן אים אַ פוס), מאַלווינע אוגער־שיראַדזקי, הירש יעדוואַב, פּסח־קע בורשטין, דעם מוזיקער ל. זעלמאַן און אידאַ ערוועסט. זי איז געווען דער אַזוי גערופענער „טשוואָק" פונעם פּראָגראַם. קוסטין, אַלס אַלטער פאַכמאַן, האָט גוט געקענט דעם עולם און געוווסט וואָס די צייט פאָדערט.

דאָס טעאַטער־פּובליקום איז דאָך צו יענער צייט באַשטאַנען הויפּט־זעכלעך פון מיליטער־לייט, — ס'רוב יידן — וואָס האָבן, זייענדיק אַ פּאָר יאָר אויפן פראָנט, געבענקט פשוט נאָך אַ יידיש וואָרט. און ווער שמועסט נאָך, אַז מען האָט דערזען פאַר זיך אויף דער בינע אַ יונג, צאַפּלדיק, פריש באַשעפעניש מיט אַזאַ ליכטיק פּנים, וואָס איז געווען „פאַרשטעלט" פאַר אַ מאַנספּערשוין און האָט געזונגען יידיש אַקטועלע קופּלעטן, וואָס

זענען אָפּט געווען באַשאָטן מיט אַ ביסל זאַלץ און פעפער; וועלכע האָט אויך שיין געטאַנצט — איז דאָך נישט קיין ווונדער, וואָס די התפּעלות פונעם גאַנצן עולם איז געווען נישט צו באַשרייבן. מען האָט די רייצנדיקע אידאַ ערוועסט ממש נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער בינע.

מיר איז אויסגעקומען, ביי מיינע ערשטע טריט אויף דער בינע אין יאָר 1917, אַ געוויסע צייט צו אַרבעטן ביי שלמה קוסטין אין דער טרופּע און צוזאַמען מיט אידאַ ערוועסט דורכצומאַכן אַ קליינעם טורנע איבער דער פּוילישער פּראָווינץ. איך בין געווען אַ לעבעדיקער עדות פון דעם נישט-באַשרייבלעכן דערפאָלג, וואָס אידאַ ערוועסט האָט געהאַט. זי איז אין יענער צייט געקרוינט געוואָרן אַלס „די קיניגין פונעם יידישן ליד". דאָס איז געווען אין אַ צייט, ווען די „קייזערס" און „קיניגן" זענען נאָך פעסט געזעסן אויף די טראָנען...

וויייניק, וואָס מען האָט זיך צוליב דער ניי-געקרוינטער „קיניגין" גע־שלאָגן און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, זענען גאַנצע גרופּעס מיליטער-לייט איר נאָכגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, און ווען מיר זענען אַראָפּגעגאַנגען פונעם צוג, זענען צוגעשפּרונגען צו אונדז מיליטער-לייט און אַראָפּגע־טראָגן אויף די הענט אידאַ ערוועסט.

אירע געזונגענע קופּלעטן זענען אַזוי פּאָפּולער געוואָרן, אַז מען האָט זיי געהערט אומעטום: אויף דער גאַס, אין די נאַכט-לאָקאַלן און אויך צווישן די מיליטער-לייט, וועלכע האָבן אין טעאַטער מיטגעזונגען מיט אידאַ ערוועסט הויך אויפן קול. די זעלביקע מיליטער-לייט האָבן אַליין פאַרפאַסט לידער לכבוד אידאַ ערוועסט און זיי געזונגען אין די מילי־טערישע קאַסינאָס און רעסטאָראַנען. איינע פון די לידער — אויף וויפל איך געדענק נאָך פיל-וויייניק — האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

— „אידאַ ערוועסט,
אַך, ווי שיין דו ביסט...
לעבן אָן דיר
קען איך מער שוין נישט....
ווען דו פאַרשווינדסט,
פאַרשווינדט די זון פון מיר.
בלייב־זשע, אידאַ —
דאָס איינע, כ'בעט ביי דיר!"

מוזיק צו דעם דאָזיקן ליד האָט געשאַפן אַ באַקאַנטער עסטרייכישער מוזיקער, וואָס האָט געדינט אין לובלינער גאַרניזאָן. דאָס ליד איז געוואָרן כמעט אַ מיליטעריש ליד, וואָרום אַלע מיליטער־לייט האָבן עס געזונגען.

ווען מיר פלעגן נאָך אַ פאָרשטעלונג אַריינקומען מיט אידאַ ערוועסט אין אַ נאַכט־לאָקאַל, פלעגן זיך אַלע אויפשטעלן (דאָס פובליקום איז דאָך באַשטאַנען כמעט בלויז פון מיליטער־לייט מיט זייערע באַקאַנטע פרויען), דער אָרקעסטער האָט געגעבן אַ שלאָג־אָן און אַלע האָבן אָנגעהויבן צו זינגען דאָס ליד „אידאַ ערוועסט״...

נישט איינמאָל האָב איך בייגעוווינט סצענעס, ווען צוליב אידאַ ערוועסט זענען געפלויגן בענקלעך און פלעשלעך אין רעסטאָראַנען, אויב עמעצער פון די מיליטער־לייט האָט געוואַגט צו זאָגן עפּעס אַ צווייידייטיק וואָרט וועגן אידאַ ערוועסט, — און אַזעלכע ווערטער זענען נישט געווען קיין זעלטנהייט, ווייל מען האָט עס געטון סיי צוליב קנאה, סיי צוליב אייפערזוכט און סיי צוליב אידאָס באַצויבערנדיקן שמייכל, מיט וועלכן זי האָט באַשאָנקען אַן אַנדערן.

אַן אַנדערע אויף איר אָרט וואָלט די דאָזיקע צייט פון אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג אויסגענוצט אויף צו מאַכן אַ „קאַריערע״ אויפן גאַנצן לעבן. אידאַ ערוועסט האָט זיך אָבער דערצו נישט געטויגט און נישט געהאַט נאָך דעם שניט פון אַ „צייט־דאַמע״, וואָס וואָלט געקענט אויסניצן די „קאָניונקטור״ מער פּראַקטיש.

ווען מענער האָבן זיך געוואָלגערט פאַר אירע פיס, און דאָס — קינדער פון די בעסטע היימען, מענטשן שוין גאָרנישט קיין יונגע, הויכע מיליטער־לייט — און איר פאַרגעלייגט אַ רואיק, געזיכערט לעבן אין עשירות און זאָרגלאָזיקייט, האָט אידאַ ערוועסט זיך פון דעם אַלעם אויסגעלאַכט און געהאַט מער הנאה צו פאַרברענגען איר פרייע צייט מיט אירס אַ חבר פון דער טרופּע, וואָס האָט איר, אויסער הייסע געפילן, נישט געקענט געבן דאָס, וואָס די אַלע פּראָמינענטע לייט האָבן איר פאָרגעלייגט.

אידאַ ערוועסט האָט פאַרמאָגט אָן אַ שיעור האַרץ און געפיל, געווען זייער אַ גוטע און געטיילט זיך מיטן לעצטן ביסן פון מויל — און קיין

איבעריקס האָט זי קיינמאָל נישט געהאַט, הגם זי איז געזעסן אויפן „טראָן" אַלס „קיניגין פונעם יידישן ליד".

ווען איך האָב זיך, נאָך יאָרן וואַנדערן איבער רוסלאַנד, צוריק אומגעקערט קיין וואַרשע, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אידאַ ערוועסט טרעט אויף אין פאַרשיידענע לאָקאַלן. זי איז נאָך אַלץ געווען זייער פּאָפּולער, אָבער איר שטערן האָט געהאַלטן ביים פאַרלאָשן ווערן. וואָס ווייטער, האָט זי אַלץ מער אָנגעהויבן אויפטרעטן אין די ביליקע נאַכט־לאָקאַלן און לסוף — געוואָרן אַ שטענדיקע „אַרטיסטישע קראַפט" אין פּאָפּולערן באַר פון איזאַק גערטנער אין וואַרשע, ווו זי האָט געזונגען געזאַלצענע קופּלעטן, וואָס האָבן געדאַרפט קיצלען און רייצן אויסגעלאָשענע מענער.

אידאַ ערוועסט, וואָס האָט איבערגעלעבט אַזאַ שיינע צייט פון אויפשטייג, דערפאָלג און כבוד, וואָס קיין גרעסערן קען מען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, איז אָבער געווען צו שוואַך אַליין דורכצוגיין דעם שווערן דערנער־וועג, זי זאָל זיך נישט אויסגליטשן. און אָנהויבנדיק זיך צו גליטשן, איז איר שוין געווען זיך פון פאַלן...

דאָס האַרץ האָט ווי געטון צוצוקוקן זיך, ווי די אַמאָל פּאָפּולערסטע קופּלעטיסטין, דער אײדעלער מענטש און האַרציקער חבר — אידאַ ערוועסט, האָט געמוזט שטיין אין פאַררויכערטן לאָקאַל און רייסן זיך אויפן גאַנצן קול, כדי איבערצושרייען די הייזעריקע שטימעס פון דעם האַלב־שכורן עולם, וואָס האָט אַפילו איר נישט געשאָנקען קיין בליק.

אידאַ ערוועסט האָט די לעצטע יאָרן פון איר לעבן פאַרבראַכט צוזאַמען מיט איר זון — זייער אַ פעאיקער פידלער — אין וואַרשעווער געטאָ. זי איז אויך דאָרט אויפגעטראָטן אין פאַרשיידענע לאָקאַלן, געזונגען פריילעכע לידער פון אירע אַמאָליקע גוטע צייטן, וואָס האָבן אין געטאָ געפונען אַ גוטן אָפּקלאַנג, ווייל ווער פון די געטאָ־מענטשן האָט נישט געבענקט נאָך די אַמאָליקע צייטן?...

אידאַ ערוועסט, די דעטראָניזירטע „קיניגין פונעם יידישן ליד", וואָס האָט שפּעטער דורכגעמאַכט אַזאַ שווער לעבן, האָט געטיילט דעם גורל פון כמעט אַלע וואַרשעווער יידן.

שלום צוקער

אַ יאָר פֿאַרן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך זיך גענומען שרייבן זכרונות וועגן די ייִדישע אַקטיאָרן פֿון עלטערן דור. די אַרבעט האָב איך דעמאָלט אָנגעהויבן אין וואַרשע און נאָך מיין אַוועקפֿאָרן אויפֿן טור, האָב איך עס איבערגעגעבן מיין חבר לייב פֿרידמאַן, ער זאָל אויפֿנעמען ביי די עלטערע אַקטיאָרן אַלע אינפֿאָרמאַציעס, וואָס דאַרפֿן מיר דינען ווי אַ מאַטעריאַל פֿאַר מיין אַרבעט. לייב פֿרידמאַן האָט באַוויזן, איידער ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין דרום־אַמעריקע, אויפֿצונעמען אַ היבש ביסל מאַטעריאַלן, וועלכע איך האָב כסדר געזאַמלט.

אַ טייל פֿון די מאַטעריאַלן זענען מיר אין וואַרשעווער געטאָ פֿאַרברענט געוואָרן. אַ טייל אָבער, צווישן וועלכע עס געפֿינען זיך די פֿאַרצייכענונגען פֿון איינעם פֿון די עלצטע ייִדישע אַקטיאָרן, שלום צוקער, איז מיר געלונגען אָפּצוראַטעווען, באַגראָבנדיק זיי, צוזאַמען מיט אַנדערע מאַטעריאַלן, אין דער ערד.

שלום צוקערס בלעטער און אַנדערע מאַטעריאַלן, וועלכע איך האָב געזאַמלט פֿון אונדזערע אַקטיאָרן, האָבן, צום באַדויערן, איבערגעלעבט זייערע באַלעבאַטים. די אָפּגעראַטעוועטע נאָטיצן פֿון שלום צוקער, געשריבן דורך אים אַליין אין יאָר 1938 און דערגאַנצט און באַאַרבעט דורך מיר, ברענג איך איצט אין דער עפֿנטלעכקייט.

הגם שלום צוקער איז געווען אַ קליין־וווּקסיקער און ער האָט נישט געהאַט קיין גוטע אויסערלעכע מיטלען, האָט ער אָבער אַ דאַנק זיין ריזן־באַריטאָן־שטים געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט. נאָך אַלס ייִנגל האָט ער מיט זיין שיינער שטים דערקוויקט די הערצער פֿון די מתפּללים אין דער וואַרשעווער שול, ווו ער האָט געזונגען אין כאָר. מען האָט זיך

מיט אים געצערטלט און געגרויסט: „אַי, וואַקסט דאָס אַ חזן! אַי, וועט ער זיין אַ זינגער!״ — און שלום האָט טאַקע באַשלאָסן צו ווערן אַ זינגער.

ער האָט פאַרלאָזן זיין טאַטנס הויז אין וואַרשע און נאָך אַלס גאָר יונגער בחור אַוועק מיט אַ גרופּע זינגערס אויף דער פּראָווינץ — און פון דאָרט קיין רוסלאַנד. דאָס איז געווען ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט. ער האָט געזונגען אין גאַנץ רוסלאַנד און נישט נאָר אין יידישן טעאַטער, נאָר אויך אין כאָר פון די רוסישע אָפּערעס. אין יידישן טעאַטער האָט ער אָנגעהויבן מיט קליינע ראָלן, ביז ער איז געוואָרן דער הויפּט־ראַליסט אין פאַרשיידענע יידישע טרופּעס, וווּ ער האָט זיך פאַרשאַפן אַ נאָמען אַלס גאָלדפאַדן־ראַליסט. צוליב זיין נידעריקער פיגור, האָט ער נישט געקענט שפּילן קיין העלדן־ראָלן, צו וועלכע עס איז געווען צוגע־פּאַסט זיין ריזן־שטים. ער האָט אָנגעהויבן צו באַקומען קאָמישע ראָלן און מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ דערפאָלגרייכער, פּאַטענטירטער קאָמיקער.

ווען מען האָט צוקערן געדאַרפט נעמען צום רוסישן מיליטער, איז ער אַנטלאָפן קיין עסטרייך און זיך אָנגעשלאָסן אין די דאָרטיקע יידישע טרו־פּעס. אַמלענגסטן האָט ער געשפּילט מיט די באַקאַנטע ווינער אַקטיאָרן שלום פּאָדזאַמטשע און אַדאָלף בעל. אין 1905 איז ער געפאָרן קיין אַמע־ריקע. יידיש טעאַטער אין ווין איז דעמאָלט באַשטאַנען פון געבן פאַרשיי־דענע סצענעס פון פּיעסן אָדער אימפּראָוויזאַציעס און זינגען באַקאַנטע לידער פון גאָלדפאַדן.

פּונקט ווי אין ווין און אין אַנדערע עסטרייכישע שטעט, ווו מען האָט נאָך צו יענער צייט געשפּילט אין שענקען ביי טישלעך, איז ער אין אַמעריקע אויך אויפגעטראָטן אין פאַרשיידענע ווינקעלערס און אין דריט־ראַנגיקע לאָקאַלן. קיין איבעריק גרויסן דערפאָלג האָט ער אין אַמעריקע נישט געהאַט און נאָך אַ פּאָר יאָר מאַטערן זיך, איז ער צוריקגעפאָרן קיין ווין. אָפּשפּילנדיק אַ געוויסע צייט מיט גאָר אַ גרויסן דערפאָלג אין ווין, האָט שלום צוקער געמאַכט אַ רייזע מיט אַ יידישער טרופּע קיין טערקיי, בולגאַריע, יוגאָסלאַוויע, ווו זיי האָבן אפשר צום ערשטן מאָל געשפּילט יידיש טעאַטער.

אין טערקיי האָט די טרופּע געשפּילט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און שטענדיק געהאַט אַ פול־געפּאַקטן זאַל. דער עולם איז דאָרט באַשטאַנען

נישט נאָר פון ייִדיש־רוסישע עמיגראַנטן, נאָר אויך פון שפּאַניאָלישע ייִדן. די רוסישע ייִדן האָבן געלעקט די פינגער און פשוט געוויינט פאַר פרייד, אַז אַ ייִדישע טרופּע איז צו זיי געקומען. זיי האָבן די אַקטיאָרן באַשאָטן מיט געלט, מתנות און ממש נישט געוואָלט זיי אָפּלאָזן. די שפּאַניאָלישע ייִדן ,דאַקעגן, האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט ייִדיש, אָבער דאָך נישט דורכגעלאָזט קיין איין פאָרשטעלונג און מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו די ייִדישע לידער און געקוואָלן פון די ייִדישע טענץ און ייִדישע מוזיק. זייער ליבלינג איז געווען שלום צוקער, וועלכער האָט זיך באַמיט זיי צו מאַכן פריילעך אין אַזאַ „שפּראַך", וואָס אפילו גוייִם וואָלטן פאַרשטאַנען...

אין בולגאַריע און יוגאָסלאַוויע האָט דער ייִדישער עולם זייער שוואַך פאַרשטאַנען ייִדיש, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט זיי זאָלן זיך באַגייסטערן מיטן שפּילן, זינגען און טאַנצן פון די ייִדישע אַקטיאָרן, און באַלד אויסקויפן אַלע בילעטן אויף די ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען.

בעת זייערע אויפטריטן אין בעמען, מערען און סלאָוואַקיי, האָבן זיך די דאָרטיקע ייִדן געבעטן ביי דער דירעקציע רחמים, אַז די אַרטיסטן זאָלן רעדן אַביסל מער דייטש, כדי זיי זאָלן קענען פאַרשטיין... אַגב, מוז דאָ באַמערקט ווערן, אַז צו יענער צייט האָבן די ייִדישע אַקטיאָרן גערעדט אַ דייטשמערישן ייִדיש, ד"ה, אין אַ צעבראָכענעם דייטש און צעקאַליעטשעטן ייִדיש...

גרויסע צרות האָבן די אַקטיאָרן געהאַט אויסצושטיין, ווען זיי האָבן געשפּילט אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד (אונטער סאַלאָמאָן שטראַמערס דירעקציע). די אָרטיקע רבנים פלעגן באַקעמפן די „אַפּיקורסים־פּורים־שפּילער" און זיי צווינגען צו פאַרלאָזן די שטעט, אַריינלייגנדיק די „פּורים־שפּילערס" אין חרם... נישט אומעטום איז אָבער דער קאַמף קעגן די „פּורים־שפּילערס" געווען אַ דערפאָלגרייכער.

אָט, למשל, האָט אַ רבי אין אַ שטעטל אויסגערופן אין שול, אַז אַלע ייִדן, וואָס וועלן גיין צו די „אַפּיקורסים" אין טעאַטער, וועלן אַריינגעלעגט ווערן אין חרם. זענען טאַקע די ייִדן פון שטעטל נישט געגאַנגען זען די ייִדישע אַקטיאָרן. דאָס טעאַטער איז אָבער געווען איבערגעפּולט פון... בלויז ייִדענעס און דאָס — פרויען אין שייטלעך... אַמשטאַרקסטן

האָבן זיך אויסגעצייכנט אין קאַמף קעגן די ייִדישע אַקטיאָרן די מונקאַ־טשער דינאַסטיע, נאָכדעם ווי די אַקטיאָרן האָבן אויפגעפירט ש. אַנ—סקיס „דיבוק".

פון טשעכאָסלאָוואַקיי איז ש. צוקער מיט דער טרופּע ווידער געפאָרן קיין יוגאָסלאַוויע. דער דאָרטיקער ראַבינער ד"ר אַלקאַלאַי האָט אַ סך מיטגעהאָלפן די ייִדישע אַקטיאָרן, סיי ביים באַקומען די דערלויבעניש צו שפּילן ייִדיש טעאַטער, סיי ביים פאַראינטערעסירן דעם עולם צו זען די ייִדישע פאָרשטעלונגען. ער אַליין פלעגט באַזוכן די פאָרשטעלונגען און מיטברענגען מיט זיך געסט: הויכע יוגאָסלאַווישע מלוכה־מענער. דאָס האָט גורם געווען דערצו, אַז דער ייִדישער עולם דאָרט האָט נאָך מער ווי ביז איצט אָנגעהויבן צו שטראָמען אין ייִדישן טעאַטער.

ווען די טרופּע איז געווען אין יוגאָסלאַוויע, איז צו איר געקומען אַ טעאַטער־דירעקטאָר פון בודאַפּעשט, כדי זי אַראָפּצוברענגען קיין אונגאַרן. די דערלויבעניש איז געווען אויף איין חודש צייט, אָבער מיטן באַדינג נישט צו פּלאַקאַטירן די פאָרשטעלונגען אין גאַס. אויסער דעם האָט מען פאַר יעדער פאָרשטעלונג געמוזט שפּילן אַן איינאַקטער אין דער אונגאַרישער שפּראַך...

די ייִדישע טרופּע האָט געהאַט אין בודאַפּעשט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. נאַכט ביי נאַכט איז דאָס טעאַטער געווען אויספאַרקויפט און ס'האָבן געשטראָמט אין טעאַטער אַלט און יונג: ייִדן, וואָס האָבן נאָך גע־דענקט ייִדיש און ייִדן אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן זיך באַמיט צו פאַרגעסן ייִדיש, ווי אויך אַזעלכע ייִדן, וואָס האָבן באמת נישט פאַרשטאַנען קיין ייִדיש וואָרט...

דער צופלוס פון אַ נייעם ייִדישן טעאַטער־באַזוכער האָט זיך גענומען דערפון, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם האָט גאָר שטאַרק געבושעוועט אין אונ־גאַרן, און ייִדן האָבן געזוכט אַן אָרט, וווּ אויסצולעבן זיך אַ פּאָר שעה אין אַ ייִדישער סביבה.

אַזוי ווי עס איז געווען אַ געפאַר, אַז בעת אַ פאָרשטעלונג קענען זיך אַריינרייסן אין טעאַטער אַ פּאָר אונגאַרישע סטודענטן־כוליגאַנעס און אָנמאַכן דאָרט אַ פּאַניק, וואָס זיי פלעגן אָפט טון ביי ייִדישע פאַרזאַמלונגען, האָט דער דירעקטאָר פונעם טעאַטער, באַלד ווי די פאָרשטעלונג האָט זיך

אָנגעהויבן — פאַרהאַקט טיר און טויער און עס אַזוי לאַנג געהאַלטן ביז די פאַרשטעלונג האָט זיך געענדיקט...

די ייִדישע טרופּע האָט אָפּגעשפּילט אין בודאַפּעשט צען חדשים צייט — און אַ דערלויבעניש האָבן זיי געהאַט נאָר אויף איין חודש!... די פּאָליציי האָט אַפילו נישט געוווּסט, אַז די טרופּע שפּילט נאָך און זי וואָלט, מסתמא, ווייטער נישט געוווּסט, ווען נישט דאָס, וואָס די וויזעס פון די אַקטיאָרן האָבן זיך געענדיקט, און דער דירעקטאָר איז אַרויף צום פּאָליציי־פּרעפעקט, כדי צו פאַרלענגערן פאַרן זיי די וויזעס. ווען דער ראש פון דער פּאָליציי האָט זיך דערוווּסט, אַז די ייִדישע אַקטיאָרן זענען נאָך אַלץ דאָ אין בודאַפּעשט, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ ווילדן כעס, אַז ער האָט שיער נישט צעשלאָגן דעם דירעקטאָר. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אין משך פון 24 שעה זאָל קיין פוס פון אַ ייִדישן אַקטיאָר זיך נישט געפינען אין אונגאַרן. קיין שום אינטערווענץ האָט נישט געהאָלפן — און די ייִדישע אַקטיאָרן האָבן געמוזט פאַרלאָזן אונגאַרן.

פון אונגאַרן איז שלום צוקער אַנגאַזשירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, ווו ער האָט געשפּילט ייִדיש טעאַטער אין בערלין, לייפּציג, פראַנקפורט־אם־מיין און אין אַנדערע שטעט. פון דייטשלאַנד איז צוקער אַנגאַזשירט געוואָרן דורך דעם פּאַריזער טעאַטער־דירעקטאָר ב. בלומענטאַל קיין פראַנקרייך, בעלגיע און ענגלאַנד, ווו ער האָט געשפּילט עטלעכע סעזאָנען. צוריקקומענדיק פון דעם טורנע קיין ווין, האָט זיך צוקער באַטייליקט אין מאַלי פּיקאָן און יעקב קאַליכס פילם „מזרח און מערב" און דערנאָך אין פילם פון מאָריס שוואַרץ „יזכור".

צוקער איז געווען איינער פון די גרינדערס פון ייִדישן אַרטיסטן־פאַריין אין ווין, ווו ער איז געווען אין משך פון 12 יאָר (1926־1938) סעקרעטאַר. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אַז זעקס יאָר צייט, פון 1932 ביז 1938, זאָל מען צוקערן נישט צולאָזן שפּילן טעאַטער. ער האָט געלעבט פון דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַ פאַרקויפער פון טעאַטער־בילעטן, גייענדיק מיט זיי פון הויז צו הויז. פון דעם האָט ער געמאַכט אַ לעבן.

אין יאָר 1938 האָב איך שלום צוקערן צוזאַמען מיט זיין פרוי, די אַקטריסע קלאַראַ צוקער, אַנגאַזשירט קיין דאַנציג, אין דאַרטיקן „קולטור־בונד־טעאַטער", פון וועלכן איך בין געווען דער קינסטלערישער

לייטער און רעזשיסאָר. צוקער האָט כמעט אין אַלע פּיעסן געשפּילט און שטאַרק אויסגענומען ביים עולם.

נאָך עטלעכע חדשים שפּילן אין נאַציִשן דאַנציג, וואָס האָט געהייסן סיי פאַרן עולם, סיי פאַר די אַקטיאָרן — גיין אויף קדוש השם, ווייל ס׳איז ממש געווען אַ געפאַר צו גיין אין גאַס, איז אין דאַנציג אויסגעבראָכן דער גרויסער פּאָגראָם אויף ייִדן, ווו די נאַציס האָבן צוגערויבט ייִדיש האָב־און־גוטס און בלוטיק צעשלאָגן ייִדן. אַגב, איז יעדן אָוונט געקומען אין טעאַטער אַריין אַן אַנדער אַקטיאָר מיט אונטערגעהאַקטע אויגן און שטאַרק צעשלאָגן. אויך אין טעאַטער־זאַל האָט מען געקאָנט זען דיזעלביקע „דער־שיינונג״ צווישן דעם עולם באַזוכערס... מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאַנציג.

ווען דער עולם האָט זיך דערוווּסט, אַז די ייִדישע אַרטיסטן ווילן אַוועק־פאָרן, איז געוואָרן אַ גרויסער טומל, און מ׳האָט אונדז ממש געצוווּנגען צו פאַרבלייבן, מיטן מאָטיוו, אַז מיר האָבן נישט קיין רעכט אין אַזעלכע שווערע שעהן איבערצולאָזן די דאַנציגער ייִדן אָן אַ טעאַטער. עס איז אונ־דזער הייליקער חוב — האָבן זיי געזאָגט — ווייטער צו שפּילן און ווייטער־פאַרשאַפן פרייד דעם דערשלאָגענעם ייִדישן עולם אין דאַנציג. ווי באַוווּסט, האָבן ביי די נאַציס קיין ייִדן נישט געטאָרט גיין אין דייטשישן טעאַטער. און הגם דאַנציג איז מכלומרשט געווען אַ „פריי־שטאָט״, אָבער די נאַציִשע געזעצן זענען חל געווען אויך אויף „פריי־שטאָט דאַנציג״. די דאַנציגער ייִדן האָבן, אַלזאָ, נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַזוכן די דייטשישע טעאַטערס און קינאָס. און אַזוי ווי אָן טעאַטער האָבן זיי זיך נישט געקענט באַגיין, זענען זיי געווען אָנגעוויזן אויף אונדזער טעאַטער אין דער ייִדי־שער שפּראַך. דאָס האָט אויך גורם געווען דערצו, אַז די דאָרטיקע ייִדן זאָלן זיך נעמען געשמאַק צו לערנען ייִדיש, כדי אונדז צו פאַרשטיין, ווייל מיר האָבן זיך מיט אונדזער שפּראַך נישט צוגעפּאַסט צו זיי. זיי האָבן געגרינ־דעט אַ טעאַטער־קאָמיטעט, וואָס האָט גענומען אויף זיך אַלע זאָרגן אויס־צוהאַלטן דאָס ייִדישע טעאַטער און דעם אַנסאַמבל. דער פאָרזיצער פונעם דאָזיקן טעאַטער־קאָמיטעט איז געווען ד״ר ערווין ליכטענשטיין.

מיר זענען, אַלזאָ, ווייטער פאַרבליבן אין דאַנציג און געשפּילט נאָך

דריי חדשים צייט, ביז עס זענען געקומען די בלוטיקע געשעענישן, ווען די נאַציס זענען באַפאַלן אונדזער טעאַטער.

מיר האָבן יענעם אָוונט געשפּילט „מאָרגן־גרוי" פון ד"ר באַומאַן (מחבר פון „גליקעל פון האַמעלן"). אַ גרופּע כוליגאַנעס האָבן אַרומגע־רינגלט דאָס טעאַטער און אָנגעהויבן אַריינצושליידערן שטיינער. ווען דער עולם האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון זאַל, האָט מען זיי ערשט רעכט מכבד געווען מיט אַ האָגל שטיינער און קלעפּ — אַזוי, אַז עס זענען געווען צענ־דליקער פאַרוווּנדעטע. די פּאָליציי, וועלכע מען האָט אַרויסגערופן, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אינטערווענירן.

מיר, אַקטיאָרן, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן הינטער די קוליסן און אין אַ פּאָר שעה אַרום, זייענדיק זיכער, אַז מען קען שוין רויִק אַהיימגיין, זענען מיר אַרויס אויף דער גאַס.

ווי נאָר מיר זענען אַריין אין ערשטן זייטיקן געסל, זענען מיר אַרומ־גערינגלט געוואָרן פון אַ גרעסערער באַנדע דייטשישע יוגנטלעכע כוליגאַ־נעס, צווישן וועלכע עס זענען געווען מאַטראָסן, און זיי האָבן זיך גענומען צו אונדז...

איינער פון די נאַצישע באַנדיטן האָט אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער און געצילט אין מיין פרוי. אין דעם זעלביקן אויגנבליק האָב איך מיט זיך פאַרשטעלט מיין פרוי, וועלכע האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו שרייען, רופנ־דיק הילף. אויך די איבעריקע חברים, פון צווישן וועלכע עס האָט אַרויס־געהילכט שלום צוקערס מעכטיקע שטים, האָבן גענומען שרייען נאָך הילף — אַזוי, אַז די אָנפאַלערס זענען צעטומלט געוואָרן און מיר האָבן זיך באַוויזן אַריינצוקריגן אין אַ שכנותדיקן הויף, וווּ עס האָט געוווינט אונדז־זער פריינט, ד"ר ערווין ליכטענשטיין, דער פאָרזיצער פון דער דאַנציגער קהילה און פונעם טעאַטער־קאָמיטעט. ליכטענשטיין, דערהערנדיק אונדז־זערע רופן, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און דערזעענדיק וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס, האָט בליצשנעל געעפנט פאַר אונדז די איינגאַנג־טיר און אונדז אַריינגעלאָזט צו זיך.

נאָך דעם דאָזיקן פאַל האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאַנציג.

קומענדיק קיין וואַרשע האָט שלום צוקער געאַרבעט אינעם דאָרטיקן ייִדישן טעאַטער, צוזאַמען מיט זיין פרוי.

אין וואַרשעווער געטאָ האָבן די צוקערס, כדי קיינעם נישט צו פאַלן צו לאַסט, אויסגעבאָרגט ביי אַ באַקאַנטן בעקער יעדן טאָג אַ פאָר פונט ברויט און דאָס פאַרקויפט אין גאַס, אַרויסציִענדיק פון דעם קוים־קוים אויף חיונה. ווען דאָס געטאָ איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן און ברויט איז געוואָרן אַ לוקסוס־אַרטיקל, איז שלום צוקער אַרומגעגאַנגען מיט זיין פרוי איבער די הייף און געזונגען אין דועט דעם גאַנצן רעפּערטואַר פונעם יידישן טעאַטער, הויפּטזעכלעך גאָלדפאַדנס לידער (אין געטאָ זענען איבער די הייפן געגאַנגען געשולטע, פּאָפּולערע יידיש־אייראָפּייאישע זינגערס און באַרימטע מוזיקערס — און אַזוי אַרום פאַרדינט אויפן שטיקל ברויט). די צוקערס,ביידע הייזעריקע, האָבן זיך געריסן אויפן קול און טאַקע איבערגעריסן די שטימעס, כדי „אַרויסצוזינגען" אַ פאָר גראָשן אויף ברויט.

די „בעל־רחמנותדיקע יידישע הערצער" פון וואַרשעווער געטאָ האָבן דעם פאָרל צוקער אַרויסגעוויזן אַנערקענונג פאַרן זינגען לידער אין יידיש און זיי באַשאָנקען מיט קלינגענדיקע מטבעות אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן די „אויסזידלונג" פון די וואַרשעווער יידן.

פון דער ערשטער גרופּע צו דער „אויסזידלונג" זענען געגאַנגען קינדער, קראַנקע, היימלאָזע, אַלטע לייט און אויך אַרבעטלאָזע — אַלע, וואָס זענען דורך די דייטשן פאַררעכנט געוואָרן פאַרן נישט־פּראָדוקטיוון עלעמענט. צווישן דער דאָזיקער גרופּע זענען אויך פאַררעכנט געוואָרן די הייף־זינגערס און הייף־מוזיקאַנטן און ממילא אויך — שלום צוקער און זיין פרוי קלאַראַ. דאָס דאָזיקע אַקטיאָרן־פּאָרל, וואָס האָט באַרייזט אַ וועלט און אויף זיינע וואַנדערונגען אָנגעטראָפן אַזוי פיל ענטוזיאַזם און ליבשאַפט, איז אַוועק אויף זיין לעצטן טורנע, צו די גאַז־קאַמערן אין טרעבלינקע.

איך האָב שלום צוקערן מיט זיין פרוי געזען צום לעצטן מאָל אין יולי, 1942, ווען מען האָט זיי מיט געוואַלט אַרויפגעשלעפּט אויף אַ פור, אָנגעשטאָפּט פול מיט יידן, וועלכע מען האָט געפירט צום „אומשלאַגפּלאַץ" אין די וואַגאָנען אַריין. מיט אויסגעשראָקענע אויגן, ווי קעלבלעך, וואָס מען פירט צו דער שחיטה, און מיט הייזעריקע שטימעס, האָבן זיי גערופן הילף. אָבער די הילף איז נישט געקומען, נישט פאַר זיי, נישט פאַר זייערע חברים.

משה קאַרפּינאָוויטש

משה קאַרפּינאָוויטש איז געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע, כאַראַקטעריסטישסטע און פאַרבנ־רייכסטע געשטאַלטן אין ייִדישן טעאַטער.

נישט איינמאָל האָב איך מיר גע־שטעלט די פראַגע: וואָס האָט דער דאָזיקער באַלעבאַטישער ייִד גע־וואָלט פון טעאַטער? וואָס האָט אים געטריבן צו גיין אין טעאַטער?

די פראַגע איז מיר אָבער שנעל פאַרענטפערט געוואָרן, ווען איך האָב זיך מיט אים נענטער באַקענט.

וועגן קיין איינעם פון די ייִדישע טעאַטער־מענטשן זענען, דאַכט זיך, נישט אַרומגעגאַנגען אַזויפיל אַנעק־דאָטן און זיך נישט געוועבט אַזויפיל לעגענדעס, ווי וועגן משה קאַרפּי־נאָוויטש, אָדער, ווי מען פלעגט אים רופן: „מיישקע" קאַרפּינאָוויטש. דאָס איז געווען אַ ייִד אַ חכם, אַ בעל־תורה, אַ גרויסער וויצלער, הגם אויסער־לעך האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קאַלטן, פאַרשלאָפענעם ייִדן. אָבער אַלץ וואָס זיין אויסערלעכקייט האָט געזאָגט, אַלץ וואָס מען האָט וועגן אים געטראַכט, איז געווען גראָד פאַרקערט. ווען ער האָט עפּעס גע־זאָגט, האָט מען נישט געוווּסט, צי ער מיינט עס ערנסט, צי ער חוזקט

אָפּ, ווייל פונעם אויסדרוק פון זיין פנים האָט מען גאָרנישט געקענט לייענען.

אַ מיטל־וווּקסיקער ייד, זייער אַ מאָגערער, מיט אַ לענגלעך פּנים, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שוואַרץ בערדל (מען האָט קאַרפּינאָ־וויטשן אויך גערופן „ דאָס בערדל״) און אַ פּאָר גרויסע קויל־שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אויף דיר אָנגעוואָרפן אַ מורא...

אָבער פאַר קאַרפינאָוויטשן האָט מען נישט געדאַרפט מורא האָבן. דאָס איז געווען אַ מענטש אָן אַ גאַל, מיט אַ גוטן כאַראַקטער, וואָס האָט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון, קיינעם נישט באַליידיקט — און אויב ס׳איז אַמאָל געווען אַזאַ פאַל, האָט ער זיך דערפון נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון, אַז ער טוט אימיצן דערמיט ווי.

אַ סך זאַכן האָט ער געטון נישט באַרעכנט, אָבער אַלעמאָל איז ער געווען איבערצייגט, אַז ער האַנדלט גוט.

ער האָט תמיד גערעדט געלאַסן, קיינמאָל זיך נישט אויפגערעגט — עס איז שווער געווען אים אַרויסצופירן פון גלייכגעוויכט. אויף זיין פנים האָט זיך זעלטן באַוויזן אַ שמייכל און טאָקע צוליב זיין אומבאַוועגלעך פנים, האָט מען אים אויך גערופן „משולח״ (סימבאָלישע געשטאַלט פונעם „דיבוק״), „קאַלטער גזלן״ אאַ״וו.

משה קאַרפינאָוויטש האָט געהאַט אַ פרוי און — קיין עין־הרע — זייער אַ סך קינדער. — וויפל? שווער צו זאָגן. דאַכט זיך, אַז ער אַליין האָט נישט געוווּסט, וויפל קינדער ער האָט געהאַט.

דערציילט מען וועגן אים טאַקע אַ וויץ, אַז ווען ער איז אַהיימגעקומען פון גאַס און געזען די קינדערלעך אַרומשטיפן אין שטוב, האָט ער צוגע־רופן צו זיך איינס פון די עלטערע קינדער און געפרעגט: — און וועמענס איז דאָס? אויך מיינס?...

ער האָט, — אַזוי האָט מען זיך געוויצלט אויף זיין חשבון, — נישט געדענקט די נעמען פון די קינדער און נישט געוווּסט וועלכעס קינד איז עלטער פונעם אַנדערן.

קאַרפינאָוויטש האָט געמוזט זייער אַ סך אַרבעטן, כדי צו פאַרדינען אויף חיונה פאַר דער גאַנצער, געוויג גרויסער, משפחה. ער האָט געהאַט פאַרשיידענע צייטן: אַמאָל איז ער געזעסן אויפן פערד און אַמאָל — אונ־

טערן פערד. ווען די עלטערע קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו אַרבעטן און אים טאַקע אַ סך אַרויסגעהאָלפן.

קאַרפּינאָוויטש האָט ליב געהאַט פאַרשיידענע נייאיקייטן אויפן געביט פון עלעקטרישע הויז־מכשירים. דאָס איז געווען זיין גרויסע שוואַכקייט. ביי אים אין שטוב זענען געווען די פאַרשיידנסטע עלעקטרישע צינדערס, ראַזירערס, קיך־געשירן, רייניקונג־אַפּאַראַטן, מיט אַלע עלעקטרישע „קונצן".

די אַלע זאַכן פלעגט ער, מיט דער גרעסטער הנאה, ווייזן די געסט, וואָס פלעגן אים באַזוכן. זיין הויז האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גרויסער אַכסניה. מען האָט בשום אופן נישט געקענט באַגרייפן פון וואַנען נעמט קאַרפּינאָוויטש אַזויפיל מיטלען אויסצוהאַלטן אַזאַ גרויסע משפּחה און אַן „אָפן" הויז.

משה קאַרפּינאָוויטש איז געווען אַן אוניווערסאַלער מענטש: אַ שרייבער, אַ קריטיקער, אַ דרוקער, אַ זעצער, אַ ליטאָגראַפיסט, אַ מאָלער, אַ געשעפט־פירער, אַ סופליאָר, אַ דירעקטאָר און אַפילו — אַן אַקטיאָר. ס'איז נישט געווען קיין זאַך וואָס קאַרפּינאָוויטש זאָל נישט קענען. אָבער מער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט טעאַטער און ער איז געווען אַ טעאַטער־מענטש דורך און דורך. נישט וויכטיק געווען ביי אים וואָס פאַר אַן אַרבעט דאָס איז, אַבי נאָר צו זיין ביים טעאַטער. דער מענטש האָט ממש געוווינט אין טעאַטער. ער איז דער ערשטער אַהינגעקומען און דער לעצטער פון אים אַוועק. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט צו זיין אין דער סביבה פון יידישע אַקטיאָרן — און דעריבער איז דאָך נישט קיין ווונדער, אַז ווען ער איז אַזוי שפּעט אַהיימגעקומען, איז אים דאָס אייגענע הויז און די קינדער געווען פרעמדלעך, הגם, ווי מען זאָגט, איז ער געווען אַ גוטער מאַן און אַ פילבאַרער פאָטער.

קאַרפּינאָוויטש איז געווען אַ מיטגליד פון יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַריין אין ווילנע, הגם אין זיין ווילנער פעריאָד האָט ער, אויסער טעאַטער־רעצענזיעס און נאָטיצן כמעט גאָרנישט געשריבן. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער אין מינסק (ווייס־רוסלאַנד) אַרויסגעגעבן אַ צייטונג און — ווי מען האָט געזאָגט — געשריבן דאָרט לייט־אַרטיקלען.

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך באַקענט מיט קאַרפּינאָוויטשן אין יאָר 1920, ווען איך בין מיט דער טרופּע פון אסתר רחל קאַמינסקי געקומען פון רוסלאַנד קיין ווילנע. ווילנע איז דעמאָלט געווען די הויפּט־שטאָט פון ליטע, אָבער די לאַגע איז דאָרט געווען זייער אַ געשפּאַנטע, ווייל הינטער דער שטאָט זענען פאָרגעקומען שלאַכטן מיט דער פּוילישער אַרמיי פון גענעראַל זשעליגאָווסקי, וועלכער האָט זיך באַמיט צו פאַרכאַפּן ווילנע.

דער ערשטער, וואָס האָט אונדז באַזוכט אין האָטעל, נאָך אונדזער אָנקומען קיין ווילנע, איז געווען משה קאַרפּינאָוויטש, וואָס האָט זיך פאַר אונדז פאָרגעשטעלט אַלס סעקרעטאַר פון ווילנער יידישן אַרטיסטן־פאַריין, וועמענס פאָרזיצער ס'איז דעמאָלט געווען דער אַקטיאָר, רעזשיסאָר און שרייבער יצחק נאָזשיק. קאַרפּינאָוויטש האָט אונדז באַלד פאָרגעלעגט איינצואָרדענען אויפטריטן אין ווילנער „שטאָט־טעאַטער", אויף דער ברייטער גאַס. ווען מיר האָבן אים געוואָלט איבערצייגן, אַז עס האָט נישט קיין זין איצט אויפצוטרעטן, אין אַ צייט, ווען מען ווייסט נישט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען, — איבעריקנס, ווער וועט איצט קומען אין טעאַטער?! — האָט קאַרפּינאָוויטש געענטפערט:

— „גאָר!" (דאָס איז געווען זיין באַליבט ווערטל) יידן וועלן קומען זען אסתר רחל קאַמינסקי ספּילן (גערעדט האָט קאַרפּינאָוויטש מיט אַ „ס" אַנשטאָט אַ „ש"). זיי בענקען סוין נאָך יידיס טעאַטער, בפרט, אַז עס וועט ספּילן אסתר רחל.

מיר האָבן זיך געלאָזט צורעדן און אָנגעהויבן שפּילן אין „שטאָט־טעאַטער". די ערשטע פאָרשטעלונגען זענען דורך רויק, אָבער ווייטער האָט מען שוין נישט געקענט שפּילן, ווייל די שטאָט איז באַשאָסן געוואָרן דורך זשעליגאָווסקיס סאָלדאַטן און ס'איז געווען אַ סכנה אַרויסצוגיין אין גאַס. מיר האָבן צו דער פאָרשטעלונג, וואָס מיר האָבן געזאָלט צומאָרגנס שפּילן, אַנאָנסירט „נאָראַ" פון איבסען. די פאָרשטעלונג איז אָבער שוין נישט צושטאַנדגעקומען.

ווי איבערראַשט זענען מיר געוואָרן, ווען צומאָרגנס האָבן מיר אין דער אָרטיקער רוסישער צייטונג איבערגעלייענט אַ קריטיק וועגן דער פאָרשטעלונג פון „נאָראַ", וואָס איז לגמרי נישט פאָרגעקומען... ווען מיר

האָבן געפּרעגט קאַרפּינאָוויטשן וואָס דאָס באַדייט, האָט ער געענטפערט גאַנץ קאַלטבלוטיק:

— דאָס האָב איך געסריבן די קריטיק. איך האָב דאָך ניסט געקענט פאַרויסזען, אַז מען וועט מוזן אָפּרופן די פאַרסטעלונג...

אויף אונדזער פראַגע, ווי אַזוי קען מען שרייבן אַ קריטיק איידער מען זעט די פאַרשטעלונג, האָט ער געענטפערט:

— גאָר... וואָס קען איך ניסט די קאַמינסקי און די אַנדערע אַרטיסטן? איך האָב געוואָלט, אַז די קריטיק זאָל נאָך אַריין אין היינטיקן נומער פון דער ציַיטונג, האָב איך זי דאָך געמוזט אָנסרייבן פאַר דער פאַרסטעלונג. אַי, די פאַרסטעלונג איז ניט פאַרגעקומען, איז עס דאָך ניט צוליב אונדזער סולד...

קאַרפּינאָוויטש איז יאָרנלאַנג געווען דירעקטאָר פון „ווילנער ייִדישן טעאַטער" און פלעגט אָפט קומען קיין וואַרשע אַנגאַזשירן אַקטיאָרן. אַן אַקטיאָר אָדער אַקטריסע, וואָס ער האָט געוואָלט אַנגאַזשירן צו זיך אין טעאַטער, האָט ער נאָכגעגעבן אַלע באַדינגונגען. אַ פּראָצענט אַרויף, אַ פּראָצענט אַראָפּ, ווי ער האָט געזאָגט, האָט נישט געשפּילט ביי אים קיין ראָל (אין פּוילן און אין ליטע פלעגן די אַקטיאָרן ס'רוב שפּילן אויף פּראָצענטער פון ברוטאָ־קאַסע). ווען מען האָט אַמאָל אָנגעוויזן קאַרפּינאָ־וויטשן, אַז ער האָט דאָך שוין 110 פּראָצענט אויסגאָבן, טאָ ווי קען ער ביי אַזאַ בודזשעט עקזיסטירן, האָט ער גאַנץ קאַלט געענטפערט:

— גאָר... וואָס פאַר אַ ראָל ספּילן צען פּראָצענט אין אַ געסעפט?! אַז עס קען קלעקן אויף הונדערט פּראָצענט, קען מען אויסהאַלטן ביי נאָך צען פּראָצענט...

— גוט, — האָט מען מיט אים מסכים געווען — אָבער פון וואַנען וועט איר מאַכן אַ לעבן, אַז איר מוזט נאָך צולייגן צו די אויסגאַבן?!

— נו, איז וואָס? פאַר מיר וועט קלעקן דאָס, וואָס עס וועט בלייבן צוויסן די צען פּראָצענט...

קאַרפּינאָוויטש האָט אַמאָל אַנגאַזשירט צו זיך אין טעאַטער דעם באַקאַנטן אַקטיאָר יוסף קאַמיען. ער האָט מיט אים אָפּגעמאַכט, אַז ער באַקומט פון אים כמה וכמה פּראָצענטער און האָטעל. ווען ס'איז געקומען

צום געלט־אויסצאָלן, האָט אים קאַרפּינאָוויטש אַראָפּגערעכנט פאַרן האָטעל, וואָס ער האָט באַצאָלט פאַר אים.

קאַמיען האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט און אויסגערופן:

— קאָלטער גזלן, מיר האָבן דאָך בפירוש אָפּגעמאַכט, אַז איך באַקום 12 פּראָצענט און האָטעלן!

— נו, יאָ, — ענטפערט אים קאַרפּינאָוויטש גאַנץ קאַלט און דאָס פּנים גיט ביי אים נישט קיין ציטער — מיר האָבן בפירוש אָפּגעמאַכט, אַז איר באַקומט 12 פּראָצענט אָן האָטעלן...

— טאָ באַצאָלט־זשע מיר פאַר די האָטעלן — שרייט קאַמיען.

— פאַר האָטעלן? — רעדט ווייטער געלאַסן קאַרפּינאָוויטש — איך האָב דאָך בפירוש געזאָגט, אַז איך גיב אייך 12 פּראָצענט אָן האָטעלן. ווען כ׳וואָלט מיט אייך אָפּגעמאַכט, אַז איך גיב האָטעלן, וואָלט איך דאָך געזאָגט: 12 פּראָצענט מיט האָטעלן...

דאָס ערגסטע איז אָבער געווען דאָס, וואָס קאַרפּינאָוויטש האָט אַליין געוואָלט שפּילן טעאַטער. שרייט מען צו אים:

— ווי קען מען שפּילן טעאַטער מיט אַזאַ קאַלט פּנים, און דערצו נאָך מיט אַ בערדל?! נעמט כאָטש אַראָפּ דאָס בערדל, וועט מען נאָך קענען וועגן דעם רעדן.

— גאָר... — ענטפערט קאַרפּינאָוויטש, — דער גאַנצער טאַלאַנט מיינער ליגט דאָך אין מיין בערדל. ווילט איר, איך זאָל אָפּסניידן מיין טאַלאַנט?!

מאַכט זיך אַ צופאַל, אַז די טרופּע פאַרט פון ווילנע קיין גראָדנע מיטן „דיבוק" פון אַנ—סקי, וואָס איז אַלעמאָל געווען די שטאַרקסטע קאַסע־פּיעסע. דער אַקטיאָר, וואָס האָט געזאָלט שפּילן די ראָל פון „משולח" — שמואל לאַנדאו — האָט באַקומען שטאַרקע בויך־קרעמפּן און באַין אופן נישט געקענט אויפטרעטן. עס איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה, ווי — אָפּצורופן די פאָרשטעלונג.

היות דאָס גרויסע „שטאָט־טעאַטער" איז געווען אויספאַרקויפט ביזן לעצטן פּלאַץ, איז די פאַרצווייפלונג ביי די אַקטיאָרן געווען אין לשער. אין דעם מאָמענט קומט צו קאַרפּינאָוויטש, וואָס איז געווען געשעפט־פירער פון דער טרופּע, און זאָגט גאַנץ קאַלט:

— אָפּרופן אַ פאָרשטעלונג? גאָר! גיט מיר די ראָל פון „משולח". צו דער ראָל סטערט דאָך ניט מיין בערדל...

מען האָט אים געפרעגט צי ער קען די ראָל.

— גאָר, ווי וואַסער, — ענטפערט קאַרפּינאָוויטש.

מען האָט אים אָנגעטון דעם קאָסטיום פון „משולח" און פשוט גע־קוואָלן פון אים: ער זעט דאָך אויס ווי אַ געבוירענער „משולח". ער דאַרף זיך אַפילו נישט גרימירן...

עס האָט זיך אָנגעהויבן די פאָרשטעלונג און קאַרפּינאָוויטש האָט אָנגעהויבן צו רעדן. פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט אויסרופן אין זאַל: „העכער! העכער! רעדט נישט צו די מייז"... ס'איז אויסגעבראָכן אַ געלעכטער אין טעאַטער און אויף דער בינע. דער „דיבוק" איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָמעדיע... יעדעס מאָל ווען קאַרפּינאָוויטש — דער „משולח" — האָט אָנגעהויבן צו רעדן, איז אויסגעבראָכן אַ געלעכ־טער אין זאַל. די אַקטיאָרן אויף דער בינע האָבן אויך געלאַכט. מ'האָט קוים מיט צרות געענדיקט די פאָרשטעלונג. ווען די אַקטיאָרן זענען שפּע־טער באַפאַלן קאַרפּינאָוויטשן, אַז ער האָט זיי „באַגראָבן" די פאָרשטעלונג, האָט ער געענטפערט:

— גאָר! האָב איך דען אַ לאַך געטון?!...

מיט דעם, דאַכט זיך, האָט זיך געענדיקט קאַרפּינאָוויטשעס קאַריערע אַלס אַקטיאָר. דאָס טעאַטער האָט ער אָבער נישט פאַרלאָזט. ער איז גע־ווען דירעקטאָר, אימפּרעסאַריאָ, אָדער געשעפט־פירער.

נאָך די פאָרשטעלונגען אין ווילנער טעאַטער, פלעגט מען אים שטענ־דיק טרעפן זיצן אין וועלפּקעס (וואָלף אוסיאַן) באַרימטן רעסטאָראַן אויף דער דייטשישער גאַס. ביי וועלפּקען איז געווען דער טרעף־פּונקט פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַריש־קינסטלערישער וועלט, פאַר וועלכער וועלפּקע איז געווען ממש ווי אַ טאַטע. ווען אימיצער פון דער „באָהעמע־גרופּע" האָט נישט געקענט באַצאָלן, האָט ער אים קיין הונגעריקן נישט אַרויסגעלאָזט פונעם רעסטאָראַן. קודם־כל האָט ער אים געהייסן גוט אָפּ־עסן און מאַכן אַ גוטן שנאַפּס, — באַצאָלן וועט ער, ווען ער וועט האָבן. דערווייל — אויב ער דאַרף, קען אים נאָך וועלפּקע אויסבאָרגן אַ פּאָר גילדן. אַ גוטע נשמה געווען דער וועלפּקע. ער האָט זיך באַצויגן מיט גרויס

יראת־הכבוד צו דער שרייבער־ און קינסטלער־משפחה, און אַלע האָבן אין אים געפונען אַן איבערגעגעבענעם מענטשן. זאָל אויך זיין נאָמען דער־מאָנט ווערן מיט יראת הכבוד אין אונדזער אָנדענק־בוך נאָך די אומגעקו־מענע קינסטלער, טעאַטער־מענטשן און פריינט פון יידישן טעאַטער.

ביי וועלפקען פלעגט מען קאַרפּינאָוויטשן שטענדיק טרעפן אַרומגע־רינגלט פון שרייבערס, צייטונגס־מענטשן און קינסטלער, ער פלעגט זיצן אין דערמיט, דערציילן פאַרשיידענע מעשיות, וויצן, גלייכווערטלעך, און די אַרומיקע פלעגן פון זיי קייכן פאַר געלעכטער. קאַרפּינאָוויטש אַליין איז געזעסן מיט אַ פאַרשטיינערט פּנים, ווי תמיד, און קיין שמייכל נישט געגעבן.

מען פלעגט זיך פרעגן: ווען שלאָפט קאַרפּינאָוויטש, אַז אַ גאַנצע נאַכט זיצט ער אָפּ ביי וועלפקען? פאַר קאַרפּינאָוויטשן פלעגט גענוג זיין, ווען ער האָט, זיצנדיק אויף אַ שטול ביי אַ טישל, געכאַפּט אַ דרימל... אַ פּאָר אַזעלכע „דרימלען" האָבן שוין פאַר אים געקלעקט און פאַרביטן אים דעם שלאָף.

קאַרפּינאָוויטש איז געווען זייער אַרבעטזאַם. ער האָט געהאַט, ווי דער שטייגער איז ביים טעאַטער, זיינע אַרויסהעלפער, אָבער ער האָט זיך אויף קיינעם נישט פאַרלאָזט און אַלץ אַליין דערליידיקט: אין דרוקעריי אַליין אויסגעשטעלט דעם אַפיש צום דרוקן (און אַזעלכע געשמאַקפולע און אָריגינעלע אַפישן, ווי קאַרפּינאָוויטש האָט געמאַכט, האָט קיינער נישט באַוויזן צו מאַכן), אַליין געגאַנגען אין די רעדאַקציעס פון די צייטונגען, אויסגעשטעלט די אַנאָנסן לויט זיין געשמאַק, און ביינאַכט, איידער ער איז אַריין צו וועלפקען, איז ער אַריינגעלאָפן אין אַלע רעדאַקציעס נאָכצו־קאָנטראָלירן, צי מען האָט נישט אַרויסגעוואָרפן די נאָטיצן, וועלכע ער אַליין האָט אָנגעשריבן, און צי די קריטיקן וועגן דער פּיעסע אין זיין טעאַטער זענען לויט זיין געשמאַק, אאַז"וו.

זייער זעלטן פלעגט דאָס גרויסע ווילנער „פאָלקס־טעאַטער" זיין איבערגעפּאַקט מיט באַצאָלטע באַזוכער. קאַרפּינאָוויטש איז געווען דער גרעסטער נדבן: אַ דריי־פערטל טעאַטער־באַזוכער זענען געווען אומזיסטע צושויער. אַלע שרייבערס מיט זייערע משפחות, מומעס, פעטערס, קוזינען און סתם גוטע ברידער, האָבן געהאַט אַ פרייען אַריינטריט אין קאַרפּינאָ־

וויטשעס טעאַטער, ווו עס האָבן, אַגב, געשפּילט די בעסטע, טאַלאַנטירטסטע אַקטיאָרן.

אין די צייטן פון דער פאַרשטאַרקטער צאַרישער רעאַקציע אין יאָר 1905 האָט קאַרפּינאָוויטש געוואָלט אַרויסגעבן אין ווילנע (געבוירן איז ער אין לאַהויסק — אַ שטעטעלע ביי מינסק) אַ ייִדישע צייטונג. צו דעם צוועק האָט ער זיך באַמיט וועגן אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ ייִדישע דרוקעריי. דער ווילנער גובערנאַטאָר האָט גערופן צו זיך קאַרפּינאָוויטשן. דערזעענדיק פאַר זיך אַ יונגן, דאַרן בחור מיט אַ פּאָר גרויסע פייערדיקע אויגן, האָט דער גובערנאַטאָר נישט געהאַט צו אים קיין צוטרוי, אַז מען וועט ביי קאַרפּינאָוויטשן אין דער דרוקעריי נישט דרוקן קיין „קראַמאָלע״ (פאַרבאָטענע ליטעראַטור). ער האָט אים די דערלויבעניש אָפּגעזאָגט.

קאַרפּינאָוויטש איז אָבער געווען אַ גרויסער עקשן און ער האָט באַ־שלאָסן פון דעם נישט צו רעזיגנירן. כדי צו געווינען „צוטרוי״ פון די רוסישע מאַכטהאָבער, איז אים איינגעפאַלן אַ פּלאַן צו פאַרלאָזן זיך אַ באָרד... אַ דאַנק דער באָרד האָט ער טאַקע באַקומען די דערלויבעניש אויף אַ דרוקעריי און טעגלעכער ייִדישער צייטונג, א. נ. „ווילנער טאָג־בלאַט״. זייענדיק דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר און שרייבנדיק רעצענזיעס וועגן ייִדישע טעאַטער־פאַרשטעלונגען (אונטערן פּסעוודאָנים „משהלע״), האָט ער זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום ייִדישן טעאַטער. ביסלעכווייז האָט ער אַליין אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן טרופּעס און אַזוי אַרום איז ער אַריינגעקומען אין דער ייִדישער טעאַטער־וועלט, ווי אַ דירעקטאָר מיט אַ באָרד...

קאַרפּינאָוויטש איז אַ לאַנגע צייט געווען שלום עליכמס אימפּרעסאַ־ריאָ, אָרגאַניזירנדיק פאַר אים דעם טורנע איבער וויס־רוסלאַנד און ליטע. קאַרפּינאָוויטש האָט אויך דער ערשטער אינסצעניזירט זיין „סטעמפּעניו״, וואָס איז געשפּילט געוואָרן פון אַ ריי ייִדישע טרופּעס.

ווען קאַרפּינאָוויטש וואָלט געוואָלט פאַרבלייבן ביי זיין פאַך אַלס דרו־קער, אָדער ליטאָגראַף, וואָלט ער געקענט האָבן גאַנץ שיין פּרנסה און פאַרזיכערן זיין צאָלרייכער משפּחה אַ גוט, רויִק לעבן. אים האָט אָבער דווקא געצויגן צו דעם אומרויִקן, נישט זיכערן טעאַטער־לעבן. דאָס האָט אים פאַרשאַפט עמאָציעס און ער האָט זיך אין דעם אויסגעלעבט.

ווען די געשעפטן האָבן אָנגעהויבן ביי אים גיין באַרג־אַראָפּ און ער האָט שוין נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו פירן זעלבסטשטענדיק אַ טעאַטער, האָב איך אים פאַרבעטן אַלס געשעפט־פירער צו אָרגאַניזירן פאַר דיאַנאַ בלומענפעלד און מיר אַ בליץ־טורנע איבער דער ווילנער פּראָווינץ.

אַ ריי שטעט זענען דורך אין דער בעסטער אָרדענונג. ווען מיר זענען אָבער אַריינגעקומען אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, ווו מיר האָבן דעם זעלביקן טאָג געזאָלט שפּילן און נישט באַמערקט אונדזערע אַפישן וועגן דער פאָרשטעלונג, האָב איך געפרעגט קאַרפּינאָוויטשן:

— נו, קאַרפּינאָוויטש, וואָס וועט היינט זיין?

ענטפערט ער גאַנץ קאַלטבלוטיק: — מירן ספּילן!

— וואָס הייסט, מיר וועלן שפּילן, אַז ס'איז נישטאָ קיין איין אַפיש? פון וואַנען וועט דער עולם וויסן, אַז היינט איז אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג?

אויף דעם ענטפערט קאַרפּינאָוויטש:

— גאָר! ס'איז דאָך אַ בליץ־טורנע, וועלן מיר בליץ־סנעל אַרויפקלעפּן די אַפּיסן און מיר וועלן ספּילן...

יאָ, משה קאַרפּינאָוויטש האָט מיט זיין קאַלטבלוטיקייט גוט געווירקט אויף אַ מענטשן, און ווען מען האָט זיך שוין שטאַרק אויפגערעגט, האָט מען זיך געמוזט צעלאַכן, קוקנדיק אויף זיין אומבאַוועגלעך, קאַלט פּנים.

מען האָט אים זייער ליב געהאַט און מיט פאַרגעניגן פאַרבראַכט מיט אים.

פון זיינע פיל קינדער זענען פיר געגאַנגען צום טעאַטער. די קינדער זענען געווען זייער פעאיק און מוזיקאַליש. די עלטסטע טאָכטער דאָראַ האָט חתונה געהאַט מיטן ווילנער וויינער אַקטיאָר און זיי האָבן צוזאַמען גע־שפּילט טעאַטער. זיי זענען אומגעקומען. די יינגערע, ריטאַ, האָט אָנגע־הויבן פון זינגען אין כאָר, שפּעטער געשפּילט שוין ראָלן, דערנאָך געענ־דיקט די מאָסקווער יידישע טעאַטער־שול ביים יידישן מלוכהשן טעאַטער. זי געפינט זיך איצט אין אַמעריקע. איין זון, מלך, איז געווען געשעפט־פירער אין וואַרשעווער „סקאַלאַ"־טעאַטער. ער האָט זיך געראַטעוועט. אַ צווייטער — געהילף־רעזשיסאָר אין טעאַטער, זיך אויך געראַטעוועט.

נאָך איין זון האָט זיך אָפּגעראַטעוועט. ער איז צאָן־טעכניקער. אַלע איבע־ריקע קינדער זענען, צוזאַמען מיט זייערע עלטערן, אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס אין ווילנע.

משה קאַרפּינאָוויטש איז געווען אין ווילנער געטאָ און הגם ס'איז נישט געווען קיין מענטש, קיין ווינקל, קיין שטיין, וואָס זאָל אים נישט קענען — האָט ער דאָך נישט געקענט אָפּראַטעווען זיין לעבן.

שמואל לאנדאו

נאָך אין מיינע קינדער־יאָרן האָט זיך ביי מיר אַנטוויקלט אַ ספּעציעלע פּיעטעט צו געוויסע יידי־שע שוישפּילערס, וועלכע איך האָב ממש אידעאַלי־זירט און זיי געהאַלטן פאַר אויבערמענטשן.

צו דער דאָזיקער גרופּע האָט אויך — און אין דער ערשטער ריי — געהערט שמואל לאַנדאַו, וואָס האָט שוין דעמאָלט געהערט, אין מיין באַגריף, צו די בעסטע, שענסטע און אינטעליגענטסטע טעאַטער־געשטאַלטן. איך פלעג זיין גליקלעך, ווען כ׳האָב אין גאַס באַגעגנט לאַנדאַוען, דעם תמיד עלעגאַנטן און ציכטיקן, מיטן שטייפן הוט אויפן קאָפּ. מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן פאַר פרייד און שטאָלץ, אַז כ׳האָב געהאַט דעם כבוד צו טרעפן זיך, אויג אויף אויג, מיט מיין ליבלינג לאַנדאַו.

איך האָב נישט אויפגעהערט צו זוכן אַ געלעגנהייט צו ציִען זיין אויפמערקזאַמקייט אויף מיר. אין אַ געוויסן שבת־נאָכמיטאָג בין איך אַוועק צום מוראַנאָווער טעאַטער, זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן אַריינגאַנג צו די טעאַטער־גאַרדעראָבן און געוואַרט אויף שמואל לאַנדאַו.

ווען ער איז אָנגעקומען, האָב איך פאַר אים טיף אָראָפּגעצויגן מיין שילער־היטל און אים וואַרעם באַגריסט. לאַנדאַו האָט געוואָרפן אויף מיר אַ קאַלטן, שטרענגן בליק, נישט געענטפערט אויף מיין באַגריסונג און — אַריין אין טעאַטער.

איך בין געבליבן שטיין אַ פאַרשעמטער און באַליידיקטער. די דאָזיקע סצענע האָט אויף מיר שרעקלעך געווירקט און הגם איך בין ווייטער

געווען באַגייסטערט פאַר לאַנדאַוס שפּילן, האָב איך שוין אויסגעמיטן אים צו באַגעגענען פּערזענלעך. ס׳האָט זיך אין מיין קינדערישע פאַנטאַזיע אַנטוויקלט עפּעס אַ מורא פאַר דעם דאָזיקן מענטש.

און ווען דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל זיך מיט אים צוזאַמענטרעפן צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, אויף דער בינע, האָט זיך דאָס דאָזיקע געפיל נאָך מער פאַרשטאַרקט אין מיר. לאַנדאַו איז געווען איינער פון מיינע ערשטע רעזשיסאָרן אין יידישן טעאַטער. נאָך דוד הערמאַנס אויפפירונג פון דוד פּינסקיס „פאַמיליע צבי״ אין „עליזעאום״־טעאַטער אין ווארשע, האָט לאַנדאַו רעזשיסירט י. קראַשעווסקיס „ציגיינערין אַזאַ״, אין וועלכער עס האָבן דעמאָלט געשפּילט נתן אייזיקאָוויטש (דער גאַסטראָליער פון לאַנדאָן), טאַובע, שורא גאָלד, מיין ברודער זיגמונט, יצחק קרעלמאַן, העני טאַרלאָ א״אַ.

איך האָב פון לאַנדאַוען געקריגן אַן עפּיזאָד, וועלכן כ׳האָב שנעל אויסגעלערנט און באַאַרבעט. ווען כ׳בין אָבער געקומען צו די פּראָבן און דערזען פאַר זיך לאַנדאַו ביים רעזשי־טיש, האָב איך „פאַרלוירן ס׳לשון״ און נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסבאַקומען. לאַנדאַו, אַנשטאָט מיך, דעם ייִנגסטן שוישפּילער אין דער טרופּע (סיי אין יאָרן, סיי אין בינע־סטאַזש) צו דערמוטיקן, האָט ער מיט אַ בייזן בליק צוגעוואָרפן אין מיין זייט:

— אַ יונגערמאַן זאָל נישט קענען עפענען דאָס מויל...

בעת דער פאַרשטעלונג פון „ציגיינערין אַזאַ״, ווען איך האָב נישט געפילט לאַנדאַוס בליקן, איז אַלץ צוגעגאַנגען כשורה, אָבער ווי נאָר איך בין געקומען אין באַרירונג מיט אים, האָב איך אָנגעהויבן צו שטאַמלען.

נישט געקוקט אויף דעם חותם, וואָס לאַנדאַוס באַציאונג צו מיר האָט אויסגעקריצט אין מיין יונגער נשמה, האָב איך תמיד באַוווּנדערט זיין גרויסן בינע־טאַלאַנט, זיין אויסערגעוויינלעכע טעאַטער־אינטואיציע און די מייסטערהאַפטע גאַלעריע טיפּן, וואָס ער האָט געשאַפן אויף דער יידישער און נישט־יידישער בינע.

לאַנדאַו האָט געהערט צו די אַקטיאָרן־קינסטלער פון עלטערן דור, וואָס האָבן קיינמאָל נישט „אָוועקגעלייגט״ קיין ראָל. תמיד געווען גלענצנדיק אָדער גוט. דער מענטש האָט באַזעסן דעם גרויסן סוד פון אויספורמען

אַ ראָל, ווי אַ גרויסער סקולפּטאָר זיין ווערק... דערביי האָט ער — לויט די אָבסערוואַציעס, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו מאַכן, בעת מיין שפּע־טערדיקער לאַנגיאָריקער צוזאַמענאַרבעט מיט אים אין פאַרשיידענע טע־אַטערס — קיינמאָל זיך נישט „געגריבלט״ אין אַ ראָל, קיינמאָל זיך אין איר נישט פאַרטיפט ביים שטודירן, — און דאָך איז יעדע ראָל אויס־געקומען אין זיין קרעאַציע ווי אויסגעשליפן ביז די קלענסטע פּרטים — דאָס איז געווען דער סוד פון זיין גאָט־געבענטשטן טאַלאַנט. ער איז געווען אַ מייסטער פון בינע־קונסט, אַ פּרעכטיקער, קערנדיקער אַנסאַמבל־אַקטיאָר, וואָס האָט אַרויסגעשיינט און אַרויסגעלויכטן פון אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג ווי אַ ריינער ברילאַנט.

דאָס כאַראַקטעריסטישסטע ביי אים איז געווען דאָס, וואָס ער האָט קיינ־מאָל זיך נישט געריסן צו זיין אַ „סטאַר״; קיינמאָל זיך נישט געריסן נאָך גרויסע ראָלן, הגם ער האָט נישט אײַן „סטאַר״ אָװעקגערוקט אָן אַ זייט מיט זיין שפּילן. לאַנדאַו איז נישט געגען אַרויסגעפאָרן שפּילן אויף דער פּראָווינץ, און, ווי מיר איז באַקאַנט, האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט פאָרן שפּילן קיין אויסלאַנד, נישט געקוקט אויף די בעסטע פאָרשלאָגן וואָס ער האָט געהאַט.

אָנגעהויבן זיין „טעאַטער־קאַריערע״ האָט לאַנדאַו נאָך אַלס שילער פון מיטל־שול אין וולאָצלאַוועק, ווו ער איז געבוירן געוואָרן. דאָס יאָר, אין וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן, איז, מיין איך, פאַר אַלעמען געווען אַ סוד. ער האָט פיינט געהאַט וועגן דעם צו רעדן. דאָס איז געווען איינער פון זיינע שוואַכסטע פּונקטן. ער האָט זיך ביז די לעצטע מינוטן זיינע גע־האַלטן מונטער, פול מיט לעבן און יוגנטלעכן טעמפּעראַמענט...

אַ מענטש פון מיטל־וווּקס, רעפּרעזענטאַטיוו, עלעגאַנט, מיט אַ שיי־נעם פעך־שוואַרצן קאָפּ האָר, האָט ער שטענדיק אויסגעזען פריש און יונג. אין פּריוואַט־לעבן האָט ער זיך נישט צופיל געחברט מיט זיינע קאָלעגן אַקטיאָרן, שטענדיק געווען מיסטרויעריש און אומצופרידן. פון דער נאַטור האָט ער געהאַט אַ בייזן, מעפיסטאָפעלשן אויסדרוק אויפן פּנים. מען האָט אים גערופן „מרוק״, „קרומער האָקן״. אין די טעאַטערס, ווו ער האָט געאַרבעט, האָט ער געהאַלטן אין איין אַריינטענהן, אַז מען באַגנבעט די אַקטיאָרן. זיין ווערטל „מען גנבערט״ (גערעדט האָט ער מיט

אַ שאַרפֿן „ר״, הגם געהאַט אַ פּרעכטיקע דיקציע) איז געווען באַקאַנט אין אונדזער טעאַטער־וועלט.

ביי דעם אַלעם איז ער געווען אַ גרויסער וויצלער און אַ וווּנדערבאַרער, רייצנדיקער דערציילער. בעתן דערציילן עפּעס, האָט ער קיינמאָל קיין שמייכל נישט געטון און ס׳איז שווער געווען צו דערגיין, צי ער מיינט עס ערנסט, צי עס איז נאָר אַ וויץ. ער האָט ליב געהאַט „אַנצוציִען״ (קיבעצן) אַקטיאָרן. לאַנגע יאָרן איז אים אויסגעקומען צוזאַמענצואַרבעטן מיט אייזיק סאַמבערגן און זיי האָבן זיך כסדר „אָנגעצויגן״ ווער עס איז פון זיי עלטער. לאַנדאַו האָט תמיד געוויזן זיין פּעך־שוואַרצן קאָפּ האָר, ווו עס איז נישט געווען קיין צייכן פון גראָע האָר. לאַנדאַו איז געווען אַ סך עלטער פון סאַמבערגן, אָבער ער האָט אויסגעזען פיל ייִנגער פון אים.

לאַנדאַו האָט געפירט אַ שטרענג, אָפּגעזונדערט לעבן. אַלע זיינע יאָרן האָט ער געוווינט אין האָטעלן און ס׳איז נישט געווען דער כוח וואָס זאָל אים איבערצייגן זיך איינצואָרדענען אין אַ פּריוואַטער דירה. מען האָט געשמועסט, אַז ער וויל נישט, מען זאָל וויסן ווי אַזוי ער לעבט...

לאַנדאַו האָט חתונה געהאַט מיט אַ כאָריסטין פון פּוילישן טעאַטער. שפּעטער איז זי אויך אויפגעטראָטן אין עפּיזאָדן־ראָלן אויף דער ייִדישער בינע. זי האָט נישט געגלאַנצט מיט טאַלאַנט און דערביי קוים געקענט רעדן ייִדיש. זי איז אָבער געווען אַן איבערגעגעבענע פרוי און געטרייע מוטער צו זייער אַדאָפּטירטן זון. בעתן ערשטן וועלט־קריג האָבן זיי אים געבראַכט פון רוסלאַנד קיין וואַרשע און אים דערצויגן מיט אַ סך ליבשאַפט; געלאָזט אים שטודירן (ער האָט געענדיקט אַ העכערע זשורנאַליסטן־שול) און אַלץ געטון ער זאָל אויסוואַקסן אַ נוצלעכער מענטש. ער איז דער איינציקער, וואָס איז געבליבן ביים לעבן פון דער משפּחה.

לאַנדאַוס עלטערער ברודער (זייער ריכטיקער נאָמען איז געווען קלעקאָט) איז געווען אַ באַרימטער אָפּערע־זינגער אין דער ניו־יאָרקער מעטראָפּאָליטאַן־אָפּערע. ער איז אויפגעטראָטן אונטערן נאָמען ראָמאַן קלעקאָ. זיין קינסטלערישע קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן אין פּוילישן אָפּערעטן־טעאַטער, דערנאָך אויפגעטראָטן אין ייִדישן טעאַטער אין וואַרשע (יאָר 1888) צוזאַמען מיט יעקב אַדלער. ער האָט אויך געשפּילט אין

אַנדערע יידישע טרופּעס אין פּוילן, דערנאָך אַריבער אין דער וואַרשע־ווער אָפּערע, ווו ער האָט שוין פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט. שפּעטער ווערט ער אַנגאַזשירט קיין איטאַליע, ווו ער טרעט אויף אין דער מילאַנער אָפּערע און פון דאָרט קיין ניו־יאָרק, אין מעטראָפּאָליטאַן־אָפּערע. ער איז געשטאָרבן ביים אָנהויב פון ערשטן וועלט־קריג, אין ניו־יאָרק.

אויך שמואל לאַנדאַו האָט זיין פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער־קאַריערע אָנגעהויבן אין פּוילישן אָפּערעטן־טעאַטער אין לאָדזש (ער האָט באַזעסן אַ שיינע באַריטאָן־שטים), דערנאָך איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן אין לאָדזשער דייטשישן טעאַטער.

אין יאָר 1905 קומט ער קיין וואַרשע און טרעט אויף אין פּוילישן „פאָלקס־טעאַטער״ און שפּעטער — אין דער וואַרשעווער אָפּערע, ווו ער האָט געזונגען הויפּט־ראָלן. אויף דער פּוילישער בינע איז ער אויפגעטראָטן אונטערן נאָמען: סטאַניסלאַוו סטאַלסקי.

אין יידיש האָט לאַנדאַו אָנגעהויבן צו שפּילן אין וואַרשע, אין טעאַטער אויף דער קרולעווסקע גאַס, דערנאָך — אין מוראַנאָווער טעאַטער. ער האָט אויך געשפּילט אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער ביי יצחק זאַנדבערג; אַ צייט לאַנג מיט אסתר רחל קאַמינסקי, ביי ראַפּעל און עפּעלבערג אין „עליזעאום״־טעאַטער. אומעטום האָט ער פאַרנומען אַן ערשטע פּאָזיציע, סיי אַלס שוישפּילער, סיי אַלס רעזשיסאָר.

בעתן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה שפּילט לאַנדאַו (שוין אַלס סטאַלסקי) אין פּוילישן מיניאַטור־טעאַטער אין „נאָוואָשטשי״, אויף ביעלאַנסקע גאַס. אין יאָר 1917 פאָרט ער מיט אַ יידישער טרופּע קיין ליטע, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע. פון דאָרט קערט ער זיך צוריק אום קיין וואַרשע.

בעת דער גרינדונג פונעם דראַמאַטישן אַנסאַמבל אין וואַרשעווער „צענטראַל״־טעאַטער ווערט לאַנדאַו איינער פון די הויפּט־זיילן פונעם דאָזיקן טעאַטער, ווי אויך רעזשיסאָר. ער פירט אויף, צווישן אַנדערע, „ד״ר שטיגליץ״ (איינע פון זיינע בעסטע ראָלן) און צוזאַמען מיט זיגמונט טורקאָוון פירט ער אויף שלום אַשס פּיעסע „מאָטקע גנב״, אין וועלכער ער שאַפט אַן אומפאַרגעסלעכע געשטאַלט פונעם „קאַטאַרינאַזש״.

אין „וויקט״ שפּילט לאַנדאַו דעם „סולטאַן״ אין זשולאַווסקיס „שבתי צבי״, אין מענדעלעס „פּריזיוו״ — דעם „ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט״, אין מאָליערס „קאַרגן״, אין גאָגאָלס „רעוויזאָר״ (אָסיפּ), אין עטינגערס „סערקעלע״ (ר׳ יוחנן דער שדכן), — אַלע פּיעסן רעזשיסירט פון זיגמונט טורקאָוו. לאַנדאַו האָט אין די אַלע ראָלן געשאַפן אומפאַרגעסלעכע, מייסטערהאַפטע קרעאַציעס. ער מאַכט דורך מיטן „וויקט״ דעם גאַנצן טורנע איבער פּוילן. דערנאָך — מיט אַנדערע יידישע טרופּעס.

„אָסיפּ״ אין גאָגאָלס „רעוויזאָר״
(געצייכנט דורך פּ. פרידמאַן)

אין יאָר 1929, ווען איך האָב אָנגעפירט מיטן וואַרשעווער ערשטן יידישן געזעלשאַפטלעכן טעאַטער („ווניט״ — וואַרש׳ נייער יידישער טעאַטער), האָב איך אַנגאַזשירט אויך לאַנדאַוען אין דער טרופּע. די ערשטע פּיעסע — ד״ר ב. ציפּורס „אויפשטאַנד״, שטעלט דוד הערמאַן. לאַנדאַו צייכנט זיך ווידער אויס אין דער ראָל פון „גזשעלאַ״. דערנאָך אין מיין אויפפירונג פון בען דזשאָנסאָנס „וואָלפּאָנע״ (אין בער האָראָוויצעס איבערזעצונג מיט לידער־טעקסטן פון אלתר קאַציזנע און מוזיק פון יוסף קאַמינסקי) שפּילט לאַנדאַו מיט גרויס דערפאָלג די הויפּטראָל.

אין מאָליערס „קאַרגן״
(געצייכנט דורך פּ. פרידמאַן)

אין יאָר 1933 אַנגאַזשיר איך לאַנדאַוען קיין ווילנע אין „פאָלקס־טעאַטער״, ווו ער שפּילט דעם סעזאָן. און דאָ וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף אַן עפּיזאָד, וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון. איך פיר דאָרט אויף, צווישן אַנדערע, די „סיבה״ פון לעאָנאַרד פראַנק. לאַנדאַו האָט געשפּילט דעם אַלטן פאָלקס־

לערער און איך —דעם דיכטער, וואָס טראָגט אין זיך דעם מינדער־ווערטיקייט־קאָמפּלעקס.

בעת די פּראָבן פון דער „סיבה" האָב איך באַמערקט, אַז ווען עס קומט צו דער סצענע ווען איך דאַרף אים דערשטיקן, רוקט זיך לאַנדאַו כסדר אָפּ פון מיר. איך האָב אויף דעם קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט נישט געלייגט, מיינענדיק, אַז בעת די פּראָבן „מאַרקירט" ער. עס איז געקומען די פּרעמיערע. בעת דער סצענע, ווען איך דאַרף אים דערשטיקן, באַמערק איך, אַז לאַנדאַו האָט זיך אַרומגעבונדן דעם האַלדז אַזוי ווייט, אַז כ'האָב פּשוט נישט געהאַט ביי וואָס אָנצונעמען. נישטאָ קיין האַלדז!...

נאָכן פאַרענדיקן דעם אַקט, פרעג איך לאַנדאַוען:

— ווער פון עולם וועט עס גלויבן, אַז איך האָב אייך דערשטיקט. איך האָב דאָך אייך נישט געקענט אַרומנעמען פאַרן האַלדז.

אויף דעם האָט מיר לאַנדאַו געענטפערט:

— גאָט זיי דאַנק, וואָס איר האָט מיך נישט געקענט אַרומנעמען פאַרן האַלדז. איך בין זיכער, אַז איר וואָלט מיך דערשטיקט צום טויט...



ש. לאַנדאַו אַלס גענעראַל־גובערנאַטאָר אין אַנדרעיעווס „7 געהאָנגענע"

דאָס איז געווען דער לעצטער סעזאָן ווען מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן צוזאַמען מיט שמואל לאַנדאַו.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די לעצטע וועלט־מלחמה, איז לאַנדאַו, צוזאַמען מיט זיין פרוי און זון, און פיל אַנדערע אַקטיאָרן, אַנטלאָפן פון די

דייטשן קיין רוסלאַנד. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ביאַליסטאָק, ווו עס איז געגרינדעט געוואָרן דאָס ווייסרוסישע יידישע מלוכה־טעאַטער. לאַנדאַו איז אַנגאַזשירט געוואָרן אינעם דאָזיקן טעאַטער ווי אַן ערשטער אַקטיאָר. ער האָט אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן אין ביאַליסטאָק דורכגעמאַכט אַ געוואַלדיקע מעטאַמאָרפאָזע. דער „מרוק" און „קרומער האָקן", ווי מען האָט אים גערופן, איז געוואָרן דער סימפּאַטישסטער קאָלעגע. אַלס אַקטיאָר האָט ער אין איין ראָל נאָך דער אַנדערער געשאַפן פּרעכטיקע געשטאַלטן. ער איז געווען זייער באַליבט. מען האָט אים אָפּגעגעבן כבוד פון אַלע זייטן. ער איז פּרעמירט געוואָרן ווי דער בעסטער אַקטיאָר פונעם יאָר (דאָס איז געשען אַ חודש פאַר זיין טויט). ער האָט אויסגעזען, ווי דער שטייגער ביי אים, זייער יונג און מונטער. שטענדיק געווען עלעגאַנט און ציכטיק אָנגעטון. כסדר יונג און מונטער. מען האָט אים גערופן: „יונגערמאַנטשיק".

נישט קיין קליינע סענסאַציע האָט אַרויסגערופן די ידיעה, אַז די אָנפירערשאַפט פונעם ביאַליסטאָקער טעאַטער האָט באַשלאָסן צו שטעלן שעקספּירס „שטורם" (אין מיטיאַ וויסקינדס רעזשי) און לאַנדאַו דאַרף דובלירן די ראָל פון „פּראָספּעראָ" מיט אַברהם מאָרעווסקין, וועלכער האָט שוין די ראָל געשפּילט פריִער אין וואַרשע. לאַנדאַו איז געווען אַ רעאַליסטישער שוישפּילער; אַ פּערז איז פאַר אים געווען ווי אַ שווערע משא, ווי ער וואָלט געדאַרפט טראָגן אַ גאַנצע געבײַדע אויף זיינע פּלייצעס. ער האָט זיך כסדר באַקלאָגט אויף דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אויף די שוועריקייטן, וואָס ער האָט ביים לערנען די ראָל. די אַרבעט אַרום דער ראָל האָט אים שטאַרק אויסגעמאַטערט. ער איז אָבער געווען אַ מענטש מיט אַמביציע און באַשלאָסן גובר צו זיין אַלע שוועריקייטן.

די פּרעמיערע איז באַשטימט געוואָרן אויפן 7טן דעצעמבער 1940 און לאַנדאַוען איז צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד צו שפּילן אין דער ערשטער פאָרשטעלונג. כמעט אַלע ראָלן זענען דובלירט געוואָרן. מען האָט צוגעגרייט אַ גרויסע אויפפירונג, אויסשטאַטונג און ספּעציעל גענייט קאָסטיומען פאַר די שוישפּילער. אַזוי ווי מאָרעווסקי איז געווען אַ סך העכער און דיקער פון לאַנדאַוען, האָט מען פאַר לאַנדאַוען גענייט אַ ספּעציעלן קאָסטיום.

לאַנדאַו האָט בעת דער פּרעמיערע געוואָלט איבערשטייגן זיך אַליין. זיין שטים האָט געקלונגען ווי אַ גלאָק. ער האָט זיך באַוועגט אויף דער בינע מיט דער לייכטקייט פון אַ יונגן מענטש. אין מיטן שפּילן פון ערשטן אַקט האָבן די אַקטיאָרן באַמערקט אויף זיין פּנים גרויסע טראָפּנס שווייס, ווי שטיקלעך האָגל. אָבער לאַנדאַו האָט ווייטער געשפּילט שטאַרק און מיט אַ געוואַלדיקן טעמפּעראַמענט. די שוישפּילערין צפּורה פיינזילבער, וועל־כע האָט געשפּילט „מיראַנדאַ", האָט באַמערקט די דערשיינונג און אָפּגעע־רופן זיך שטיל צו משה ליפּמאַן, וואָס האָט געשפּילט „קאַליבאַן":

— זעט נאָר די טראָפּנס שווייס אויף לאַנדאַוס פּנים:

ס'האָט זיך געענדיקט דער ערשטער אַקט און די באַגייסטערונג ביים עולם איז געווען ביז צום העכסטן גראַד. לאַנדאַו איז געווען גליקלעך און אַראָפּגייענדיק פון דער בינע, האָט ער נאָך באַוויזן צו פרעגן די שוישפּילער:

— נו, וואָס זאָגט איר? ווי איז דאָס געווען?

ווען ער איז אַריין אין גאַרדעראָב, איז אים נישט גוט געוואָרן. דער צווייטער אַקט איז געגאַנגען ווייטער (אין דעם שפּילט נישט „פּראָספּעראָ"), אָבער אין דער צייט איז לאַנדאַו געשטאָרבן. דער דריטער אַקט איז שוין נית געגאַנגען. די פאָרשטעלונג איז צוליבן אומגליק־פאַל אָפּגערופן געוואָרן.

ווייזט אויס, אַז לאַנדאַו האָט שוין פון לאַנג געהאַט „אַנגינאַ פּעקטאָ־ריס", וואָס ער האָט פאַר אַלע אויסבאַהאַלטן, פּונקט ווי ער האָט אויס־באַהאַלטן זיינע יאָרן. דעם האַרץ־אַטאַק האָט ער באַקומען אין מיטן שפּילן, ווען זיינע חברים האָבן באַמערקט די טראָפּנס שווייס אויף זיין פּנים און די ענדערונג אין זיין שטים.

צוויי טעג איז זיין קערפּער געווען אויסגעשטעלט אין שעקספּירס גרים און קאָסטיום אין פאָיע פון טעאַטער. ער האָט געהאַט די פייער־לעכסטע לוויה, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן: מיט אָרקעסטערס, מיט קרענץ פון צענדליקער אינסטיטוציעס, מיט דעלעגאַציעס פון אַ סך שטעט. ביים קבר זענען געהאַלטן געוואָרן אַ סך רעדעס.

אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין טעאַטער־קאַפּיטל אַ גרויסער ייִדישער אַקטיאָר. לאַנדאַו האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אַזוי, ווי עס קען נאָר חלומען אַן אַקטיאָר. ער איז געשטאָרבן אויף דער בינע. זיין פרוי האָט שוין פאַר־ענדיקט איר לעבן אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע.

חנה בראז

נאָך זייענדיק אַ שילערין אין שול, האָט חנה בראז געשטעלט אירע ערשטע טריט אין פאַרשיידענע ליבהאָבער־קרייזן, אין איר געבוירן־שטאָט ווילנע, ווו זי האָט זיך שוין אויסגעצייכנט מיט אירע בינע־פעאיקייטן.

שפּעטער איז זי אַנגאַזשירט געוואָרן אין טעאַטער און אַלס פּראָפעסיאָנאַליסטין געבראַכט געוואָרן קיין וואַרשע צו דער „ווילנער טרופּע".

פונעם יאָר 1920 אָן האָט זי געשפּילט ביי די „ווילנער" און מיט זיי דורכגעמאַכט דעם טורנע אין אויסלאַנד. זי האָט זיך אין אַ ריי ראָלן שטאַרק אויסגעצייכנט, און מען האָט איר פּאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט. זי האָט זיך נישט איבערגענומען מיט די דערפאָלגן, שטאַרק געאַרבעט איבער זיך, פּאַרטיפט זיך און קיינמאָל נישט געגאַנגען אויפן וועג פון לייכטן ווידערשטאַנד. טעאַטער איז פאַר איר געווען הייליק און טייער. מיט דער גאַנצער ערנסטקייט און יוגנטלעכן טעמפּעראַמענט האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין דער טעאַטער־אַרבעט און געזוכט אַלץ נייע דרכים. וואָס מער זי האָט געזוכט, אַלץ ווייניקער באַפרידיקונג האָט זי געפונען. זי האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, ווו יידיש טעאַטער האָט דאַן געבליט.

אייניקע יאָר האָט זי געאַרבעט אין די יידישע מלוכהשע טעאַטערס אין כאַרקאָוו, קיעוו און אָדעס. זי האָט דאָרט פאַרנומען אַן ערשטע פּאָזי־

ציע און אויסגעצייכנט זיך אין אַלע אויפפירונגען. ס׳זענען אָנגעקומען וועגן איר זייער גוטע גרוסן, אַז זי איז שטאַרק אויסגעוואַקסן און אַז זי איז געוואָרן אַן ערשט־ראַנגיקע דראַמאַטישע שוישפּילערין. אָבער חנה בראַז אומרואיקער, שטענדיק זוכנדיקער גייסט האָט אויך דאָרט נישט געפונען די באַפרידיקונג, וועלכע זי האָט געזוכט און צו וועלכער זי האָט געשטרעבט.

זי קומט ווידער צוריק קיין פּוילן, ווו זי פאַרבלייבט שוין ביזן סוף פון איר לעבן. זי שפּילט אין אַ ריי דראַמאַטישע טרופּעס, פאָרט אַרום איבער דער פּראָווינץ און טרעט אויך אויף מיט „וואָרט־קאָנצערטן״.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט זיך חנה בראַז געפונען אין וואַרשע. נאָכן פאַרנעמען די שטאָט דורך די דייטשן, האָט זי אָנגעהויבן צו אַרבעטן געזעלשאַפטלעך אין דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף. ווי נאָר עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרטיסטישע פאַראַנשטאַלטונגען, ווערט זי די נשמה פונעם „קינדער־טעאַטער״, וואָס מען האָט אָרגאַניזירט אין וואַרשעווער געטאָ פאַר די קינדער. זי טרעט דאָרט אויף צוזאַמען מיט אייזיק סאַמבערג, אַברהם קורץ, מיכאל זניטש און מיטן מוזיקער־קאָמפּאָזיטאָר איוואָ וועסבי.

מיט לייב און נשמה וואַרפט זיך חנה בראַז אַריין אין דער דאָזיקער נוצלעכער אַרבעט און ברענגט דערמיט אַ סך פרייד און טרייסט די אומגליקלעכסטע פון די אומגליקלעכע אין געטאָ — די יידישע קינדער. זי ווערט שנעל באַליבט ביי די קינדער. ווי נאָר די „מומע״ בראַז — אַזוי האָבן זי די קינדער גערופן — באַווייזט זיך פאַר די קינדער, ווערט זי באַלד אַרומגערינגלט פון זייערס אַ מחנה, וועלכע זי דערציילט מעשהלעך פון אַ בעסערער וועלט, און שטאַרקט אַזוי אַרום די געמיטער פון די קינדער. זי ברענגט זיי דערמוטיקונג און האָפענונג.

אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט זי — ווי זי האָט געזאָגט — ענדלעך געפונען אַ באַפרידיקונג אין איר אומרואיק, עלנדיק לעבן.

חנה בראַז באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט די אָפיציעלע פאָרשטעלונגען, וואָס ווערן איינגעאָרדנט אין געטאָ פאַר די קינדער. זי קומט דירעקט צו זיי אַהיים, אָנבינדנדיק אַזוי אַרום מיט זיי אַן אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט. אין יעדן הויז אין וואַרשעווער געטאָ האָט מען פאַרלייגט אַ „קינדער־

ווינקל" — אַ צענטער, ווו די קליינטשיקע האָבן באַקומען נישט נאָר בע־סערע דערנערונג, נאָר אויך גייסטיקע שפּייז. אין די אָוונט־שעהן האָט מען זיי געגעבן פאַרשיידענע פאַרוויילונגען, געפירט מיט זיי שמועסן, גע־זונגען און געשפּילט פאַר זיי. מען האָט זיך באַמיט צו שאַפן אַרום זיי אַ וואָס־וואַרעמערע סביבה און אַזוי אַרום אָפּצורייסן די יונגינקע נשמהלעך פון דעם שווערן טאָג־טעגלעכן לעבן, מיט וועלכע זיי זענען געווען אַרומ־גערינגלט.

אַ גרויסן טייל פון דער שיינער, פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט האָט אויף זיך גענומען חנה בראז, וועלכע איז געבליבן איינזאַם און עלנט אין וואַרשע, אָפּגעריסן פון איר משפּחה, פון אירע נאָענטסטע.

חנה בראז פלעגט אין געטאָ אויפטרעטן אויך פאַר דערוואַקסענע און אויפפרישן זייערע געמיטער מיט איר פיינעם, צוגעקליבענעם רעפּערטו־אַר פון רעציטאַציעס, האָבנדיק אויך גרויס דערפאָלג ביי די דערוואַקסענע.

אָבער נישט געקוקט אויף איר גרויסן דערפאָלג און נוצלעכע אַרבעט, וואָס זי האָט געטון, האָט זי אין געטאָ געפירט זייער אַ שווער לעבן. די געציילטע פריינט, וואָס זי האָט געהאַט אין געטאָ, האָבן זיך מיט איר זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט און איר מאַטעריעל געהאָלפן, אָבער ווען עס איז געקומען די צייט ווען יעדער איינער האָט געמוזט טראַכטן קודם כל וועגן זיין אייגענעם קאָפּ, האָט מען וועגן חנה בראז פאַרגעסן...

ערשט ווען די ערשטע כוואַליע פון דער ייִדן־אויסזידלונג איז פאַריי־בער, האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז צווישן די ערשטע „אויסגעזידלטע" ייִדן האָט זיך געפונען אויך חנה בראז... זי איז געווען צו שוואַך, צו רעזיג־נירט, כדי זיך צו „דעקן". זי האָט נישט געהאַט קיין שטאַרקע עלנבויגנס, כדי זיך דורכצושלאָגן דורך דער שווערער צייט, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף אונדזער אַזוי ביטער־אויסגעפּרוווט פאָלק.

צוזאַמען מיט אירע קליינע צושויערס, צוזאַמען מיט אירע גרויסע פאַרערערס און פריינט, צוזאַמען מיט דער גרויסער מאַסע פון אירע פאָד־קאָלעגן, האָט חנה בראז — די פיינע און איינזאַמע ייִדישע שוישפּילערין — געטיילט דעם גורל, וואָס איז געווען באַשטימט פאַרן מזרח־אייראָפּע־אישן ייִדנטום.

זי איז געווען פון די ערשטע אין די גאַז־קאַמערן אין טרעבלינקע...

משפחה נאַטאַן

שמחה און נעמי נאַטאַן

אַ נאָמען, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן בעסערן יידישן טעאַטער. די משפחה נאַטאַן איז געווען גוט באַקאַנט נישט נאָר אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער, נאָר אויך אין דרום־אַפריקע, ווו זיי האָבן פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט און געהאַט, ווי אומעטום, גרויס דערפאָלג.

שמחה נאַטאַן האָט זיין קאַריערע אָנגעהויבן ביים טעאַטער נישט אַלס אַקטיאָר, נאָר אַלס סופליאָר.

אַ סופליאָר צו זיין אין אַמאָליקן יידישן טעאַטער איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן, ווייל מען האָט געמוזט קענען די „דראָבנע אותיות־לעך״... דער, וואָס האָט סופלירט אין יידישן טעאַטער, איז אָנגעגאַנגען פאַרן „געבילדעטן״, פאַרן „אינטעליגענט״, און דאָך איז דער אמת פונעם סופליאָר אין יידישן טעאַטער, אויף וועמען עס איז געלעגן די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פּיעסע און פאַרן אַקטיאָר, נישט געווען פון די דאַנקבאַרע און אָנערקענטע. אָפּטמאָל איז דעם סופליאָר אויסגעקומען אויסצוטראָגן די גאַנצע פאָרשטעלונג אויף זיינע פּלייצעס, ווייל נישט אַלע אַקטיאָרן האָבן געלערנט זייערע ראָלן און זיי האָבן נישט געוווסט וואָס צו טון אויף דער בינע. איז זיך געזעסן אין דעם סופליאָר־

קאָסטן אַ מענטש, וועלכער האָט מיטן מויל אונטערגעזאָגט דעם אַקטיאָר זיין פּראָזע און מיט די פינגער דיריגירט און אָנגעוויזן אים ווו צו שטיין.

און דאָך זענען אַלע מיסדערפאָלגן, ווי, למשל, אַ דורכפאַל פון אַן אַקטיאָר, דער צו שפּעט — אָדער צו פרי — געגעבענער פאָרהאַנג, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט די אַפּלאָדיסמענטן אאַ״וו, געפאַלן אויפן סופליאָרס קאָפּ. אין אַלעם איז ער געווען דער שולדיקער. דערצו האָט מען נאָך געקוקט אויפן סופליאָר פון אויבן אַראָפּ, ווי ער וואָלט געווען אַ מינדערווערטי־קער מענטש, ווי עפּעס אַ פּאַריער...

אָפּטמאָל איז דער סופליאָר אין אַלע היניזיכטן געשטאַנען העכער פונעם אַקטיאָר, און דער אַקטיאָר איז פון אים געווען אָפּהענגיק און אים געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם דערפאָלג, אויב ער איז אַרויס גאַנץ פון אַ פאָרשטעלונג, ווייל נישט קענענדיק זייערע ראָלן האָבן אַקטיאָרן זיך געמוזט פאַרלאָזן אויפן סופליאָר...

אויך מאַטעריעל איז דער סופליאָר געווען אַ באַעוולהטער, אַ שלעכט באַצאָלטער, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געהאַט פיל מער אַרבעט ווי יעדער איינער אַקטיאָר, ווייל ער, דער סופליאָר, האָט געהאַט „אָפּצורעדן" אַלע ראָלן פון דער פאָרשטעלונג; געמוזט דערביי אַ גאַנצן טאָג פּראָבירן אין טעאַטער און לסוף — אַהיימקומענדיק — שרייבן ראָלן פון אַ צווייטער אויפפירונג און אויך צוגרייטן דעם עקזעמפּליאַר פאַר דער צענזור, וואָס האָט געהייסן: איבערזעצן די פּיעסע אין אַ פרעמדער שפּראַך.

די דאָזיקע אומגערעכטיקייט האָט זיך מיט דער צייט געביטן. לעצטנס לערנען שוין די אַקטיאָרן זייערע ראָלן, און דער סופליאָר — אויב ער איז נאָך איבערהויפּט פאַראַן — דינט איצט נאָר ווי אַ קאָנטראָלער, ווי אַן אַרויסהעלפער.

שמחה נאַטאַן איז געגאַנגען צום טעאַטער אַלס סופליאָר נישט דער־פאַר, ווייל דאָס האָט אים אַנטשפּראָכן, נאָר ווייל ער האָט געוווסט, אַז אויף דעם אופן וועט אים לייכטער זיין אַריינצובאַקומען זיך אין טעאַטער און ער וועט קענען מיט דער צייט זיך ווידמען דעם שוישפּילער־באַרוף, וועלכן ער האָט אַזוי ליב געהאַט און — פאַרערט.

אָט דערציילט מען וועגן נאַטאַנען אַ כאַראַקטעריסטישן פאַל פון דער צייט פון זיין סופליאָר־קאַריערע. בעת אסתר רחל קאַמינסקי האָט גע־

שפּילט אין לאָדזש „מירעלע אפרת", האָט זיך נאַטאַן, וואָס האָט דעמאָלט סופלירט, אין אַ געוויסער שטעלע אַזוי איבערגענומען מיט דער קאַמינ־סקיס שפּילן, אַז ער האָט זיך צעוויינט אין סופליאַר־קאַסטן און פאַר־געסן ווו ער האַלט... אסתר רחל האָט אויף איר גוטמוטיקן שטייגער שפּע־טער אויפמערקזאַם געמאַכט נאַטאַנען, אַז אַזאַ זאַך טאָר נישט פּאַסירן.

— זעסט, מיין קינד — האָט זי געזאָגט — אַ סופליאַר טאָר נישט שפּילן, טאָר זיך נישט איבערנעמען, נאָר מעכאַניש „דערלאַנגען" דעם טעקסט.

אויף דעם האָט נאַטאַן געענטפערט:

— דערפאַר וויל איך טאַקע נישט זיין קיין סופליאַר, נאָר כ'וויל שפּילן טעאַטער...

זייענדיק אַ בוכהאַלטער אין זיין געבוירן־שטאָט לאָדזש, ווו ער האָט געענדיקט די האַנדלס־שול, האָט שמחה נאַטאַן נישט גערוט, ביז ער האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן צום טעאַטער, פון אָנהויב אַלס סופליאַר. נישט לאַנג געדויערט — און ער האָט אָנגעהויבן שפּילן אין פאַרשיידענע אַמאַ־טאָרן־טרופּעס, ווי אויך אין פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערס (אויך אין פּויליש) קליינע ראָלן. שפּעטער איז ער אַוועק מיט אַ טרופּע אויף אַ טורנע איבער דער פּראָווינץ, דערנאָך קיין רוסלאַנד, ווו ער איז בהדרגההדיק געוואַקסן און געגאַנגען פון שטאַפּל צו שטאַפּל.

ער האָט זיך אין אַ טרופּע באַקענט מיט אַ כאָריסטין נעמי לעווענטאַל, חתונה געהאַט מיט איר און צוזאַמען, כמעט דאָס גאַנצע לעבן, געהאַלטן אין איין וואַנדערן.

זייערע צוויי קינדער, אידאַ און מישאַ נאַטאַן, זענען אויך געגאַנגען צום טעאַטער און נישט פאַרשאַפט קיין אומכבוד זייערע עלטערן.

שמחה נאַטאַן האָט, צוזאַמען מיט זיין פרוי נעמי, לאַנגע יאָרן גע־שפּילט אין דער „ווילנער טרופּע", אונטער מאַזאָס דירעקציע, ווו זיי האָבן פאַרנומען אַ גאָר בכבודיקן אָרט, איבערהויפּט — שמחה נאַטאַן. ער איז געווען אַ גרויסער כאַראַקטער־שוישפּילער און האָט געהאַט אין זיין רעפּערטואַר אַ ריי וווּנדערבאַרע קרעאַציעס.

ער האָט זיינע ראָלן גוט באַאַרבעט און אַלעמאָל אַרויסגעבראַכט פון זיי דאָס ריין־מענטשלעכע, אַפילו — פון די נעגאַטיווע געשטאַלטן.

נאַטאַן האָט זיך אַזוי באַהאָפטן מיט דער בינע, אַז עס איז אים פּשוט שווער געווען אָפּצורייסן זיך פון איר. ער וואָלט, ווי מ׳זאָגט אויף טעאַטער־לשון, אַפילו געגעכטיקט אויף דער בינע... דער מענטש וואָלט יעדע ראָל געוואָלט שפּילן. און טאָמער האָט מען אויך אַן אַנדערן שוישפּילער גע־געבן אַ גוטע ראָל, איז ער ממש קראַנק געוואָרן פון אייפערזוכט. דאָס איז געווען נישט אַזוי פיל דערפאַר, וואָס ער האָט דעם צווייטן נישט פאַר־גונען דעם דערפאָלג, ווי צוליב דעם, ווייל ער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פונעם פאַרגעניגן אָפּצושפּילן נאָך אַ ראָל. ווען עס וואָלט זיך געווענדט אין אים, וואָלט ער אַלע ראָלן אָפּגעשפּילט אין איין פּיעסע...

שמחה נאַטאַן האָט געשפּילט מיט מיר אין ווילנע, אין „פאָלקס־טעאַטער“. דאָס איז געווען אין די יאָרן 1932 און 1933.

שמחה און נעמי נאַטאַן אין זייערע ראָלן
(געצייכנט דורך פעליקס פרידמאַן)

אָפט איז צווישן נאַטאַנען און די איבעריקע חברים פון דער טרופּע, הויפּטזעכלעך מיט לאַנדאַו און זשאַק לעווי, געקומען צו קאָנפליקטן, טאַקע צוליב ראָלן. טאָמער האָט איינער פון די אויבנדערמאָנטע אַקטיאָרן גע־האַט דערפאָלג אין זיין ראָל, האָט זיך שוין נאַטאַנען אויסגעוויזן, אַז ער וואָלט באַדאַרפט שפּילן די ראָל. מען מוז מודה זיין, אַז פון יעדער ראָל, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט, האָט ער טאַקע עפּעס געמאַכט, עפּעס געשאַפן.

און אַ מאָדנע זאַך: נאַטאַן איז געווען נישט קיין געזונטער, תמיד געהאַט צו טון מיט די נירן, מיט דער לעבער. ווי נאָר ער איז אַרויף אויף

דער בינע, האָט ער וועגן אַלע חולאתן פאַרגעסן און גאָרנישט געוואָלט אַראָפּ פון דער בינע.

שמחה נאַטאַן איז געווען איינער פון די בעסטע כאַראַקטער־אַקטיאָרן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע באַציאונג צום טעאַטער. אַ ראָל, וואָס ער האָט באַקומען, האָט ער גרינטלעך באַאַרבעט אין אַלע פּרטים, געקענט זי פון אויסנווייניק, — נישט פאַרטראָגן קיין סופליאָר (דאָס נעמט זיך ביי אים פון די ביטערע דעראיינערונגען, ווען ער אַליין האָט געמוזט זיין אַ סופליאָר) און בכלל זיך באַצויגן צו אַ ראָל מיטן גרעסטן יראת הכבוד.

וווּנדערבאַרע געשטאַלטן האָט נאַטאַן געשאַפן אין „שימעלע סאָראָקער" („200.000") פון שלום עליכם; „קידוש השם" פון שלום אַש; „קריידעקרייז" פון קלאַבונד; אין „גזלן" פון ה. קאַלמאַנאָוויטש, אין „קוואַדראַטור פון ראָד" פון קאַטאַיעוו; אין די „גרויסשטאָטישע מייז" פון געראַרד האַופּטמאַן; אין „חבר אָרלאָוו" פון לאַוורעניעוו, און פיל, פיל אַנדערע פּרעכטיקע געשטאַלטן, וואָס האָבן פאַרגרעסערט זיין קאָלירפולע גאַלעריע טיפּן.

שמחה נאַטאַן איז געווען זייער באַליבט ביים עולם, און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אויף זיין 25־יאָריקן בינע־יובל, וואָס מיר האָבן געפייערט אין ווילנע, אין יאָר 1933. דער ריזיקער זאַל פון „פאָלקס־טעאַטער" איז געווען איבערגעפולט מיט מענטשן, וועלכע האָבן באַגייסטערט אויפגענומען דעם בעל־יובל און אים באַשאָנקען מיט ווערטפולע מתנות. דער יובל־קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלע צייטשריפט, געווידמעט שמחה נאַטאַן.

אַ צייט לאַנג האָט שמחה נאַטאַן געפירט צוזאַמען מיט יוסף קאַמיען אַן אייגענע טרופּע, אין וועלכער עס האָבן מיטגעשפּילט זיין פרוי נעמי נאַטאַן — אַ גלענצנדיקע כאַראַקטער־אַקטריסע; זייער טאָכטער אידאַ נאַטאַן — זייער אַ באַגאַבטע דראַמאַטישע שוישפּילערין, וואָס האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט דעם אַקטיאָר יעקב גינזבערג, און זייער זון מישאַ נאַטאַן.

אין לעצטן יאָר פאַרן קריג האָט די משפּחה נאַטאַן געשפּילט אין זיגמונט טורקאָווס „וויקטע", ווו שמחה נאַטאַן האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין „פּאַפּוס" (א. גאָלדפאַדענס „בר־כוכבא").

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין וואַרשע, האָט זיך די משפחה נאַטאַן אַוועקגעלאָזט קיין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט האָבן זיי געשפּילט אין לעמבער־גער ייִדישן מלוכה־טעאַטער. נאַטאַן האָט דאָרט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט ווי אַ שוישפּילער און לסוף — געוואָרן דער אָנפירער פונעם טע־אַטער.

ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו לעמבערג, איז נאַטאַן מיט דער טרופּע געווען אין ראָוונע (וואָליִן). מיט אים זענען געווען זיין איידעם יעקבֿ גינזבערג און דער זון מישאַ נאַטאַן. נאַטאַנס פרוי נעמי מיט דער טאָכטער אידאַ האָבן שוין נישט באַוויזן צו אַנטלויפן פון לעמבערג און זיי זענען דאָרט פאַרבליבן מיט אידאַס און גינזבערגס ניי־געבוירן קינד. פאַר אַ סך געלט איז זיי געלונגען אַריבערצוטראָגן זיך קיין וואַרשע, וווּ, ווי זיי האָבן זיך דערוווּסט, מען האָט געשפּילט ייִדיש טעאַטער.

נעמי און אידאַ נאַטאַן זענען אַנגאַזשירט געוואָרן אין וואַרשעווער טעאַטער „עלדאָראַדאָ" (געוועזענער „סקאַלאַ־טעאַטער" אויף דזשעלנע גאַס), וווּ זיי זענען אויפגעטראָטן מיט גרויס דערפאָלג.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „אַקציעס" אין וואַרשעווער געטאָ, זענען זיי אַריינגעטראָטן אין „שאָפּ" פון אַקטיאָר חיים סאַנדלער, וווּ זיי האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט אַנדערע אַקטיאָרן. באַלד ביי דער ערשטער „אַקציע" האָבן די דייטשן פאַרשלעפּט אידאַ נאַטאַן אין די גאַז־קאַמערן קיין טרעבלינקע. מיט אַ צייט שפּעטער איז אַהין אַוועק נעמי נאַטאַן מיט איר אייניקל.

שמחה נאַטאַן איז פון ראָוונע געפאָרן קיין טיף־רוסלאַנד, וווּ ער האָט געשפּילט אין פאַרשיידענע טרופּעס, אין דער רוסישער שפּראַך, מיטן אַנסאַמבל פונעם קיִעווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער. זיי האָבן געשפּילט אין דער שטאָט דזשאַמבול (מיטל־אַזיע) דריי מאָל אַ וואָך אויף רוסיש און איינמאָל — אויף ייִדיש.

נאַטאַנס זון מישאַ איז אַוועק קעמפן קעגן די דייטשן. אויך ער האָט זיך געראַטעוועט. מישאַ נאַטאַן איז צוריקגעקומען מיט דער פּוילישער אַרמיי קיין פּוילן. אין אַ צייט אַרום איז אויך צוריקגעקומען קיין פּוילן שמחה נאַטאַן, צוריק אָנגעהויבן שפּילן ייִדיש טעאַטער. ער איז געווען

דער ערשטער קינסטלערישער אָנפירער פונעם „נידער־שלעזישן יידישן טעאַטער".

שמחה נאַטאַן איז שוין געווען זייער קראַנק און דער אומקום פון זיין פרוי, טאָכטער און אייניקל האָט זיך נאָך מער אָפּגעשלאָגן אויף זיין געזונט־צושטאַנד. אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז ער געשטאָרבן אין וואַר־שע, ביי זיין איידעם יעקב גינזבערג אין שטוב. דאָס איז געווען אין יאָר 1946. ער איז אַלט געווען 54 יאָר.

פון דער שיינער נאַטאַן־משפחה איז איבערגעבליבן ביים לעבן דער איין־און־איינציקער מישאַ נאַטאַן, וועלכער שפּילט איצט טעאַטער אין ישראל.

דאָראַ פּאַקעל

דאָראַ פּאַקעל — געבוירן אין וואַרשע ביי פּראָלעטאַרישע על־טערן — האָט געהערט צום יינגערן דור אַקטיאָרן אין יידישן טעאַטער אין פוילן. זי איז געווען נישט קיין דורכשניטלעכע שיינקייט, — אויסגעזען ווי אַן אמתע צניעותדיקע, שיינע יידישע טאָכטער, מיט אַ פּאָר גרויסע סאַמעטענע אויגן, וואָס האָבן צוגעצויגן צו זיך מיט זייער וואַרעמקייט און ממש געגלעט. אַ פּרעכטיקן קאָפּ, אַ מויל — מיט אַ שנור ווייסע ציין, ווי פּערל, וואָס האָבןביים לאַכן איר צוגעגעבן אַזוי פיל חן, פּונקט ווי אירע באַחנטע גריבלעך אין די באַקן. נישט אומזיסט האָבן זיך אירע עלטערן געגרויסט מיט איר, הגם זיי האָבן נאָך געהאַט צוויי אַנדערע טעכטער און דריי ברידער.

דאָראַ פּאַקעל אין דער פּיעסע „דאָס לעבן רופט"

איינער פון אירע ברידער האָט געוואָלט ווערן אַן אָפּערע־זינגער. מען האָט אים פאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט. ער האָט פאַרענדיקט די וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע און געגעבן זיין ערשטן עפנטלעכן קאָנצערט

אין דער וואַרש׳ פילהאַרמאָניע. ער האָט בדעה געהאַט צו פאָרן קיין איטאַליע און ווייטער שטודירן געזאַנג.

אין דער זעלביקער נאַכט, נאָך זיין ערשטן אויפטריט אין פילהאַר־מאָניע, איז ער געשטאָרבן. ער האָט זיך געלייגט שלאָפן און איז מער נישט אויפגעשטאַנען. ער האָט באַקומען אַ בלוט־שטורץ פון אַ געפּלאַצטן אָדער אין האַלדז און זיך דערשטיקט. ער איז אַלט געווען סך־הכל 26 יאָר.

דאָראַ פאַקעל האָט נאָך אין דער פּוילישער פאָלקס־שול, וואָס זי האָט געענדיקט אין וואַרשע, זיך אויסגעצייכנט מיט אירע פעאיקייטן צום שפּילן, זינגען און הויפּטזעכלעך, — צום טאַנצן. אַ צייט לאַנג האָט זי זיך טאַקע געלערנט טאַנצן אין אַ וואַרשעווער באַלעט־שול, אָבער איר חלום איז געווען: צו ווערן אַ שוישפּילערין.

צוליב דער שלעכטער מאַטעריעלער לאַגע, אין וועלכער ס׳האָט זיך געפונען איר משפּחה (איר פאָטער איז געשטאָרבן ווען זי איז אַלט געווען 4 יאָר), האָט זי אַלס יונג מיידל אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין אַ טריקאָ־טאַזש־געשעפט אַלס עקספּעדיענטין. גלייכצייטיק איז זי אַריינגעטראָטן אין אַ דראַמאַטישן קרייז, אָנגעפירט פון לאה און יעקב ראָטבוים. זי האָט אויך געוואָלט אַריינטרעטן אין אַ פּוילישער דראַמאַטישער שול. ביי אירע שלעכטע פינאַנסיעלע מיטלען איז עס אָבער געווען אוממעגלעך, — האָט זי אָנגעהויבן צו סטאַטיסטירן ביי מיר אין „וויקט" (עליזעאום־טעאַטער), דערנאָך ביי די „ווילנער" אין „שיילאָק", ווו זי האָט אָנטיילגענומען אין מאַסן־סצענעס און געטאַנצט, און שפּעטער — אין „קידוש השם", ווו זי האָט שוין געקריגן אַ קליינע עפּיזאָדן־ראָל.

ווען אין יאָר 1929 איז ביי דער וואַרשעווער „קולטור־ליגע" גע־גרינדעט געוואָרן די טעאַטער־שול, אונטער דער אָנפירונג פון מ. וויי־כערט, איז דאָראַ פאַקעל געווען צווישן די ערשטע שילער. אירע לערער זענען דאָרט געווען: ד״ר יצחק שיפּער, שלמה מענדעלסאָן, ד״ר רפאל מאַלער, ש. קאַזשדאַן, לאה ראָטבוים, אברהם מאָרעווסקי און אַ קורצע צייט — זיגמונט טורקאָוו.

ביים אַרויסלאָז פון דער טעאַטער־שול, אין יאָר 1932, וואָס איז פאָרגעקומען אין טעאַטער „אַטענעאום", האָט זיך דאָראַ פאַקעל אויסגע־צייכנט אין די פראַגמענטן פון ערנסט טאָלערס „מאַסן־מענטש", אין אַ

מאָנטאַזש פון י. ל. פּרץ און אין „זאַוויערוכע" פון פּרץ הירשביין.

ווען דער קאָמפּאָזיטאָר הענעך קאָן האָט צו יענער צייט געשאַפן אין וואַרשעווער ייִדישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַריין אויף טלאָמאַצ־קע 13 זיין קליינקונסט־טעאַטער „ביי־אַזאַזעל", איז דאָרט אַנגאַזשירט געוואָרן דאָראַ פאַקעל, צוזאַמען מיט די איבעריקע סטודיאַנטן: גליקסאָן, הייבלום, גודעס, זיגעלבוים, וואָלאָווטשיק און ווערטהיים. פאַקעל האָט זיך באַלד אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט.

אין דעם זעלביקן יאָר (1932) האָט וויכערט געגרינדעט זיין עקספּע־רימענטאַל „יונג־טעאַטער", ווו דאָראַ פאַקעל האָט געשפּילט אַלע הויפּט־ראָלן. איר ערשטע ראָל איז געווען אין „באָסטאָן", דערנאָך אין „טרופּע טאַנענצאַפּ" אַלס „קאַראָלינע", אין יעקב פּרעגערס „שמחה פּלאַכטע" אַלס „דינסטמויד ציפּע", אין וועלכער זי האָט זיך גאָר שטאַרק אויסגעצייכנט, דערנאָך — אין מלאכס „מיסיסיפּי", ווו זי האָט געשאַפן אַ שיינע געשטאַלט פון דער „נעגער־מאַמע", אין טעאָדאָר דרייזערס „אַמעריקאַנער טראַגע־דיע", אין „קראַסין", אין דעם „פּראָצעס", אין הערמאַן הייערמאַנס „פאַר־לוירענע האָפענונגען" און אין שלום עליכמס „גאָלדגרעבער".

אַרבעטנדיק אין „יונג־טעאַטער", האָט זי אַרויסגערופן צו זיך אַ שטאַרקן אינטערעס מצד דעם טעאַטער־עולם און דער גאַנצער ייִדישער פּרעסע. מען האָט דאָראַ פאַקעל פאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט ביים טעאַטער. אין „יונג־טעאַטער" איז טאַקע געווען איר גלאַנץ־פּעריאָד. דאָרט האָט זי געאַרבעט ביזן יאָר 1937.

אין משך פון דער צייט איז זי אויפגעטראָטן אין איניקע ייִדישע פילמען: אין דעם דורך מיר רעזשיסירטן פילם „די פּוילישע וועלדער" פון יוסף אָפּאַטאָשו, ווו זי האָט, צוזאַמען מיט רחל טורקאָוו, געשפּילט — די צוויי חברטאָרינס; אין מאַלי פּיקאָנס פילם „ייִדל מיטן פידל" און אין אַ פילם מיט דזשיגאַן און שומאַכער.

נאָך דעם ווי זי איז אַרויסגעטראָטן פון „יונג־טעאַטער", איז זי אַנ־גאַזשירט געוואָרן אין דער טרופּע פון אַלעקס שטיין, וואָס איז נאָך שוואַרצס אַוועקפאָרן פון פּוילן אַרויסגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ מיט „יאָשע קאַלב". צוריקקומענדיק קיין וואַרשע האָט זי געשפּילט איינע פון די הויפּט־ראָלן ביי קורט קאַטשן אין געאָרג ביכנערס „וואָיטשיק". דער־

נאָך האָט זי געשפּילט ביי אידע קאַמינסקי („נאָוואָשטשי"־טעאַטער) אין „שעפּסן־קוואַל" פון לאָפּע דע וועגאַ און אין „שרה שיינדל פון יעהופּעץ", אין משה בראָדערזאָנס באַאַרבעטונג. מיט דער דאָזיקער טרופּע איז זי אויך אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ.

פאָרנדיק מיטן „יונג־טעאַטער" איבער דער פּוילישער פּראָווינץ, האָט זי זיך געשאַפן אַ שיינעם נאָמען, איבערהויפּט — אין ווילנע. אַרבעטנדיק אין „יונג־טעאַטער", האָט זי חתונה געהאַט מיט איר קאָלעגע דוד מינסטער.

הגם דאָראַ פאַקעל האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון איר שיינקייט, פון איר דערפאָלג אַלס פרוי, איז זי אָבער אויפן פּונקט פון טעאַטער געווען זייער עקזאַלטירט און אַלע אירע פּערזענלעכע אַמביציעס און פּאַראינטערעסירונגען זענען געגאַנגען נאָר אין דער איינער ריכטונג. זי האָט זיך פולקאָם אויסגעלעבט אין דער אַרבעט אין טעאַטער.

אַלס מענטש איז זי געווען זייער נאַאיוו און אַפילו מער ווי נאַאיוו. טיילמאָל האָט זי אַרויסגערופן געלעכטער מיט איר קינדישער פּשטות. זי האָט אַלץ געגלויבט, וואָס מען האָט איר געזאָגט. הערנדיק אַזוי פיל שבחים און קאָמפּלימענטן וועגן איר שיינקייט, וועגן איר שפּילן, פלעגט זי זיך מיט דעם פאַרשכורן, — אָבער נישט מער. פּונקט ווי צום טעאַטער האָט זי אויך געהאַט אַן ערלעכן צוגאַנג צום לעבן. זי האָט געלעבט אין דער האָפענונג, אַז זי וועט אַמאָל מאַכן אַ ריזן־קאַריערע אין טעאַטער; אַז איר צייט וועט נאָך קומען.

דאָראַ פאַקעל האָט, ביי איר פּרימיטיווקייט, געהאַט אַן אידעאַליסטישן צוגאַנג צום ערנסטן טעאַטער. זי האָט אָפּגעוואָרפן אַלע „לאָקנדיקע" פאַרשלאָגן מיטצואַרבעטן אין די שונד־טעאַטערס. צום בולטסטן איז דאָס געקומען צום אויסדרוק נאָכן צעפאַלן זיך פון „יונג־טעאַטער", ווען זי איז געבליבן אָן אַרבעט און מען האָט זי געוואָלט אַנגאַזשירן אויף גוטע באַדינגונגען אַלס „סוברעטין" אין אַ שונד־אָפּערעטע. זי האָט דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן. איר אַמביציע איז געווען צו שפּילן בעסער טעאַטער, וואָס זי האָט ליב געהאַט מער ווי אַלץ אין לעבן.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז איר מאַן דוד מינסטער אַוועק מיטן גאַנצן אַנסאַמבל פון „יונג־טעאַטער" קיין רוסלאַנד. פאַקעל האָט

נישט געקענט גיין מיט זיי צוזאַמען. איר מוטער איז געווען זייער קראַנק. אויסער דעם האָט זי געהאַלטן ביי זיך צוויי קליינע קינדער פון איר פאַרשטאָרבענער שוועסטער. האָט זי נישט געוואָלט זיי איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט. שפּעטער, ווען זי האָט שוין געוואָלט פאָרן צו איר מאַן, האָט ער זיך שוין געפונען אין סיביר, ביי די ווייסע בערן...

איז פאַקעל פאַרבליבן אין וואַרשע ביי די דייטשן. באַלד פון אָנהויב האָט זי געאַרבעט אין דער מלבושים־אָפּטיילונג פון דער יידישער אַליינ־הילף.

ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אין געטאָ אַרטיסטישע פאַראַנשטאַלטונגען, האָט דאָראַ פאַקעל אויך אָנגעהויבן אויפצוטרעטן ווי אַ לידער־זינגערין אין פאַרשיידענע לאָקאַלן און געהאַט גרויס דערפאָלג. איבערהויפּט האָט זי זיך פּאָפּולער געמאַכט מיטן ליד „דער נעגער דזשים". אויף אַרבעט־לאָזיקייט האָט זי זיך נישט געקענט באַקלאָגן.

ווען דער רעזשיסאָר מאַקס וויסקינד האָט אויפגעפירט אין געטאָ לעאָן קאָברינס „דאָרפס־יונג", האָט זיך דאָראַ פאַקעל אויסגעצייכנט אין דער ראָל פון „נאַטאַשאַ".

בעת די „אויסזידלונגען" אין געטאָ, האָבן אירע פריינט זי איינגע־אָרדנט אין אַ „שאָפּ", וווּ זי האָט געאַרבעט ביזן אויפשטאַנד. שפּעטער איז זי, צוזאַמען מיט איר „שאָפּ", אַוועקגעשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער פּאָניאַטאָוו, נעבן לובלין. אויך דאָרט איז זי, מיט די אַנדערע אַהין פאַרשיקטע אַקטיאָרן, אויפגעטראָטן אויף פאַרשיידענע קאָנצערט־אָוונטן.

בעת אַ פּרווו צו ראַטעווען די יידישע אַקטיאָרן־גרופּע פון פּאָניאַ־טאָווער לאַגער און זיי צוריקברענגען אויף דער אַרישער זייט, קיין וואַר־שע, איז דאָראַ פאַקעל, צוזאַמען מיט די איבעריקע אַקטיאָרן, געכאַפּט גע־וואָרן אויפן וועג און אַוועקגעפירט געוואָרן אין טויט־לאַגער מאַידאַנעק.

דעם 3טן נאָוועמבער 1943 האָט די רייצנדיקע, לעבנסלוסטיקע דאָראַ פאַקעל אָפּגעשפּילט, ביי 29 יאָר, איר לעצטע ראָל אין דער גרויסער יידישער טראַגעדיע, ווערנדיק מיט אַנדערע יידישע אַקטיאָרן דערשאָסן ביי די קלאַנגען פון „ווינער וואַלס"...

אַדאָלף בערמאַן

צו דער אַלטער גוואַרדיע, וואָס האָט פאַרנומען אַ באַדייטנדיק אָרט אין ייִדישן טעאַטער, געהערט אויך אַדאָלף בערמאַן — דער ייִנגערער ברודער פון איינעם פון די גרינדער פונעם ייִדישן טעאַטער אין פוילן — הערמאַן בערמאַן.

אַדאָלף בערמאַן האָט אָנגעהויבן זיין „קאַריערע“ אַלס כאָריסט אין דער „דייטשישער סינאַגאָגע“ אין וואַרשע און איז גלייכצייטיק אויפגעטראָטן אין כאָר פונעם ערשטן ייִדישן טעאַטער „עלדאָראַדאָ“, ווו עס האָט אויך געשטעלט אירע ערשטע טריט אַלס כאָריסטין אסתר רחל קאַמינסקי. צו יענער צייט האָט אַברהם גאָלדפאַדן דאָרט אויפגעפירט זיינע פּיעסן.

צוביסלעך האָט דער יונגער אַדאָלף בערמאַן אָנגעהויבן צו באַקומען עפּיזאָדן־ראָלן אינעם דאָזיקן טעאַטער, דערנאָך איז ער אַרויסגעפאָרן אויף דער פּראָווינץ מיט דער טרופּע פונעם דעמאָלט־באַרימטן אַקטיאָר שליפּערשטיין.

שפּעטער איז אַדאָלף בערמאַן אַנגאַזשירט געוואָרן אין טעאַטער פון אַברהם יצחק קאַמינסקי און פון זיין ברודער הערמאַן בערמאַן. ער האָט אויך געאַרבעט אין אַ ריי אַנדערע טעאַטערס אין פוילן, ליטע און רוסלאַנד, ווי אויך אין דער דעמאָלט באַרימטער „געזאַנג־ און טאַנץ־קאַפּעלע“, צוזאַמען מיט זיין ברודער הערמאַן בערמאַן, שאַיעלע ראַטשיין און גוסטאַוו שוואַרצבאַרד. דערנאָך איז די „קאַפּעלע“ רעאָרגאַניזירט געוואָרן.

עס זענען דאָרט צוגעצויגן געוואָרן אינטערנאַציאָנאַלע כוחות, און זיי האָבן באַרייזט גאַנץ אייראָפּע.

אַדאָלף בערמאַן האָט באַזעסן אַלע מעלות, וואָס אַן אַקטיאָר דאַרף האָבן: גרויסע בינע־פעאיקייטן, אַ שיינעם אויסזען, הויך, פעסט געבויט און אַ גוטע דיקציע, דערביי האָט ער געהאַט אַ פּרעכטיקע באַס־שטים. בערמאַן האָט געשפּילט אַלע העלדן־ראָלן.

אַ צייט לאַנג איז ער געווען גאַסטראָליאר ביי ל. ראַפּעל און ה. עפּעל־בערג אין „עליזעאום"־טעאַטער אין וואַרשע און ער איז געווען זייער באַליבט ביים עולם. ער האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט אין די אייראָ־פּעאישע אָפּערעטעס, אַ דאַנק זיין אימפּאָזאַנטער פיגור און אינטעליגענ־טער האַלטונג. אַ געוויסע צייט האָט ער אַפילו געשפּילט אין פּוילישן טעאַטער.

בעתן ערשטן וועלט־קריג, אין יאָר 1915, ווען די דייטשן האָבן, נאָכן פאַרנעמען וואַרשע, נישט דערלויבט קיין ייִדיש טעאַטער, האָט בערמאַן, צוזאַמען מיט די קאָמיקער שאַיעלע ראַטשיין און פישעלעוויטש, געגרינ־דעט אַ וואָדעוויל־טעאַטער אין אַ טאַנץ־זאַל אויף טוואַרדע גאַס נומער 7, אין וואַרשע, ווו זיי האָבן געשפּילט און געזונגען אין דער פּוילישער שפּראַך, וועלכע אַדאָלף בערמאַן האָט, אַגב, גוט באַהערשט.

ווען פּוילן איז זעלבסטשטענדיק געוואָרן און יוזעף פּילסודסקי איז צוריקגעקומען פון דער דייטשישער פעסטונג מאַגדעבורג און טריאומפאַל אַריין קיין וואַרשע, האָט אַדאָלף בערמאַן אויסגענוצט דעם פּאַסיקן מאָ־מענט, צוגעלאָפן צו פּילסודסקין און איבערגעגעבן אים אַן אָנגעשריבענע בקשה מיט די ווערטער: „ראַטעוועט מיך!"

אין דער בקשה האָט אַדאָלף בערמאַן געבעטן פּילסודסקין צו דער־מעגלעכן אים שפּילן ייִדיש טעאַטער. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אַדאָלף בערמאַן באַקומען די ערשטע קאָנצעסיע צו שפּילן ייִדיש טעאַטער אין פּוילן. דער דאָזיקער פאַל האָט דעמאָלט אַרויסגערופן גרויס אויפזען.

אַדאָלף בערמאַן האָט, צוזאַמען מיט זיין שוואָגער, דעם באַקאַנטן זינ־גער גוסטאַוו שוואַרצבאַרד, אָרגאַניזירט אַ „וואַנדער־טרופּע" (שוואַרצ־באַרדס שוועסטער, רוזשע, אַ ייִדישע אַקטריסע, איז געווען בערמאַנס פרוי). די טרופּע איז אַרומגעפאָרן איבער דער גאַנצער פּוילישער פּראָ־

ווינץ יאָרן־לאַנג און אַ לענגערע צייט זיך אויפגעהאַלטן אויף די מזרח־ראַנד־געביטן פון דער פוילישער מלוכה.

אין דער בערמאַן־שוואַרצבאַרד־טרופּע האָבן געשטעלט זייערע ער־שטע טריט אַ ריי יונגע אַקטיאָרן, וועלכע אַדאָלף בערמאַן האָט שטאַרק מקרב געווען. צווישן די, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער טעאַטער־קאַריערע, איז אויך געווען אַ יונגערמאַן, זייער אַ פּעאיקער, — יעקב מאַנדעלבליט, וועגן וועמען עס וועט מיר אויסקומען צו שרייבן באַזונדער.

אַדאָלף בערמאַן איז פּונקט ווי זיין עלטערער ברודער, דער גלענצנ־דיקער שוישפּילער הערמאַן בערמאַן, געווען אַ גרויסער וויצלער און פלעגט ליב האָבן אָפּצוטון פאַרשיידענע „שפּיצלעך". ער האָט געהאַט אַ שם פון זיין „דערפינדערישקייט" אין דעם פּרט. מען דערציילט וועגן אים זייער אַ סך קאָמישע עפּיזאָדן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיינע „המצאות".

הערמאַן בערמאַן

אָט האָט ער אַמאָל, נאָך אין „מוראַ־נאָווער" טעאַטער, אָפּגעטון אַזוינע „שפּיצלעך": אין טעאַטער פלעגן שטענ־דיק קומען הינטער די קוליסן געסט, וואָס האָבן געזוכט אַ געלעגנהייט צו באַ־קענען זיך מיט די שוישפּילערינס. בער־מאַן, וואָס איז בטבע געווען זייער אַ גוט־מוטיקער, איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די „ליבהאָבער", וואָס זענען געקומען הינטער די קוליסן בלויז כדי צו שליסן באַקאַנטשאַפט מיטן שיינעם מין. פלעגט ער די דאָזיקע „געסט" אָפּטון געברענטע צרות און דערגיין זיי אַזוי די יאָרן, אַז עס איז שוין פאַרגאַנגען דער אַפּעטיט צו קומען נאָכאַמאָל הינטער די קוליסן...

ער האָט, ווי מען דערציילט, אָפּגעוואַרט די „געסט", זיי העפלעך פאַרבעטן אויסצוטון און אויפהענגען זייערע מאַנטלען. ווען די פאָרשטעל־לונג האָט זיך אָנגעהויבן און די „געסט" זענען אַריין אין טעאַטער־זאַל, האָט ער גענומען זייערע מאַנטלען און פאַרשלאָסן איינעם צום צווייטן,

דורך די קנאָפּ־לעכער, מיט אַ שלעסל. נאָך דער פֿאָרשטעלונג, ווען די אייגנטימער פֿון די מאַנטלען האָבן געוואָלט אָנטון זייערע מלבושים, האָבן זיי דערזען, אַז מען קען זיי נישט פֿונאַנדערנעמען, ווייל זיי זענען „פֿאַרייניקט" מיט אַ שלאָס. בערמאַן, מיטן שליסל צום שלעסל, איז שוין לאַנג נישט געווען אין טעאַטער...

אַ צווייט מאָל האָט בערמאַן גענומען דעם הוט פֿון אַ באַוווסטן דאָקטער, וואָס איז אויך באַקאַנט געווען ווי אַ גרויסער „פֿריינט פֿון יידישע כאַריסטקעס", און אָנגעגאָסן אין אים פֿול וואַסער.

ער פֿלעגט אויך נעמען אַ שטול, אויף וועלכן ער האָט אויסגעגאָסן אַ פֿלעשל מאַסטיק צו קלעבן בערד, און אים אונטערגערוקן אַן עלעגאַנט־אויסגעפּוצטן קאַוואַליר, וואָס איז געקומען הינטער די קוליסן פֿון מוראַנאָווער טעאַטער, כדי זיך צו באַקענען מיט די אַקטריסעס...

צווישן די חברים־אַקטיאָרן איז בערמאַן געווען זייער באַליבט ווי אַ גוטער, האַרציקער און איבערגעגעבענער חבר. נישט איינמאָל פֿלעגן אַקטיאָרן פֿאַרשפּעטיקן צוליב אים זייערע אויפֿטריטן אויף דער בינע, ווייל זיי זענען געווען אַריינגעצויגן אין אַ „טשיקאַווער" מעשה, וואָס בערמאַן האָט דערציילט.

ווען ער האָט מיט זיין ברודער הערמאַן בערמאַן געשפּילט אין יאָר 1912—1913 אין „עליזעאום"־טעאַטער, האָט ער פֿאַר יעדער שבת־נאָכמיטאָגדיקער פֿאָרשטעלונג צוגעגרייט אַ נייעם „סיורפּריז". ווען זיינע שפּיצלעך האָבן זיך אויסגעשעפּט און שוין נישט אַרויסגערופֿן דעם „געהעריקן עפֿעקט", איז אים אַמאָל איינגעפֿאַלן אַזאַ מין המצאה: ער האָט געזאָגט דער דעמאָלטיקער פּרימאַדאָנע, זינאַ ראַפּעל, וואָס האָט אין דעם טאָג געשפּילט „שולמית", אַז היינט גרייט ער צו פֿאַר איר אַזאַ „נומער", אַז זי וועט שוין נישט קענען קומען צום וואָרט. זינאַ ראַפּעל האָט אים געענטפֿערט:

— זעסטו, אַרעלע (אַזוי האָבן אים די חברים גערופֿן), ווען דו זאָגסט עס מיר נישט פֿריִער, וואָלט עס דיר אפשר געלונגען, אָבער איצט, אַז דו האָסט מיך שוין צו דעם צוגעגרייט, קענסטו זיכער זיין, אַז וואָס דו זאָלסט נישט טון, וועל איך קיין שמייכל אַפֿילו נישט געבן.

ביידע ברידער בערמאַן האָבן אין „שולמית" געשפּילט די „חתנים".

דער ערשטער קומט אַרויס אַדאָלף בערמאַן אויף דער בינע, זינגט אָפּ זיין נומער — און אַלץ איז אין אָרדענונג. דערנאָך, ווען ס׳קומט אַריין הערמאַן בערמאַן, אַלס „נתן הכהן״, ברעכט אויס אַזאַ ספּאָנטאַניש געלעכטער אויף דער בינע און אין טעאַטער־זאַל, אַז ס׳איז פּשוט אוממעגלעך ווייטער צו שפּילן. וואָס איז געשען? הערמאַן בערמאַן („נתן הכהן״) טאַנצט אַרויף אויף דער בינע אויף צוויי קוליעס... מער האָט מען נישט באַדאַרפט. די אַרטיסטן מיט זינאַ ראַפּעל בראש האָבן שוין ביז צום סוף פון דער פאַר־שטעלונג נישט אויפגעהערט צו לאַכן. און אַזוי האָט עס זיך איבערגעחזרט אַ לאַנגע צייט, ווען מען האָט נאָר געשפּילט „שולמית״, אַפילו ווען „נתן הכהן״ איז שוין אַרויסגעקומען נאָרמאַל, אָן קוליעס. ווען ס׳האָט זיך נאָר באַוויזן „נתן הכהן״, האָט מען געלאַכט — האָט עס אַפילו שוין געמעגט זיין אַן אַנדערער אַקטיאָר.

אַדאָלף בערמאַן איז אויך געווען באַקאַנט מיט זיין גוטן אַפּעטיט. ער איז געווען אַ גרויסער עסער. ווי זיין פרוי, רוזשע, האָט געזאָגט, קען זי „נישט זעטיקן זיין מאָגן״ — „אַ מענטש זאָל אַזוי פיל עסן! ער הערט דאָך נישט אויף צו עסן!״ — האָט זי זיך באַקלאָגט. אַזוי ווי זיין פרוי האָט „געהאַלטן די קאַסע״, האָט ער נישט געהאַט קיין געלט צוצוקויפן זיך עפּעס אין דער זייט. איז אַדאָלף בערמאַן ווידער געפאַלן אויף אַן המצאה: ער האָט כסדר פאַרבעטן צו זיך אַהיים געסט אויף אַ באַשטימטער שעה. זיין פרוי האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט פאַרבעטן וויכטיקע געסט; אַז זי זאָל פאַר זיי צוגרייטן אַ פיינעם מיטיק...

ס׳איז געקומען די צייט פון מיטיק, און מען וואַרט אויף די געסט. ס׳גייט אַוועק אַ האַלבע שעה, אַ שעה, ביז ענדלעך — מען קלאַפּט אין דער טיר — די געסט זענען דאָ. מען פאַרבעט זיי צו מיטיק, אָבער זיי זאָגן זיך אָפּ, דערקלערנדיק, אַז זיי קומען טאַקע איצט פונעם מיטיק און קענען דעריבער נישט מיטהאַלטן. די פרוי בערמאַן האָט שטאַרק עגמת נפש וואָס זי האָט זיך אומזיסט געלאָזט אויסקאָסטן. אָבער ביי „אַרעלען״ פינקלען די אויגן: ער וועט האָבן אַ דרייפאַכיקע פּאָרציע עסן... מען וועט עס דאָך נישט אַרויסוואַרפן אויף דער גאַס...

אַ פּאָר מאָל איז דער דאָזיקער „טריק״ געלונגען, ביז זיין פרוי האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז זיינס אַ „שפּיצל״. זי האָט אים געמאָלדן, אַז מער

וועט זי פאַר קיין געסט נישט צוגרייטן קיין עסן... מאַכט זיך אַ פאַל און עס קומען צו זיי, מיטיק־צייט, וויכטיקע פאַר זיי געסט, און ס'איז נישטאָ מיט וואָס זיי מכבד צו זיין. מ'האָט געמוזט צעטיילן די אייגענע פּאָרציעס פאַר די געסט אויך. פון דעמאָלט אָן האָט שוין בערמאַן מער נישט פאַר־בעטן קיין געסט אויף מיטיק...

בעת אַדאָלף בערמאַן האָט געשפּילט אין וואַרשע, האָט מען אים שטענדיק געקענט זען גיין איבער די גאַסן מיט דער ראָל אין האַנט און אויפן קול רעדן די פּראָזע. ער האָט נישט אויפגעהערט צו לערנען אַ באַקומענע ראָל, סיי אין שטוב, סיי אין גאַס. ער האָט געהאַט אַ זעלטענע באַציאונג צו זיין אַרבעט אין טעאַטער: תמיד געקומען דער ערשטער צו די פּראָבעס, שטענדיק געקענט די ראָל פון אויסווייניק און שטענדיק געשאַפן עפּעס נייעס.

אַ גרויסע איבעראַשונג איז פאַר אַלעמען געווען, ווען אַדאָלף בער־מאַן האָט זיך באַוויזן אין דער ראָל פון „ליטוואַק“, אין דער אָפּערעטע „די אַמעריקאַנערין“, מיט קלאַראַ יאַנג (וואַרשע, 1913). מיט דער דאָזיקער ראָל האָט ער זיך פאַרשאַפט אַ גרויסן נאָמען. אמתע ליטוואַקעס, וואָס זענען געווען אין טעאַטער, האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ בעסערער „ליט־וואַק“ פון זיי...

אָבער נישט נאָר אין קאָמישע ראָלן איז ער געווען אַזוי גוט. ער איז, אין זיין גלאַנץ־פּעריאָד, געווען איינער פון די בעסטע „רעזאָניאָרן“ אויף דער יידישער בינע אין פּוילן. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער „פּאַ־טער־ראַליסט“ און איינער פון די בעסטע „אינטריגאַנטן־ראַליסטן“, להיפּוך צום „פּריוואַטן“ אַדאָלף בערמאַן — דעם גוטמוטיקן, שטענדיק צע־שמייכלטן, ליבן מענטש און חבר. ער איז זיך תמיד געגאַנגען זיין וועג און זיך קיינמאָל מיט זיינע חברים־אַקטיאָרן נישט געקריגט.

ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָט זיך אַדאָלף בערמאַן געפונען אין וואַרשע. ווען כמעט אַלע און אַלץ זענען געלאָפן אויף מזרח, האָט מען אים געפרעגט, פאַרוואָס ער גייט נישט. בערמאַן האָט זיך צע־שמייכלט און געענטפערט:

— ביי מיינע יאָרן וועל איך שוין ווייט נישט דערגיין. און, איבע־

ריקנס, וואָס קענען מיר די דייטשן טון? איך וועל זיי אין אַ גוטן דייטש דערציילן אַ וויץ — וועלן זיי זיך צעלאַכן און מיך אָפּלאָזן...

ער האָט אָבער געהאַט אַ טעות. די דייטשן האָבן אים זייער אָפּט מכבד געווען מיט קלעפּ, איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו עפענען דאָס מויל. איינמאָל, ווען ער איז אַרויפגעקומען אין דער אַרטיסטן־קיך (אין געטאָ — 1942), נאָך „זופּ", וואָס די לייטערין פון קיך, די אַקטריסע לאה לעוועבראָווסקי האָט אים דערלאַנגט, טאַקע אין אַ טאָפּלטער פּאָרציע, און ער האָט ענדלעך באַקומען אַזוי פיל וויפל ער האָט געוואָלט (מער ווי זופּ איז צו מיטיק נישט געווען) — האָט מען אים פּשוט נישט דערקענט...

— ווּעמען שפּילסטו איצט, אַרעלע, וואָס דו האָסט זיך אַזוי פאַר־שטעלט? — האָט אים די לעוועבראָווסקי געפרעגט מיט אַ שמייכל?

דאָס מאָל איז עס אָבער נישט געווען קיין שפּיל פון זיין זייט. די דייטשן האָבן בערמאַנען אַזוי מערדערלעך צעשלאָגן, אַז ער איז קוים אַ לעבעדיקער אַרויפגעקומען אין אַרטיסטן־קיך, אויפן צווייטן שטאָק, האַלטנדיק זיך ביים געשוואָלענעם אויג, וואָס די דייטשן האָבן אים שיער־נישט אויסגעהאַקט. ער האָט אונטערגעהונקען אויף אַ פוס און געקייכט דערביי פון געלעכטער.

— נו, ווי געפעלט אייך דער גרים, וואָס די יעקעס האָבן מיר געמאַכט?! — האָט ער זיך געוויצלט.

אָבער צומאָרגנס, נאָך דעם פאַרפאַל, איז בערמאַן שוין נישט גע־קומען אין קיך אַריין נאָך דער זופּ (זיין פרוי איז מיט אַ צייט פריִער פאַראַליזירט געוואָרן און באַלד נאָך דעם געשטאָרבן). מען האָט אים די זופּ אַהיימגעשיקט, ווייל ער איז געלעגן אין בעט קראַנק. די ליבע ווירטין פון דער אַרטיסטן־קיך, לעוועבראָווסקי, האָט יעדן איינעם געהאַט אויפן קאָפּ. בערמאַן איז שוין פון בעט מער נישט אויפגעשטאַנען. אָפּקרענקענדיק אַ שטיק צייט, איז אונדזער ליבלינג, דער לעבנסלוסטיקער אַדאָלף בערמאַן, געשטאָרבן אין געטאָ מיט אַ „נאַטירלעכן" טויט...

מרדכי געבירטיק

שטיל און באַשיידן איז געווען דער לעבנס־וועג פונעם גרויסן פֿאָלקס־דיכטער און קאָמפּאָזיטאָר מרדכי געבירטיק.

ער איז געבוירן געוואָרן ביי אָרעמע קליינהענדלער אין דער קוזמיר־געגנט, אין קראָקע. דער גרויסער דלות, וואָס האָט גע־הערשט ביי זיינע עלטערן אין שטוב, האָט געצוווּנגען דעם 14־יאָריקן מרדכי געביר־טיק צו גיין אַרבעטן ביי אַ פּאַך. ער איז געוואָרן אַ לערן־ייִנגל ביי אַ סטאָליער־מייסטער און ער האָט זיך אויסספּעציאַלי־זירט ביי מעבל־אַרבעט.

ביי דער אַרבעט פלעגט געבירטיק נישט אויפהערן שטילערהייט צו זינגען האַרציקע ניגונים, וואָס קיינער פון די אַרומיקע האָט קיינמאָל פריִער נישט געהערט. די אַרבעטער פונעם סטאָליער־וואַרשטאַט פלעגן פאַרנאַכלעסיקן זייער אַרבעט און שלינגען די מאָדנע, האַרציקע מעלאָדיעס, וואָס געבירטיק האָט אויסגעזונגען.

ווען מען האָט אים אַמאָל געבעטן, ער זאָל איבערחזרן אַ געוויס ליד, וואָס ער האָט מיט אַ פּאָר טעג פריִער געזונגען, האָט ער עס שוין נישט געקענט, ווייל אין זיין מוח האָבן זיך געיאָגט איינע נאָך דער אַנדערער די קאָמפּאָזיציעס, וואָס ער האָט געשאַפן. געבירטיק האָט זיי, נישט קע־נענדיק קיין נאָטן, נישט געקענט פאַרצייכענען. מיט דער צייט האָט ער

אָבער אַזוי אויסגעאײבט זײַן זכרון, אַז ער האָט יעדעס ליד, וואָס ער האָט אויסגעזונגען, שוין געדענקט און זיך מער נישט טועה געווען.

אינטערעסאַנט, אַז עפנטלעך איז געבירטיק פריִער אַרויסגעטראָטן אַלס דיכטער מיט זײַנע לידער אין יאָר 1906 (קראָקע — „ייִדישער אַר־בעטער"). מיט די קאָמפּאָזיציעס איז ער געקומען אין דער עפנטלעכקייט אַ סך שפּעטער, — משמעות, ער האָט פון אָנהויב נישט געהאַט קיין צו שטאַרקן צוטרוי צו זײַנע אייגענע קאָמפּאָזיציעס. זײַנע קראָקעווער פרײַנט האָבן אים פּשוט געצווונגען צו קומען מיט זײַנע לידער און קאָמפּאָזי־ציעס אין דער עפנטלעכקייט. ער האָט אײַנגעאָרדנט אָוונטן, אויף וועלכע ער האָט געזונגען זײַנע אייגענע לידער. ער האָט באַלד געוווּנען אַ סך חסי־דים, וועלכע האָבן ענטוזיאַסטיש אויפגענומען זײַנע לידער און זיי ווייטער פּאָפּולאַריזירט.

אין יאָר 1920 האָבן זײַנע פרײַנט און פאַרערער, וואָס זענען כסדר צוגעקומען און געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, אַרויסגעגעבן זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג, א. נ. „פאָלקסטימלעך". געבירטיק האָט נישט געקענט קיין נאָטן, נאָר ער האָט אויסגעפייפט זײַנע מעלאָדיעס אויף אַ פייפל, אויף וועלכן ער איז דערגאַנגען צו אַ מייסטערשאַפט.

אין „קראָקעווער ייִדישן געזעלשאַפטלעכן טעאַטער", פון וועלכן איך בין אין די יאָרן 1926 און 1927 געווען קינסטלערישער לייטער און רע־זשיסאָר, האָט אויך מיטגעאַרבעט מרדכי געבירטיק. אין בנימין רעסלערס פּיעסע „ליכט און שאָטן", וואָס איך האָב אויפגעפירט אינעם דאָרטיקן טעאַטער, האָט זיך אין דער וואַלד־סצענע געדאַרפט הערן אַ פּאַסטוך־פייפל פונדערווייטנס. מרדכי געבירטיק איז יעדן אָוונט געקומען אין טע־אַטער אַרײַן, און אַזוי לאַנג ווי רעסלערס פּיעסע איז געגאַנגען, איז ער געשטאַנען, ביי דער נויטיקער סצענע, הינטער די קוליסן, מיטן פייפל אין מויל און אויסגעפייפט זײַן אייגענע מעלאָדיע פון בענקשאַפט און אומעט.

שטייענדיק אויף דער בינע, איז מיר אַ ציטער דורך איבער מײַנע גלידער, ווען איך האָב דערהערט די דאָזיקע בענקשאַפט־מעלאָדיע. גע־בירטיק האָט נישט געמוזט קומען אַליין יעדן אָוונט אין טעאַטער אַרײַן, כדי אויסצופייפן דאָס ליד, — דאָס האָט דאָך דרייסט געקענט טון אַן אַנדערער. געבירטיק איז אָבער אויף דעם נישט אײַנגעגאַנגען, ווייל ער

האָט זיך אויסגלעבט און ממש אויפגעלעבט, זייענדיק הינטער דער בינע, אין דער סביבה פון אַקטיאָרן, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט. ער האָט זיי אַפילו מוחל געווען דאָס, וואָס זיי האָבן כסדר אויסגעניצט זיינע לידער; וואָס מען האָט זיי געזונגען אין אַלע קליינקונסט־ טעאַטערס, אויף פאַרשיידענע אָוונטן; וואָס מען האָט זיי געזונגען אין אָפּערעטעס איבערן גאַנצן ערד־קויל, ווו ס׳האָט נאָר עמעצער געזונגען אַ יידיש ליד — און מען האָט דערפאַר קיין גראָשן נישט געצאָלט. מ׳האָט אַפילו נישט דערמאָנט זיין נאָמען.

ווי פּאָפּולער איז געוואָרן זיין ליד „הוליעט, הוליעט, קינדערלעך" און „קינדער־יאָרן", וואָס מען האָט אַריינגעשטעלט אין דער אָפּערעטע „די רומענישע חתונה". די דאָזיקע אָפּערעטע איז דאָך געשפּילט געוואָרן מיט אַ רעקאָרד־דערפאָלג איבער דער גאַנצער וועלט, און ווער פונעם עולם ווייסט, אַז די לידער „הוליעט, הוליעט, קינדערלעך" און „קינדער־יאָרן" זענען געבירטיקס — סיי די ווערטער, סיי די מוזיק?!

איך דערמאָן זיך אַ פאַל, ווען איך בין אַמאָל געווען צו באַזוך ביי מרדכי געבירטיק אין ראַבקאַ (אַ קוראָרט אין מערב־גאַליציע), ווו ער פלעגט, צוליב זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד, פאַרברענגען יעדן זומער אויף קור. גראָד איז אין דעם זעלביקן אָוונט אויפגעטראָטן אין ראַבקאַ אַ יידישע טרופּע, וואָס האָט געגעבן אַ רעוויו אין 2 טיילן. מרדכי געבירטיק האָט אויסגעדריקט דעם ווונטש צו גיין זען די פאָרשטעלונג. זיין פרוי און טעכטער האָבן אים דערפון אָפּגערעדט — צוליב זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד. געבירטיק איז אָבער געבליבן ביי זיינס:

— וואָס הייסט, יידישע אַקטיאָרן טרעטן אויף און איך וועל נישט גיין זיי הערן?!

ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. מיר זענען אַלע צוזאַמען אַוועק אין טעאַטער. איינע פון די אַקטריסעס האָט, צווישן אַנדערע, געזונגען אַ ליד פון מרדכי געבירטיק און זי האָט אָנגעגעבן, אַז ס׳האָט עס אָנגעשריבן עפּעס אַן אויסגעטראַכטער מחבר. ווי נאָר זי האָט געענדיקט, האָט מיר געבירטיק געזאָגט מיט זיין גוט־באַקאַנטן טרויעריקן שמייכל:

— וואָלט זי כאָטש ריכטיק אָפּגעזונגען דאָס ליד, וואָלט איך איר מוחל געווען, וואָס זי האָט נישט דערמאָנט דעם ריכטיקן טאַטן...

מרדכי געבירטיק האָט די אַלע עוולות, וואָס מען איז לגבי אים באַגאַנגען, מוחל געווען און ווי אַ גוטער טאַטע האָט ער זיי אַראָפּגעשלונגען מיט די ווערטער: „זאָלן זיך די קינדער באַלעווען"... געבירטיק, דער גוטהאַרציקער, צאַרטער, באַשיידענער מענטש, האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף די אומגערעכטיקייטן, וואָס מען איז לגבי אים באַגאַנגען. ער האָט מיט דער גרעסטער התלהבות ווייטער געשאַפן און פאַרברייטערט זיין לידער-זאַמלונג.

ווי געפרייט האָט ער זיך אָבער און ווי גליקלעך איז ער געווען, ווען ער האָט געהערט אַ גוט וואָרט וועגן זיינס אַ ליד — וועגן זיין שאַפונג. ווי אַ פאַרשעמט קינד האָט ער אויפגענומען די שיינע מתנה, וואָס דער געבירטיק-קאָמיטעט האָט אים דערלאַנגט צו זיין 30-יאָריקן שרייבער-יובל: אַ בוך לידער (איבער 50) מיט נאָטן, א"נ „מיינע לידער".

— דאָס איז געווען דער שענסטער טאָג אין מיין לעבן — האָט ער געזאָגט.

ער האָט אין זיינע לידער אַזוי וווּנדערבאַר באַזונגען דאָס קליינע שטעטל, דאָס שטיגער-לעבן, מיט אַלע זיינע פריידן און ליידן; אַלע דערשיינונגען פונעם יידישן לעבן. געבירטיק האָט געזונגען וועגן ליבע און אירע אַנטוישונגען. ער האָט געזונגען וועגן די זאָרגן פון יידישע טאַטע-מאַמע איבער זייערע קינדער („דריי טעכטער"). ער האָט באַזונגען דאָס פאַריתומטע יידישע קינד, וואָס די גאַס האָט דערצויגן („אַברהמלע דער מאַראַוויכער"). ער האָט געזונגען וועגן דלות און נויט, וואָס איז, אַגב, געווען די הויפּט-טעמאַטיק אין זיינע שאַפונגען.

פון קיין רחבותדיק לעבן האָט געבירטיק נישט געזונגען. אַזאַ אַרט לעבן איז אים געווען פרעמד. אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפן: צי אין זיינע הומאָריסטישע לידער, צי אין זיינע סאַטירעס, צי אין די קינדער-לידער, צי אין די לידער פון אומעט און בענקשאַפט, — פלעכט זיך דורך דער פאָדים פון זיין סאָציאַלער וועלט-אַנשויאונג. זיינע לידער זענען געשריבן מיט האַרץ, מיט נשמה, דערפאַר זענען זיי אַזוי אוממיטלבאַר, מיט אַזוי פיל פשטות און נאַטירלעכקייט. דערפאַר רעדן זיינע לידער אַזוי שטאַרק צו אונדזערע הערצער... געבירטיקס לידער זענען נישט „געקינצלט", נישט געבויט אויף אויסערלעכע עפעקטן. ער האָט זיי אונדז איבערגעגעבן אַזוי

ווי ער האָט זיי געפילט, אַזוי ווי ער האָט זיי דורכגעלעבט. און איבער־געגעבן האָט ער זיי אונדז אין דער שפּראַך, וואָס איז אים געווען צום נאָענטסטן — אין געזאַנג. דערפאַר ווירקן זיינע לידער אויף אונדז אַזוי שטאַרק.

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא, ווען איך וועל זאָגן, אַז די לידער פון מרדכי געבירטיק, וואָס זענען אַזוי פּאָפּולער און באַליבט געוואָרן, האָבן דערפאַר געפונען אַזאַ אָפּקלאַנג ביים פאָלק, ביי די ייִדישע מאַסן; זענען דערפאַר געוואָרן זייערע לידער און אַזוי נאָענט און היימיש, ווייל זיי האָט געשאַפן אַ פאָלקס־מענטש, וואָס איז געקומען פון זייערע רייען; וואָס האָט גערעדט מיט זייער שפּראַך; געפילט אַזוי ווי זיי און געליטן אַזוי ווי זיי.

אַלע זיינע לידער, סיי פון דלות און נויט, סיי פון פּראָטעסט און רעוואָלט, פון גלויבן און האָפענונג, פון קאַמף פאַר אַ בעסערן, יושרדיקן מאָרגן, — זענען געווען פונעם זעלביקן פאָלקס־קוואַל.

אין דער צייט פון די פּוילישע פּאָגראָמען אין פּשיטיק און אין בריסק (אין די יאָרן 1936—1937), האָט געבירטיק געשאַפן זיין „דערנאָך אַזוי פּאָפּולער געוואָרן, ליד „ס׳ברענט, ייִדעלעך, ס׳ברענט!״, ווו ער האָט דער ערשטער אָנגעוויזן אויף דער אונדז דראָענדיקער סכנה, גערופן זיך אַנטקעגנצושטעלן, גערופן צום קאַמף, און אַזוי וויזיאָנעריש פאָרויס־געזען די צייט, ווען:

„ס׳ברענט, יידעלעך, ס׳ברענט,
די הילף איז נאָר אין אייך אַליין געווענדט...
אויב דאָס שטעטל איז אייך טייער,
נעמט די כלים, לעשט דאָס פייער,
לעשט מיט אייער אייגן בלוט,
באַווייזט, אַז איר דאָס קענט!״

ווי אַקטועל האָט דער דאָזיקער רוף געקלונגען אין אַ פּאָר יאָר אַרום, נאָכדעם ווי געבירטיק האָט עס אָנגעשריבן. ווי צאַפּלדיק־אַקטועל קלינ־גען נאָך היינט מרדכי געבירטיקס ווערטער, ווען מיר שטייען אין שווערן קאַמף פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום, פאַר אונדזער זעלבסט־דערהאַלטונג.

מרדכי געבירטיק האָט זיך מיטן דאָזיקן וויזיאָנערישן ליד אַליין געשטעלט אַ מאָנומענט, אַ מאָנומענט פון אומשטערבלעכקייט!

מרדכי געבירטיק האָט געהערט צו די ערשטע ייִדן אין פּוילן, וואָס האָבן אויף זיך דערפילט די ברוטאַלע נאַצישע לאַפּע. ער האָט געוווינט אין קראָקע, וואָס איז באַלד אין די ערשטע מלחמה־טעג באַזעצט געוואָרן פון די דייטשישע „קולטור־טרעגער". דעם 24טן אָקטאָבער 1940 ווערט ער, צוזאַמען מיט די קראָקעווער ייִדן, אַרויסגעשיקט אין דער „ייִדן־שטאָט" לאַגעווניקי, הינטער קראָקע. דאָרט שאַפט ער אַ רייע לידער. איינס פון זיי, וואָס איז געשריבן געוואָרן אונטערן איינדרוק פון דעם שרעקלעכן טעראָר, הויבט זיך אָן אַזוי:

„און איך זאָג אייך, ברידער,
געדענקט וואָס איך זאָג.
די איינציקע טרייסט און נחמה —
ס׳וועט קומען, איר הערט?
ס׳וועט קומען דער טאָג,
וואָס וועט פאַר אונדז נעמען נקמה!
נקמה פאַר אונדזערע ליידן און פּיין,
פאַרן בלוט, וואָס די שונאים פאַרגיסן,
נקמה פאַר די, וואָס פון זייער געביין
וועט קיינמאָל קיין מענטש זיך דערוויסן —
נקמה פאַר רשעות, אין סדום נישט געהערט,
פאַר מאַמעס, יתומים, אלמנות.
נקמה וועט שרייען אַרויס פון דער ערד
דאָס בלוט פון מיליאָנען קרבנות!"

געבירטיק האָט די נקמה נישט דערלעבט, לײדער נישט אַפילו מיט דעם, וואָס ער האָט נישט, ווי מיר, געציילטע, באַוויזן איבערצולעבן היטלערן.

נאָך דער „ליקווידאַציע" פון לאַגעווניקי ווערט געבירטיק אַריינגעוואָרפן אין קראָקעווער געטאָ.

ווי עס האָט מיר איבערגעגעבן דער על פּי נס אָפּגעראַטעוועטער

יידישער שרייבער און היסטאָריקער יוסף וואָלף, וואָס האָט מיט אים דורכ־געמאַכט דאָס קראָקעווער געטאָ, איז ביי געבירטיקן אין שטוב (אין גע־טאָ) געשאַפן געוואָרן דער איינציקער אָאַזיס, ווו דאָס ביסל קולטור־טוער אין קראָקע האָבן זיך נאָך געקענט אויסלעבן. עס פלעגט אַריינ־קומען צו אים, צווישן אַנדערע, דער באַרימטער קונסט־מאָלער אַברהם ניימאַן, וואָס איז מיט זיין ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט ווי פאַרשטומט גע־וואָרן אין אָנבליק פון געבירטיקס רו.

אויך אין די שוידערלעכסטע באַדינגונגען פון קראָקעווער געטאָ, אין וועלכע ס׳איז אויסגעקומען צו לעבן מרדכי געבירטיקן, האָט ער ווייטער געשאַפן, ווייטער אויסגעזונגען די ליידן און גרוילן פון זיין, צום טויט־פאַרמשפּט, פאָלק.

דיאַנאַ בלומענפעלד האָט אין וואַרשעווער געטאָ דערהאַלטן פון גע־בירטיקן פון קראָקעווער געטאָ זיינע צוויי נייע לידער. ער האָט איר צוגעשיקט אַ בריוול, אין וועלכן ער האָט געשריבן, צווו. אַנד.: „...הלוואי זאָל מיר נאָך באַשערט זיין צו הערן אייך זינגען מיינע לידער"... ליידער איז עס שוין געבירטיקן נישט באַשערט געווען.

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פונעם קראָקעווער געטאָ, האָבן די דייטשן, דעם 4טן יוני 1942, אינעם „בלוטיקן דאָנערשטיק" אַרויסגעפירט אַ פאַרטיע יידן, פרויען, קינדער און זקנים, כדי זיי אַוועק־צושיקן אין טויט־לאַגער בעלזשעץ. צווישן די דאָזיקע „אומגליקלעכע" יידן האָבן זיך אויך געפונען: דער באַרימטער קונסט־מאָלער אַברהם ניי־מאַן און דער גרויסער יידישער פאָלקס־דיכטער און קאָמפּאָזיטאָר מרדכי געבירטיק.

דער ערשטער איז אויפן וועג צו די וואַגאָנען דערשאָסן געוואָרן אַברהם ניימאַן; נאָך אים — זיין בעסטער פריינט מרדכי געבירטיק. דאָס האָט זיי פאַרשפּאָרט דעם טעם פון די בעלזשעצער גאַז־קאַמערן.

20 נישט־פאַרעפנטלעכטע פאָלקס־לידער, געשאַפן אין דער מלחמה־צייט, און איבער 100 אַלטע לידער זענען געבליבן בירושה נאָך מרדכי געבירטיק. זיי וועלן אַריבער לדור־דורות, צוזאַמען מיטן נאָמען פון זייער שעפער, דעם טרובאַדור פונעם יידישן ליד — מרדכי געבירטיק.

דר׳׳ דורות גימפעל

אַ געוועזענער כאָריסט פון דער פוילישער שטאָט־אָפּערע און אָפּע־רעטע, דער העלדן־טענאָר יעקב בער גימפּעל, האָט אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו צו גרינדן אין לעמבערג אַ שטענדיק יידיש טעאַטער — דאָס ערשטע יידישע טעאַטער, — ווו מען זאָל שפּילן גאַנצע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. דאָס איז געווען אין די אַכציקער יאָרן פון 19טן יאָר־הונדערט.

ביז דעמאָלט האָט מען אין לעמבערג נאָך נישט געוווּסט פון אַזאַ מין זאַך. ביז דעמאָלט האָבן נאָר די „בראָדער זינגער" און פאָלקס־זינגער אויסגעפּילט דעם מאַנגל פון יידישן טעאַטער, אויפטרעטנדיק אויף די „ברעטלעך" פון פאַרשיידענע לעמבערגער ווײַנקעלערס, שענקן, ווי אויך אין די גערטנדלעך און רעסטאָראַנען. זיי האָבן געזונגען לידער און גע־געבן סצענעס, וואָס האָבן געדאַרפט פריילעך מאַכן דעם עולם, וועלכער איז געזעסן אויסגעזעצט ביי טישלעך און זיך משמח געווען מיט די פאָלקס־קינסטלער, פאַרטרינקענדיק דערביי אַ געשמאַק גלעזל וויין.

און ס׳איז געווען פון וואָס זיך משמח צו זיין, ווען מען האָט געהאַט פאַר זיך אַזעלכע גלענצנדיקע כוחות און „פריילעך־מאַכער", ווי חיים בענדעל, חנא שטרודלער, יואל דער מצבה־שלעגער (גלאַנץ), די ברידער הערמאַן און משה וויינבערג מיט זייערע פרויען, דוד שטעפּלער (פּאַרקע), יוסף וויינשטאָק מיט זיין פרוי, — די שפּעטערדיקע פרימאַדאָנע פרידמאַן, דעסער מיט זיין פרוי, משה קאָפּ, בענעדיקט שאַפּיר און אַנדערע. די דאָזיקע „פריילעך־מאַכער" האָבן זומער־צייט געשפּילט אין יאשא האַנדס גאָרטן און ווינטער — אין פאַרשיידענע שענקן.

יאָנאָס טורקאָוו

יעקב בער גימפעל האָט געהאַט די גרויסע אַמביציע צו שאַפן אַ שטענדיק יידיש טעאַטער מיט לייטן צוגלייך, וואָס זאָל שפּילן גאַנצע פאָר־שטעלונגען.

מיטן דאָזיקן געדאַנק האָט ער זיך אַרומגעטראָגן אַ פּאָר יאָר און עס איז אים נישט לייכט אָנגעקומען דאָס צו רעאַליזירן. ער האָט אויף זיין וועג אָנגעטראָפן פיל שטערונגען. קודם־כל איז אוממעגלעך געווען צו קריגן אַ טעאַטער־זאַל. ער האָט אויך געהאַט אויסצושטיין ביטערע צרות מצד די פרומע יידן, וועלכע האָבן אים געדראָט מיט די שאַרפסטע קאָנ־סעקווענצן, אויב ער וועט אָפּטון אַזאַ „חילול־השם״. אַפילו די קאָנסערוואַ־טיווע לעמבערגער יידישע קהילה האָט איינגעריסן וועלטן, כדי דאָס נישט צו דערלאָזן. אויסער דעם האָט מען געדאַרפט האָבן אַ קאָנצעסיע פון דער רעגירונגס־מאַכט, כדי צו קענען עפענען אַ טעאַטער.

יעקב בער גימפעל איז אָבער געווען אַ ייד אַן עקשן. וואָס מער שוועריקייטן ער האָט געהאַט, אַלץ מער האָט ער זיך דערצו אָנגעצונדן. באַקומענדיק אין יאָר 1889 אַ קאָנצעסיע אויף צו שפּילן יידיש טעאַטער, האָט ער זיך ווייטער געמיט און ס׳איז אים געלונגען צו קריגן אַ גרע־סערן זאַל אין אַן אייזנגיסעריי אויף דער ברייטער גאַס (שפּעטערדיקע — גראָדעצקאַ). ער האָט דאָרט אויפגעשטעלט אַ בינע און אין אַ מזלדיקער שעה געעפנט דאָס ערשטע יידישע טעאַטער אין לעמבערג.

איין זאַך, וואָס מען האָט ביי גימפּעלן נישט געקענט פועלן, איז דאָס, אַז ער זאָל אַנגאַזשירן צו זיך אין טעאַטער אַ געוויסע צאָל פון די „בראָ־דער זינגער״.

— נימאלס, — האָט ער געענטפערט (ער האָט ביזן סוף פון זיין לעבן גערעדט דייטש), — ווערדע איך אין מיין טעאַטער אַנשטעלן די ברעטעל־שאַושפּילער...

דאָס האָט ער געמיינט די אַקטיאָרן־פאָלקס־זינגער, וואָס טרעטן אויף אין די שענקן און ווייגקעלערס. ער האָט זיך מיט גרויס ביטול באַצויגן צו דעם אַרט אַקטיאָר, הגם צווישן זיי זענען געווען גאָר גרויסע טאַלאַנטן. ביי דער דאָזיקער איינשטעלונג איז ער געבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן און דאָס איז אויך אַריבער בירושה צו זיינע קינדער. פאַר אַן איינאָונאיינ־

ציקן „בראָדער זינגער" האָט גימפּעל יאָ געמאַכט אַן אויסנאָם — פאַר יוסף וויינשטאָק.

אין דער אייזנגיסעריי האָט מען געשפּילט צוויי יאָר יידיש טעאַטער, דערנאָך איז דאָס טעאַטער איבערגעפירט געוואָרן אין „פאָד סאָראָקאָן", נעבן דער פראַנץ־יאָזעף־גאַס. דאָרט איז געווען אַ גרויסער זומער־גאָרטן, ווו מען האָט געשפּילט, און אין פאַל פון אַ רעגן — אין אַ פאַרמאַכטן זאַל. נאָכדעם האָט גימפּעל געדונגען דאָס טעאַטער אויף יאַגעלאָנער גאַס 11, ווו עס איז געווען אַ קליין טעאַטערל, אָדער, ווי מען האָט עס גערופן — „בודע", און אַ גרויסער גאָרטן. דאָרט האָט ער, און די איבער־ריקע גימפּעלס, געשפּילט, מיט קליינע אויסנאַמעס, ווען זיי זענען אַריבער אינעם גרויסן טעאַטער „קאָלאָסעאום" אויף סלאָנעטשנע גאַס, ביזן סוף פונעם גימפּעל־טעאַטער.

יעקב בער גימפּעל איז געווען אַן אינטערעסאַנטער טיפּ מענטש און שוין מיט זיין אויסערלעכקייט האָט ער געמאַכט אַן אימפּאָזאַנטן איינ־דרוק, אַ דאַנק זיין אַטלעטישער פיגור. ער איז געווען הויך און דיק, מיט אַ פּאָר גרויסע, לאַנגע וואָנסעס, און האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ פּוי־לישער „שליאַכטשיץ". זיין ליבשאַפט צום יידישן טעאַטער איז אויך גע־ווען שטאַרק אָריגינעל. קיין יידיש וואָרט האָט ער נישט געקענט. ער האָט גערעדט דייטש. אויב עמעצער פון די אַקטיאָרן אין זיין טעאַטער האָט גערעדט אויף דער בינע יידיש, האָט גימפּעל אַ צווייט מאָל דערצו נישט דערלאָזט.

— אויף דער בינע — האָט ער געזאָגט — דאַרף מען רעדן מיט דער יום־טובדיקער שפּראַך, נישט אַזוי ווי די „געמיינע לויטע" (פּראָסטע מענטשן) רעדן צווישן זיך... אויב מען וועט רעדן אויף דער בינע „זשאַר־גאָן", טאָ מיט וואָס וועט מען זיך אונטערשיידן פון די „ברעטעל־זינגער?" (ער האָט געמיינט די בראָדער און פאָלקס־זינגער).

זיין שטאַנדפּונקט איז געווען, אַז דער עולם וויל הערן פון דער בינע אַ שיינע שפּראַך — און דאָס איז געווען ביי אים דייטש...

און נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, נישט געקוקט אויף זיינע „אָרי־גינעלע" און מאָדנע באַגריפן, האָט ער זייער ליב געהאַט דאָס יידישע טעאַטער!

פון ערנסטן טעאַטער, דאָס הייסט: אַ טעאַטער־פּאָרשטעלונג אָן געזאַנג און טענץ, האָט ער נישט געהאַלטן. אַן אַקטיאָר, וואָס האָט נישט געזונגען, ד״ה אַ דראַמאַטישער אַקטיאָר, האָט געהייסן ביי אים אַ „רעדער״, און אַזעלכן האָט ער נישט אָנערקענט.

דאָס טעאַטער וואָס יעקב בער גימפּעל האָט געעפנט, האָט ער אָנגערופן „יידיש־פּויליש״ טעאַטער. דאָס האָט אָבער אַרויסגערופן אַ שטורם פון פּראָטעסט ביי דער פּוילישער עפנטלעכקייט און ער האָט באַלד געמוזט ענדערן דעם נאָמען און אָנרופן עס „דייטש־יידיש טעאַטער״. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט מען עס שוין גערופן „יידיש טעאַטער״, אָדער איינפאַך — „גימפּעל־טעאַטער״. דאָס וואָרט „דייטש״ האָט אַראָפּגענומען פונעם אַפיש יעקב בערס זון, עמיל גימפּעל, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

גימפּעל האָט, גרינדנדיק דאָס טעאַטער, אַרויסגענומען פון כאָר פונעם פּוילישן טעאַטער, וווּ ער האָט אויך געזונגען, צוויי יידישע כאָריסטינס און זיי אַריינגענומען צו זיך אין יידישן טעאַטער. מיט דער צייט זענען זיי געוואָרן די זיילן פונעם יידישן טעאַטער אין לעמבערג און — שפּעטער — אין אַמעריקע. איינע פון זיי האָט געהייסן רעגינאַ פּראַגער (שפּעטער — צוקערבערג); די צווייטע — פרידאַ געשפּאַס (שפּעטער: זיבעל).

דורך גימפּעלס טעאַטער זענען דורכגעגאַנגען אַזעלכע שוישפּילער ווי טאַבאַטשניקאָוו, טאַנצמאַן מיט דער פרוי, בער בערנשטיין, אָדער, ווי מען האָט אים גערופן, — בערל האָפּקע (ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער טענצער), יוסף עסקרייז, וועלכער האָט אויך אַ צייט לאַנג דיריגירט מיטן אָרקעסטער ביי גימפּלען, בערנאַרד ווילענסקי מיט זיין פרוי מערי ווילענסקי, אַברהם פישקינד, לייזער גאָלדשטיין, קלמן יאָווילער מיט דער פרוי, איציקל גאָלדענבערג מיט דער פרוי, אברהם אַקסעלראַד, יונה רייזמאַן, פּיטער גראַף, שראַמעק, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ באַקאַנטער חזן אין אַמעריקע, יוסף בוקסבוים, דער בלינדער קאַרל זילבער, אָדער, ווי מען האָט אים גערופן — דער בלינדער זילבער, בערטאַ קאַליש, וואָס האָט אָנגעהויבן ביי גימפּעלן אין טעאַטער אַלס כאָריסטין און שפּעטער געוואָרן איינע פון די גרעסטע שוישפּילערינס אין אַמעריקע; לאָרעסקאָ,

אַדעלאַ קערנער, חנא וואָלפּסטאַל — אַלס דיריזשאָר פֿונעם אָרקעסטער, אַנאַ ברי (די שפּעטערדיקע פֿרוי פֿון באַרימטן שוישפּילער־זינגער אַדאָלף מעלצער) און איר שוועסטער ראָזאַ ברי (די שפּעטערדיקע פֿרוי פֿונעם גרויסן ייִדישן שוישפּילער סעם שילינג), — צוויי טייערע שיינע מיידלעך, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַלס כאָריסטינס און שפּעטער, נאָכן אָפּפֿאָרן קיין אַמעריקע פֿון רעגינאַ פּראַגער און פֿרידאַ געשפּאַס, האָבן זיי פֿאַרנומען ביי גימפּעלן אין טעאַטער דאָס ערשטע אָרט אַלס פּרימאַדאָנע און סובּרעטין; זעליק שאָר, דער פֿאָטער פֿון משה שאָר. שפּעטער האָט אויך משה שאָר אָנגעהויבן צו שפּילן ביי יעקב בער גימפּעלן עפּיזאָדן־ראָלן. נאָכדעם אָבער ווי כמעט אַלע זענען פֿון גימפּעלן אַוועק קיין אַמעריקע, איז משה שאָר, אַלס דער איינציקער אין דער גייער טרופּע, וואָס האָט געקענט לייענען ייִדיש, געוואָרן דאָרט סופֿליאָר. אין דער זעלביקער צייט האָט משה שאָר אָנגעהויבן צו שרייבן פּיעסן. זיין ערשטע פּיעסע, וואָס ער אַליין האָט אויפֿגעפֿירט ביי גימפּעלן אין לעמבערג, איז געווען: „דער ייִדישער פֿאַוסט“. אין די לעצטע יאָרן פֿון יעקב בער גימפּעלס הערשאַפֿט האָבן אָנגעהויבן ביי אים צו שפּילן: אַדאָלף מעלצער, סעם שילינג און יודל גוטמאַן.

יעקב בער גימפּעל האָט געהאַט צוויי זין — איינער האָט געהייסן: עמיל, וועלכער איז מיט דער צייט געוואָרן געשעפֿטס־פֿירער אין זיין טעאַטער; דער צווייטער — אַדאָלף, האָט געלערנט מוזיק אין קאָנסערוואַטאָריע.

דער אַלטער גימפּעל האָט קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט קיין אַקטיאָר פֿון דער טרופּע און ער האָט דאָרט געקענט אויסלעבן זיינע יאָרן. די דאָזיקע שיינע חזקה האָט אויך איבערגענומען זיין יורש און נאָכפֿאָלגער — עמיל, ביי וועלכן אַקטיאָרן האָבן נישט געדאַרפֿט מורא האָבן צו פֿאַרלירן זייער אַרבעט.

ווי געזאָגט, האָט דער אַלטער גימפּעל גערעדט נאָר דייטש. די פּיעסן, וועלכע מען האָט לרוב אימפּאָרטירט פֿון אַמעריקע, זענען אויך געווען געשריבן דייטשמעריש. גימפּעל האָט געהאַט אַ טבע צו פֿאַרקירצן אַלע פּיעסן. ווען מען האָט אים געפֿרעגט (צו אים האָט מען זיך אויך געמוזט ווענדן אין דייטש):

— וואָס שפּילט מאַן הויטע, הער דירעקטאָר? — האָט ער געענט־פערט: — איך שפּילע הויטע דען „יאָזעל" (ד"ר יאָזעלמאַן), אָדער „דאָס צענטע" (דאָס צענטע געבאָט), אָדער „הערצעלע" (הערצעלע מיוחס) אאַ"וו.


יעקב־בער גימפּעל

עמיל גימפּעל

אַדאָלף גימפּעל

טיילמאָל האָט ער זיך אין זיין נאַאיווקייט אַזוי פאַרגאַלאָפּירט, אַז ווען מ'האָט אים געמאָלדן, אַז דער כאָריסט פון זיין טרופּע וואָלין (אַ פע־נאָמענאַלער באַס) איז קראַנק געוואָרן, האָט ער אויסגעשריִען:

— יאָ, דאָס מאַכט ניכטס, זאָל די פּעני זינגען באַס (ס'מאַכט נישט אויס, זאָל פּעני — די בעסטע כאָריסטין פון טעאַטער — זינגען באַס)...

אָדער אַ צווייט מאָל, ווען ס'האָבן אין אַ געוויסן טאָג פאַרשטרייקט די שוועסטערס ברי און באַין אופן נישט געוואָלט אויפטרעטן, אַזוי, אַז ס'האָט אויסגעפּעלט אַ פּרימאַדאָנע, האָט גימפּעל געהייסן רופן צו זיך אַדע־לאַ קערנער, — זי זאָל אויפטרעטן. גראָד אין דעם טאָג איז פאָרגעקומען די חתונה פון אַדעלאַ קערנער מיט ראָזענטאַלן. מען האָט גימפּעלן דער־קלערט, אַז ס'איז דאָך אוממעגלעך זי זאָל היינט אָוונט אויפטרעטן, ווייל זי וועט שטיין אונטער דער חופּה. אויף דעם האָט גימפּעל געענטפערט:

— דאָס גיבטס ניכט, זאָל זי צוערסט שפּילן אונד נאַכהער הייראַטן (אַזוי קען נישט זיין, פריִער זאָל זי שפּילן און דערנאָך חתונה האָבן...).

נישט געקוקט אויף אַלע זיינע חסרונות, האָבן די אַקטיאָרן זייער ליב געהאַט דעם אַלטן גימפּעל. ער איז געווען אַן ערלעכער און יושרדיקער

מענטש. פּונקט ווי גרויס ער איז געווען, אַזוי נאַאיוו איז ער אויך געווען. ער האָט נישט פיינט געהאַט צו מאַכן אַ שנאַפּס, און דעמאָלט האָט ער געקענט לאָזן אין גאַנג זיין גרויסע פאַנטאַזיע און דערציילן נישט גע־שטויגענע זאַכן, אין וועלכע ער אַליין האָט געגלויבט.

זומערצייט פלעגט ער מיט זיין טרופּע אַרויספאָרן אויף דער פּראָווינץ. ווי געווײנלעך, פלעגן די טעאַטער־פּאַטריאָטן אויף דער פּראָווינץ אַרומ־רינגלען דעם דירעקטאָר גימפּעל און געוואַרט אויף אַ גוט וואָרט פון אים. דעמאָלט האָט ער זיך געפילט ווי אַ קיניג אויפן טראָן. ער פלעגט זיי דערציילן פאַרשיידענע מעשיות וועגן זיינע אויפטוען אויפן טעאַטער־געביט; וואָס פאַראַ ריזן־סומעס עס קאָסט אים אָפּ די אויסשטאַטונג פון יעדער פּיעסע (די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פלעגט ער תמיד מיטנע־מען מיט זיך אויפן טור). אָט, למשל, זאָגט ער, קאָסט אים בלויז דער פאָרהאַנג — צוואַנציק טויזנט גולדן... אין דער אמתן האָט דער פאָרהאַנג געקאָסט ביי טויזנט גולדן. ווען ער פלעגט דערציילן זיינע פאַנטאַסטישע מעשיות, — פלעגט ער שטענדיק צורופן אַלס עדות איינעם פון זיינע אַקטיאָרן און יענער האָט געמוזט באַשטעטיקן די ווערטער פונעם דירעק־טאָר, נישט וועלנדיק מאַכן פון אים קיין ליגנער. יעדן איינעם פלעגט יעקב בער גימפּעל רופן נישט אַנדערש, ווי: „מיין קינד". אַלע האָבן זיך טאַקע באַצויגן צו אים ווי צו אַ טאַטן. ער איז באמת געווען דער טאַטע פונעם יידישן טעאַטער אין לעמבערג.

ביי יעקב בער גימפּעלן האָט אַברהם גאָלדפאַדן אויפגעפירט צום ערשטן מאָל אין לעמבערג זיין „יהודית הולפרנוס", „משיחס צייטן", „ד״ר יאָזועלמאַן" און „לא תחמוד" (דאָס צענטע געבאָט).

אויך יעקב גאָרדין איז געווען ביי גימפּעלן.

משה ריכטער האָט אויך דעביוטירט אַלס שרייבער ביי יעקב בער גימפּעלן אין יאָר 1897, אויפפירנדיק „חרם דרבינו גרשום", דערנאָך — „הערצעלע מיוחס".

„הערצעלע מיוחס" איז געווען די ערשטע פּיעסע אין לעמבערגער יידישן טעאַטער, וואָס האָט באַרירט אַ סאָציאַלן פּראָבלעם און דערפאַר האָט זי געטראָפן צום געשמאַק פונעם דעמאָלטיקן טעאַטער־עולם. אַגב איז משה ריכטער געווען אויך דער שפּראַך־רעוואָלוציאָנער אין לעמ־

בערגער ייִדישן טעאַטער. ביי אים האָבן די העלדן פון זיין פּיעסע גערעדט אויף ייִדיש. און נישט געקוקט אויף אַלע פּראָטעסטן פון אַלטן גימפּעל, אַז מען מאַכט אים אומגליקלעך; אַז מען וועט אים, צוליב דעם, פאַרטרייבן דעם עולם פון טעאַטער, האָט משה ריכטער באַין אופן נישט געוואָלט אַנדערש די פּיעסע שטעלן. און ווער שמועסט נאָך, אַז די פּיעסע האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם און יעדן אָוונט איז דאָס טעאַטער געווען איבערגעפּולט, האָט יעקב בער גימפּעל שוין שפּעטער געמוזט נאָכגעבן, ווען מען האָט אויף דער בינע פון זיין ייִדיש טעאַטער אָנגעהויבן רעדן ייִדיש...

אין ייִדישן טעאַטער האָט געמוזט שפּילן אַ מיליטערישער אָרקעסטער פון דער עסטרייכישער אַרמיי. דער דיריזשאָר איז צו יענער צייט געווען אַ גוי, מיטן נאָמען יאָזעף פלעצעטי, אָדער, ווי מען האָט אים גערופן: „יאָסל". היות „יאָסל" האָט דיריגירט לויטן מיליטערישן סטאַמפּ, און אַדאָלף גימפּעל איז געווען אַ פּיל בעסערער דיריזשאָר פון אים, האָט מען אויסגעפּועלט ביי „יאָסלען", אַז די „פּרעמיערעס" זאָל דיריגירן אַדאָלף גימפּעל. ער האָט נאָר געמוזט אָנטון אַ מיליטערישן מונדיר בעת ער האָט דיריגירט מיטן אָרקעסטער און געמוזט די גאַנצע צייט זיצן אַזוי, אַז מען זאָל אים נישט דערקענען.

נאָך יעקב בערס טויט (יאָר 1906) האָט עמיל, וואָס איז געווען פּיפּיקער פון אַדאָלפן, איבערגענומען די קאָנצעסיע אויף דעם טעאַטער, די גאַנצע טעאַטער־ביבליאָטעק מיט די פּיעסן, אַלע קאָסטיומען, דעקאָראַציעס און... אַנגאַזשירט דעם ברודער אַדאָלף אַלס אָנגעשטעלטן אין טעאַטער, איינצולערנען די אַקטיאָרן זינגען, און צו דיריגירן פון צייט צו צייט מיטן אָרקעסטער (שפּעטער איז אַדאָלף גימפּעל געוואָרן דער הויפּט־דיריזשאָר פונעם אָרקעסטער).

אַזוי ווי די מוזיק האָט געהאַט ביי זיך אַדאָלף, האָט ער די נאָטן נישט געוואָלט צוריקגעבן עמילן. עמיל ווידער האָט אָנגעזאָגט דעם סוף־ליאָר, אַז נאָכן פאַרענדיקן די פאָרשטעלונג, מוז ער אים צוריקגעבן אין דער האַנט אַריין די פּיעסע. די פּיעסן האָבן דעריבער געהערט צו עמילן, און די נאָטן — אַדאָלפן. אַדאָלף האָט זיך געהייסן באַצאָלן פאַר די נאָטן פאַר יעדן מאָל שפּילן.

דער דאָזיקער קאַמף צווישן די צוויי ברידער איז אָנגעגאַנגען ביזן סוף פון זייער לעבן. זיי האָבן צווישן זיך נישט גערעדט. עמיל איז מיט דער צייט געוואָרן אַ גביר און אַדאָלף איז געבליבן אַ קבצן. אַדאָלף האָט אָבער געהאַט דריי גערעטענע זין — אַלע באַרימטע מוזיקער: קאַראָל — באַרימטער פּיאַניסט און דיריגענט; קובאַ — פּיאַניסט־באַגלייטער און בראָניסלאַוו גימפּעל — וועלט־באַרימטער פידל־ווירטואָז.

להיפּוך צו יעקב בערן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ריז, זענען זיינע ביידע זין, עמיל און אַדאָלף, געווען קליינע.

עמיל גימפּעל איז נישט געווען אַזוי באַליבט ביי די אַקטיאָרן, ווי זיין פאָטער יעקב בער, הגם ער איז, פונקט ווי זיין טאַטע, געווען אַן ערלע־כער מענטש און קיינעם, אויסער דעם אייגענעם ברודער, נישט באַעוולהט. עס האָט אים אָבער געפעלט די גוטמוטיקייט און ברייטהאַרציקייט פון זיין פאָטער יעקב בער.

להיפּוך צו יעקב בערן, איז עמיל געווען אַ פאַרמאַכטער אין זיך, אַ צוריקגעצויגענער, אַ ווייניק־באַרעדעוודיקער און שטילער. ער האָט געשמט מיט זיין קאַרגשאַפט, וואָס איז שוין פּשוט דערגאַנגען ביז צו אַן אַבסורד. האָבן חברה־אַקטיאָרן אים אָפּגעטון פאַרשיידענע צו־להכעיס־שפּיצלעך, ווי, למשל, איבערגעשניטן אַ דעקאָראַציע, ער זאָל מוזן מאַכן אַ נייע אַא״וו.

דער אַקטיאָר לייב קאַליש, וואָס איז געווען באַקאַנט פאַר אַ גרויסן ווויצלער, האָט אים אָפּגעטון אַזאַ שפּיצל: ער פלעגט אַהיימנעמען אַ קאָס־טיום פון טעאַטער, מאַכן דערפון אַ פּעקל און צומאָרגנס קומען צו דער פאָרשטעלונג מיטן פּעקל אונטערן אָרעם. כדי אַריינצוקומען אין טעאַטער, האָט מען געמוזט פאַרבייגיין די הויפּט־טיר, וועלכע עמיל גימפּעל פלעגט קאָנטראָלירן און זי נישט אָפּלאָזן אויף קיין רגע, עס זאָל זיך קיינער נישט אַריינגנבענען אין טעאַטער אָן אַ בילעט — און ביי אים האָט קיין שפּילקע נישט געקענט דורך, ער זאָל עס נישט באַמערקן.

ווען גימפּעל האָט באַמערקט קאַלישן מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם (ער האָט געוווּסט, אַז קאַליש האַנדלט מיט פאַרשיידענע זאַכן), האָט ער אים געפרעגט, וואָס ער האָט צו פאַרקויפן. קאַליש האָט אים געענטפערט,

אַז עס איז שוין פֿאַרקויפֿט און דער סוחר וועט היינט קומען נאָך דעם אין טעאַטער אַריין.

— אָבער קענסט עס דאָך מיר ווייזן, כ׳וועל עס נישט אויפֿעסן — האָט צו אים געזאָגט גימפּעל.

— צו וואָס זאָל איך עס אייך ווייזן, אַז כ׳האָב עס שוין סיי ווי פֿאַר־קויפֿט!

קאַליש האָט אים אַזוי לאַנג „אָנגעצויגן״, ביז גימפּעל האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזט און ער האָט געמוזט עפֿענען דאָס פּעקל. גימפּעל האָט עס גוט באַטראַכט און געפֿרעגט, וויפֿל דער קונה גיט אים דערפֿאַר. קאַליש האָט געזאָגט דעם פּרייז.

— טאָ נאַ־זשע דיר דאָס געלט און פֿאַרקויף עס מיר.

— אַז כ׳האָב עס שוין פֿאַרקויפֿט, קען איך דאָך צוויי מאָל נישט פֿאַרקויפֿן די זעלביקע זאַך — זאָגט קאַליש, אָן אַ שמייכל אויפֿן פּנים.

— אַז דו האָסט עס נאָך ביי זיך, הייסט עס נישט פֿאַרקויפֿט — און מיט די ווערטער שלעפּט ער אים מיט געוואַלט אַרויס דאָס פּעקל און באַ־צאָלט אים די פֿאַרלאַנגטע סומע.

אייניקע מאָל האָבן זיך איבערגעחזרט די דאָזיקע „טראַנזאַקציעס״ און גימפּעל האָט נישט געוווּסט, אַז ער קויפֿט זיינע אייגענע זאַכן (ער האָט זיי געהאַט אַזוי פֿיל, אַז ער אַליין האָט זיי נישט דערקענט), ביז אַלע אַרום האָבן שוין הויך דערפֿון גערעדט און ס׳איז דערגאַנגען צו גימפּעלן. אָן אויפֿגערעגטער לויפֿט אַריין גימפּעל צו קאַלישן אין דער גאַרדעראָב:

— דו לאָבוז, דו באַגנבעסט מיך און דערנאָך פֿאַרקויפֿסטו מיר די גנבה?!

— ערשטנס, באַגנבע איך אייך נישט, נאָר כ׳באָרג אויס די זאַכן; צווייטנס, רייסט איר עס דאָך מיר אַליין אַרויס פֿון דער האַנט און איר גיט מיר נאָך דערצו געלט. וויפֿל איך וויל נאָר אַליין! — זאָל איך נישט נעמען?

די דאָזיקע שפּיצלעך פֿלעגט מען אים אָפּטון נישט פֿון בייזוויליקייט, נאָר פּשוט, כדי זיך מיט אים אַ ביסל צו רייצן, צוליב זיין גרויסער קאַרגשאַפֿט.

זומער־צייט פלעגן קומען צו אים אַקטיאָרן — געסט פון אַמעריקע (עמיל גימפעל האָט פיינט געהאַט צו רירן זיך פון אָרט און ער פלעגט נישט אַרויספאָרן אויף אַ טורנע איבער דער פּראָווינץ, ווי זיין פאָטער פלעגט עס טון). די געקומענע „סטאַרן" פלעגן שפּילן אין גאָרטן־טעאַטער און דעמאָלט זענען טאַקע געוואָרן די גרעסטע געשעפטן, ווייל דער ווינ־טער־זאַל איז געווען צו קליין, אַזוי, אַז ס'האָט זיך נישט געלוינט נישט פאַר די געסט און נישט פאַר דער דירעקציע. עס זענען צו גימפּעלן געקו־מען אויף גאַסט־אויפטריטן: זיגמונט פיינמאַן, לואיס היימאַן, מאָריס מאָש־קאָוויטש, היימאַן מייזעל (אין „שמאַטע־קליבער" — די ראָל האָט שפּע־טער איבערגענומען סעם שילינג און געהאַט אין איר אַ ריזיקן דערפאָלג); יעקב זילבערט, דינה פיינמאַן, באָריס טאָמאַשעווסקי און פיל אַנדערע.

אויף איין גאַסטראָליאָר, דזשאָו (יוסף) קעסלער, וואָס איז געקומען פון לאָנדאָן, וויל איך זיך דאָ אָפּשטעלן, ווייל ס'איז פאַרבונדן מיט אַ כאַ־ראַקטעריסטישן עפּיזאָד. דזשאָו קעסלער איז אויפגעטראָטן אין לעמבער־גער ייִדישן טעאַטער אין שעקספּירס „האַמלעט" — ס'ערשטע מאָל אויף דער ייִדישער בינע אין לעמבערג.

ווי נאָר מען האָט אַנאָנסירט, אַז דער באַרימטער שוישפּילער דזשאָו קעסלער פון לאָנדאָן וועט שפּילן „האַמלעט", האָבן זיך פלוצלונג באַוויזן אין גאַס פלוג־בלעטלעך, אין וועלכן מען האָט געפאָדערט, אַז „האַמלעט" זאָל געשפּילט ווערן אויף ריין־ייִדיש און נישט אויף דייטשמעריש.

צו דער פּרעמיערע פון „האַמלעט" זענען אַלע בילעטן געוואָרן פון פריִער אויספאַרקויפט. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צונויפזאַמלען פאַרן טעאַטער, לאַנג פאַרן אָנהויב פון דער פאָרשטעלונג. צווישן פאַרזאַמלטן עולם האָט זיך אָנגעהויבן אַ הייסע דיסקוסיע, צי ייִדישע אַרטיסטן דאַרפן שפּילן אין דייטש, צי אין ייִדיש. דער צד, וואָס איז באַשטאַנען פון גראָבע יונגען (אין גאַליציע, אין פראַנץ־יאָזעפס צייטן פלעגן גראָבע יונגען אויך רעדן דייטש), האָט געשריגן, אַז מען מעג שפּילן אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך מען וויל, אַבי מען זאָל שפּילן „מאַמלעט" (אַזוי האָט ביי זיי געהייסן „האַמלעט"); דער צווייטער צד, וואָס איז באַשטאַנען פון מער אויפגעקלער־טע, ס'רוב — יוגנט, האָט געוואָלט הערן אויף דער ייִדישער בינע — די ייִדישע שפּראַך.

די דיסקוסיע איז געוואָרן וואָס אַמאָל הייסער — ביז ס׳איז אויסגע־בראָכן אַ גרויס געשלעג. מען האָט אַרויסגערופן פּאָליציי, וועלכע האָט זיך אָבער נישט געקענט קיין עצה געבן מיטן צעיושעטן עולם און זי האָט געמוזט אַראָפּברענגען אויפן „שלאַכט־פעלד" רייטער־פּאָליציי, וועל־כע האָט ענדלעך באַרואיקט דעם עולם...

ביזן אָנהויב פון דער פאָרשטעלונג איז דער עולם צוריקגעקומען און דאָס מאָל — רואיק אַריין אין זאַל. איצט איז די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געווען געווענדט צו דער בינע. ווען דזשאָו קעסלער האָט אָנגעהויבן צו רעדן (דייטש, פאַרשטייט זיך), האָבן זיך דערהערט פון זאַל אויסגע־שרייען: „ייִדיש, ייִדיש!" — אויף דעם האָט די „גאַלעריע" געענטפערט, אַז אויב ס׳וועט נישט ווערן שטיל, וועלן זיי אַראָפּ אין זאַל און „באַנייען דעם קאַמף"...

עס האָט זיך ענדלעך באַרואיקט. דזשאָו קעסלער האָט אויסגעזען אַזוי אימפּאָזאַנט, אַזוי שיין אין זיין קאָסטיום מיט די טריקאָטן, אַז דער עולם האָט פאַרגעסן וועגן „ייִדיש", וועגן זיין שפּילן, און איז געזעסן פאַרגאַפט פון זיין שיינקייט...

דער רעזשיסאָר פון דער פאָרשטעלונג איז געווען יודל גוטמאַן. נאָך פאַר דער פאָרשטעלונג האָט עמעצער פונעם עולם אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז גוטמאַן האָט עס אונטערגעשטעלט די מענטשן, זיי זאָלן אַראָפּרייסן די פאָרשטעלונג, ווייל ער, גוטמאַן, איז אַ „קאַיאַף" (אויף טעאַטער־לשון הייסט „קאַיאַף" — נישט קיין פאַרגינער) און האָט פיינט אויסלענדישע גאַסטראָליאָרן. דערפאַר האָט ער געוואָלט אַרויסרופן אַ סקאַנדאַל אין טעאַטער מיטן ייִדיש, הגם ער אַליין האָט צו יענער צייט גערעדט דייטש־מעריש...

אויך צו קעסלערן איז דערגאַנגען דער קלאַנג וועגן גוטמאַנס מכלומר־שטער שולד אינעם סקאַנדאַל. אָבער זייענדיק דערמוטיקט פון די גרויסע אַפּלאָדיסמענטן, מיט וועלכע ער איז באַשאָנקען געוואָרן פון עולם, איז ער נאָכן דריטן אַקט אַרויס אויף דער בינע, געהאַלטן אַ „ספּיטש" צום עולם, באַדאַנקט פאַר דער באַגייסטערטער אויפנאַמע און גלייך נאָכדעם — אַרויסגעפירט אויף דער בינע יודל גוטמאַנען, וואָס האָט געשפּילט „פּאָלאָ־ניוסן". ביי אַ שטורמישער אָוואַציע האָט אים קעסלער געדריקט די האַנט

און פריילעך דערקלערט דעם עולם, אַז גוטמאַן איז אינעם גאַנצן ענין גאָט די נשמה שולדיק, ווייל ער האָט קיין שום שייכות נישט צום פיינ־לעכן אינצידענט.

נאָך דער פאָרשטעלונג, ווען דזשאָו קעסלער איז אַרויס אויף דער גאַס, האָבן אים אָפּגעוואַרט בעל־עגלות, וואָס זענען, אַגב, געווען צאָלרייך פאַרטראָטן אין טעאַטער, אויסגעשפּאַנט די פערד פון אַ דראָשקע (אָדער, ווי מען האָט עס אין גאַליציע גערופן — פיאקער) און אַליין אים אָפּגע־פירט ביז צום קאָפּע „אבאציא". דער גאַנצער עולם, וואָס האָט אָפּגעוואַרט קעסלערן פאַרן טעאַטער, האָט געשריִען: „האָך לעבע דער שטערן פון דער יידישער בינע יאָזעף קעסלער!"

ווי מען האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, זענען די איניציאַטאָרן פון דער גאַנצער געשיכטע מיטן פּראָטעסט קעגן דייטש רעדן אויף דער יידישער בינע געווען די טשערנאָוויצער יידישע סטודענטן. ווען קעסלער האָט געשפּילט אין טשערנאָוויץ „האַמלעט" און אָנגעהויבן צו רעדן דייטש, האָבן זיי אים דאָרט אויסגעפייפט...

אין דער טרופּע פון עמיל גימפּעל האָבן, אין פאַרשיידענע צייט־אָפּשניטן, מיטגעאַרבעט, אויסער יודל גוטמאַן מיט זיין פרוי, — שלי־פערשטיין (דער פאָטער), סעם שילינג, ראָזאַ ברי, אַדאָלף מעלצער, ז. ליבגאָלד (פאָטער פון לעאָ ליבגאָלד), אַנאַ ברי, שנעק, שפּאַצער, שטרענג, לאָרעסקאַ, מאַלווינאַ יאָלעס, ישראל ראָזענבערג מיט זיין פרוי שרה און שפּעטער אויך זייער טאָכטער און זייער זון טוביה ראָזענבערג, יענקל פוקס מיט זיין פרוי ראָזאַ פוקס (די עלטערן פון לעאָ פוקס), לייב קאַליש, משה טאַרלאָווסקי, לופּטיג, מאיר מעסטעל, יעקב רעלעס, גרשון ראָט, פרענקעל, יעטע האָכבערג, בער האַרט, וואָלף מערקור, יעקב פריזאַמענט, יאָזעף שענבערג, ראַוך, עלקע דאָרף, יצחק וואַלדבערג א״אַ.

לודוויק זאַצן, וועלכער האָט זיך געווענדט צו גימפּעלן, ער זאָל אים אָננעמען אין טעאַטער, האָט גימפּעל נישט געוואָלט אַנגאַזשירן, מחמת, ווי ער האָט געזאָגט, זאַץ האָט אַ שלעכטע פיגור... ערשט נאָכדעם ווי לודוויק זאַץ האָט זיך באַוווּסט געמאַכט מיט זיין שפּילן אין גאָרדינס „שחיטה" (שמואל יאָסל) אין בער האַרטס טרופּע אויף דער פּראָווינץ, האָט אים גימפּעל אַנגאַזשירט צו זיך אין טעאַטער. שפּעטער האָט אויך געשפּילט

ביי גימפּעלן זאָצס ייִנגערער ברודער עלע (דער שפּעטערדיקער עלע מינץ).

אויך אַלעקסאַנדער גראַנאַכן האָט גימפּעל נישט געוואָלט אַנגאַזשירן צוליב... זיינע קרומע פיס.

פּונקט ווי זיין פאָטער יעקב בער, האָט אויך עמיל גימפּעל נישט געוואָלט אַנגאַזשירן אין זיין טעאַטער די געוועזענע „בראָדער זינגער", אָדער „פאָלקס־זינגער", וואָס זענען אויפגעטראָטן אין די קאַפעס און וואָדעווילן — און דאָרט זענען דאָך געווען אַזעלכע כוחות, ווי די שטראַמערס, פּעפּי ליטמאַן, חנא שטרודלער, פּיליפּ און סאַלטשע וויזענפריינד (די עלטערן פון פּאָול מוני — מוני וויזענפריינד), פּיטשע גלאַנץ, ישראל גאָלדשטיין, ש. פּאָדזאַמטשע, יונה רייזמאַן און פיל אַנדערע באַגאַבטע אַקטיאָרן, וואָס זענען אויפגעטראָטן ביי באַמבאַכן אין שענק אויף דער ברייטער גאַס און אין אַנדערע קאַפעס און שענקן.

די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט שוין דאָס גימפּעל־טעאַטער איבערגענומען עמילס זון ד"ר מ. גימפּעל צוזאַמען מיט זיין פרוי מאַלווינאַ יאָלעס־גימפּעל.

ד"ר מ. גימפּעל איז נישט געווען קיין אַקטיאָר (פּונקט ווי זיין ברודער — אַ באַקאַנטער לעמבערגער כירורג); ער האָט געהאַט אין לעמבערג אייניקע קינאָס און ביים ייִדישן טעאַטער האָט ער נאָר צוגעהאָלפן זיין פרוי מאַלווינאַ יאָלעס־גימפּעל, וואָס איז געווען די פּאַקטישע דירעקטאָרין פונעם טעאַטער.

עמיל גימפּעל האָט זיך אָבער נישט געקענט אָפּזאָגן פונעם פאַרגעניגן צו שטיין ביי דער טיר פונעם הויפּט־אַריינגאַנג אין טעאַטער און אַכטונג געבן, אַז קיינער זאָל זיך נישט אַריינגנבענען אָן אַ בילעט...

דער דריטער און לעצטער דור פון דער גימפּעל־דינאַסטיע האָט געבראָכן די טראַדיציע פון יעקב בערן און עמיל גימפּעל און געביטן דעם אַנסאַמבל, באַזייטיקנדיק פון דאָרט אַ ריי אַלטע אַקטיאָרן.

די יונגע גימפּעלס האָבן געפירט דאָס טעאַטער מיט אַ שטאַרקער האַנט. איינס — וואָס עס רעדט לטובת זיי און פאַר וועלכן עס קומט זיי אַ קאָמפּלימענט, איז דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פון אַ בעסערן רעפּערטואַר און באַמיט זיך כסדר אויפצופירן בעסערע פּיעסן, אַראָפּברענגענדיק

צו דעם צוועק ערנסטע שוישפּילער און רעזשיסאָרן. און אויב די פריִערדיקע צוויי דורות פון דער דינאַסטיע גימפּעל האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אינטערעס פאַר דער שפּראַך־קולטור, האָט יאָלעס־גימפּעל מיט איר מאַן זיך באַמיט, אַז עס זאָל ביי זיי אין טעאַטער גערעדט ווערן אַ שיינער ייִדיש.

זיי זענען אויך צוגעטראָטן אַלס שותּפים צום „קאָלאָסעאום“־טעאַטער אין לעמבערג און אַזוי אַרום געפירט דאָרט צוויי ייִדישע טעאַטערס. קורץ פאַרן אויסברוך פון קריג האָבן זיי פאַרענדיקט דאָס בויען פון אַ פּרעכטיקן טעאַטער־בנין, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אויפן אָרט פון דער אַמאָליקער גימפּעל־בודע.

מאַלווינאַ יאָלעס־גימפּעל איז געווען אַ גוטע אָנפירערין פון טעאַטער, אָבער נאָך אַ בעסערע שוישפּילערין.

איר בינע־קאַריערע האָט זי אָנגעהויבן אין קינדער־פאָרשטעלונגען, וועלכע ס׳האָט אָרגאַניזירט אין לעמבערג משה טאַרלאָווסקי. זיי האָבן געשפּילט טעאַטער יעדן שבת אויף אַ בוידעם. דאָס פּובליקום איז באַשטאַנען פון בלויז קינדער. קיין איינטריטס־געלט האָט מען נישט גענומען, דערפאַר אָבער האָט יעדער קליינער צושויער געמוזט ברענגען מיט זיך שטאָלענע קנעפּלעך, פאַר וועלכע ער האָט באַקומען אַ „בילעט“... די קנעפּלעך האָבן די „אַרטיסטן“ שפּעטער פאַרקויפט. דאָס איז אַזוי לאַנג אָנגעגאַנגען, ביז די קינדער האָבן שוין נישט געהאַט פון וואַנען אַראָפּצורייסן די שטאָלענע קנעפּלעך. שפּעטער איז יאָלעס אויפגעטראָטן צוזאַמען מיט טאַרלאָווסקין יעדן שבת אין גאָרטן „נאַ זניעשיעניר“.

מאַלווינאַ יאָלעס־גימפּעל

דער רעפּערטואַר זייערער איז באַשטאַנען פון פראַגמענטן פון געשפּילטע פּיעסן (אין ייִדישן טעאַטער), ווי אויך פון דועטן, וואָס זיי האָבן געזונגען. דאָ האָבן די קינדער־אַקטיאָרן שוין באַקומען באַצאָלט פאַר זייער שפּילן.

פון צייט צו צייט פלעגט קומען אין שול, ווו מאַלווינאַ יאָלעס האָט

געלערנט, דער דיריזשאָר פונעם לעמבערגער רעפאָרמירטן טעמפּל, כדי אויסצופּראָבירן די קינדער זינגען. אַזוי ווי יאַלעס האָט געהאַט אַ פיינע שטים, האָט מען זי גענומען אין טעמפּל־כאָר. פון טעמפּל־כאָר פלעגט דער דיריזשאָר פון פּוילישן טעאַטער נעמען די קינדער צו געוויסע אָפּערעס, ווו מען האָט געדאַרפט האָבן אַ קינדער־כאָר. מאַלווינאַ יאַלעס איז אויך גענומען געוואָרן. אַגב, האָט אין דעם זעלביקן כאָר פון דער אָפּערע גע־זונגען מיט אַ פּאָר יאָר פריִער — לודוויק זאַק.

מאַלווינאַ יאַלעס האָט אַמאָל געלייענט אויפן אַפיש פונעם ייִדישן טעאַטער, אַז יונגע מיידלעך און יונגע בחורים, וואָס באַזיצן שטימעס צו זינגען, זאָלן זיך מעלדן צו אַדאָלף גימפּעל אין ייִדישן טעאַטער. אַזוי אַרום איז זי אָנגענומען געוואָרן אַלס כאָריסטין אין ייִדישן גימפּעל־טעאַטער, פון וועלכן זי איז מיט דער צייט געוואָרן די דירעקטאָרין.

בעת דער פאָרשטעלונג פון „ייִדעלע דער בלינדער" איז אַמאָל קראַנק געוואָרן די אַקטריסע עלקע דאָרף, האָט מען יאַלעס געגעבן די ראָל צו פאַרטרעטן איר קראַנקע קאָלעגין. זי האָט אין דער ראָל שטאַרק אויסגע־נומען. פון דעמאָלט אָן האָט זי אָנגעהויבן צו באַקומען קליינע ראָלן.

עמיל גימפּעלס זון, מאַוריצי, וואָס פלעגט זיין אָן אָפּטער איינגייער אין טעאַטער, האָט זיך פאַרליבט אין דער שיינער, באַחנטער מאַלווינאַ יאַלעס. זיינע עלטערן האָבן באַין אופן נישט געוואָלט איינגיין אויף דעם שידוך. מען האָט דעם זון „פאַרשיקט" קיין ווין ווייטער צו שטודירן. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. וואָס מער דער יונגער גימפּעל האָט שטו־דירט, אַלץ מער האָט ער ליב געקריגן מאַלווינען... נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיי חתונה געהאַט און ביזן סוף פון זייער לעבן — געווען אַ גליקלעך פּאָרפאָלק.

מאַלווינאַ יאַלעס איז געווען זייער גוט סיי אין דער דראַמע, סיי אין דער אָפּערעטע. זי איז אָפט אַנגאַזשירט געוואָרן אויף גאַסטראָלן אין פּוילן און אין רוסלאַנד און האָט אומעטום געהאַט אַ פאַרדינטן דערפאָלג. די לעצטע פּאָר יאָר האָט זי זיך צוריקגעצויגן פון שפּילן טעאַטער און פאַרנומען דאָס אָרט בלויז אַלס דירעקטאָרין פון גימפּעל־טעאַטער און פונעם „קאָלאָסעאום" — אַגב האָט זי זיך זייער גוט אָריענטירט אין טעאַטער־ענינים.

ווען דער נייער „גימפּעל־טעאַטער" איז אויפגעבויט געוואָרן, אין יאָר 1939, קורץ פאַרן אויסברוך פונעם קריג, האָט מאַלווינאַ יאָלעס מיך אַנגאַזשירט אַלס קינסטלערישן לייטער און רעזשיסאָר פונעם טעאַטער, ווו זי האָט אויך געזאָלט אויפטרעטן. אַלס ערשטע פּיעסע האָב איך געדאַרפט שטעלן שמעון שפונדס אַ מוזיקאַלישע אויפפירונג, געבויט אויף אַ היס־טאָרישער טעמע.

אַ טאָג פאַרן אויסברוך פונעם קריג האָב איך אין לעמבערג אונטער־געשריבן דעם קאָנטראַקט און בין געפאָרן קיין וואַרשע אַנגאַזשירן אַק־טיאָרן. איידער איך האָב באַוויזן צו קומען קיין וואַרשע איז אויסגעבראָכן די מלחמה.

בעת די רוסן האָבן פאַרנומען לעמבערג, האָט יאָלעס גימפּעל געאַרבעט אין מלוכה־טעאַטער ווי אַ שוישפּילערין. אַדאָלף גימפּעל, דער דיריזשאָר, האָט געשפּילט אין טעאַטער ווי אַ פידלער. שפּעטער זענען געקומען די דייטשן און אומגעבראַכט דאָס לעמבערגער ייִדנטום, צוזאַמען מיט די גימ־פּעלס און צוזאַמען מיט דער גאַנצער ייִדישער טעאַטער־משפּחה פון לעמבערג.

די עלטערן פון די באַרימטע מוזיקער קאַראָל און בראָניסלאַוו גימפּעל האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין געטאָ, אויסגעהונגערטע און פאַרוואָר־לאָזטע. זיי זענען דורך די דייטשן אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין בעלזשעץ. זייער זון קובאַ, וואָס איז נאָך ביי די רוסן אַרעסטירט געוואָרן, איז אומ־געקומען אין תפיסה, אין רוסלאַנד. עמיל גימפּעלס עלטסטער זון — אַ באַקאַנטער כירורג אין לעמבערג — האָט פאַרגעלייגט אַ באַקאַנטן אוקראַאינער אַ ריזיקע סומע געלט, ער זאָל אים מיט דער פרוי אויס־באַהאַלטן ביי זיך. דער אוקראַאינער האָט ביי זיי גענומען דאָס געלט, אַריינגעזעצט זיי אין אַ צוגעגרייט באַהעלטעניש און איז אַוועק נאָך די דייטשן, וועלכע האָבן זיי אין באַהעלטעניש דערשאָסן. אויך עמיל, מאַוריצי און מאַלווינאַ גימפּעל זענען אומגעבראַכט געוואָרן.

אַזוי אַרום איז פאַרענדיקט געוואָרן די געשיכטע פון דער דינאַסטיע גימפּעל — דריי דורות ייִדיש טעאַטער אין לעמבערג.

ס'איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אַ פאַרדינסטפולע משפּחה, וואָס האָט אויפ־געבויט, אָנגעפירט און פאַרענדיקט דאָס פּרעכטיקע קאַפּיטל, וואָס האָט זיך גערופן: ייִדיש טעאַטער אין לעמבערג.

לייב שריפטזעצער

נישט אומזיסט האָט ער געהייסן שריפטזעצער. ער האָט טאַקע גע־שטאַמט פון אַן אַלטער ייִדישער זעצער־משפּחה אין ווילנע.

אין די דרוקער־ און זעצער־קרייזן איז די משפּחה שריפטזעצער גע־ווען פון גרויסן יחוס. אויך לייב האָט, גייענדיק אין די דרכים פון זיין גאַנצער משפּחה, זיך אויסספּעציאַליזירט אויף אַן ערשטקלאַסיקן פאַכמאַן און געמאַכט דערביי אַ גאַנץ שיין לעבן.

זיין קאָפּ איז אָבער געווען ערגעץ אַנדערש. אומעטום און כסדר פלעגט מען אים טרעפן מיט אַ בוך אין דער האַנט. זיינע „באַגלייטער" זענען גע־ווען מענדעלע מוכר ספרים און שלום עליכם, וועלכע ער האָט געקענט פון אויסווייניק. ער האָט זיך מיט די העלדן פון אונדזערע קלאַסיקער אַזוי איבערגענומען און זיך אַזוי אין זיי איינגעלעבט, אַז ער איז אינגאַנצן אַריינגעדרונגען אין זיי און זיך מיט זיי באַהאָפטן.

ווען לייב שריפטזעצער האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיטן לשון פון די אויבנדערמאָנטע מחברים, האָט איר געהאַט דעם איינדרוק, אַז נישט שריפטזעצער רעדט עס, נאָר די העלדן אַליין — די העלדן פון מענדעלע מוכר ספרים און פון שלום עליכם. שריפטזעצער האָט זיך טאַקע גענומען גאַנץ ערנסט צו פּאָפּולאַריזירן און פּראָפּאַגירן די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער און שפּעטער — פון אונדזערע מאָדערנע שרייבער.

שריפטזעצער האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע, אויב נישט דער בעסטער ייִדישער פאָרלייענער פון מענדעלע און שלום עליכם. ער איז געווען אַזוי נאַטירלעך, אַזוי אוממיטלבאַר און האָט אַזוי פּשוט אַרויסגעבראַכט דעם ייִדישן וויץ און הומאָר, אַז דער עולם האָט זיך גע־

קאַטשעט פאַר געלעכטער. און מיט רעכט האָט מען אים אָנערקענט פאַרן בעסטן ייִדישן הומאָריסט. הומאָר — דאָס איז געווען זיין ספּעציאַליטעט און — אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן — זיין פאַך.

שריפטזעצער האָט אָבער אויך ליב געהאַט טעאַטער, פאַרשטייט זיך, בעסער טעאַטער. ווי נאָר עס האָט זיך געמאַכט אַ גינסטיקע געלעגנהייט, איז ער באַלד געגאַנגען צום טעאַטער. ער האָט געשפּילט אין פאַרשיידענע ייִדישע טרופּעס, אָנהייבנדיק פון סאַלאָמאָן גענפּער אין ווילנע, און אומעטום האָט ער פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אַלס שוישפּילער.

גרויס פאַרדיסט האָט שריפטזעצער געהאַט ביים שאַפן אין יאָר 1918 דאָס בעסערע ייִדישע טעאַטער אין כאַרקאָוו, א. נ. „אונדזער ווינקל". צוזאַמען מיט ראַפּאַלסקין, וואָלף זילבערבערג, לייב בוימוואָל און נחום סטוטשקאָ, האָט ער געהערט צו דער לייטונג פונעם דאָזיקן טעאַטער, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו געבן בעסערע, קינסטלערישע אויפפירונגען.

דער דאָזיקער גרופּע איז געלונגען צוזוציִען און פאַראינטערעסירן מיט דעם כאַרקאָווער ייִדישן טעאַטער די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן גרויס מיטהילף און אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר „אונדזער ווינקל". אין דעם דאָזיקן טעאַטער האָבן זיך באַטייליקט, אויסער די אויבנדערמאָנטע, אַ גאַנץ ריי אָנגעזעענע טעאַטער־כוחות, ווי שרה פּיביך, ב. ליטווינא, בעטי דאַלסקאַיאַ (וואָלף זילבערבערגס פרוי), לייזער זשעלאַזאָ, לעאָן דושמאַן, מאַרקאָ מילנער, וואַסערמאַן, יוסף וויסהאָף א. אַנד. צו דער ליטעראַרישער לייטונג איז צוגעצויגן געוואָרן דער באַקאַנטער שרייבער און איבערזעצער א. לעווינסאָן.

דאָס טעאַטער האָט זיך שנעל דערוואָרבן אָנזען נישט נאָר אין דער ייִדישער וועלט, נאָר איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער ריי פון די בעסערע טעאַטערס אין אוקראַינע. צוליב דעם מאַרש פון דעניקינס אַרמיי אויף כאַרקאָוו, האָט דאָס טעאַטער געמוזט איבעררייסן די אַרבעט.

ווען לייב שריפטזעצער איז צוריקגעקומען אין זיין היימשטאָט ווילנע, האָט ער אויפגעפירט אינעם דאָרטיקן ייִדישן טעאַטער אַ ריי פּיעסן, צווישן אַנדערע — „דער מבול" פון וואַן בערגערן, לויט דער רעזשי פון מאָסקווער קינסטלערישער סטודיע. די פאָרשטעלונג האָט געהאַט

גרויס דערפאָלג, איבערהויפּט שריפטזעצער אַליין אין דער ראָל פון „פּראַזער״.

שריפטזעצער האָט אָבער לאַנג נישט געקענט איינזיצן אויף אַן אָרט און האָט זיך ווידער גענומען צו זיינע רעציטאַציע־אָוונטן. ער האָט שטענדיק געהאַט אַנגעגרייט פּאַרטיקע אַפּישן, פּיין און געשמאַקפול אויסגעפּאַרטיקט (די אַפּישן האָט ער אייגנהאַנטיק אויסגעפּירט), מיט די פּאָרטרעטן פון אונדזערע קלאַסיקער און מיט אַ גרויסער איבערשריפט: „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן״. מען האָט נאָר געדאַרפט צוגעבן צום אַפּיש דעם נאָמען פון טעאַטער־זאַל און די דאַטע פון אויפטריט — און אַלץ איז געווען פּאַרטיק.

צו יענער צייט (יאָר 1921) האָב איך זיך געפונען אין ווילנע. שריפטזעצער האָט מיר פאָרגעלייגט, איך זאָל אים צוגרייטן אַ ציקל אויפטריטן אין דער ווילנער פּראָווינץ. היות איך האָב זיך דעמאָלט געפונען אין שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען, האָב איך מיט פאַרגעניגן אָנגענומען זיין פאָרשלאַג און איך בין געוואָרן זיין אימפּרעסאַריאָ פאַרן אָנגעצייכנטן טור.

שריפטזעצער, וועלכן מען האָט געהאַלטן פאַר זייער אַ קאַרגן, האָט געהאַט אַ זעלטענע באַציאונג צו זיינס אַ חבר. אַגב, האָט ער נישט אַלע אָנערקענט פאַר זיינע חברים און זיך נישט געשעמט צו זאָגן אַזאַ איינעם, וואָס האָט זיך צו אים געווענדט מיט די ווערטער: „חבר שריפטזעצער״, גלייך אין די אויגן אַריין: „יונגערמאַן, וואָס פאַראַ חבר בין איך אייך? פאַר אייך בין איך: הער שריפטזעצער און קיין שום חבר, איר פאַרשטייט?!״ אָבער צו וועמען שריפטזעצער האָט זיך צוגעבונדן, וועמען ער האָט ליב געהאַט, — איז ער גרייט געווען אַלץ פאַר אים צו טון. ווייסנדיק, אַז איך דאַרף פאָרן אין אַ געגנט, וווּ עס זענען גרויסע שנייען, האָט ער מיר גענומען אַ מאָס פון די פיס און פאַר מיין אָפּפאָרן מיר צוגעגרייט אַ פּאָר פּעסטע, עלעגאַנטע שטיוול, וואָס ער האָט פאַר מיר באַשטעלט.

מיטן פּעקל אַפּישן אונטערן אָרעם האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט פון שטעטל צו שטעטל צוגרייטן שריפטזעצערס וואָרט־קאָנצערטן. איך בין געווען אין אַזעלכע שטעטלעך, וווּ קיין פוס פון אַ יידישן אַקטיאָר האָט נאָך נישט געהאַט באַטראָטן; אין שטעטלעך, צו וועלכע מען האָט גע־

דאַרפט פאָרן מיט פורן, ווייל קיין אַנדער פאַרבינדונג איז מיט זיי נישט געווען. אין די גרויסע פרעסט — דאָס איז גראָד געווען ווינטער־צייט — איז דאָס נישט געווען פון די אָנגענעמע זאַכן. איך האָב, קומענדיק אין יענע מקומות, באַלד חרטה געקריגן אויפן גאַנצן עסק. אָבער ווען מיין בליק איז געפאַלן אויף די עלעגאַנטע שטיוועלעך מיינע, האָב איך זיך דערמאָנט אין דער וואַרעמער באַציאונג, וואָס שריפטזעצער האָט מיר אַרויסגעוויזן, און איך האָב נישט געהאַט קיין האַרץ אים אָפּצוטון אַזאַ זאַך, ווי איבערצורייסן אין מיטן די רייזע.

אַריינקומענדיק אין אַ שטעטל, האָב איך געמאַכט די געהעריקע פּראָפּאַגאַנדע, אַרויסגעלאָזט די אַפישן, און — ווייטער געפאָרן. ס׳רוב שטעטלעך האָבן געוווּסט, ווער לייב שריפטזעצער איז, און מיין אַרבעט איז מיר נישט שווער אָנגעקומען. געווען אָבער שטעטלעך, ווי, למשל, דאָס קליינע שטעטעלע ק., ווו מען האָט געפרעגט, צי די אַלע אַרטיסטן, וואָס זענען „פאָטאָגראַפירט״ געוואָרן אויפן אַפיש, וועלן זיכער קומען צו פאָרן... זיי זענען שוין — האָבן זיי געזאָגט — אָפּגעבריטע. ייִדישע אַקטיאָרשטשיקעס האָבן זיי שוין נישט איין מאָל אָפּגענאַרט און זיי זענען געקומען צו זיי נישט מיט אַלע אָנאָנסירטע אַרטיסטן...

איך האָב זיי באַרואיִקט און פאַרזיכערט, אַז אַלץ וואָס געפינט זיך אויפן אַפיש וועט זיין. איך האָב זיי נישט חושד געווען, אַז זיי וועלן שפּעטער פאָדערן די אַרטיסטן... מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם, פּרץ, אַנ—סקי, א. אַ. אָבער צו מיין גרויסער איבערראַשונג איז עס אַזוי דאָך געשען.

אין דעם שטעטל ק., הינטער סמאָרגאָן, ווען שריפטזעצער האָט פאַרענדיקט אייניקע נומערן פון זיין פּראָגראַם, האָב איך פּלוצלונג דערהערט אין צימערל פון דער קאַסע, ווו איך האָב זיך געפונען ביי דער אָפּרעכענונג, אויסרופן פון זאַל: „און ווו זענען די איבעריקע אַרטיסטן?!״ — איך האָב פאַרשטאַנען, ס׳איז שלעכט, אַז די חברה האָט עס דעמאָלט געמיינט ערנסט, ווען זיי האָבן מיך געפרעגט, צי די איבעריקע אַרטיסטן וועלן זיכער קומען (מיינענדיק מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, אַנ—סקי א. אַ. וו.).

איך בין אַרונטערגעלאָפן הינטער די קוליסן און געוואָלט אַרויס אויף דער בינע, כדי צו באַרואיקן דעם עולם. אינדעם הער איך, ווי שריפּטזוּ־צער האַלטן פאַרן עולם אַ „ספּיטש״ און ער וויל זיי דערקלערן, ווער מענדעלע און שלום עליכם און די איבעריקע זענען געווען. די גראָבע יונגען פון שטעטל ק. לאָזן זיך אָבער נישט באַרואיקן און האַלטן אין איין שרייען:

— מיר ווייסן, ווער די „אַרטיסטן״ זענען און דערפאַר ווילן מיר זיי טאַקע זען. צו איך האָבן מיר גאַרנישט, — טענהן זיי ווייטער, — איר האָט אייער שטיקל אַרבעט גוט געמאַכט. אָבער ווו איז די „פּוילישע דריפּקע״ (דאָס האָט מען געמיינט מיך), וואָס האָט אונדז אָפּגענאַרט?! גיט אים אַהער!

אַ נס איז מיר געשען, וואָס איך בין נישט אַרויף אויף דער בינע. דער עולם וואָלט מיך געלינטשט.

שריפּטזוּצער האָט ספּעציעל זיך אַוועקגעשטעלט רעדן צום עולם און געוואָלט אויף אַ „הומאָריסטישן״ אופן זיי אַזוי לאַנג האַלטן, ביז איך וועל דורך אַ הינטער־טיר באַוויזן צו פאַרשווינדן פון טעאַטער.

ווען שריפּטזוּצער איז אַהיימגעקומען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז דער עולם האָט אים באַדאַנקט פאַר זיין קונסט, אָבער אָנגעזאָגט אים, אַז מער זאָל ער מיט מיר נישט קומען, ווייל זיי וועלן מיר צעברעכן אַלע ביינער, פאַרוואָס כ'האָב אויסגענאַרט ביי זיי דאָס געלט און נישט געבראַכט אַהין אַלע אַנאָנסירטע מענטשן...

דאָס שטעטל ק. האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן 5 אַזייגער פאַרטאָג, כדי מען זאָל מיך, חלילה, נישט באַמערקן. צום גליק איז דאָס שטעטל ק. געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט געפאָדערט די „אַרטיסטן״ מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און אַנדערע.

דערפאַר האָבן אין אַנדערע שטעטלעך נישט געפעלט קיין אַנדערע קוריאָזן. אין אַ געוויס שטעטל האָט מען צו מיר געזאָגט נאָכן קאָנצערט:

— אַ גוטער קאָמיקער, דער מענדעלע מוכר ספרים! (געמיינט האָט מען שריפּטזוּצערן).

אין אונדזער טורנע האָב איך אויך צוגעגרייט אַ שטעטל מיטן נאָמען לעבעדעוואָ, נעבן מאָלאָדעטשנאָ. ווען איך בין אַהינגעקומען איינצואָרדע־

נען אַ שריפטזעצער־אָוונט, האָט מען מיר געזאָגט, אַז אין יענער געגנט האַלט זיך אויף אַ באַנדע גזלנים, דעזערטירן פון דער אַרמיי, וועלכע באַפאַלן די פאַרבייפאָרער. עס איז דעריבער ראַטזאַם אָפּצוּוואַרטן און קומען אַהין מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער...

גיי און דערצייל זיי אַ מעשה, אַז איצט געפינען מיר זיך אין זייער געגנט אויפן טורנע, און וואָס וועט זיין אין אַ פּאָר חדשים אַרום — ווייסן מיר נאָך אַליין נישט. איך האָב דאָס שטעטל ל. — אַגב, געווען זייער אַ רייך שטעטל — דאָך באַשלאָסן צוצוגרייטן פאַרן שריפטזעצער־אָוונט, אָבער שריפטזעצערן, וואָס איז געווען אַ גרויסער פּחדן, האָב איך באַשטימט גאָרנישט צו דערציילן וועגן די גזלנים, וואָס לויערן אין יענער געגנט.

מיר זענען מיט מזל אָנגעקומען אין שטעטל, אין דער בעסטער אָרדע־נונג, געהאַט אַ גרויסן מאָראַלישן און מאַטעריעלן דערפאָלג און מיר האָבן געהאָפּט, אַז אויך דאָס צוריקפאָרן וועט דורך בשלום. די גאַנצע צייט, וואָס מיר זענען געווען אין לעבעדעוואָ, האָב איך געמוזט היטן שריפט־זעצערן, נישט געלאָזט אים אויף קיין מינוט אַליין, כדי ער זאָל זיך נישט דערוויסן וועגן דער דראָענדיקער סכנה. ער וואָלט שוין מורא געהאַט אַהיימצופאָרן.

פאַרן אַרויספאָר אויפן טורנע האָבן מיר אָפּגעמאַכט מיט שריפט־זעצערן, אַז דאָס געלט, וואָס וועט איינפליסן בעתן טורנע, זאָל איך האַלטן ביי זיך, און ערשט נאָכן צוריקקומען קיין ווילנע, וועל איך אים אויסצאָלן זיין חלק.

איידער מיר האָבן פאַרלאָזט לעבעדעוואָ, האָב איך דאָס געלט אַריינ־געלייגט אין שטיוול. מיר האָבן זיך מיט שריפטזעצערן אַרויפגעזעצט אויף אַ פורל, וואָס איז געווען ווייך אויסגעבעט מיט שטרוי, און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין קיין מאָלאָדעטשנאָ. געפאָרן זענען מיר בייטאָג, שריפטזעצער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין אַזאַ גוטער שטימונג, ווי בעת דער דאָזיקער רייזע.

ווען מיר זענען אַריינגעפאָרן אין גרויסן וואַלד אַריין, האָט שריפט־זעצער, ווי אויף צולהכעיס, אָנגעהויבן צו דערציילן מעשיות וועגן גזלנים און ער אַליין האָט אָפּגעחוזקט פון די מעשיות. פּלוצלונג האָבן מיר דער־הערט אַ שאָס פון אַ ביקס און אַן אויסגעשריי: „סטאָי, סטרעליאָיו״ (שטיי,

איך שיס). כ׳מוז מודה זיין, אַז עס איז מיר אַביסל הייס געוואָרן. אָבער ד׳אַסמאָל האָבן זיך די ראָלן געביטן: איך האָב זיך אָנגעהויבן צו וויצלען.

שריפטזעצער איז געוואָרן ווייס ווי די וואַנט, און, קלאַפּנדיק פון שרעק אַ צאָן אָן אַ צאָן, האָט ער אָנגעהויבן צו מורמלען:

— אוי ווי איז מיר, קינדערלעך מיינע!...

אונדזער פורמאַן, אַ צוואַנער באַלעגאָלע, האָט אַ שמיץ געטון די צוויי פערדלעך און זיי האָבן אָנגעהויבן צו לויפן, אַז די פור האָט זיך שיער נישט איבערגעדרייט. עס האָט אונדז ממש פאַרפעלט אָטעם.

עס איז געוואָרן אַ שטאַרקע שיסעריי און די קוילן האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן פאַר אונדזערע קעפּ. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שטים פון פאַרנט:

— שטיי, אין אייערע מאַמעס אַריין, ווייל מיר וועלן אייך אויסשיסן ווי די הינט.

דער באַלעגאָלע האָט קוים באַוויזן אָפּצושטעלן די צעיושעטע פערד. עס איז דעמאָלט געווען, ווי איך האָב באַמערקט, העלער טאָג. אָבער אין טונקעלן וואַלד איז געווען פינצטער ווי ביינאַכט. און דאָך האָב איך פאַר זיך דערזען דייטלעך אַ גרופּע פאַניעס אויף די פערד, מיט געווער אין די הענט. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און זיי האָבן אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. ס׳איז אונדז שיין געלונגען...

שריפטזעצער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער פור און געוויינט ווי אַ קליין קינד, מורמלענדיק עפּעס נישט־פאַרשטענדלעכע ווערטער. אונדזער באַלעגאָלע האָט דער ערשטער געכאַפּט אַ פּאָר פייערדיקע פעטש, וואָס האָבן אָפּגעהילכט אין וואַלד מיט אַ פילפאַכיקן עכאָ; איך בין שנעל אַראָפּ־געשפּרונגען פון דער פור און מיט אַ שטאָלץ־אויפגעהויבענעם קאָפּ געפרעגט, ווער עס איז דער עלטסטער, דער קאָמענדאַנט.

— וואָס ווילסטו? — הער איך אַ טיפע ברוסט־שטים.

— איך וויל מעלדן דעם קאָמענדאַנט, אַז דאָ פאָרן צוויי קינסטלער, וועלכע מאַכן אַ טורנע איבער אַלע שטעטלעך און דערפלעך און וואָס זענען מהנה דעם אויסגעהונגערטן עולם מיט קונסט...

— טרעפן פון דער האַנט קענט איר? — פרעגט מיך דער קאָמענ־דאַנט אַ צעשמייכלטער.

— אָ, דער קאָלעגע אונדזערער, דער דריטער, איז אַ גרויסער קינסט־לער, וואָס קען פאָרויסזאָגן פון דער האַנט די צוקונפט. לײדער האָט ער נישט באַוויזן מיט אונדז צו פאָרן. דאָס הייסט, ער האָט יאָ באַוויזן, אָבער די לעבעדעווער איינוווינער האָבן אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן, ביז ער וועט נישט פאָרויסזאָגן זייער אַלעמענס צוקונפט.

— ...אין זיין מאַמען אַריין! אונדז וואָלט דאָ דער הינטישער זון גיכער צוניצגעקומען — האָט געזאָגט מיט באַדויערן דער קאָמענדאַנט.

— ס׳מאַכט נישט — ענטפער איך. — ס׳וועט נישט אַריבער אַ שעה, ווי איר וועט אים דאָ האָבן. ער מוז דאָך פאָרן מיטן זעלביקן וועג.

— נו גוט, טאָ קומט מיט אונדז אין וואַלד אַריין, טיפער, וועט איר מאַכן מיט אונדז אַ שנאַפּס און איר וועט זיך קענען אָפּרוען, ביז אייער „כיראָמאַנט" וועט קומען — האָט זיך גוטמוטיק אַרויסגערעדט דער שעף פון דער באַנדע.

ווען איך האָב דערהערט די דיבורים, איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. כ׳האָב זיך אָבער אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז איצט איז דער רעצידירנדיקער מאָמענט פון „זיין אָדער נישט זיין", וואָס איך האָב שוין נישט איינמאָל געהאַט אין מיין לעבן. איך האָב באַשלאָסן אַלץ צו שטעלן אויף דער קאָרט. הגם אין דעם אַנטשיידנדיקן מאָמענט האָב איך נישט געהאַט קיין קאָפּ צו שריפטזעצערן, האָב איך דאָך באַוויזן צו באַמערקן, ווי ער ליגט אויסגעצויגן אויף דער פור. ער האָט שוין נישט געוויינט, נאָר זיך געצאַפּלט ווי אַ פיש.

איך ווענד זיך צום הויפּט־מאַכער, צום קאָמענדאַנט, הייסט עס (איך האָב נישט געוווּסט ווי אַזוי אים אָנצורופן: גאָספּאָדין, ציִ חבר, ציִ פריינט... האָב איך געמוזט אָט די אַלע טערמינען אויסמיידן), און איך זאָג צו אים:

— זעט איר, קיין גרעסערער כבוד קען שוין נישט זיין פאַר אונדז, קינסטלער, ווי צו באַגעגענען אויף אונדזער וועג „פרייהייטס־מענטשן", וואָס קעמפן פאַר אַ בעסערע צוקונפט... איך דאַרף אייך נישט פאַרזיכערן, ווי גערן איך און מיין קאָלעגע (איך וואַרף אַ בליק אויף שריפטזעצערן און ס׳ווייזט זיך מיר אויס, אַז ער האָט אויפגעהערט צו אָטעמען) וואָלטן פאַרבראַכט אין אייער געזעלשאַפט. ווי איר זעט אָבער, איז מיין קאָלעגע אַביסל קראַנק; ער האָט די בלוטיקע דיזענטעריע, און מיר ווילן נאָך באַ־

ווייזן אָנצוקומען צום צוג אין דער ריכטיקער צייט. דערפֿאַר אָבער וועט אונדזער קאָלעגע, דער קינסטלער־כיראָמאַנט, זיך נישט דאַרפֿן איילן און וועט קענען פֿאַרבלייבן מיט אייך אַ לענגערע צייט. גלויבט מיר, מיר זענען אים מקנא, אָבער וואָס זאָלן מיר טון, אַז דער קאָלעגע...

— נו, פֿאָרט מיט גאָט! — רייסט מיר איבער די רייד דער קאָמענדאַנט און עפֿנט פֿאַר אונדז דעם וועג...

די גאַנצע צייט האָט קיינער פֿון אונדז קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, ביז מיר זענען אַרויסגעפֿאָרן פֿון וואַלד און זענען געווען אַ פּאָר קילאָמעטער ווייטער פֿונעם אָרט, ווו מיר זענען על פּי נס אַרויס גאַנץ. דער ערשטער האָט זיך אָפּגערופֿן שריפֿטזעצער:

— מען זעט שוין, דוכט זיך, מאַלאַדעטשנאָ. איר ווייסט, יאָנאַס, איר האָט אונדז געראַטעוועט פֿון אַ זיכערן אומגליק. אָבער מיט מיין האַרץ איז עפּעס נישט אין אָרדענונג. אפֿשר וועלן מיר זיך אַריינכאַפּן קיין ווילנע?

איך בין געווען גליקלעך צו הערן פֿון אים דאָס וואָרט: ווילנע. כ׳האָב שוין געהאַט געענוג דעם טורנע, אָבער כ׳האָב נישט געוואָלט וואַרפֿן שריפֿטזעצערן דאָס פּעקל פֿאַר די פֿיס. מיר זענען פֿון מאַלאַדעטשנאָ געפֿאָרן קיין ווילנע. דאָס איז געווען דער סוף פֿון אונדזער טורנע מיט די קאָנצערטן פֿון „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן!״...

שריפֿטזעצער איז אַ צייט לאַנג נאָך דעם פֿאַרפֿאַל נישט אויפֿגעטראָטן. ער האָט זיך נישט גוט געפֿילט. נאָך פֿון די יונגע יאָרן האָט ער געהאַט צו טון מיט די לונגען, וואָס זענען ביי אים געווען נישט אין אָרדענונג. ער האָט זיך אָבער שטאַרק אָפּגעהיט (ער איז בכלל געווען אַ גרויסער פּעדאַנט) און זיך ווי עס איז געהאַלטן. דאָסמאָל איז ער אָבער אויף אַן אמת קראַנק געוואָרן און זיך געמוזט אָפּזאָגן פֿון טעאַטער־אַרבעט.

ווען אין צוויי יאָר אַרום איז מיר ווידער אויסגעקומען צו שפּילן מיט אים אין „וויקט״, וואָס האָט אין יאָר 1923 גאַסטראָלירט אין ווילנע, האָבן מיר נישט איינמאָל געלאַכט האַרציק ווען מיר האָבן זיך דערמאָנט די געשיכטע מיט די „אַרטיסטן מענדעלע מוכר ספֿרים און שלום עליכם״, וואָס האָבן „אָפּגענאַרט דעם עולם און זענען נישט געקומען אין די שטעטלעך שפּילן טעאַטער״... אָבער נאָך מער האָבן מיר געלאַכט פֿון דער געשיכטע מיט די גזלנים אין וואַלד, וועלכע מיר האָבן באַוויזן אָפּצונאַרן...

שריפטזעצער האָט נאָך געשפּילט אין אַ ריי טעאַטערס, ס׳רוב אין ווילנע, אָבער ער איז אויך אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ מיט פאַר־שיידענע טרופּעס. אַ לענגערע צייט האָט ער ווידער געמאַכט זיינע וואָרט־קאָנצערטן און, צווישן אַנדערע, אויפגעטראָטן אין וואַרשע, אין יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן פאַריין, ווו ער האָט געהאַט אַן אויסערגע־וויינלעכן דערפאָלג. און ווידער האָב איך דערזען פאַר זיך דיזעלביקע אַפּישן מיט די קלישעס פון מענדעלען, שלום עליכמען, פּרצן און אַנ—סקין — און ס׳זענען אויפגעשווומען רעמיניסצענצן פון אונדזער געמיינזאַמען טורנע איבער די פאַרוואָרפענע שטעטלעך, וואָס נישט אומעטום האָט מען דעמאָלט געוווסט פון אונדזערע גרויסע יידישע שרייבער. און ווי געענ־דערט האָט זיך די לאַגע זייט אַ פּאָר געציילטע יאָרן! אין די אַלע לעבע־דעוואָס, קורינעצעס, דאָלגינאָווס, דיסנעס, זענען שוין געווען יידישע ביב־ליאָטעקן, מיט יידישע ביכער, מיט יידישע פאַריינען און קלובן. ליידער האָט דער חורבן צו אַלעם געמאַכט אַ סוף.

און שריפטזעצער? — — —

— — — אויך אים האָט דער בייזער גורל נישט אויסגעמיטן. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז ער מיט זיין פרוי און קינדער פאַרבליבן אין זיין היימשטאָט ווילנע. ער האָט נאָך דאָרט געשפּילט טעאַטער און פון צייט צו צייט אַראַנזשירט זיינע אָוונטן, אונטערן לאָזונג „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן!״...

ווען די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, האָט זיך דאָרט געפונען אויך לייב שריפטזעצער. ער האָט — ווי מ׳גיט איבער — ממש געהונגערט אין געטאָ. ער, שריפטזעצער, דער ליבלינג פון ווילנע, האָט געהונגערט. און געהונגערט צוזאַמען מיט זיין פרוי און זיינע הייס־געליבטע קינדער. און דאָס איז טאַקע פאַר אים געווען ממש נישט אַריבערצוטראָגן. זיינע קינדער האָבן געהונגערט.

נישט קאָנענדיק מער זיך צוקוקן צו דעם אַלעם, נישט קאָנענדיק מער באַהערשן זיינע צעשרויפטע נערוון, איז לייב שריפטזעצער, צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער, אַרויס צו די „כאַפּונעס״ (ליטוויש־דייטשישע משרתים) און זיך פרייוויליק געלאָזט אָפּפירן צום טויט.

משפחה ליפּאָווסקי

פאַר אַלע, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט יידיש טעאַטער, איז דער נאָמען נחום ליפּאָווסקי געווען אַ שם דבר.

מיט ליפּאָווסקין האָב איך זיך פּערזענלעך באַקענט אין יאָר 1920, אין ווילנע. איך בין דעמאָלט געווען אין אסתר רחל קאַמינסקיס טרופּע, וואָס האָט דאָרט גאַסטראָלירט. ליפּאָווסקי איז צו יענער צייט געווען אַ העכערער מיליטערישער באַאַמטער אין דער ליטווישער אַרמיי.

אויף מיר האָט ליפּאָווסקי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ רוסישן אַקטיאָר פון דער אַלטער גוואַרדיע. ער איז געווען רעפּרעזענטאַטיוו, פון מיטעלן וווּקס, פעסט געבויט, זייער דיק, מיט אַ נישט־פּראָפּאָרציאָנעלן גרויסן קאָפּ, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעשמייכלט אַ פּאָר גרויסע, קלוגע, דורכדרינגנדיקע אויגן. זיין קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט גרויסע, געקרייזלטע האָר און ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געטראָגן אַ פּערוק.

ליפּאָווסקי האָט אָנגעהויבן זיין בינע־קאַריערע אין רוסישן טעאַטער. ער האָט יאָרנלאַנג געשפּילט אין מאָסקווער טעאַטער און אין ווילנער רוסישן טעאַטער פון ניעזלאָבין. אין ווילנע האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיטן יידישן טעאַטער און ער איז אַריינגעטראָטן אַלס שוישפּילער אין קאַמינסקיס טרופּע. ער האָט אויך געשפּילט ביי א. ג. קאָמפּאַניעיעצן, א. פישזאָן א. אַ.

הגם ער האָט געהאַט דערפאָלג ווי אַ שוישפּילער, האָט אים אָבער מער געצויגן צו דער אַדמיניסטראַטיווער זייט פונעם טעאַטער און ער איז שפּעטער טאַקע געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע ייִדישע טעאַטער־דירעקטאָרן.

זיין אַמביציע איז געווען צו שאַפן אַ בעסער ייִדיש טעאַטער אין ווילנע, און דאָס אין אַן אייגענער געביידע. מיט דער דאָזיקער אידעע האָט ער זיך אַרומגעטראָגן אַ לאַנגע צייט, ביז עס איז אים ענדלעך געלונגען צו גרינדן אין ווילנע דאָס באַוווּסטע „פאָלקס־טעאַטער", וואָס האָט געטראָגן זיין נאָמען. ער האָט איבערגעבויט די גרויסע געביידע פונעם ווילנער צירק, אויף לודוויסאַרסקע גאַס 5.

ליפּאָווסקי איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסבאַקומען פון דער צאַרישער רעגירונג אַ קאָנצעסיע צו שפּילן ייִדיש טעאַטער, אין דער ייִדישער שפּראַך, איבער גאַנץ רוסלאַנד.

ליפּאָווסקי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַ פרומער ייִדישער היים אין ניעסוויעזש, און האָט אַפילו געלערנט אין אַ ישיבה, איז אין די גאָר יונגע יאָרן, בעת ער האָט פאַרלוירן זיינע עלטערן, אַוועק אין דער „גרויסער וועלט" און זיך גיך אַסימילירט אין דער רוסישער סביבה. די אַנטיסעמיטישע שטימונג, וואָס האָט געבושעוועט אין רוסלאַנד, האָט אין אים דערוועקט דאָס „פּינטעלע ייִד" און ער האָט באַשלאָסן זיינע פעאיקייטן צו ווידמען אויסשליסלעך דעם ייִדישן טעאַטער.

נחום ליפּאָווסקי געהערט טאַקע צו די ערשטע פּיאָנערן פונעם בעסערן ייִדישן טעאַטער, ביי וועלכן ער האָט, מיט קורצע איבעררייסן, געאַרבעט ביז צום סוף פון זיין לעבן.

ליפּאָווסקי האָט אַ צייט לאַנג געלעבט אין דייטשלאַנד. דאָרט האָט ער געאַרבעט אַלס געשעפטספירער אין דייטשישן טעאַטער און גלייכצייטיק פאַרפולקומט זיין בילדונג. ער האָט געהאַט גרויסע פעיקייטן צו מאַטעמאַטיק און ער האָט שטודירט אין אַ דייטשישער פּאָליטעכניק. עס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ פענאָמענאַלער בעל־זכרון. ער האָט אין דער סעקונדע געקענט באַרעכענען אויף גיך־געשטעלטע לאָגאַריטמען. די דאָזיקע פעיקייט האָט ער אָנגעהויבן צו איבן און ער איז גיך דערגאַנגען צו אַזאַ פּערפעקציע, אַז ער איז געוואָרן זייער פּאָפּולער אויפן דאָזיקן

געביט. ליפּאָווסקי האָט דעמאָנסטרירט זיינע פעיִקייטן אין אַ ריי אייראָ־פּעיִשע אוניווערסיטעטן, ווו ער האָט אַרויסגערופן די גרעסטע באַוווּנדע־רונג און אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג. ער האָט באַקומען אויסצייכענונגען און דיפּלאָמען פון פאַרשיידענע אייראָפּעיִשע אוניווערסיטעטן.

ליפּאָווסקי האָט געשאַפן אַ קאַלענדאַר אויף אַ פּאָר הונדערט יאָר, געווידמעט דעם שטאָם פונעם פוילישן מלוכה־פירער, מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי, מיט וועלכן ער איז געווען באַפריינדעט. ער האָט אויך אויס־געאַרבעט אַ פּלאַן פון אַן אייביקן לוח. אַ טייל פון דער דאָזיקער אַרבעט (אויף צוויי הונדערט יאָר) האָט ער באַוויזן אָפּצודרוקן.

ביז זיין שווערער קראַנקייט (ער האָט געהאַט אַ האַרץ־פעלער) איז ער געווען אַקטיוו ביים ייִדישן טעאַטער.

אויף ליפּאָווסקיס חשבון דאַרף מען צושרייבן, אַז ער האָט אין די אַלע יאָרן פון זיין אַרבעט ביים ייִדישן טעאַטער זיך באַצויגן צו אים מיט דער גרעסטער פּיעטעט. ער האָט זיך באַמיט צו האָבן אין זיין טרופּע די בעסטע ייִדישע שוישפּילער; געגעבן אַ בעסערן רעפּערטואַר און אַ פיינע אויס־שטאַטונג. ער האָט, אַזוי צו זאָגן, „אויסגעמענטשלט" דאָס פאַרוואָרלאָזטע, ייִדישע נע־ונד־טעאַטער און אָנגעטון אַ מאָדערנעם לבוש.

ביי ליפּאָווסקין, אין ווילנע, האָט מען צום ערשטן מאָל אויף דער בינע אויפגעפירט פּרץ הירשביינס „דאָס פאַרוואָרפענע ווינקל". מען האָט אויך געשפּילט ביי אים „האַמלעט" מיטן באַרימטן ייִדישן אַקטיאָר רודאָלף זאַסלאַווסקי, ווי אויך אַ גאַנצע ריי פּיעסן פון וועלטלעכן רעפּערטואַר. קיין שונד־רעפּערטואַר האָט ער אין זיין טעאַטער נישט דערלאָזט. די אָפּערע־טעס, וועלכע מען האָט אויפגעפירט אין זיין טעאַטער, זענען געווען ריין און ציכטיק און פון דער בינע האָט מען נישט געהערט קיין נבול־פּה. ער האָט אַליין אָנגעשריבן און איבערגעזעצט אַ גרעסערע צאָל פּיעסן פון רוסישן און דייטשישן רעפּערטואַר.

אַ געוויסע צייט איז ליפּאָווסקי געווען אַ „טראַנספאָרמאַטאָר", פאַר־שטעלנדיק טיפּן און געשטאַלטן פון וועלט־באַרימטע פּערזענלעכקייטן. דעם דאָזיקן „פאַך" האָט ער אָבער גאָר גיך אויפגעגעבן.

נחום ליפּאָווסקיס פרוי איז געווען די שוישפּילערין אסתר ליפּאָווסקי

(געשפּילט יאָרן לאַנג ביי אסתר רחל קאַמינסקי אין דער „פאַרייניקטער טרופּע", אונטערן נאָמען א. גלאַזער). זי איז פריִער געווען די פרוי פונעם גלענצנדיקן ייִדישן כאַראַקטער־שוישפּילער לייזער זשעלאַזאָ, פון וועלכן זי האָט געבוירן אַ זון, סאַשאַ.

ווען אסתר גלאַזער־זשעלאַזאָ האָט חתונה געהאַט מיט נחום ליפּאָווסקי, איז סאַשאַ אַלט געווען 5 יאָר. ליפּאָווסקי האָט סאַשאַן אַדאָפּטירט. ליפּאָוו־סקי איז געווען באַקאַנט ווי אַן איבערגעגעבענער מאַן און פאָטער. בכלל איז ער געווען אַ גוטער מענטש, זייער אַ פריינטלעכער, אַ צוגעלאָזענער און אַ האַר־ציקער.

אסתר ליפּאָווסקי

נחום ליפּאָווסקי האָט אויך גענומען צו זיך און דערצויגן אַ פאַריתומט קליין מיידעלע, זלאַטע יאַ־ראָסלאַווסקי. זלאַטע האָט שפּעטער אָנגעהויבן צו שפּילן ביי ליפּאָווסקין קינדער־ראָלן און מיט דער צייט איז זי געוואָרן אַ באַקאַנטע ייִדישע סוברעטין. זי האָט חתונה געהאַט מיטן קאָוונער טעאַטער־די־רעקטאָר בוקאַנץ.

ליפּאָווסקי איז געווען אַ גוטער דערציילער און געהאַט אַ געזונטן חוש פאַר הומאָר. תמיד האָט ער געהאַט צו דערציילן אַ נייע מעשה. צי די אַלע מעשיות זענען געווען אמתדיקע, צי אימפּראָוויזירטע, האָט שוין נישט געשפּילט קיין ראָל, וואָרום דער אופן ווי אַזוי ליפּאָווסקי האָט זיי „דער־לאַנגט", האָט זיי געמאַכט אינטערעסאַנט און פאַרכאַפּנדיק.

אין זיינע „טעאַטער־פיגורן" שרייבט זלמן זילבערצוויג וועגן לי־פּאָווסקין, צוו. אַנד.: „ליפּאָווסקיס נאָמען איז געווען אַ פירמע. ווו ער איז געקומען, האָט מען צו אים געהאַט גרויס צוטרוי, ווייל נישט שפּילנדיק אַליין קיין טעאַטער, האָט ער נישט געהאַט קיין געפילן פון קנאה אויף אַקטיאָרן און פלעגט תמיד צונויפשטעלן טרופּעס פון די שטאַרקסטע אַרטיסטישע כוחות אין רוסלאַנד. דערביי פלעגט ער תמיד נישט געבן די אויבערהאַנט דער אַפּערעטע".

למען האמת דאַרף אָבער צוגעגעבן ווערן, אַז ווען ליפּאָווסקי האָט נאָך אַליין געשפּילט טעאַטער און איז געווען דער דירעקטאָר, האָט ער

די זעלביקע באַציאונג געהאַט צו אַנדערע אַקטיאָרן און נישט אַרויסגעוויזן קיין קנאה.

נאָך אַ לאַנג־פּאַרצויגענער קראַנקייט איז דער בויער און קעמפער פאַר בעסער יידיש טעאַטער, נחום ליפּאָווסקי, געשטאָרבן אין ווילנע, דעם 24טן דעצעמבער 1928. זיין לעבנסווערק: שאַפן אין ווילנע אַן אייגענעם בנין פאַר יידיש טעאַטער האָט ער דערגרייכט.

אַ לוויה האָט ליפּאָווסקי געהאַט זייער אַן אימפּאַזאַנטע, וואָס נישט יעדן איינעם איז דאָס געווען באַשערט. אַלע יידישע געשעפטן פון די גאַסן, דורך וועלכע מען האָט געפירט דעם ארון, זענען געוואָרן געשלאָסן. דער גאַסן־פאַרקער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. דעם גרינדער פונעם יידישן טע־אַטער אין ווילנע, נחום ליפּאָווסקין, האָט מען צוגעטיילט דעם כבוד, וועלכן ער האָט פאַרדינט.

ליפּאָווסקי האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה פון זיין רייכן טע־אַטער־אַרכיוו. די פרוי זיינע, אסתר ליפּאָווסקי, האָט געשטאַמט פון טיף רוסלאַנד, פון וואַנען זי איז נאָך אַלס קינד געקומען מיט אירע עלטערן קיין פוילן.

אסתר ליפּאָווסקי האָט געהאַט אַ שיינע שטים צו זינגען און איז אויפגעטראָטן אין אַמאַטאָרישע פאָרשטעלונגען אין לאָדזש. שפּעטער איז זי אַנגאַזשירט געוואָרן צו שלמה קראַוזע אין טרופּע, מיט וועלכער זי איז אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד, אויפטרעטנדיק אונטער איר מיידלישן נאָמען גלאַזער. זי האָט אויך געשפּילט אין די טרופּעס פון מ. מייערסאָן, זשיטאָמירסקי א״א (געשפּילט אויך אונטערן פּסעוודאָנים: וואָלסקאַ). שפּעטער איז זי אַנגאַזשירט געוואָרן צו א. ג. קאָמפּאַניעיעץ אין וואַרשעווער מוראַנאָווער טעאַטער.

איר אייגנטלעכע קאַריערע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אין דער „פאַ־רייניקטער טרופּע" פון א. ר. קאַמינסקי, מיט וועלכער זי האָט דורכגעמאַכט דעם טריאומף־טורנע איבער די גרעסערע שטעט פון רוסלאַנד.

ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט נ. ליפּאָווסקין, האָט זי שוין געשפּילט אונטער איר מאַנס דירעקציע אַלע הויפּטראָלן און איז באַליבט געוואָרן ביים עולם.

זי האָט אויך געשפּילט מיט דער טרופּע פון קאַדיש־כאַש־נחמה, ווי

אויך ביי לידיאַ פּאָטאָצקי, מיט וועלכער זי האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן טורנע איבער פּוילן. אין דער דאָזיקער טרופּע איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן צוזאַמען מיט איר.

זי איז געווען זייער אַ האַרציקער מענטש און אַ גוטער חבר. בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט זי אין ווילנער געטאָ נאָך געשפּילט איר באַליבטע ראָל „מירעלע אפרת". דאָרט איז זי, פּונקט ווי כמעט אַלע יידישע אַקטיאָרן, אומגעבראַכט געוואָרן.

איר זון, סאַשאַ ליפּאָווסקי, איז געווען זייער אַ באַגאַבטער בחור. אַרויסגעוויזן אין זיינע קינדער־יאָרן גרויסע פעאיקייטן אויף אַ סך געביטן: פעאיקייטן צו שפּילן טעאַטער, צו מוזיק (אַגב, געווען זייער מוזיקאַליש), רעזשי־פעאיקייטן, קאָמפּאָזיציע־פעאיקייטן, שפּראַכן־פעאיקייטן, מאַטעמאַטישע פעאיקייטן און אַדמיניסטראַטיווע פעאיקייטן. צוליב די אַלע פאַרשיידנאַרטיקע פאַראינטערעסירונגען איז אים שווער געווען צו קאָנצענטרירן זיך אויף איין באַרוף און דאָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף אַלע געביטן, אויף וועלכע עס איז אים אויסגעקומען צו אַרבעטן. קיין שום צווייג פון זיין אַקטיוויטעט איז דעריבער נישט געווען ביי אים אויסגעפורעמט ווי געהעריק, הגם, ווי איך האָב שוין באַמערקט, איז ער געווען אַלזייטיק באַגאַבט. נאָך זייענדיק אַ שילער אין ווילנער גימנאַזיע האָט ער זיך באַטייליקט אין די קינדער־פאָרשטעלונגען. ער האָט גלייכצייטיק שטודירט קלאַוויר־שפּיל.

ווען די פּוילישע אַרמיי פון זשעליגאָווסקין האָט, אין יאָר 1920, פאַרנומען ווילנע, איז ער צוזאַמען מיט זיינע עלטערן אַנטלאָפן קיין קאָוונע (ליטע), ווייל דער פאָטער זיינער איז געווען אַ ליטווישער אָפיציר. אין קאָוונע האָט ער ווייטער שטודירט און גלייכצייטיק אָנגעהויבן צו שפּילן ביי זיין פאָטער טעאַטער. ער האָט אויך רעזשיסירט מיט אַמאַטאָרן אין קאָווגע. ווען די משפחה ליפּאָווסקי איז אין יאָר 1923 צוריקגעקומען קיין ווילנע, האָט ער רעזשיסירט אַ פאָרשטעלונג אין דער רוסישער שפּראַך. ער האָט אויך געאַרבעט אַלס אַקטיאָר און געשפּילט מיט קלאַראַ יאַנג און פישל קאַנאַפּאָוו. אַ געוויסע צייט איז ער געווען געשעפטס־פירער ביי רודאָלף זאַסלאַווסקין. זייענדיק אין ווילנע, האָט ער אויך געלערנט טעאָרע־

טישע למודים אין ווילנער ייִדישן מוזיקאַלישן אינסטיטוט, אונטער דער אָנפירונג פון ר. רובינשטיין.

אַ צייט־לאַנג איז סאַשאַ ליפּאָווסקי אַרומגעפּאָרן איבער דער פּויליִשער פּראָווינץ מיט פאַרשיידענע טרופּעס, שפּילנדיק פּאַט־קאָמיקער. ער האָט אויך פאַרפאַסט מוזיק צו אַ רייע פּיעסן און אויך דיריגירט מיטן אָרקעסטער. ער האָט אויפגעפירט אַ ריי פּיעסן מיט אַמאַטאָרן אין עספּעראַנטאָ־שפּראַך, וועלכע ער האָט זייער גוט געקענט. די פּיעסן, ס׳רוב איינאַקטערס, האָט ער אַליין איבערזעצט פון ייִדיש, רוסיש, פּויליש און דייטש.

אַ מאָדנער צופאַל: סאַשאַ ליפּאָווסקי, דער זון פון לייזער זשעלאַזאָ, האָט אויך געהאַט נישט־דורכשניטלעכע מאַטעמאַטישע פעאיקייטן, פונקט ווי נחום ליפּאָווסקי. ער האָט אַ סך געאַרבעט אויף דעם געביט און אַלס רעזולטאַט — געשאַפן אַ קאַלענדאַר אויף 5.000 יאָר. סאַשאַ איז געווען זייער אַמביציעז און אַרבעטזאַם און ווען נישט דער חורבן, וואָלט מען פון אים געקענט אַ סך דערוואַרטן.

אויך סאַשאַס פרוי, סאָניאַ, האָט געשפּילט ייִדיש טעאַטער, ווי אויך זייער יונג מיידעלע, צילע, וועלכע מען האָט, אַגב, פאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע טעאַטער־צוקונפט.

בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע איז דער גאַנצער שטאַם ליפּאָווסקי איבערגעהאַקט געוואָרן.

געניאַ שליט

געניאַ שליט האָט געהערט צו דער גרופּע ייִדישע אַקטיאָרן אין ריגע.

ווען לעטלאַנד איז געוואָרן אַ זעלבסט־שטענדיקע מלוכה (נאָכן ערשטן וועלט־קריג), האָבן די דאָרטיקע מינדערהייט־פעלקער געקריגן קולטור־אויטאָנאָמיע און זיך געקענט פריי אויסלעבן אין זייער אייגענער שפּראַך.

די לעטישע ייִדן האָבן די דאָזיקע פּריווילעגיע ווי געהעריק אויסגענוצט. אַ חוץ די שולן, פאַרלאַג־ און צייטונג־וועזן, האָבן זיי געגרינדעט אַ שטענדיק ייִדיש טעאַטער, וואָס איז געשטיצט געוואָרן פון דער שטאָט (באַפרייט געוואָרן פון צאָלן שטייערן פאַר די טעאַטער־בילעטן) און שפּעטער — אויך באַקומען פון דער רעגירונג אַ מלוכה־סובסידיע.

אין פּרעכטיקן ריגער ייִדישן קולטור־הויז האָבן זיי געגרינדעט אַ ייִדיש טעאַטער, דאָס אַזוי גערופענע „מעוטים"־טעאַטער. בראש פונעם דאָזיקן טעאַטער איז געשטאַנען דער פאַרדינסטפולער ריגער כאָר־שול־דיריגענט א. ווייסביין.

אַרום דעם דאָזיקן טעאַטער האָבן זיך גרופּירט אַ ריי אָנגעזעענע ייִדישע אַקטיאָרן, ווי מ. סוריץ, א. איינעס, ל. סערבסקי, מ. מאַרקאָוו, א. באַרשטשעווסקי, פרידאַ וויטאַלינאַ, טאַליני ניולין, חנה שערמאַן

(אלמנה נאָך א. ווייטער), קלובי נאָוו (געשעפטס־פירער) און סעראַגאָנסקי (סופליאָר).

אינעם דאָזיקן טעאַטער איז אויך אויפגעטראָטן צום ערשטן מאָל אויף דער יידישער בינע דער באַוווסטער רוסישער אַקטיאָר און פילם־שטערן אָסיפּ רוניטש.

דאָס „מעוטים"־טעאַטער האָט אין יאָר 1927 איינגעפירט אַ שטענ־דיקן דראַמאַטישן אַנסאַמבל, אָנגעפירט פון אַליאָשאַ שטיין, און אַן אָפּע־רעטן־אַנסאַמבל, אונטער דער אָנפירונג פון שלמה קוטנער.

אינעם ריגער טעאַטער האָבן אויך גאַסטראָלירט אויסלענדישע געסט, ווי: זיגמונט טורקאָוו, אַברהם מאָרעווסקי, א. סאַמבערג, דיאַנאַ בלומענ־פעלד, קלאַראַ יאַנג, מישאַ און לוסי גערמאַן, בערטאַ גערסטין, רודאָלף זאַסלאַווסקי, מנחם רובין, מיכאל מיכאַלעסקאַ, יוליוס אַדלער, דינה האַל־פערן און סעם בראַנעצקי, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות א"אַ.

דער ריגער עולם האָט ליב געהאַט יידיש טעאַטער און גוט באַזוכט די פאָרשטעלונגען פונעם דאָזיקן טעאַטער.

גענייאַ שליט, הגם נישט קיין ריגערין, האָט אָבער נאָכן קומען פון רוסלאַנד , ווו זי איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן, באַלד פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אינעם ריגער יידישן טעאַטער־לעבן. זי האָט זיך שנעל אַקלימאַטיזירט און מ'האָט זי געהאַלטן פאַר אַן „אייגענע" אין ריגע. זי איז דאָרט זייער באַליבט געוואָרן.

גענייאַ שליט האָט איר בינע־קאַריערע, ווי געזאָגט, אָנגעהויבן אין רוסלאַנד. זי האָט געשפּילט אַ לענגערע צייט אין כאַרקאָוו און אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן, געקומען קיין ריגע, וואָס איז געוואָרן איר נייע היים.

אירע ערשטע אויפטריטן אין ריגע זענען געווען ביי יוליוס אַדלערן, בעת זיינע דאָרטיקע גאַסטשפּילן. אָפּשפּילנדיק איניקע יאָר אין לעט־לאַנד, איז זי אויפגעטראָטן אין קאָוונע (ליטע), דערנאָך אין פּוילן. זי האָט אויך געשפּילט אין טשעכאָסלאָוואַקיי. אין פּוילן איז זי אַרומגעפאָרן

מיט א. מאָרעווסקין איבער דער פּראָווינץ, שפּילנדיק אין שלום אַשס „רעווערענד זילבער״ — די פרוי זילבער. אין דער דאָזיקער ראָל האָט זי געהאַט גרויס דערפאָלג. דעם גרעסטן דערפאָלג האָט זי אָבער געהאַט אין יוגאָסלאַוויע, ווו זי איז אַנגאַזשירט געוואָרן אין ד״ר פּאַול באַראַטאָווס טרופּע (יאָר 1932). אין אַלע יוגאָסלאַווישע שטעט, ווו די טרופּע האָט געשפּילט קנאַפּע דריי חדשים (בעלגראַד, זאַגרעב, סאַראַיעווא, סאַמבאָר א״אַ) איז דאָס טעאַטער תּמיד געווען אויספאַרקויפט.

ווען געניאַ שליט איז צוריקגעקומען פון איר יוגאָסלאַווישן טורנע, איז זי געווען פול מיט באַגייסטערונג. — „פון אַזאַ אויפנאַמע, וואָס מען האָט דאָרט צוגעגרייט פאַר די ייִדישע אַקטיאָרן — האָט זי געזאָגט — קען מען אין ערגעץ נישט חלומען. די רייזע האָט נאָר געהאַט איין שאָטן־זייט. ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן פון יוגאָסלאַוויע, האָב איך געהאַט אָן אַ שיעור בלומען. איך האָב געקויפט סאָדע־וואַסער און באַגאָסן זיי יעדעס מאָל. איך בין געווען צופרידן, וואָס די בלומען וועלקן נישט. אין וואַגאָן איז געווען זייער ענג, אָבער איך האָב אַלץ געוואַכט איבער די בלומען. מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער טשעכישער גרענעץ. מיר זענען שוין צוגעפאָרן צו דער סטאַציע. אָבער דאָ קומט אַריין אַ זשאַנדאַרם און: פאַר־ווערט מיר אַריינצופירן די בלומען אין לאַנד אַריין. ס׳האָבן נישט גע־האָלפן מיינע בקשות און טענות. איך האָב זיך מיט די בלומען געמוזט צעשיידן...״

איך האָב דעם דאָזיקן עפּיזאָד מיט די בלומען איבערגעגעבן, ווייל דאָס כאַראַקטעריזירט געניאַ שליט, וואָס האָט ליב געהאַט די נאַטור און בלומען. זי האָט ליב געהאַט שיינקייט. און זי אַליין איז אויך געבענטשט געוואָרן פון דער נאַטור מיט שיינקייט. זי האָט געהאַט וווּנדערבאַרע אויסערלעכע מיטלען. זי איז געווען רעפּרעזענטאַטיוו און האָט אימפּאָנירט מיט איר הויכער, שלאַנקער פיגור. אַ שיין באַוועגלעך פּנים, מיט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן, אַ פיינע דיקציע; גערעדט אַ שיינעם ייִדיש און דערביי געהאַט טאַלאַנט צו שפּילן טעאַטער. מיט איין וואָרט: זי האָט באַזעסן אַלע מעלות, וואָס אַ שוישפּילערין דאַרף האָבן.

אין די ראָלן, וואָס זי האָט געשפּילט, האָט זי זיך איינגעלעבט און אַרויסגעבראַכט אויף אַ דיסקרעטן און איבערצייגנדיקן אופן — מענטש־

לעבע געפילן. אַפילו אין די ביליקע מעלאָדראַמעס, וואָס זי האָט לרוב געשפילט, האָט זי אויסגעמיטן די מעלאָדראַמאַטישע קונצן.

בעת געניאַ שליט האָט גאַסטראָלירט אין פוילן, האָט זי די גאַנצע פרעסע זייער וואַרעם אויפגענומען. געניאַ שליט האָט געקענט שאַפן אַ סביבה אַרום זיך. מען האָט זי ליב געהאַט. אויף דער פּוילישער פּראָ־ווינץ האָט זי אויך געשפילט מיט זיגמונט טורקאָוו און אַליאַשאַ שטיין.

מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן צוזאַמען מיט געניאַ שליט, בעת מיינע און דיאַנאַ בלומענפעלדס גאַסטראָלן אין ריגער יידישן „מעוטים״־טעאַטער, אין יאָר 1936. זי איז געווען אַ דיסציפּלינירטע שוישפּילערין און אַ גוטער, האַרציקער מענטש. בעת אונדזער אָפּפאָרן צוריק פון ריגע, האָט אונדז געניאַ שליט באַגלייט צום באַן מיט פּרעכטיקע בלומען, און אונדז געבעטן אַכטונג צו געבן, אַז די בלומען זאָלן נישט פאַרוועלקן... און נישט קיין וווּנדער, וואָס זי האָט אַזוי ליב באַקומען די שטאָט ריגע און זי אויסגעקליבן פאַר איר שטענדיקער היים, ווייל ריגע איז באמת געווען ריין און ציכטיק ווי אַ גאָרטן.

בעת מאָריס שוואַרץ איז געווען אויף גאַסטשפּילן אין אייראָפּע, האָט ער אַנגאַזשירט צו זיך געניאַ שליט. איר ערשטער אויפטריט אין ניו־יאָר־קער „קונסט־טעאַטער״ איז געווען אין שלום אַשס „3 שטעט״. זי האָט געהאַט דאָרט דערפאָלג און איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע.

געניאַ שליט האָט אָבער געצויגן צוריק צו איר ריגע, נאָך דער דאָרטיקער געמיטלעכקייט, נאָך וועלכער זי האָט אַזוי געבענקט, און וואָס זי האָט נישט געקענט געפינען אין אַנקעל סעמס מדינה. דאָס איז געווען קורץ פאַרן אויסברוך פונעם צווייטן וועלט־קריג. זי האָט געהאַט אַ מעג־לעכקייט צו פאַרבלייבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אירע ניו־יאָרקער פריינט האָבן זי שטאַרק אָפּגערעדט פונעם פאָרן צוריק אין „פולווער־קעסל״.

געניאַ שליט האָט נישט פאַרויסגעזען און זיך נישט געקענט פאָר־שטעלן, אַז די זעלביקע לעטן, וועלכע האָבן, נאָך דער אַנטשטייאונג פון זייער מלוכה, געגעבן די יידן מיט אַזאַ ברייטער האַנט קולטור־אויטאָנאָמיע,

וועלן נישט נאָר צוהעלפן די דייטשן צו פאַרניכטן און אויסצוראָטן די ייִדישע באַפעלקערונג אין ריגע און אין אַנדערע שטעט פון לעטלאַנד, נאָר אַליין אָרגאַניזירן שוואַרצע באַטאַליאָנען, וואָס זאָלן מיט די אייגענע הענט אויסמאָרדן די ייִדן, נישט נאָר פון לעטלאַנד, נאָר אויך פון פוילן און אַנדערע לענדער.

בעת דער דאָזיקער ייִדן־אויסראָטונג איז אויך נישט געשוינט געוואָרן די פיינע ייִדישע שוישפּילערין און האַרציקער מענטש — געניאַ שליט.

ל״ב ווינער

דער נאָמען לייב ווינער איז אַמאָל געווען אַ מאַגנעטיש וואָרט ביים יידישן טעאַטער־עולם אין פוילן און אין רוסלאַנד. ער איז געווען דער ליבלינג פונעם פובליקום.

ווען איך בין אַלט געווען אַכט יאָר, האָב איך אים דאָס ערשטע מאָל געזען שפילן אין וואַרשעווער „מוראַנאָווער״ טעאַטער.

איך דערמאָן זיך נישט די פיעסע, אין וועלכער ווינער איז דעמאָלט אויפגעטראָטן, אָבער כ׳געדענק גוט דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס ער האָט געהאַט, ווען ער האָט אָפּגעזונגען דעם קופּלעט „אָי, די באָמבע״. מ׳האָט ווינערן פּשוט נישט אַראָפּגעלאָזן פון דער בינע. מיין באַגער אים צו זען פון דער נאָענט האָט זיך נישט פאַרווירקלעכט. איך האָב נישט געהאַט קיין מזל צו אים. וויפל מאָל כ׳האָב זיך אַריינגעגנבעט הינטער די קוליסן, אַזוי פיל מאָל האָט מען מיך פון דאָרטן אַרויסגעוואָרפן...

ביז גאָט האָט געהאָלפן, אין אַ שיינעם זומער־טאָג, ווען איך האָב שפּאַצירט מיט מיין ברודער זיגמונט אויף דער דזשיקע גאַס, האָבן מיר באַמערקט אַ פּאָר טריט פון אונדז אַ נידעריקן, ברייט־פּלייציקן מענטשן, אָנגעטון אין אַ פּרעכטיקן העלן אָנצוג, מיט אַ גרויסן ברייטן פּאַנאַמע־הוט אויפן קאָפּ, און אין דער האַנט — אַ שטעקן מיט אַ זילבערן הענטל און מיט אַ סך מאָנאָגראַמען. מיר האָבן באַלד אין אים דערקענט אונדזער ליבלינג — לייב ווינער.

פון גרויס איבערראַשונג און פרייד האָט איינער פון אונדז אויסגע־רופן אויפן קול: „לייבעלע בולקע־פּרעסער!״ — אַזוי האָט מען ווינערן גערופן אין וואַרשע. דאָס האָט זיך, מסתמא, גענומען דערפון, וואָס ער

איז אַ צייט לאַנג געווען אַ בדחן און זינגער אויף חתונות און בריתן און ער האָט נישקשהדיק געהאַלטן פון דער אכילה...

נישט באַוויזן אַרויסצורעדן דאָס וואָרט „בולקע־פּרעסער“, ווי אונ־דזער ליבלינג האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס, אויפגעהויבן דעם שטעקן און זיך געלאָזט גלייך אויף אונדז. מיר האָבן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. ווי־נער — נאָך אונדז. פאַרשטייט זיך, אַז אונדזערע יונגע פיס זענען געווען פלינקער פון זיינע און מיר זענען אַזוי לאַנג געלאָפן, ביז ער האָט „פאַר־שפּילט דעם קאַמף“ און אויפגעהערט אונדז נאָכצויאָגן. ווען ווינער וואָלט געוווסט, וואָס פאַרא ליבשאַפט מיר האָבן צו אים געפילט, וואָלט ער אונדז זיכער נישט געוואָלט טון קיין שלעכטס צוליב אַזאַ אומשולדיק וואָרט: „בולקע־פּרעסער“.

אין יאָרן אַרום האָב איך ווינערן דערמאָנט דעם דאָזיקן עפּיזאָד, יועלכן ער האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געדענקט, און מיר האָבן ביידע דערפון האַרציק געלאַכט.

***

לייב ווינער איז געבוירן געוואָרן ביי אָרעמע עלטערן אין דעם קליינעם פּוילישן שטעטל ראַווא מאַזאָוויעצקאַ. ער האָט דאָרט געלערנט אין חדר און געחלומט צו ווערן אַ זינגער. אַלט זייענדיק 12 יאָר און האָבנ־דיק אַ שיינעם אַלט, האָט ער אָנגעהויבן זינגען אין דער דאָרטיקער שול ביים חזן אַלס משורר. ווען זיינע עלטערן זענען אים געשטאָרבן, איז ער אַוועק קיין וואַרשע, אָנגענומען זיך מיט מוט און אַוועק אין דער „דריי־טשישער סינאַגאָגע“. מען האָט אים, צו זיין גרויסער פרייד, גלייך אָנ־גענומען אין כאָר אַריין.

ווען ווינער איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען אין כאָר ביי וויספעלדן אין יידישן טעאַטער אין וואַרשע, ווו עס האָבן דעמאָלט געשפּילט, צווישן אַנדערע, די פּאָפּולערע אַקטיאָרן מי־טעלמאַן, שאַראַוונער, טשיזשיק, גוסטאַוו שוואַרצבאַרד און זיין שוועסטער רוזשע שוואַרצבאַרד (די שפּעטערדיקע פרוי פונעם אַקטיאָר אַדאָלף בער־מאַן).

אין אַ קורצער צייט אַרום איז ווינער געוואָרן אַן אַקטיאָר. אויף זיין ערשטן דעביוט אין אברהם גאָלדפאַדענס „הונגערמאַן און קאַבצענזאָן" האָט ער מיט איין מאָל געקריגן צוויי ראָלן, און דער דעביוט איז אים געלונגען. באַלד נאָכדעם האָט ער שוין באַקומען אין דער צווייטער גאָלד־פאַדן־אויפפירונג „אחשורוש" די ראָל פון „ויזתאן", דערנאָך „ציגניטאַנג" אין „שולמית" און „אשמדאי" אין „שלמה המלך".

אין יאָר 1887 האָט מען פאַרבאָטן צו שפּילן ייִדיש טעאַטער און ווינער האָט זיך גענומען צו אַ נייעם פאַך: ער איז געוואָרן אַ „פאָלקס־זינגער" אויף חתונות און בריתן. דאָס האָט אים געגעבן גאַנץ שיין פּרנסה. דער דאָזיקער נייער פאַך האָט אים פאַרשאַפט גרויס פּאָפּולאַרי־טעט אין וואַרשע און מען האָט זיך ממש געריסן איבער אים. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אָנצונעמען נייע „באַשטעלונגען".

נישט געקוקט אויף די גרויסע פאַרדינסטן, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיין נייעם פאַך, ווען די דירעקטאָרן סעם אַדלער און ספּיוואַקאָווסקי האָבן אים, אין יאָר 1905, פאַרגעלייגט אַריינצוטרעטן אין זייער ייִדישער טרופּע, איז ער געוואָרן אויס „פאָלקס־זינגער" און אַוועקגעפאָרן צו זיי קיין מינסק (ווייס־רוסלאַנד). דאָרט איז ווינער אויפגעטראָטן אין דער פּיעסע „מישקע און מאַשקע", דערנאָך — אין „חנהלע די נייערין", אין „הער־צעלע מיוחס" און אין אַנדערע פּיעסן, אין וועלכע ער האָט געשפּילט אַלע קאָמישע ראָלן און געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן גרויסן דערפאָלג. ער האָט אויך געשפּילט ערנסטע ראָלן אין די היסטאָרישע פּיעסן. צוזאַמען מיט אַדלערן און ספּיוואַקאָווסקין איז ער געקומען קיין וואַרשע און אַריינ־געטראָטן צו א. ג. קאָמפּאַניִיעצן אין „מוראַנאָווער" טעאַטער, שפּילנדיק „אליעזרן" אין „בר־כוכבא", „אברהם" אין „עקדת יצחק", „מנוח" אין „שולמית", „שלמן" אין „פּרינץ בן הדור", „מאַקסים" אין „בלימעלע" א"אַ.

פון מוראַנאָווער טעאַטער איז ווינער אַנגאַזשירט געוואָרן דורך אברהם פישזאָן אין וואַרשעווער „זשאַרדען ד'היווער"־טעאַטער אויף כמיעלנע גאַס, ווו ער האָט געשפּילט בלויז ערנסטע ראָלן. אין יאָר 1906 איז ווינער צוריק אַריינגעטראָטן צו א. ג. קאָמפּאַניִיעצן אין „מוראַנאָווער" טעאַטער, ווו עס איז געווען רעזשיסאָר דער באַרימטער אַרטיסט מ. ל. מעיערסאָן. אין יאָר 1908 גייט ווינער איבער, צוזאַמען מיט מעיערסאָנען, אין „עלי־

זעאום״־טעאַטער אויף קאַראָווע גאַס, אונטער דער דירעקציע פון לייזער ראַפּעל און ה. עפּעלבערג. ווינער ווערט דאָרט ערשטער קאָמיקער פון דער טרופּע. ער טרעט אויף מיט אַ ריזיקן דערפאָלג אין „יעקב און עשו״ אַלס „לבן האַרמי״, אין „לא תחמוד״ אַלס „פרידל״, אין „צוויי תנאים״ — „פילדיש״, אין „אַ מענטש זאָל מען זיין״ — „יואל קוואַטש״, אין „די גאָלדענע חתונה״ — „נחום גענזעלע״ און אין „שבת קודש״ אַלס „שמעיה״ („חיה״ האָט געשפּילט קראַוזע־מילער — אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ). דעם רעקאָרד פון דערפאָלג שלאָגט ווינער אין יאָר 1911 ביי קאָמפּאַניעיעצן אין „מוראַנאָווער״ טעאַטער אַלס „שמואל שמש״ אין „פּינטעלע ייד״.

משמעות, דער דערפאָלג האָט אים אַזוי באַרוישט, אַז ער האָט זיך ממש געשטעלט אויפן קאָפּ, כדי אַרויסצורופן נאָך אַ גרעסער געלעכטער ביים עולם. צווישן אַנדערע, האָט ער אין „פּינטעלע ייד״ געמאַכט אַזאַ מין „טריק״.

אין אַ געוויסער סצענע, ווען ער קומט אַריין (אַלס שמש) צום קאָ־וואַל, דאַרף דער לעצטער אים אַרויסוואַרפן. די סצענע חזרט זיך איבער אַ פּאָר מאָל. צום סוף עפנט זיך ווידער די טיר און מען זעט, ווי עס באַווייזט זיך לאַנגזאַם דער פוס פון שמש, אָבער בלויז דער פוס. דער אויפגערעגטער קאָוואַל כאַפּט אָן דעם פוס און וויל אַזוי אַרום אַריינציִען דעם שמש אין שטוב אַריין, כדי אים מקיים פּסק צו זיין. ער גיט זיך אָבער האַסטיק אַ צי אויס אויף דער ערד און דער מכלומרשטער פוס בלייבט ביי אים אין דער האַנט. דאָס האָט ווינער צוגעגרייט אַ קינסטלעכן פוס, כדי צו מאַכן נאָך איין קאָמישע סצענע... מיטן וווקס פון זיין דער־פאָלג, איז אויך געוואַקסן זיין „דערפינדערישקייט״...

אין יאָר 1912 ווערט ווינער אַנגאַזשירט קיין אָדעס אין יידישן טע־אַטער, וואָס איז געווען אונטער דער לייטונג פון לייזער ראַפּעל און קור־לענדער. דאָרט ווערן אויפגעפירט מיט אים פּיעסן פון אייראָפּעאישן רעפּערטואַר. דערנאָך האָט ער געשפּילט מיט פּעפּי ליטמאַן אין „איציקל וויל חתונה האָבן״, אין „די געצוואונגענע חתונה״ א״אַ, ווו ער איז געווען ליטמאַנס פּאַרטנער. ער האָט אויך געשפּילט מיט קלאַראַ יאַנג אין „די אַמעריקאַנערין״, „זיין ווייבס מאַן״, „פּופּטשיק״ און אין אַנדערע פּיעסן.

אין יאָר 1916 ווערט ווינער אַנגאַזשירט אין דער טרופּע פון קלאַראַ יאָנג און בועז יונגוויץ און זיי מאַכן אַ טורנע איבער רוסלאַנד (געשפּילט, צווו. אַנד., אין מאָסקווער „ניקיטינסקי״ טעאַטער). פון דאָרט איז ווינער צוריקגעקומען קיין אָדעס, ווו ער האָט איבערגענומען די דירעקציע פון „נאָווי טעאַטער״. אין יאָר 1917 ווערט ווינער ווידער אַנגאַזשירט דורך יונגוויצן קיין קיִעוו, ווו זיי שפּילן גלייכצייטיק אין צוויי טעאַטערס: אין „סאָלאָווצאָווס״ טעאַטער און אין שטאָט־טעאַטער. דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון: „אַלמאַ, ווו וווינסטו?״, „חנהטשע אין אַמעריקע״, „זיין ווייבס מאַן״, „דזשעקעלע בלאָפער״, „די אַמעריקאַנערין״ און אין אַנדערע פּיעסן פון קלאַראַ יאָנגס רעפּערטואַר.

בעתן בירגער־קריג אין אוקראַינע האָט ווינער אויפגעהערט צו שפּילן טעאַטער — ביז ער ווערט אַנגאַזשירט — אין יאָר 1919 — אין קיִעווער יידישן טעאַטער „אונדזער ווינקעל״, אויפן קרעשטשאַטיק, ווו עס האָבן דעמאָלט געשפּילט יעקב ליבערט, סאָניאַ עדעלמאַן, עפּשטיין, יער־מאָלינאַ וויסמאַן, מנחם רובין, משה זשולקאָווער א״אַ. אַ געוויסע צייט האָט דאָרט גאַסטראָלירט אסתר רחל קאַמינסקי מיט איר טרופּע. ווינער באַקומט אָבער נישט קיין ראָלן אין „אונדזער ווינקל״, און ער מוז אין דעם טעאַטער סטאַטיסטירן. מען נוצט אים אויס אין די מאַסן־סצענעס, ווו ער שפּילט אויף דער האַנט־האַרמאָניע — אַגב, האָט ער אויף דעם אינסטרומענט גלענצנדיק געשפּילט. ער האָט אויך געשפּילט אויף אַ מויל־האַרמאָניקע.

ווען ס׳איז אין יאָר 1919 אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם אויף יידן אין קיִעוו, — איז ווינער, וואָס האָט דאָרט געוווינט, קוים אַרויס מיטן לעבן. מען האָט אים שוין געפירט צום שיסן. אין דער לעצטער מינוט האָט אַ קריסטלעכער שכן, מיט וועלכן ווינער איז געווען באַפריינדט, אים אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. דער קריסט האָט פאַרזיכערט, אַז ווינער איז נישט קיין ייִד. אַזוי אַרום האָט ער זיך געראַטעוועט, אָבער ער האָט פאַרלוירן זיין גאַנץ האָב־און־גוטס, וואָס די באַנדיטן האָבן ביי אים צוגערויבט.

צו יענער צייט האָב איך זיך געטראָפן מיט ווינערן אין קיִעוו. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין קיִעווער פּאָרט אַלס שוואַרץ־אַרבעטער. איך

האָב אויסגעפּועלט ביי דער אָנפירערשאַפט, מען זאָל אויך ווינערן געבן אַרבעט.

אין יאָר 1920 קומט ווינער, אַלס פּוילישער בירגער, צוריק קיין פּוילן. ער אָרגאַניזירט באַלד אַ חברים־טרופּע און פאָרט מיט איר אַרויס אויף דער פּראָווינץ. אין יאָר 1923 ווערט ווינער אַנגאַזשירט אין קאַמינסקיס טעאַטער, דערנאָך שפּילט ער אין „סקאַלאַ" טעאַטער, ווו עס איז דעמאָלט אויפגעטראָטן די אַקטריסע אַנאַ יאַקובאָוויטש.

אין יאָר 1930 אַנגאַזשיר איך ווינערן אין טעאַטער „וואַרשע־ווער נייער יידישער טעאַטער), וואָס איך עפן אין געוועזענעם „עליזעאום" טעאַטער, אויף קאַראָוועי גאַס. אין דעם דאָזיקן טעאַטער האָב איך אַמאָל געשטעלט מיינע ערשטע טריט אַלס יידישער אַקטיאָר, ווען ווינער האָט אינעם דאָזיקן טעאַטער שוין געפּייערט זיינע גרויסע טריאומפן. איצט איז ווינערן אויסגעקומען צו שפּילן קליינע עפּיזאָדן־ראָלן און גיין אין די מאַסן־סצענעס, ווו ער האָט זיך ווידער אויסגעצייכנט, אָבער אַ דאַנק זיין שפּילן אויף דער האַרמאָניע. קיין גרעסערע ראָלן האָט מען שוין אים נישט געקענט געבן, ווייל ער איז געווען טויב. אין יאָר 1931 איז ווינער אַנגאַזשירט געוואָרן אין ניי־געעפנטן טעאַטער „צענטראַל" אויף דער דזשיקע גאַס, וואָס איז געוואָרן אָנגעפירט דורכן אַקטיאָר און זינגער הערמאַן פעניגשטיין.

די לעצטע יאָרן ווערט שוין ווינער, אַלס עמעריטירטער אַקטיאָר, צוגעטיילט צו פאַרשיידענע טרופּעס, ווו ער פאַרנעמט פאַרשיידענע פונקציעס. אַזוי ציט עס זיך ביז דער גרויסער וועלט־מלחמה. ווינער איז שוין געווען קראַנק און צעבראָכן און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. קורץ נאָכן פאַרנעמען וואַרשע דורך די דייטשן, האָט ער זיך שוין נישט געקענט רירן פון בעט. נאָך אַ פּאָר חדשים ליידן, האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

דער אַמאָליקער ליבלינג פון פובליקום, דער פריילעך־מאַכער און פאָלקס־זינגער, דער וועטעראַן פון דער יידישער בינע, לייב ווינער, האָט פאַרענדיקט זיין לעצט קאַפּיטל. מיט אים האָט זיך אויך פאַרענדיקט אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל פון דעם אַמאָליקן יידישן טעאַטער.

משפחה סאַנדלער

די משפחה סאַנדלער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אינעם יידישן טעאַטער אין אייראָפּע און אין דרום־אַפריקע.

די דאָזיקע משפחה איז באַשטאַנען פון: חיים סאַנדלער (זיין אמתער נאָמען איז געווען קאָפּיטקאָ), זיין פרוי חנה לעווין, זייער טאָכטער ראָזאַ סאַנדלער. די סאַנדלערס האָבן נאָך געהאַט אַ זון, וועלכער איז נישט געווען קיין אַקטיאָר, נאָר געאַרבעט אין דער אַדמיניסטראַציע פון זיין פאָטערס טעאַטער.

חיים סאַנדלער איז געווען פאַררעכנט צו די בעסטע עפּיזאָדן־אַרטיסטן אויף דער יידישער בינע. ער איז געווען אַ מייסטער אויף עפּיזאָדן.

דאָס הייסט נישט, אַז סאַנדלער האָט נישט געקענט אויסטראָגן קיין גרעסערע ראָל אויף זיינע פּלייצעס, — פאַרקערט: ווען מ'האָט אים געזען אַפילו אין אַ נישט־פּאַסיקער פאַר זיך ראָל, האָט מען אויך גלייך דערקענט אין אים אַ ביז גאָר טאַלאַנטירטן אַקטיאָר.

אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס די נישט־פּאַסיקע פאַר אים ראָלן האָט ער זיך אַליין גענומען, בעת ער האָט געפירט זיין אייגן טעאַטער, אונטער זיין דירעקציע און זיין רעזשי. דעמאָלט האָט ער געשפּילט ליבהאָבער־ראָלן, צו וועלכע ער איז נישט געווען צוגעפּאַסט סיי אויסערלעך (ער איז געווען אַ קליינער און מאָגערער), סיי צוליב זיין שטים.

ליבהאָבער האָט ער, משמעות, געשפּילט דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן זיין גרויסע שוואַכקייט: אויספּוצן זיך עלעגאַנט ביי יעדן אַקט, און ביי יעדן אויפטריט — ער האָט געמעגט אַפילו אויפטרעטן מערערע מאָל אינעם אַקט — אָנטון אַ נייעם אָנצוג,

אַ נייעם הוט, נייע שיך, אַ ניי העמד, אַ נייעם קראַוואַט מיט אַ נייער ברי־ליאַנטענער בראָש און נייע „סיגנעטן" אויף די פינגער.

אַזוי איז ער אויך געווען אין זיין פּריוואַט־לעבן: אַ פּאָר מאָל אין טאָג האָט ער זיך איבערגעטון, זיך אַנדערש אויסגעפּוצט — און אַלעמאָל פאַר־ביק, שרייאיק, ווי ער וואָלט געווען דער שאַפער פון אַ נייער מאָדע.

אַ שוואַכקייט האָט ער אויך געהאַט צו הויכע, גלאַנצנדיקע אָפּיצירן־שטיוול, וועלכע ער האָט געהאַט אין אַלע קאָלירן און אַרומגעשפּאַצירט אין זיי איבער די וואַרשעווער גאַסן, האַלטנדיק אַ לעדערנע שפּיצרוט אין האַנט. ער האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי „מאָטקע גנב" אין די גוטע צייטן...

חיים סאַנדלער האָט אָנגעהויבן זיין בינע־קאַריערע אויף דער פּראָ־ווינץ אין פאַרשיידענע וואַנדער־טרופּעס. שפּעטער האָט ער אַליין אָרגאַ־ניזירט אַ טרופּע און דערנאָך אַ צייט לאַנג געשפּילט אין וואַרשעווער „צענטראַל"־טעאַטער, ווי אויך אין „וויקט" (וואַרשעווער ייִדישער קונסט־טעאַטער). לסוף איז ער געוואָרן דירעקטאָר פון אַ שטענדיקן ייִדישן טע־אַטער אין וואַרשע, וואָס ער האָט יאָרנלאַנג געפירט.

סאַנדלערן האָט מען געהאַלטן נישט נאָר פאַר אַ גלענצנדיקן אַקטיאָר, נאָר אויך פאַר אַ גרויסן גביר. ווו און ווען ער האָט געמאַכט זיין פאַר־מעגן, איז פאַר אַלעמען געווען אַ סוד. פאַרשיידענע קלאַנגען האָבן זיך וועגן דעם געלאָזט הערן: ערשטנס, אַז ער האָט געווונען אויף דער מלוכה־לאָטעריע; ווייטער — אַז עס איז אים געגאַנגען מזלדיק אין מסחר (גלייכ־צייטיק מיט שפּילן טעאַטער האָט סאַנדלער צוגעהאַנדלט מיט אַלעם און מיט אַלץ, ביי וואָס מ'האָט געקענט פאַרדינען); דריטנס — אַז ער האָט אויסגעבאָרגט געלט אויף פּראָצענט, און לסוף — אַז דאָס שטאַמט פון קאָרטן־שפּיל (סאַנדלער איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ בר־מזל אין קאָרטן). געניו אָבער, ווי אַזוי און פון וואַנען ער איז געוואָרן אַ גביר, האָבן מסתמא געוווסט בלויז זיינע נאָענטסטע.

חיים סאַנדלער, הגם אַ קליינגעוויקסיקער און מאָגערער און דערצו נאָך אַן ערנסט ליידנדיקער אויפן מאָגן, איז געווען פיזיש פענאָמענאַל שטאַרק. ער האָט געקענט ברעכן אייזן מיט די פינגער.

אַמבעסטן האָבן זיך אין דעם איבערצייגט די הפקר־יונגען, וואָס האָבן זיך געוואָלט שבת נאָכמיטאָג אַריינגנבענען אין ייִדישן טעאַטער אָן

געלט. די דאָזיקע „שטאַרקע", אָדער ווי זיי האָבן אין דעם פאַל געהייסן „גאַפּע־לייט", האָבן, נאָך אַ פּאָר „לעקציעס", וואָס סאַנדלער האָט זיי גע־געבן, זיך בולט איבערצייגט אין זיין אויסערגעוויינלעכן כוח. זיי האָבן נאָך דעם מורא געהאַט פאַר זיין בלויזן בליק. די אונטערוועלט־מענטשן האָבן זיך זייער גערעכנט מיט סאַנדלערן און אָפטמאָל פלעגן זיי אים באַשטימען אַלס בורר ביי זייערע „דין תורהס". סאַנדלער איז געווען אַ גרויסער חכם, אַפילו צופיל איבערגעשפּיצט, און האָט געהאַט אַן אייזערנע, געזונטע לאָגיק.

ביי סאַנדלערן אין טעאַטער האָט מען נישט געטאָרט גנבענען. עס איז נישט געווען קיין איין פאַל, אַז מען זאָל עמעצן אַרויסציִען עפּעס פון טאַש. ביי אים אין טעאַטער האָט מען נישט געדאַרפט אַרויסהענגען די באַקאַנטע מעלדונג: „היט זיך פאַר גנבים". אַזאַ מעלדונג האָט באַשיינט אַלע איבעריקע טעאַטערס אין וואַרשע... דערפאַר אָבער האָבן זיך באַלד ביים אַרויסגיין פון סאַנדלערס טעאַטער נישט איינמאָל געלאָזט הערן געשרייען און געוואַלדן, וואָס זענען געקומען פונעם אַרויסגייענדיקן פּובליקום, וועמען גנבים האָבן „באַאַרבעט".

ווען מען איז געקומען מיט אָנקלאַגעס צו סאַנדלערן, האָט ער געלאַסן געענטפערט: „ביי מיר אין טעאַטער גנבעט מען נישט. פאַר דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס, בין איך נישט פאַראַנטוואָרטלעך. ווענדט זיך צו דער פּאָליציי..."

מיט וואָס דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס ביי סאַנדלערן אין טעאַטער האָט מען נישט געגנבעט, איז באמת אַ סוד. אפשר נעמט זיך עס פון דער מורא און אפשר — און דאָס איז העכסט וואַרשיינלעך — פון דעם רעס־פּעקט, וואָס די גנבים האָבן געהאַט פאַר סאַנדלערן. די גנבים האָבן פון סאַנדלערן שטאַרק געהאַלטן.

אָבער איך וויל זיך אומקערן צו סאַנדלערן דעם אַקטיאָר. ווי איך האָב שוין געזאָגט איז סאַנדלער געווען איינער פון אונדזערע בעסטע כאַראַק־טער־שפּילערס אויף דער יידישער בינע און אַ מייסטער פון עפּיזאָדן.

מיט אַ נישט־באַגרייפלעכער אינטואיציע האָט ער פון יעדער כאַראַק־טער־ראָל געשאַפן אַ קרעאַציע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין גלייכן צו זיך. אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן, וואָס ער האָט געשאַפן — ס'רוב פּאַטאָלאָגי־

שע — איז אַריין אין דער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער. זיין „יאַנסען" אין „די זיבן געהאָנגענע" פון אַנדרעיעוון, זיין „קריפּל" אין „פישקע דער קרומער" פון מענדעלען, זיין „שענקער" אין „דוכוס" פון אלתר קאַציזנע, און נאָך צענדליקער טיפּן, וואָס ער האָט געשאַפן, זענען געווען מייסטער־



חיים סאַנדלער אַלס צווייטער בטלן אין אַנ־סקיס „דיבוק" און „אַליאָשקאַ" אין מ. ד. בערקאָוויטשס „מאָשקע חזיר".
(צייכענונגען פון פעליקס פרידמאַן)

שטיק פון העכסטן גראַד. ווי אַ סקולפּטאָר אויסגעלאָטן, און אויסגעהאַמערט יעדע כאַראַקטער־ראָל און זיי געגעבן נישט טעכניש פאַרפולקומט, נאָר אויך גוט־דורכגעטראַכטע, פסיכאָלאָג גרינדעטע, פולבלוטיקע געשטאַלטן. יעדע פרעמדע בינע וואָלט שטאָלצירן מיט אַזאַ קראַפט. און נאָך מער צו באַוואונדערן איז דאָס, וואָס סאַנדלער איז געווען אַ מענטש אָן שום עלעמענטאַרער בילדונג: ער האָט קוים געקענט לייענען און שרייבן... אָבער ווען מען האָט אים געזען אויף דער בינע, האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אַז מען האָט פאַר זיך אַ מענטש מיט אַ סך אינטעליגענץ און וויסן — אַזוי קולטורעל, אַזוי פיין, מיט אַזוי פיל סובטעלקייט האָט ער אָפּגעשפּילט זיין ראָל. דער קליינער, נישט־אָנזעעוודיקער סאַנדלער איז געווען אַ גרויסער אַקטיאָר!

זיין פרוי חנה לעווין האָט אויך געהערט צו אונדזערע בעסטע כאַראַקטער־שוישפּילערינס. זי איז געווען אַ נישט־דורכשניטלעכער טאַלאַנט.

זי איז, פּונקט ווי סאַנדלער, געקומען פון אַ פּראָלעטאַרישער היים. זי האָט ממש פאַרברענט די בינע מיט איר טאַלאַנט און טעמפּעראַמענט און גע־שפּרודלט מיט חכמה און מיט אַ נאַטירלעכן, נישט־געצוווּנגענעם הומאָר.

אָנגעהויבן איר בינע־קאַריערע האָט זי אין וואַרשע, אַלס יונג מיידל, אין פיינשטיינס קינדער־טרופּע. דערנאָך איז זי אַריין אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, ווו זי האָט לאַנגע יאָרן געשפּילט אין פאַרשיידענע טרופּעס. דאָרט האָט זי זיך באַקענט מיט סאַנדלערן, חתונה געהאַט מיט אים און צוזאַמען מיט אים צוריקגעקומען קיין פּוילן.

פון דעמאָלט אָן האָט זי געאַרבעט צוזאַמען מיט סאַנדלערן און לסוף — ביי אים אין טעאַטער, ווו זי האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אַלס שוישפּילערין.

חנה לעווין איז אויך צוזאַמען מיט איר מאַן און טאָכטער אויפגע־טראָטן כמעט אין גאַנץ אייראָפּע און אין דרום־אַפריקע.

אין געטאָ האָט זי אין טעאַטער פון איר מאַן „ביי־אַזאַזעל“ געפייערט, אין יאָר 1942, איר 30־יאָריקן בינע־יובל. די „פייערונג“ האָט געדויערט פון 6 אָוונט און זיך געצויגן אַ גאַנצע נאַכט (אין יענער צייט האָט מען נאָך 9 אַ זייגער אין אָוונט שוין נישט געטאָרט גיין איבער די גאַסן). מען האָט גע־שפּילט „ליבע און פאַרראַט“. אין דער דאָזיקער פאָר־ש[illegible]ילונג, ווי אויך אינעם דיוועריטיסמענט, האָבן, א[illegible] די יובילאַרן, אָנטייל גענומען פאָלגנדיקע [illegible]אָרן: אייזיק סאַמבערג, חיים סאַנדלער, שמחה פאָסטעל, ראָזאַ גאַזעל, ראָזאַ סאַנדלער, דוד האַמבור־גער, י. באַלבירסקי, ז. סאַלווע (דער יוביליאַרינס אײדעם), הילסבערג (די טאָכטער פונעם אַקטיאָר מאָטל הילסבערג), יעקב וויינבערג, יוסף נייווירט און וואָלף נייהויז. קיין איינער פון די אויסגערעכנטע געפינט זיך שוין מער נישט צווישן די לעבעדיקע...

חנה לעווין

ראָזאַ סאַנדלער, די טאָכטער פון חיים סאַנדלער און חנה לעווין, איז אויך גאַנץ פרי געגאַנגען צום טעאַטער. זי איז געווען אַ שיין, עפעקטפול מיידל. זי האָט געשפּילט אין וואַרשע צוזאַמען מיט אירע עלטערן, און

אַ לענגערע צייט — אויך אין לאָנדאָן, אינעם דאָרטיקן ייִדישן טעאַטער.

אין יאָר 1942 האָט זי חתונה געהאַט אין געטאָ מיטן יונגן אַקטיאָר און זינגער י. סאַלווע, וועלכער איז גלייך ביי דער ערשטער „אַקציע" אַריינגעפאַלן צווישן די קרבנות און אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע אין טויט־לאַגער. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, האָט סאַלווע נושא חן געווען ביי די טרעבלינקער תּלינים, און זיי האָבן אים דאָרט געלאָזט לעבן ביז קורץ פאַרן טרעבלינקער אויפשטאַנד. ער האָט געזונגען פאַר די ייִדן־מערדערס אין זייער „קאַסינאָ", ווו ס׳האָט אויך געשפּילט דעם אַמאָל אין פּוילן זייער פּאָפּולערער פידלער און קאָמפּאָזיטאָר אַרטור גאָלד, וואָס איז אויך שפּעטער אומגעקומען.

ווען די דייטשן האָבן אין וואַרשע דערלויבט צו עפענען דאָס ערשטע ייִדישע טעאַטער „עלדאָראַדאָ", האָט חיים סאַנדלער באַשלאָסן צו עפענען אַ צווייט טעאַטער. אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט ביז סאַנדלער האָט פאַר אַ סך געלט באַקומען אויף דעם אַ דערלויבעניש.

דאָס טעאַטער — געהייסן האָט עס „ביי־אַזאַזעל" — האָט אָנגעהויבן מיט אַ רעווי־פאָרשטעלונג און שפּעטער אַריבער אויף אַ געמישטן רעפּער־טואַר. ס׳איז תּמיד געווען ביי אים אויספאַרקויפט דאָס טעאַטער און ער האָט געמאַכט, ווי מען האָט געזאָגט, „גאָלדענע געשעפטן".

דאָס טעאַטער „ביי־אַזאַזעל" האָט זיך געפונען אויף נאָוואָליפּיע 72, ביי דער סאַמער גרענעץ פון געטאָ, ד״ה ביי דער אַזוי גערופענער „וואַך". צענדליקער טויזנטער זלאָטעס האָט מען אַריינגעלייגט אויף איבערבויען דעם דאָרטיקן זאַל, וואָרום פריִער איז דאָרט קיין טעאַטער נישט געווען. פאַר דער מלחמה איז אינעם דאָזיקן לאָקאַל געווען דאָס געבעט־הויז פון באַפּטיסטן. האָט זיך געפונען אַ ייִד, אַ הענדלער מיט גרינוואַרג, וועלכער האָט געהאַט סקלאַדעס אין אַ הויז אויף דער אַרישער זייט. ער האָט זיך געטוישט מיט זיי מיט זיין הויז און איבערגענומען דאָס באַפּטיסטן־הויז אין געטאָ.

צוזאַמען מיט חיים סאַנדלערן האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן דאָרטן אַ ייִדיש טעאַטער, מיט אַ בינע, מיט אַ גאַלעריע אאַ״וו. מען האָט זיך אין געטאָ געוווּנדערט: אַזאַ שלעכטער פּונקט, ביי דער סאַמער „וואַך"... מען וועט דאָך מורא האָבן צו גיין אין טעאַטער, — און ווי ריזיקירן עס

אונטערנעמער מיט אַזוי פיל געלט אויף אַ טעאַטער ביי דער געטאָ־וואַך. אָבער די קשיא איז באַלד אויפגעקלערט געוואָרן. דער אויבנדערמאָנטער „גרינוואַרג־הענדלער" האָט געהערט צו די גרעסטע „הורט־סוחרים פון גרינס", ד"ה צו די גרעסטע שמוגלערס אין געטאָ. דעריבער איז געווען פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אים האָט זיך געלוינט אַזוי פיל געלט אַריינצולייגן אין אַ טעאַטער, וואָס שטייט פאַרוואָרפן אין אַ העק, ביי דער סאַמע מויער פון געטאָ... דאָרט האָט זיך געפונען די הויפּט־צענטראַלע פון שמוגל.

אַרום האַלבער נאַכט פלעגן זיך ברייט עפענען די טויערן פון דער „וואַך", וואָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען מיטבאַטייליקט אין שמוגל־געשעפט, און ריזיקע לאַסט־אויטאָס, אָנגעפילט מיט געשמוגלטע סחורה פלעגן אַריין דורכן טויער אין געטאָ און נישט דאַרפנדיק ווייט פאָרן — אויסגעליידיקט די אויטאָס און באַלד צוריק אַוועק אויף דער אַרישער זייט, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען. דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן שטיל, רואיק און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז די דירעקציע פונעם טעאַטער האָט עפּעס אַ שייכות צום שמוגל. דער שמוגל האָט נאָרמאַל געבליט און דאָס וואַרשעווער געטאָ האָט אַ דאַנק דעם געהאַט וואָס צו עסן, הגם די פרייזן אויף לעבנסמיטל זענען געווען גאָר גרויסע.

די דירעקטאָרן פונעם טעאַטער האָבן דאָרט אויך איינגעאָרדנט זייערע דירות. נישט איינמאָל פלעגן צו זיי אומדערוואַרט אַריינפאַלן פאָרשטייער פון דער דייטשישער געהיימער פּאָליציי און דערווישן דעם גאַנצן געבראַכט טראַנספּאָרט שמוגל. אָבער געשעפט איז דאָך געבויט אויף ריזיקע... מען האָט אין געטאָ דערציילט, אַז בעת אַ נאַכט־רעוויזיע אין שטוב פון איינעם פון די דירעקטאָרן, האָבן פלוצלונג אָנגעהויבן פליִען פלעשער דורך די פענצטער אין גאָרטן אַריין. איינע אַזאַ פלאַש איז געפאַלן אין קאָפּ פון אַ „שמירה"־אַגענט, וועלכער האָט שפּעטער די פלעשער צונויפגעזאַמלט. אין די פלעשער זענען, משמעות, געווען באַהאַלטן דאָלאַרן. פון דער שמוגל־צענטראַלע האָבן געלעבט הונדערטער מענטשן.

דאָס טעאַטער „ביי־אַזאַזעל" האָט געהאַט איבער 500 זיץ־פּלעצער; געווען ריין, ציכטיק און געשמאַקפול איינגעאָרדנט. געעפנט האָט סאַנדלער דאָס טעאַטער מיט אַ רעוויע „די לוסטיקע קאַפּעלע". די רעוויע איז

אויסגעשטעלט געוואָרן מיט גאָר אַ גרויסן לוקסוס, ביי זייער אַ רייכער אויסשטאַטונג. פאַר אַלע אַרטיסטן האָט מען ספּעציעל געניית קאָסטיומען, נישט רעדנדיק שוין פון סאַנדלערן אַליין, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ ניי־אויפגענייטן ווייסן פראַק און אַ שוואַרצן פראַק, אַ ווייסן סמאָקינג און אַ שוואַרצן סמאָקינג, און אַלץ — פון די טייערסטע שטאָפן און זיידנס. די אויסשטאַטונג פון דער בינע און די קאָסטיומען האָבן אָפּגעקאָסט אין די צענדליקער טויזנטער זלאָטעס. מען מוז צוגעבן, אַז די דאָזיקע רעוויע איז געשטאַנען אויף גאָר אַ הויכן ניוואָ. שפּעטער האָט אָבער סאַנדלער אויפגעפירט אין זיין אייגענער באַאַרבעטונג „מאָטקע גנב״ פון שלום אַש, איז עס געוועזן איין גרויסער סקאַנדאַל. „מאָטקע״ און „מערי״ האָבן אויף דער בינע געשטעלט אַ חופה וקדושין כדת משה וישראל... „מאָטקע״ איז צו דער חופה געקומען אין אַ לאַנגער יידישער קאַפּאָטע און קליין היטעלע. סאַנדלער האָט באַשלאָסן „מאָטקען״ פרום צו מאַכן, צו להכעיס די שונאים... אַזעלכע הפקרדיקע האַנדלונגען אויף דער בינע זענען געוועזן אין גייסט פון דעם גלענצנדיקן שוישפּילער חיים סאַנדלער.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אין געטאָ די „יידן־אַקציעס״, האָט סאַנדלער פאַרוואַנדלט זיין טעאַטער אין אַ „שאָפּ״, וועלכן ער האָט גע־פירט צוזאַמען מיט זיין טעאַטער־ און שמוגל־שותף און אַריינגענומען צו זיך, צווישן אַנדערע, אַ ריי יידישע אַקטיאָרן. סאַנדלער — דער סוחר — האָט דערביי אויך געמאַכט אַ גאַנץ גוט געשעפט, ווייל מענטשן האָבן געצאָלט ריזיקע סומעס געלט, כדי זיך אַריינצוקריגן אין „שאָפּ״ און זיין געזיכערט מיט אַ „לעבנסרעכט־קאַרטע״. ער האָט דערביי אָנגעזאַמלט אַ סך געלט און בריליאַנטן, וואָס מען האָט אים געגעבן.

דער קלוגער, דורכגעטריבענער סאַנדלער האָט פאַרשטאַנען, אַז כדי איבערצולעבן די מלחמה, וועט מען זיך מוזן סוף כל סוף אויסבאַהאַלטן. ער האָט אָנגעגרייט פאַר זיך און זיין משפחה אַן ערשטקלאַסיקע באַהעל־טעניש (בונקער) און ער האָט צוביסלעך אָנגעהויבן אַראָפּטראָגן אַהין זיינע ווערטפולע זאַכן — און ערב דעם אויסברוך פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז ער צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה אַריין אין באַהעלטעניש.

איינס אָבער האָט סאַנדלערס קלוגער מוח נישט געקענט פאָרויסזען: אַז די דייטשן וועלן אַריינלאָזן גאַזן אין אַלע באַהעלטענישן און אַזוי אַרום צווינגען די ייִדן אַרויסצוגיין פון דאָרט.

אַזוי איז אויך געשען מיט דער סאַנדלער־משפּחה, וואָס איז פון זייער באַהעלטעניש אַרויסגעצויגן געוואָרן און אויף אַ טראַגישן אופן אומגעקומען פון דייטשישע קוילן.

הענרי לאַכטיגער

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און רירעוודיקסטע געשטאַלטן אין יידישן טעאַטער איז געווען הענרי לאַכטיגער. דאָס איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ סך לעבן אין יידישן טעאַטער אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער, און — הויפּטזעכלעך — אין פראַנקרייך.

וואָס איז לאַכטיגער געווען פאַר דעם יידישן טעאַטער און וואָס פאַר אַ ראָל האָט ער אין אים געשפּילט?

לאַכטיגער איז געווען: אַקטיאָר (געשפּילט אַלע אַמפּלואַס אין די פריערדיקע יאָרן), אַ זינגער, רעזשיסאָר, געשעפטפירער, דירעקטאָר, מחבר און איבערזעצער פון פּיעסן, דיריגענט, בינע־אַרבעטער, סופליאָר, און לסוף — דיקטאַטאָר פונעם יידישן טעאַטער אין פּאַריז.

זיין אַרטיסטישע קאַריערע האָט לאַכטיגער אָנגעהויבן אין זיין געבוירן־שטעטל שידלאָוויעץ, נישט ווייט פון דער שטאָט ראַדאָם (פּוילן).

זייענדיק נאָך אַ ישיבהניק, האָט ער זיך גענומען צו דער „אַרטיסטישער אַרבעט״, שרייבנדיק אַקטועלע לידער איבער די פּאַרהעלטעניש אין זיין שטעטל, אָפּגעחוזקט פון די שטאָט־טאַטעס און אָפּגעטון דערמיט געבראָטענע צרות זיינע באַשיידענע, פרומע עלטערן — קליינהענדלער אין שידלאָוויעץ.

לאַכטיגער האָט אָרגאַניזירט אַ „טרופּע״ פון יינגלעך און מיידלעך און „געשפּילט טעאַטער״ ביי זיין טאַטן אין שטוב. דאָס האָט געדויערט

אַזוי לאַנג, ביז די פרומע ייִדן פון שטעטל האָבן זיך צעבונטעוועט און „באַפּאַלן" אַזאַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, דעמאָלירנדיק די מעבל און שטוב־זאַכן פון זיינע עלטערן. די „אַרטיסטן" האָבן זיך קוים געראַטעוועט מיט די ביינער, שפּרינגענדיק דורך די פענצטער. לאַכטיגער האָט געמוזט אָפּטרעטן פונעם קאַמף־פּלאַץ און אויפגעהערט צו „לעסטערן" ביי זיך אין שטעטל. ער איז אָבער שוין געווען אַזוי „געכאַפּט אויף דער מעשה", אַז ער האָט באַשלאָסן צו גיין אין דער וועלט און באַווייזן וואָס ער, לאַכטיגער, קען.

ער איז געקומען קיין לאָדזש, אַראָפּגענומען די לאַנגע קאַפּאָטע מיטן ייִדישן היטל און זיך געמאָלדן אַלס „שפּילער" אין דער טרופּע פון ספּיוואַ־קאָווסקי און פישזאָן, וואָס האָבן צו יענער צייט (1903) געפירט זייער טעאַטער אין לאָדזש.

נאָך אַן עקזאַמען, וואָס ער האָט געמוזט באַלייגן פאַר די דירעקטאָרן, איז ער אָנערקענט געוואָרן פאַר „פּעאיק" און מען האָט אים אַריינגענומען אין כאָר. לאַכטיגער האָט דעמאָלט געהאַט אַ שיינע שטים צו זינגען און איז געווען זייער מוזיקאַליש.

נישט קענענדיק מאַכן אַ לעבן פון טעאַטער, האָט ער זיך גענומען צו אַ נעבן־פאַך — ווי ער האָט עס גערופן — ער איז געוואָרן אַ טיש־לער. משמעות, ביי דעם פאַך האָט ער געהאַט מער מזל. ער האָט אַרויס־געוויזן אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן צו טישלעריי און ער איז געוואָרן אַ גרויסער פאַרדינער. עס האָט אים אָבער געצויגן צום טעאַטער.

האָבנדיק שוין אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט, האָט ער זיך אַנגאַזשירט צו שאַראַוונערן אין טרופּע, אַרומגעפאָרן מיט אים איבער דער פּוילישער און רוסישער פּראָווינץ. אַזוי ווי ער איז געווען אַ שטילער שותף צום טעאַטער, האָט ער אָנגעהויבן צו שפּילן ליבהאָבער־ראָלן, הגם זיין פיגור איז נישט געווען פאַר קיין ליבהאָבער — ער איז געווען אַ קליינטשיקער.

אין אַ צייט אַרום איז ער אָפּגעפאָרן מיט אַ טרופּע קיין אויסלאַנד, וווּ ער האָט געשפּילט ייִדיש טעאַטער אין אַ ריי לענדער פון מערב־ און צענטראַל־אייראָפּע.

בעת אַ פאָרשטעלונג האָט ער זיך צוגעקילט און אָנשטאָט איבערצו־וואַרטן, ביז ער וועט אַרויס פון דער פאַרקילונג, האָט ער ווייטער גע־

שפּילט אַלע ליבהאָבער־ראָלן און ווייטער געזונגען. דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז ער האָט פאַרלוירן זיין שטים און איז געבליבן הייזעריק אויפן גאַנצן לעבן. מער האָט ער שוין קיין ליבהאָבער־ראָלן נישט געקענט שפּילן. ער איז איבערגעגאַנגען אויף כאַראַקטער־קאָמישע ראָלן.

זיין ברויזנדיקער טעמפּעראַמענט און נישט־געצוימטע אַמביציע האָבן אים נישט געלאָזט רוען, ביז ער איז אַליין נישט געוואָרן דירעקטאָר פון אַ טעאַטער־טרופּע. דאָס איז געשען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

לאַכטיגער איז צוריקגעקומען קיין פּוילן ערב דעם קריג און האָט, אין יאָר 1915, אָרגאַניזירט אַ יידישע טרופּע אין ראַדאָם, מיט וועלכער ער האָט שפּעטער געמאַכט אַ טורנע איבער די עסטרייכישע און דייטשישע אָקופּאַציע־געביטן. ער האָט אַפילו אַנגעשפּאַרט מיט זיין טרופּע אַזש קיין אונגאַרן, וווּ ער האָט געשפּילט כמעט צוויי סעזאָנען. אַ צייט לאַנג איז ער געווען מיטדירעקטאָר מיט משה דוד וואַקסמאַן פון „סקאַלאַ״־טעאַטער אין לאָדזש. דערנאָך איז ער געפאָרן מיט אַ טרופּע איבער דער פּוילישער פּראָווינץ, ביז ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין פראַנקרייך און זיך באַזעצן אין פּאַריז. דאָרט האָט ער געזען פאַר זיך גאָר גרויסע מעגלעכקייטן.

אין פּאַריז האָט לאַכטיגער אָרגאַניזירט אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, דריי מאָל אַ וואָך. ס׳איז דעמאָלט געווען איינגעפירט אין פּאַריז, אַז יידיש טעאַטער האָט מען געמוזט שפּילן אין די ערטער, וווּ יידן האָבן געוווינט אין קאָמפּאַקטע מאַסן. איין מאָל אַ וואָך האָט מען געמוזט שפּילן אין איין געגנט, אַ צווייט מאָל אין אַן אַנדערער געגנט אאַ״וו.

לאַכטיגער, וואָס האָט ביי זיין רירעוודיקייט געקענט באַווייזן ממש נסים, האָט אָבער גלייכצייטיק געאַרבעט ביי זיין אַמאַליקן פאַך אַלס מעבל־אַרבעטער און אויף דעם געביט האָט ער באַוויזן נאָך גרעסערע נסים. ער איז געווען אַ קינסטלער אין זיין פאַך, פּשוט — אָן קאָנקורענץ, און ער האָט פאַרדינט גרויסע געלטער. די געלטער האָט ער ס׳רוב צוגעלייגט צו זיינע טעאַטער־געשעפטן. ער האָט אָבער אָן טעאַטער נישט געקענט לעבן. טעאַטער איז געווען די לופט, מיט וועלכער ער האָט געאָטעמט.

לאַכטיגער האָט אויך געהאַט אַ שוואַכקייט צו שרייבן פּיעסן, — איי־

ניקע פון זיי זענען אַפילו אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע, — און אַזוי אַרום איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון פאַרבאַנד פון פראַנצויזישע שרייבערס. היות ער האָט פון זיינע פיעסן געקריגן שרייבער־האָנאָראַר, האָט ער שוין נישט אָנערקענט קיין אַנדערן מחבר, און אַלע פיעסן, וואָס זענען אויפגעפירט געוואָרן אין זיינע טעאַטערס, זענען דורך אים אָנגעגעבן געוואָרן אַלס זיינע אייגענע... „דער קאַרגער" פון ה. לאַכטיגער, „דער גיבור אין קייטן" פון ה. לאַכטיגער, „פאַרברעכן און שטראָף" פון ה. לאַכטיגער אאַ"וו.

ער האָט זיך אַזוי ווייט פאַרגאַלאָפּירט, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אין פּאַריז איז זייער ריזיקאַליש אַנצוגעבן מאָליערס „קאַרגן", אָדער וויקטאָר הוגאָס „גיבור אין קייטן" אַלס זיינע, לאַכטיגערס, שאַפונגען. ער איז טאַקע, בשעת איינער פון די קאָנטראָלן, אַריינגעפאַלן און קוים אַרויס דערפון אַ לעבעדיקער...

לאַכטיגער האָט זיך באַקלאָגט, אַז דאָס האָבן אים זיינע קאָנקורענטן אונטערגעשטעלט אַ פיסל. האָט ער זיי, וואָס האָבן אויך געטון דאָס זעלביקע, אָפּגעצאָלט מיט דער זעלביקער מטבע... עס האָט זיך אָנגעהויבן אין פּאַריז אַ פאַרביטערטע קאָנקורענץ צווישן אים און אַנדערע יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן. מסירות זענען געפלויגן פון איין אַמט צום צווייטן. דאָס האָט קיין גוטס נישט געבראַכט דעם יידישן טעאַטער אין פּאַריז. לאַכטיגער האָט אָבער געהאַט אַ שטאַרקערן צד און ער האָט זיך אַלעמאָל אַרויסגעדרייט. ער איז אַפילו פון דער פראַנצויזישער רעגירונג דעקאָרירט געוואָרן מיט אַן אָרדן.

פאַרוואָס? — שווער צו זאָגן.

ביי אַלע זיינע חסרונות, האָט ער אָבער דאָך געהאַט געוויסע פאַרדינסטן פאַרן יידישן טעאַטער אין פּאַריז. ער האָט זיך באַמיט אַראָפּצוברענגען די בעסטע שוישפּילער קיין פּאַריז און געבן אַזוי אַרום גוטע פאָרשטעלונגען. ער האָט דער ערשטער אַהינגעבראַכט די קינסטלער: יוליוס אַדלער, מאַלי פּיקאָן, רודאָלף זאַסלאַווסקי, זיגמונט טורקאָוו, מישאַ פישזאָן, אידאַ קאַמינסקי, דיאַנאַ בלומענפעלד א"אַ.

לאַכטיגערן איז מיט דער צייט געלונגען צו באַקומען פאַר יידישע פאָרשטעלונגען די שענסטע טעאַטער־געביידעס אין פּאַריז, ווי „מיטו־

אַליטע" א"אַ. אין כלל געוומען האָט מען יידיש טעאַטער אין פּאַריז געשפּילט אין שלעכטע זאַלן, ביי די ערגסטע באַדינגונגען.

ווען לאַכטיגער וואָלט זיך נישט געלאָזט אַזוי אָוועקטראָגן פון זיין אימפּולס, איינרייסן ווענטן און אָפּטון נישט קיין שיינע זאַכן — אפשר מער אויף צו להכעיס, ווי עמעצן שאָדן צו ברענגען — וואָלט ער זיינע יאָרן געקענט רואיק אויסלעבן אין פּאַריז. איז אים אָבער, דעם אומרו־גייסט, פרעמד געווען דער באַגריף פון רואיקייט און סאָלידקייט און ער האָט אי־בערגעצויגן די סטרונע, נישט נאָר מיט די מחברים, וועמענס רעכט ער האָט נישט געוואָלט אָנערקענען, נאָר מיט דעם, וואָס ער האָט אויך פאַר־לעצט אַנדערע געזעצן, ווי, למשל, מלוכה־שטייערן, וואָס ער האָט איינ־קאַסירט פאַר זיך...

מען האָט לאַכטיגערן, נישט געקוקט אויף זיינע מלוכה־אויסצייכע־נונגען און פאַרדינסטן, אַרויסגעשיקט מיטן עטאַפּ קיין פּוילן. דאָס איז געשען קורץ פאַרן אויסברוך פונעם לעצטן וועלט־קריג.

ער איז אָנגעקומען קיין וואַרשע, ווו ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט גרויסע פּלענער, פון וועלכע קיין איינער איז נישט רעאַליזירט געוואָרן. די פּלענער זענען איבערגעשטיגן זיינע מעגלעכקייטן. און זיינע מעגלעכ־קייטן זענען געווען מינימאַלע. וואָלט ער אָנגעהויבן באַשיידן, פון אָרגאַ־ניזירן אַ טרופּע אויף דער פּראָווינץ, וואָלט ער נאָך געקענט אפשר געפי־נען אַ פעלד פאַר טעטיקייט. ער האָט אָבער נאָר געוואָלט שאַפן אַ טע־אַטער אין וואַרשע אויפן גרויסן, ווי ער האָט געזאָגט, פאַרנעם. האָט ער זיך אומגעדרייט אין וואַרשע און גאָרנישט געטון, ביז — — —

די דייטשן האָבן דערווייל פאַרנומען וואַרשע. דערפילנדיק, אַז עס ווערט צו „הייס", איז לאַכטיגער, נאָך פאַרן איינפירן פונעם וואַרשעווער געטאָ, אַוועקגעפאָרן אין זיין היים־שטעטל שידלאָוויעץ, פון וואַנען ער איז אין זיין יוגנט פאַרטריבן געוואָרן. איצט אָבער, האָט ער געהאָפט, וועט דער באָדן אונטער זיינע פיס דאָרט זיין שטאַרקער.

ווען די דייטשן האָבן איינגעפירט אין שידלאָוויעץ דאָס געטאָ, האָט לאַכטיגער נאָך אַלץ געגלויבט, אַז ער וועט נאָך איבערלעבן די דייטשן; אַז ער וועט זיך אַרויסדרייען פון דער געפאַר.

ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, האָט ער געפּרוווט צו אָרגאַניזירן

דאָרט אַ ליבהאָבער־קרייז און שפּילן טעאַטער „אַ־לאַ פּאַריז״. שידלאָוויעץ איז אָבער פאַר אים, פּונקט ווי אַמאָל, ווען ער האָט געפּרוווט צו אָרגאַניזירן דעם ערשטן „ליבהאָבער־קרייז״, — אויך דאָס מאָל נישט געווען מזלדיק.

די דייטשן האָבן נישט אימפּאָנירט זיינע „פּאַריזער״ אויפטועז און דערגרייכונגען; זיין רעדן פראַנצויזיש און דייטש. ער איז פון זיי באַהאַנדלט געוואָרן פּונקט ווי אַלע שידלאָווצער ייִדן.

דער אַמאָליקער „רעוואָלוציאָנער״ פון שידלאָוויעץ און שפּעטערדיקער דיקטאַטאָר פונעם ייִדישן טעאַטער אין פּאַריז, העַנרי לאַכטיגער, האָט געטיילט דעם גורל פון זיינע לאַנדסלייט און, פּונקט ווי זיי, אומגעקומען אויף אַן אכזריותדיקן אופן.

מאָריס לאַמפּע

מאָריס לאַמפּע איז מיט איבער 30 יאָר צוריק, נאָך בעתן ערשטן וועלט־קריג, געווען גענוואַלטיק פּאָפּולער אין וואַרשע. און די פּאָפּולאַריטעט האָט ער זיך געשאַפן נישט אַ דאַנק זיינע קינסטלערישע דערגרייכונגען, נאָר צוליב די אַטאַקעס און אָנפאַלן, וועלכע מען האָט אויף אים געמאַכט סיי אין דער פּרעסע און סיי אין די יידיש־קולטור־געזעלשאַפטלעכע קרייזן.

דער נאָמען מאָריס לאַמפּע איז אין יענער צייט געווען ווי אַ סינאָנים פון ערגסטן שונד און האָט געדינט ווי אַן אָביעקט פון שפּאַס און חוזק.

מנחם קיפּניס האָט אין זיינע פּרייטיקדיקע פעליעטאָנען אין וואַרשעווער „היינט" נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט, כדי נישט אָנצושטעלן זיינע פיילן אויף מאָריס לאַמפּען. ווען מען האָט געשריבן אַ רעצענזיע וועגן אַ פּיעסע און מען האָט געוואָלט דעם אַקטיאָר אַ שטאָך טון, האָט מען געשריבן וועגן אים: ער שפּילט אַלאַ לאַמפּע...

מאָריס לאַמפּע האָט אין די מלחמה־יאָרן 1914—1917 געהאַט אַ פּאַךקאָלעגע, מיט וועלכן ער פלעגט צוזאַמען אויפטרעטן אין די אַלע דורך

זיי אַראַנזשירטע פאָרשטעלונגען און קאָנצערטן, — דאָס איז געווען מאַקס פּאָקאָי. ער איז געווען אַ שטובן־מאָלער.

לאַמפּע און פּאָקאָי זענען נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, נאָר אַמאַטאָרן. זיי זענען אויפגעטראָטן אין אַלע וואַרשעווער חתונה־זאַלן, ארומגעפאָרן אויף „גאַסטשפּילן" אין די זומערוווינונגען פון דער וואַר־שעווער געגנט, אין אַזעלכע „רעזידענצן", ווי יאַבלאָנע, פּאַלעניץ און אַזוי ווייטער. און הגם זיי זיינען נאָך דעמאָלט געווען אַמאַטאָרן, נישט קיין פּראָ־פעסיאָנאַליסטן, זענען זיי געווען אַזוי רירעוודיק, אַז אומעטום האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן זייערע אַפּישן.

פאַרוואָס האָט מען צו די צוויי מענטשן געהאַט אַזאַ בטולדיקע באַ־ציאונג, איז פאַר מיר ביזן היינטיקן טאָג אַ סוד.

אפשר נעמט זיך עס דערפון, וואָס זייערע אויסערלעכקייטן האָבן זיך אַזוי קאַטאַסטראָפאַל אויסגעטיילט און זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן אַריין.

מאָריס לאַמפּע — אַ הויכער, מאָגערער, מיט אַ ריזיקן קאָפּ האָר — איז נישט געגאַנגען נאָרמאַל איבער די גאַסן, נאָר געלאָפן, אונטערהינקנ־דיק אויף איין פּלאַטפוס. געערדט האָט ער אַזוי שנעל, אַז מען האָט אים קוים פאַרשטאַנען, און געוואָרפן דערביי מיט די הענט און מיטן קאָפּ לאַנ־גע האָר — מען האָט אים גיכער געהאַלטן פאַר אַ נישט־נאָרמאַלן.

מאַקס פּאָקאָי איז געווען, להיפוך צו לאַמפּען, אַ קליינער, ווייט־ווייט נישט קיין שיינער, מיט אַ ברייטער, פּלאַטשיקער נאָז, ווי אַ האַלב־אויס־געשניטענער קאַרטאָפל, מיט קליינע, שפּיזיקע אויגן.

פּונקט ווי פון לאַמפּען האָט געשלאָגן אַ פלואיד, אַן אומגעצוימטער טעמפּעראַמענט, איז פּאָקאָי, להיפוך צו אים, געווען אַ רואיקער, אַ געלאַ־סענער, געערדט לאַנגזאַם און געגאַנגען איבער די גאַסן נישט איילנדיק זיך.

האָט מען טאַקע געמוזט לאַכן, ווען מען האָט געזען דאָס פּאָרל פּאָקאָי און לאַמפּע צוזאַמען שפּאַצירן איבער די גאַסן.

לאַמפּע איז געלאָפן, תמיד — מיט אַ פאָר טריט פאָרויס, און גע־רעדט פאַר זיך, מיינענדיק, אַז ער האָט נעבן זיך דעם פּאַרטנער זיינעם, וואָס איז זיך געגאַנגען לאַנגזאַם הינטער לאַמפּען און נישט געהערט זיינע רייד. ווען לאַמפּע האָט באַמערקט, אַז ער באַקומט נישט קיין ענט־

פער, האָט ער זיך אויסגעדרייט און, זעענדיק, אַז פּאָקאָי איז געבליבן הינטערשטעליק הינטער אים, איז ער צו אים צוגעלאָפן און אַריינגע־שריגן אין אים, וואַרפנדיק דערביי מיטן קאָפּ און מיט די הענט. אַגב איז דאָס הויכע רעדן, פון וואָס ער האָט באַקומען אַ הייזעריקע שטים, פאַרבליבן שוין ביי לאַמפּען ביזן סוף פון זיין לעבן.

בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע, אין יאָר 1916, ווען מען האָט שוין צוריק דערלויבט צו שפּילן יידיש טעאַטער, האָט מאָריס לאַמפּע, צוזאַמען מיט זיין שותּף פּאָקאָי, געדונגען דעם זאַל פון קינאָ „יאַק וו' פּאַריזשו" (אַזוי ווי אין פּאַריז) — אַזוי האָט געהייסן דער קינאָ־זאַל — אויפן ערשטן שטאָק פון דזשיקע גאַס 12. לאַמפּע האָט דאָרט אויפגעפירט „מענדל ביי־ליס פּראָצעס" און געשפּילט „מענדל בייליס". ער האָט געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג ביים עולם. אין דער פאַרשטעלונג האָבן, צווישן אַנדערע, אויך אָנטיילגענומען מאַקס פּאָקאָי, יעקב וויסליץ, משה פּאָליאַקעוויטש.

דאָס טעאַטער איז געווען יעדן אָוונט אויספאַרקויפט ביזן לעצטן פּלאַץ, אַזוי אַז די טרופּע האָט אָנגעהויבן צו שפּילן צוויי מאָל אַ טאָג. „מענדל בייליס" איז געגאַנגען לאַנגע חדשים.

און וואָס מער דערפאָלג לאַמפּע האָט געהאַט, אַלץ גרעסערע אַטאַ־קעס האָט ער געהאַט אויסצושטיין פון דער פּרעסע און פון די פּראָפעסיאָ־נעלע אַקטיאָרן. אַלץ איז געווען קעגן אים. מען האָט אַלץ מער פון אים אָפּגעלאַכט און אָפּגעחוזקט.

און ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז פון דעם אָפּגעלאַכטן, אָפּגעחוזקטן מאָריס לאַמפּע וועט אויסוואַקסן אַן אַקטיאָר, וואָס וועט צי̇ען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט נישט נאָר פונעם פּובליקום, נאָר אויך פון דער אַק־טיאָרן־משפּחה און פון דער פּרעסע! מאָריס לאַמפּע איז געוואָרן אַן אַק־טיאָר, מיט וועלכן מען האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבן צו רעכענען און פון וועלכן מען האָט — ווי עס איז אָנגענומען צו רעדן אויף טעאַטער־לשון — שטאַרק געהאַלטן און אויף וועלכן טעאַטער־דירעקטאָרן האָבן אַ סך גע־בויט.

אין יאָר 1918 האָט מען פּלוצלונג אויפגעהערט צו רעדן פון מאָריס לאַמפּע. ער איז „פאַרשוווּנדן געוואָרן פון האָריזאָנט". מען האָט נישט געוווּסט, וווהין ער איז אַהינגעקומען. זיין געטרייער חבר און שותּף מאַקס

פּאָקאַי איז אויך געוואָרן אַ גוטער יידישער כאַראַקטער־אַקטיאָר און איז באַקאַנט געוואָרן אונטער זיין שפּעטערדיקן פּסעוודאָנים: מ. מאַקסימאָוו. פון לאַמפּען האָט מען צו ביסלעך אָנגעהויבן צו פאַרגעסן, ביז אין אַ געוויסן טאָג איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז ער געפינט זיך אין רוסלאַנד און פאַרנעמט דאָרט אַן אָנגעזעען אָרט אין דער יידישער טעאַטער־וועלט.

מאָריס לאַמפּע האָט געשפּילט אין פאַרשיידענע טעאַטער־טרופּעס און דערנאָך זיך באַזעצט אין האָמעל און אייניקע יאָר געשפּילט אינעם דאָרטיקן יידישן טעאַטער „אונדזער ווינקל“, ווו ער האָט שפּעטער פאַרנומען אַ הויפּט־פּלאַץ. ער איז אויך אַ געוויסע צייט געווען אָנפירער פון פאַרשיידענע דראַמאַטישע סטודיעס, ביז ער איז פאַרבעטן געוואָרן אַלס אָנפירער פון יידישן טעאַטער אין אָדעס. דאָרט האָט ער אויפגעפירט פּיעסן פון בעסערן רעפּערטואַר און איז פאַררעכנט געוואָרן צו די אָנגעזעענסטע יידישע שוישפּילער.

פון רוסלאַנד איז לאַמפּע אַרויסגעפאָרן אויף גאַסטשפּילן קיין פראַנקרייך און בעלגיע, ווו ער איז אויפגעטראָטן מיט גרויס דערפאָלג.

אין יאָר 1929 איז ער צוריקגעקומען קיין פּוילן און איז אויפגעטראָטן אין זיין היימשטאָט וואַרשע. ווי אַנדערש איז איצט געווען די באַציאונג צו אים! דער אַמאָל אָפּגעלאַכטער, אָפּגעחוזקטער אַקטיאָר ווערט באַלד אָנערקענט און ס׳איז ממש נישט צום גלויבן, ווי אַ מענטש זאָל זיך קענען אין משך פון 10 יאָר אַזוי שטאַרק ענדערן און אויסוואַקסן אין אַלע הינזיכטן.

דער אַמאָל לאַנגער, מאַגערער, אונטערטאַנצנדיקער מאָריס לאַמפּע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פעסט־געבויטן, ממש אַטלעטישן מאַן, וואָס איז אין משך פון דער צייט געוואָרן „געשליפן“ און געצוימט. לאַמפּע, דער רייפער אַקטיאָר, האָט געשאַפן געשטאַלטן, וואָס זענען פאַררעכנט געוואָרן צו די בעסטע אין יידישן טעאַטער. זיין „טוביה דער מילכיקער“ האָט אַרויסגערופן די גרעסטע אָנערקענונג ביי דער גאַנצער יידישער פּרעסע. אַפילו מנחם קיפּניס, וואָס האָט אַמאָל אַזוי אָפּגעחוזקט פון דעם „באַלאַגאַנשטשיק“ מאָריס לאַמפּע, האָט איצט מיטן גרעסטן רעספּעקט זיך באַצויגן צו זיינע לייסטונגען און זיי ווי געהעריק אָפּגעשאַצט. יצחק קאַצענעלסאָן אין לאָדזש און פּסח קאַפּלאַן אין ביאַליסטאָק — און מיט

זייער מיינונג האָט מען זיך זייער גערעכנט — האָבן וועגן זיין „טוביה״ געשריבן באַגייסטערטע אָפּהאַנדלונגען.

נאָך 10 יאָר אַרבעט ביים בעסערן טעאַטער אין רוסלאַנד, אונטער אַ פּאַראַנטוואָרטלעכער רעזשי, איז דער אַמאָליקער לאַמפּע מגולגל געוואָרן אין אַ נייעם, רייפן מאָריס לאַמפּע, וואָס האָט מיטן פריִערדיקן קיין שום שייכות נישט געהאַט.

צוריקקומענדיק קיין וואַרשע, האָט לאַמפּע מיטגעבראַכט אַן אינטערעסאַנטן רעפּערטואַר, וועלכן ער האָט אויפגעפירט אין וואַרשעווער „סקאַלאַ״-טעאַטער און געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. צווישן די פּיעסן, וואָס ער האָט געשפּילט אין וואַרשע, איז געגאַנגען „דער אורטייל״ (אַ סאָוויעטישע מעלאָדראַמע) לאַנגע חדשים. „דער אורטייל״ איז געוואָרן אַ גרויסער קאַסע־דערפאָלג נישט נאָר אין וואַרשע, נאָר אויך איבער גאַנץ פּוילן, ווו עס זענען דעמאָלט געווען אין דער מאָדע סאָוויעטישע פּיעסן.

אין יאָר 1932 איז לאַמפּע אַנגאַזשירט געוואָרן קיין רומעניע און עסטרייך, ווו ער האָט געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג.

די לעצטע יאָרן פאַרן קריג האָט לאַמפּע געשפּילט צוזאַמען מיט דער אַקטריסע ר. שושנה, ס׳רוב אין וואַרשע, אין אַ פאַרשיידנאַרטיקן רעפּערטואַר. זיי האָבן באַזוכט גאַנץ פּוילן. לאַמפּע האָט זיך דערוואָרבן אַ סך אָנהענגער. זיין גרעסטער דערפאָלג איז געווען אין „אורקע נאַכאַלניק״ — אַ מעלאָדראַמע, אָנגעשריבן פון אורקע נאַכאַלניק אַליין. די זאַך איז געווען געבויט אויף זיין לעבנס־געשיכטע. די פּיעסע האָט פאַר דער בינע באַאַרבעט ר. שושנה, וועלכע האָט אויך אין איר מיטגעשפּילט.

מאָריס לאַמפּע איז געווען אין די פאַרייניקטע שטאַטן און געזאָלט דאָרט אויפטרעטן (אין ניו־יאָרק). מען האָט אים אָבער דאָרט נישט געגעבן די געלעגנהייט זיך צו באַווייזן אויף דער בינע און ער איז צוריקגעקומען קיין פּוילן. ביים אויסברוך פונעם קריג האָט ער זיך געפונען אין וואַרשע.

בעתן מאַרש אויף מזרח, ווען יידישע אַקטיאָרן זענען אַנטלאָפן פון די דייטשן, איז מאָריס לאַמפּע אויך אַוועק אַהין.

ווי עס דערציילט דער דיכטער אַברהם זאַק אין זיינע זכרונות, איז

אין 1940 מאָריס לאַמפּע געווען אין גראָדנע, ווו אונטער זיין אָנפירונג האָט זיך געגרינדעט אַ יידישער טעאַטער־קאָלעקטיוו. לאַמפּע מיט זיין טרופּע האָט געשפּילט אין גראָדנע און אין אַנדערע שטעט פון מערב־ווייסרוסלאַנד. לאַמפּע האָט אויפגעפירט שלום עליכמס „טוביה דער מיל־כיקער", „200.000" א"אַ פּיעסן, און אומעטום געהאַט גרויס דער־פאָלג. ביז —

די דייטשן האָבן פאַרנומען ווילנע, וואָס איז געווען לאַמפּעס לעצטער לעבנס־עטאַפּ. דער גורל האָט געוואָלט, אַז אין גראָדנע זאָל ער זיך ווידער טרעפן מיט זיין אַלטן יוגנט־חבר, מאַקס פּאָקאָי — מאַקסימאָוו, מיט וועלכן ער האָט געשטעלט די ערשטע טריט אין טעאַטער, און צוזאַמען מיט אים און אַלע זיינע חברים־אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין ווילנע, אָדער אין די מזרח־ראַנד־געביטן, האָט אויך מאָריס לאַמפּע געפונען זיין מאַרטירער־טויט.

יידל (יוליוס) גוטמאַן

יוליוס גוטמאַן

יידל גוטמאַן איז געווען איינער פון די אינ־טערעסאַנטסטע און פאַרבנרייכסטע געשטאַלטן פון דער אַלטער גוואַרדיע פון דער מזרח־גאַליצישער שוישפּילער־וועלט.

ער האָט געהערט צו די בעסטע שוישפּילער פונעם אַלטן דור און אַ סך שפּעטערדיקע אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך געשאַפן אַ וועלט־שם, האָבן זיך גע־פונען אונטער זיין, גוטמאַנס, השפּעה.

גוטמאַן האָט געהערט צו די געציילטע שויש־פּילערס, וואָס האָבן געשאַפן אַן אייגענעם נוסח, אַן אייגענעם טעאַטער־סטיל, וואָס האָט זיך אונטער־שיידט פון אַלע זיינע „צייט־גענאָסן" מיט זיין פּערזענלעכקייט און נאַטיר־לעכן, אוממיטלבאַרן טאָן.

געשטאַמט האָט גוטמאַן פון אַ לעמבערגער אַנגעזעענער משפּחה. זיין ברודער, ד״ר שמואל גוטמאַן, איז געווען דער אָבער־ראַבינער פון לעמ־בערג. יידל אַליין האָט אויך געקריגן אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערצי־אונג, געלערנט אין דער ישיבה און געווען אַ ייד אַ בן־תורה. ער האָט זיך אָבער אויסגעקליבן אַן אַנדערן וועג, ווי עס האָט געטון זיין ברודער שמואל. יידל האָט געהאַלטן, אַז זיין וועג — דער וועג פון קונסט — איז אויך וויכטיק פאַר די יידן, און אַז ער איז באַרופן צו זיין דער גייס־טיקער פירער אויף דעם דאָזיקן געביט.

און פונקט ווי זיין ברודער שמואל, דער אָבער־ראַבינער, איז אויך יידל גוטמאַן געוואָרן אין לעמבערג דער, וואָס האָט אין משך פון צענד־

ליקער יאָרן משפיע געווען און דערצויגן אַ דור ייִדן.ביידע ברידער גוט־מאַן האָבן זייער שליחות דערפילט בשלמות, — יעדער אויף זיין באַ־זונדערן, אייגענעם אופן. ביידע גוטמאַנס זענען געשטאַנען אין צענטער פונעם גייסטיקן ייִדישן לעבן אין לעמבערג.

ייִדל האָט ליב געהאַט טעאַטער מיט לייב און נשמה און געהאָפט אַרויסצופירן דאָס ייִדישע טעאַטער אויף ברייטע שליאַכן.

די באַדינגונגען, וואָס האָבן צו יענער צייט געהערשט אין ייִדישן טעאַטער אין מזרח־גאַליציע, האָבן זיינע אָנשטרענגונגען און פּרוּוון צונישט געמאַכט. אויך ייִדל גוטמאַן האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו דער צייט און אומשטענדן און ער איז נישט איינמאָל אַראָפּ פונעם וועג, וועלכן ער האָט זיך אויסגעקליבן.

צום שבח פון גוטמאַנען דאַרף אָבער צוגעגעבן ווערן, אַז ער האָט געהאַט אַ באַציאונג צו ייִדיש־לשון און געהערט צו די, וואָס האָבן באַ־קעמפט דאָס „דייטשמעריש" אין ייִדישן טעאַטער, הגם ער האָט אויך אין אַ געוויסן צייט־אָפּשניט געמוזט רעדן אויף דער בינע „דייטש־מעריש".

זיין קאַריערע ביים טעאַטער האָט גוטמאַן אָנגעהויבן אַלס סופליאָר, ווייל ער האָט גוט געקענט די „קליינע אותיותלעך". ער איז אָבער גיך איבערגעגאַנגען צו שפּילן טעאַטער.

אַלס געבילדעטסטער און וועלטלעכסטער פון זיין דור ייִדישע אַק־טיאָרן, האָט ער זיך גיך אַרויסגערוקט אויפן פאָדערשטן פּלאַן און ער איז געוואָרן דער טאָן־געבער פון טעאַטער: דער שטענדיקער רעזשיסאָר. אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן איז ער געשטאַנען איינציקע צענדליק יאָר.

ווי דער טאַלאַנטירטסטער פון דער דעמאָלטיקער גרופּע אַקטיאָרן, און דערצו נאָך זייענדיק באַשאָנקען מיט אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע מיטלען, האָט ער אויך פאַרנומען דעם ערשטן אָרט אַלס שוישפּילער אַ לעמבערגער טעאַטער־אַנסאַמבל. ער איז געוואָרן די צענטראַלע פיגור פונעם מזרח־גאַליצישן שוישפּילערטום.

אַ ברייטפּלייציקער, פעסט־געבויטער, מיט אַ גרויס, באַוועגלעך פּנים, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעלויכטן צוויי גרויסע, קלוגע בלוילעכע אויגן; געדיכטע, ברייטע ברעמען, אַ גרויסער שטערן — דאָס אַלץ האָט עדות

געזאָגט, אַז דער קאָפּ געהער צו אַ נישט־דורכשניטלעכן מענטשן. ווי נאָך ער האָט געעפנט דאָס מויל און ס'האָבן זיך דערהערט די ערשטע טענער פון זיין טיפער ברוסט־שטים, מיט דער קרישטאָל־ריינער דיקציע, האָט מען געמוזט דורך ארץ קריגן פאַר דעם דאָזיקן מענטשן.

און דרך ארץ האָבן פאַר גוטמאַנען געהאַט די פיל טויזנטער ייִדן, וואָס האָבן אים געזען שפּילן אויף דער בינע פאַרשיידענע ראָלן, ווי אויך — די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן מיט אים, אונטער זיין רעזשי, געשפּילט צענדליקער יאָרן.

גוטמאַן איז געווען זייער דיסציפּלינירט און שטרענג צום טעאַטער־אַנסאַמבל. ער האָט זיך באַצויגן מיט יראת הכבוד צו זיין טעאַטער־שליחות און ער האָט עס אויך געפאָדערט פון די איבעריקע שוישפּילער.

נישט אַלעמאָל האָט גוטמאַן געשפּילט און אויפגעפירט בעסערע, ליטעראַרישע פּיעסן, לרוב איז אים אויסגעקומען צו שפּילן ביליקע מאַכערייקעס. די דאָזיקע פּיעסן זענען אים נישט געווען צום האַרצן. ער איז געווען גליקלעך, ווען ער האָט געקענט שפּילן אָדער אויפפירן אַ פּיעסע מיט אַ מענטשלעכן אינהאַלט און לעבעדיקע געשטאַלטן.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו זיין אַ גאַסט־אַקטיאָר ביי גימפּעלן און צו שפּילן מיט גוטמאַנען צוזאַמען. איך האָב אַרויסגעטראָגן וועגן אים די בעסטע מיינונג, סיי אַלס אַקטיאָר, סיי אַלס מענטש. ער איז שוין דעמאָלט געווען נישט קיין יונגערמאַן, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געקענט אַוועקגעשטעלט ווערן ווי אַ מוסטער פון פּינקטלעכקייט, דיסציפּלין און איבערגעגעבנקייט צום טעאַטער. אַ סך יונגע אַקטיאָרן האָבן געמעגט נעמען אַ ביישפּיל פון זייער עלטערן קאָלעגע.

גוטמאַן איז געווען אַ ייִד אַ חכם און אַ גרויסער וויצלער. ער האָט געקענט „דערציילן" און ס'איז אַלעמאָל געווען אינטערעסאַנט אים צו הערן. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן פאַנטאַסטישע מעשיות מיט אַזאַ ערנסטקייט, אַז מענטשן זענען געווען איבערצייגט אין זייער אמתדיקייט. ער האָט געהאַט דערפון שטאַרק הנאה.

צו אַ גוטן, אינטעליגענטן שוישפּילער האָט ער זיך באַצויגן מיט

גרויס פּיעטעט. ער האָט גערן געאַרבעט אונטער אַ ציל־באַוווסטן רעזשי־סאָר און ממש אויפגעלעבט אין פּיעסן פון בעסערן רעפּערטואַר.

יידל גוטמאַן איז געווען אַן אַקטיאָר מיט אַ ברייטן פּאַרנעם, אייגנ־אַרטיק און דאָך פּאַרשיידנאַרטיק. ער האָט פּונקט אַזוי גוט געשפּילט אַ דראַמאַטישע ראָל ווי אַ קאָמישע, אַ כאַראַקטער־ראָל, ווי אַ רעזאָניאָר. ער האָט מיט דער זעלביקער ערנסטקייט געשפּילט דראַמאַטישע און קאָמישע ראָלן. ער איז געווען אוממיטלבאַר און נאַטירלעך, געהאַט אַ פּיי־נעם מענטשלעכן טאָן. אָן שום געקינצלטע עפעקטן, האָט ער געפאַנגען די הערצער פונעם פּובליקום.

ווען גוטמאַן האָט געשפּילט אַ דראַמאַטישע ראָל, האָט דער עולם צוזאַמען מיט אים מיטגעוויינט, פּונקט ווי ער האָט מיט אים מיטגעלאַכט, ווען ער האָט געשפּילט אַ קאָמישע ראָל. ער האָט נישט שאַרזשירט, נישט „געשטעלט זיך אויף אַן אויער" — ווי מען האָט עס גערופן אין יידישן טעאַטער, כדי אַרויסצורופן געלעכטער ביים עולם. ער האָט געהאַט דעם גרויסן טאַלאַנט צו קענען ווירקן אויף די געפילן פון די צוהערער און מיט זיי באַלאַנסירן ווי ער האָט געוואָלט. אין זיין אויפשטייג און בליי־פּעריאָד איז ער געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט אַלס שוישפּילער. ער איז געווען אייגנאַרטיק און איינציקאַרטיק.

גוטמאַן האָט געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג טעאַטער נישט נאָר אין גאַליציע און אין קאָנגרעס־פּוילן, נאָר אויך אין עסטרייך, אונגאַרן, רומעניע, דייטשלאַנד, ענגלאַנד און אומעטום אַרויסגערופן גרויס אויפזען.

פון יידל גוטמאַן האָבן אַקטיאָרן אַ סך געלערנט און נישט איינער פון זיי האָט אונטערן איינדרוק פון גוטמאַנס פּערזענלעכקייט אים פּשוט נאָכקאָפּירט. מען האָט וועגן אַזאַ אַקטיאָר גערעדט: „ער גיט (שטעלט פאָר) אַ גוטמאַן־כאַראַקטער".

נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָט גוטמאַן זייער זעלטן פאַרלאָזט זיין היימשטאָט לעמבערג. ער איז איינציקע מאָל אַנגאַזשירט געוואָרן קיין בערלין דורך אַ באַקאַנטער פילם־געזעלשאַפט פאַר אַ ריי ראָלן אין פיל־מען. ווי מען זאָגט איז ער געווען זייער גוט אין די פילמען, ווייל ער האָט געהאַט זייער אַן אויסדריקלעך און באַוועגלעך פּנים און — וואָס די הויפּטזאַך — אַ סך פּשטות.

קורץ פאַרן אויסברוך פונעם לעצטן וועלט־קריג בין איך געווען אין לעמבערג. איך האָב איבערגענומען די קינסטלערישע אָנפירונג פונעם ניי־אויפגעבויטן יידישן טעאַטער אויף יאַגעלאָנסקע 11 (אויפן אָרט פונעם אַמאָליקן גימפּעל־טעאַטער). די דירעקציע פון טעאַטער האָט געוואָלט, איך זאָל ברענגען פון וואַרשע אַ גאַנצע טרופּע אַקטיאָרן, ווייל זיי ווילן — האָבן זיי געזאָגט — אָנהויבן אַ נייע עפּאָכע אינעם לעמבערגער יידישן טעאַטער: מיט אַ נייער געביידע, נייעם רעפּערטואַר און נייע פּנימער...

עס איז מיר קוים געלונגען אויסצופּועלן ביי דער דירעקציע, מען זאָל פאַרהאַלטן אין דער טרופּע אויך אייניקע פון די אַמאָליקע גימפּעל־אַקטיאָרן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען, אין דער ערשטער ריי, יידל גוטמאַן.

ווען גוטמאַן האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט ער, אַ גערירטער ביז טרערן, מיר געזאָגט: „יונהלע, — אַזוי האָט ער מיך גערופן — איך וועל עס דיר מיין גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן!"

ליידער איז אים דאָס אויך נישט באַשערט געווען לאַנג צו געדענקען. צומאָרגנס, נאָך דעם ווי ער האָט מיר אַזוי רירנדיק געדאַנקט, איז אויס־געבראָכן די מלחמה. איך בין אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע און גוטמאַן איז פאַרבליבן אין לעמבערג.

ער האָט דורכגעמאַכט די גאַנצע אכזריותדיקע צייט פון דער נאַצי־שער אָקופּאַציע: געטאָ, הונגער, דערנידערונג און אויסזידלונג. דער גלענצנדיקער יידישער שוישפּילער, דער ליבלינג פון מזרח־גאַליציאַנער עולם, יידל גוטמאַן, האָט, צוזאַמען מיט זיין פרוי, די שוישפּילערין סאַל־טשע גוטמאַן, געטיילט דעם גורל פון דער גאַנצער יידישער טעאַטער־משפּחה אין לעמבערג.

די שטאַקפּעדערס

דער נאָמען שטאָקפּעדער איז אין דער אַמאָליקער טעאַטער־וועלט געווען פּאָפּולער נישט דערפֿאַר, ווייל משה און חוה (עוואַ) שטאָקפּעדער זאָלן האָבן געווען אַזעלכע באַרימטע שוישפּילער.

אַלס שוישפּילער האָבן זיי ביידע געהערט צו די, אַזוי גערופֿענע, דורכשניטלעכע כּוחות, הגם משה שטאָקפּעדער האָט שוין לאַנגע יאָרן פֿאַרן קריג נישט געשפּילט קיין טעאַטער. ער האָט אָבער געשפּילט אַ דע־צידירנדיקע ראָל אינעם אַרטיסטישן לעבן, אַ דאַנק זיינע נישט־דורכ־שניטלעכע אָרגאַניזאַטאָרישע פֿעאיקייטן. ווי נאָר עס איז עפּעס געמאַכט געוואָרן אַ נייער פּרווו אינעם אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן פֿון ייִדישע שויש־פּילער אין פּוילן, איז עס נישט פֿאָרגעקומען אָן דעם אָנטייל פֿון שטאָק־פּעדערן.

נאָך פֿאַרן ערשטן וועלט־קריג איז שטאָקפּעדער, אַלס יונגער בחור, צוגעשטאַנען צו אַמאַטאָרן־טרופּעס, געשפּילט מיט זיי אין וואַרשע — זיין געבוירן־שטאָט — און אַרומגעפֿאָרן איבער דער פּראָווינץ. ביז אברהם יצחק קאַמינסקי, וועלכער האָט אַלעמאָל געזוכט פֿרישע כּוחות פֿאַרן טע־אַטער, האָט דערזען אויף דער בינע דעם שיינעם, שלאַנקן, טעמפּעראַמענט־פֿולן יונגנמאַן, וועלכער האָט זיך פֿריי באַוועגן אויף דער בינע, געשמאַק אָפּגעזונגען אַ לידל און פֿיין אָפּגעטאַנצט. קאַמינסקי האָט אים אַנגאַזשירט אין זיין טרופּע און געמאַכט פֿון אים אַ פֿאַט־קאָמיקער. שטאָקפּעדער איז געפֿעלן געוואָרן דעם עולם און ער איז געוואָרן אַ נוצלעכער אַקטיאָר.

בעת אַברהם יצחק קאַמינסקי האָט מיט זיין טרופּע געשפּילט אין לאָדזש איז אין דער זעלביקער צייט דאָרט אויפֿגעטראָטן ביי יצחק זאַנד־בערגן אין טעאַטער אַן אָפּערעטן־טרופּע מיט קלאַראַ יאָנג און בועז

יאַנגוויץ. דער פּאַט פון דער טרופּע, מיכאל קליין, איז אַמאָל קראַנק געוואָרן און ס׳האָט געדראָט אָפּצורופן די פאַרשטעלונג פון קלאַראַ יאַנג. זאַנדבערג האָט זיך דעריבער געווענדט צו קאַמינסקין, ער זאָל אים אויף אַ קורצע צייט „אויסבאָרגן״ שטאָקפעדערן, כדי ער זאָל פאַרטרעטן דעם קראַנק־געוואָרענעם מיכאל קליין. ערשט דאָ, ביי קלאַראַ יאַנג, האָט זיך אָנגעהויבן שטאָקפעדערס אויפשטייג און ער האָט, אין די גוטע ראָלן, וואָס ער האָט באַקומען, שטאַרק אויסגענומען. פון דעמאָלט אָן האָט שטאָק־פעדער אָנגעהויבן צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין דער יידישער אָפּערעטע. ער איז אַוועק מיט אַ טרופּע קיין רוסלאַנד און דאָרט האָט אים פאַרכאַפּט די מלחמה.

אין רוסלאַנד האָט שטאָקפעדער חתונה געהאַט מיט אַ כאָריסטין, וועלכע איז מיט דער צייט געוואָרן אַ באַקאַנטע אַקטריסע אין יידישן טעאַטער.

משה און עווא שטאָקפעדער זענען צוריקגעקומען קיין פּוילן און דורך דער גאַנצער צייט געאַרבעט אין יידישן טעאַטער.

משה שטאָקפעדער האָט איינגעזען, אַז ער קען דעם טעאַטער מער נוצן ברענגען, ווען ער זאָל זיינע פעאיקייטן אויסנוצן אויף אַן אַנדערן געביט: אַלס אָרגאַניזאַטאָר. אויף דעם דאָזיקן געביט האָט ער טאַקע באַוויזן וואָס ער קען. שטאָקפעדער איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ דורכגעטרי־בענעם געשעפטסמאַן. אָבער אַלץ וואָס ער האָט געטון, האָט ער דורכגע־פירט מיט גרויס טאַקט — צי אַלס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פונעם אַר־טיסטן־פאַריין, וואָס ער איז געווען אין געוויסע צייט־אָפּשניטן, צי אין טעאַטער — אַלס געשעפטס־פירער, אָדער אַלס דירעקטאָר, וואָס ער איז געווען לאַנגע יאָרן.

משה שטאָקפעדער איז געווען, להיפוך צו זיין פרוי — פון קליינעם ווּקס. און דאָס האָט אפשר געווירקט אויף זיין פסיכישער איינשטעלונג צו אַלע פראַגעס, אין וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אַ ברייטן זשעסט. מיט קיין קליינע געשעפטן אָדער מיט נישט קיין געהויבענע טרופּעס האָט ער נישט געהאַט קיין שום מגע־ומשא. אַלץ האָט ביי אים געמוזט זיין אויפן גרויסן מאַסשטאַב.

שטאָקפעדערן איז אויך איבערגעבליבן פון זיין אַמאָליקער בינע־

טעטיקייט דאָס „פּאַטישע" און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין זיין באַנעמונג. ער איז אַלעמאָל געווען עלעגאַנט און ציכטיק — אין אַזוי גערופענעם גוטן טאָן. ער האָט אָבער אויך געהאַט אַ גוטן, אָפענעם קאָפּ און זיך בליצשנעל אָריענטירט אין יעדער סיטואַציע. ער האָט גוט געקענט טעאַטער און דעם טעאַטער־עולם און ער איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ גרויסן „ספּעץ".

נישט קיין קליינע ראָל האָט שטאָקפעדער געשפּילט בעתן איינפירן דורך דעם אַרטיסטן־פאַריין דעם אַזוי גערופענעם „דירעקטאָריאַט", אין יאָר 1932.

דעמאָלט האָבן די יידישע אַרטיסטן אין פּוילן אויפגעהויבן אַ בונט קעגן די טעאַטער־דירעקטאָרן, וועלכע האָבן דערפירט דאָס יידישע טעאַטער צו אַזאַ מצב, אַז דער אַקטיאָר איז געוואָרן אַ שקלאַף ביים אונטערנעמער און נישט האָבנדיק קיין אַנדערע ברירה, האָט ער געמוזט איינגיין אויף אַלע באַדינגונגען פונעם דירעקטאָר. האָבן עס די דירעקטאָרן אויסגענוצט אויף אַ גאַנץ ראַפינירטן אופן: באַשטימט די אַקטיאָרן זייער קליינע שכירות אָדער, ווי מ'האָט עס ביי אונדז גערופן — „גאַזשעס", אַנגאַזשירט „סטאַרן" פון אַמעריקע, וועמען זיי האָבן געגעבן געזאַלצענע פּראָצענטער, און דעם „פאָלק" (אַנסאַמבל־אַקטיאָרן) — צוגעוואָרפן גאַזשעס, וואָס האָבן קוים געקלעקט אויף לעבן.

זענען נאָך די געשעפטן געווען גוטע, האָבן די דירעקטאָרן געצאָלט די שכירות, ווי נאָר אָבער די „קאַסעס" זענען געוואָרן אַ ביסל שוואַכער, האָבן שוין די דירעקטאָרן נישט אויסגעהאַלטן דעם אָפּמאַך און אַריבערגעגאַנגען אויף „פּראָצענטער", ד"ה באַשטימט אַ סכום פּראָצענטער פאַר דער טרופּע, וועלכע האָט זיך מיט דעם געטיילט אויף „פּונקטן" (מען האָט עס ביי אונדז גערופן: מאַרקעס).

ביי אַזאַ לאַגע האָט זיך געשאַפן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט צווישן די אַקטיאָרן, און עס האָט געדראָט דערמיט, אַז אַלע יידישע טעאַטערס אין פּוילן זאָלן פאַרמאַכט ווערן. די פאַרוואַלטונג פונעם יידישן אַרטיסטן־פאַריין אין פּוילן, מיטן אָנפירער מאַרק יווילער בראש, האָט, נעמענדיק אין אַכט די געשאַפענע לאַגע, באַשלאָסן אָפּצושאַפן די פּיקציע פון דירעקציעס, וועלכע האָבן מיט גאָרנישט געוואָלט ריזיקירן און געפּאָ־

דערט קרבנות נאָר פון די שוישפּילערס (דער טעכנישער פּערסאָנאַל פון די טעאַטערס איז אויף אַזאַ פּיקציע נישט איינגעגאַנגען און זיי האָט מען געמוזט צאָלן די פולע גאַזשעס).

עס איז, אַלזאָ, באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן ביים אַרטיסטן־פאַריין אַ „דירעקטאָריאַט", וואָס זאָל איבערנעמען דאָס גאַנצע טעאַטער־וועזן אין פּוילן; אָרגאַניזירן טרופּעס אין אַלע גרעסערע שטעט, ווי אויך וואַנדער־טרופּעס פאַר דער פּראָווינץ. דער „דירעקטאָריאַט" האָט נישט נאָר קאָ־אָרדינירט די אַרבעט פון פאַרשיידענע טעאַטערס, ווי למשל, געזאָרגט דערפאַר, אַז איין טרופּע זאָל נישט „אַרויפפאָרן" אויף אַן אַנדערע אין דער זעלביקער געגנט, נישט אויסכאַפּן ביי אַ צווייטער טרופּע זייער דערפאָלג־פּיעסע און זי אָפּשפּילן דאָרט, ווו די צווייטע טרופּע דאַרף קומען. דער „דירעקטאָריאַט" האָט אויך באַשטימט אַ בודזשעט פאַר יע־דער טרופּע, כדי זיי זאָלן נישט זיין אָפּהענגיק פונעם „פענצטערל" (די קאַסע).

דער יידישער אַרטיסטן־פאַריין אין פּוילן האָט צו יענער צייט גע־האַט אין זיין רשות גרעסערע סומעס געלט און געקענט זיך דערלויבן צו דעקן אַלע מאַטעריעלע התחייבותן — ווען נישט די פאַרשיידענע אָנפי־רערס פון די טרופּעס (יעדנפאַלס די מערהייט פון זיי) וואָלטן, קודם כל, נישט געטראַכט וועגן די אייגענע אינטערעסן און זיי וואָלטן נישט גע־וואָלט אויסנוצן די געשאַפענע לאַגע פאַר זיך אַליין.

איינער פון די הויפּט־אָנפירערס און אָרגאַניזאַטאָרס פונעם „דירעק־טאָריאַט" איז אויך געווען משה שטאָקפעדער, וועלכער האָט זיך מיט לייב און נשמה אַריינגעוואָרפן אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. דער „די־רעקטאָריאַט" האָט אָבער, צוליב די סיבות, וועלכע איך האָב אָנגעוויזן, לאַנג נישט עקזיסטירט.

משה שטאָקפעדער איז אַ צייט־לאַנג געווען דירעקטאָר פון פאַרשיי־דענע טעאַטערס אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ און אַלס אַזעלכער פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט. שטאָקפעדער איז אויך געווען מיט דער „יידישער באַנדע" אין די פאַרייניקטע שטאַטן און ער האָט געהאַט אַ מעג־לעכקייט דאָרט צו פאַרבלייבן. ער האָט אָבער געבענקט נאָך זיין משפחה און נאָך זיין וואַרשע און ער איז צוריקגעקומען.

עוואַ שטאָקפּעדער איז אין די לעצטע יאָרן, נאָכדעם ווי זי האָט אויפגעהערט צו שפּילן סוברעטינס, געווען אַ גוטע, נוצלעכע כאַראַקטער־שוישפּילערין אין די אָפּערעטעס און דראַמעס, און זי איז קיינמאָל נישט אַרומגעגאַנגען ליידיק. זי איז געווען באַליבט ביים עולם. בלויז איר דערשיינען אויף דער בינע — זייער אַ הויכע און תמיד אָנגעטון אין שרייענדיקע קאָלירן, מיט כאַראַקטעריסטישע גרויסע שטרויס־פּעדערס אין די האָר — האָט שוין אַרויסגערופן גרויס הייטערקייט אין זאַל. זי האָט גערעדט מיט אַ שטאַרקער שטים, וואָס איז דערגאַנגען אַזש אין פּאַיע אַריין. אויף דער בינע האָט זי תמיד געשפּילט די אשת חיל.

אויך אין פּריוואַטן לעבן איז עוואַ שטאָקפּעדער געווען זייער באַליבט צוליב איר גוטן כאַראַקטער און איבערגעגעבנקייט צו אירע חברים. זי איז געווען אַן אינטעליגענטע, פאַרשטענדיקע פרוי און זייער באַלעזן אין דער יידישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור.ביידע שטאָקפּעדערס זענען געווען גוטע, זאָרגפעליקע עלטערן פאַר זייערע צוויי קינדער, פאַר וועלכע זיי האָבן אַלץ געטון, אַז זיי זאָלן אויפוואַקסן אויף „מענטשן" און נישט געזשאַלעוועט קיין געלט אויף זייער דערציאונג. דער זון — אַרטעק שטאָקפּעדער — איז געוואָרן אַ פּעאיקער פּיאַניסט־אַקאָרדעאָניסט; די טאָכטער — אַניאַ, זייער אַ שיין מיידל — איז געגאַנגען צום טעאַטער. אירע ערשטע טריט האָט זי טאַקע געשטעלט ביי מיר אין דער וואַרשעווער „קאַמעראַל־בינע". אין דער ראָל, וואָס זי האָט געשפּילט אין זאַפּיאַ נאַלקאָווסקאַס „דער טאָג פון זיין צוריקקער", האָט זי געהאַט אַ פאַר־דינטן דערפאָלג. מ'האָט איר פאַרויסגעזאָגט אַ צוקונפט ביים טעאַטער. שפּעטער האָט זי געשפּילט ביי אידאַ קאַמינסקי אין דער טרופּע, ביז עס איז אויסגעבראָכן דער קריג.

שטאָקפּעדערס קינדער זענען אַנטלאָפן פון די דייטשן און אין רוס־לאַנד איבערגעלעבט די מלחמה. משה און עוואַ שטאָקפּעדער האָבן אויך פּרובירט צו אַנטלויפן, עס איז זיי אָבער נישט געלונגען. זיי זענען גע־בליבן אין וואַרשע, ביי די דייטשן. זי האָט געשפּילט אין „עלדאָראַדאָ"־טעאַטער. ער האָט געאַרבעט אין דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, אין מיין אָפּטיילונג, אַלס קאָנטראָליאָר און אינספּעקטאָר פון די פאַרוויילונגס־לאָקאַלן (צוזאַמען מיט יאַנקעלע דאַנציגערן).

פון דער צייט אָן האָט מיך דער גורל פאַרבונדן אין גרויסער פריינט־שאַפט מיט מ. שטאָקפעדערן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז זיין טראַגישן סוף. עס איז מיר זייער אָפט אויסגעקומען צו שמועסן מיט דעם ליבן חבר שטאָק־פעדער און איך האָב ממש באַוווּנדערט ווי אַזוי דער אַמאָל ענערגישער לעבנסלוסטיקער און אָפּטימיסטישער מענטש האָט זיך אַזוי איינגעבראָכן. ער האָט נישט געגלויבט, אַז ער וועט איבערלעבן די מלחמה. ער האָט כסדר אונטערגעשטראָכן דאָס גרויסע גליק, וואָס זיינע קינדער איז געלונ־גען אַרויסצובאַקומען זיך פון דעם גיהנום.

פון דעם אַמאָליקן „פּאָט" — שטאָקפעדער — איז געוואָרן אַן אַלטער, צעבראָכענער מאַן, וואָס האָט נאָר געוואַרט אויפן טויט...

עס האָט אויך נישט געהאָלפן די גרויסע צערטלעכקייט, מיט וועלכער זיין טרייע לעבנסבאַגלייטערין, עווא, האָט אים אַרומגערינגלט. דאָס האַרץ האָט ווי געטון צו זען גיין דאָס פּאָרל שטאָקפעדער איבער די גאַסן: זי, די הויכע, שטאָלצע פרוי, וואָס האָט נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין בעסערן מאָרגן, — און ער, דער קליינער, שוין איינגעקאָרטשעטער מאַן (ער איז נאָך, אַגב, געווען גענוג יונג), וואָס גייט ביי איר זייט אַ רעזיג־נירטער, אויף אַלעם גרייט...

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די באַרימטע „אַקציעס" אין וואַרשע־ווער געטאָ, האָבן מיר געאַרבעט צוזאַמען אין איין „שאָפּ" פון מעטאַל־אויסאַרבעטונגען, אויף דער מילנע גאַס. די שטאָקפעדערס האָבן נאָך אַלץ געוווינט אין זייער דירה אויף דער דזשיקע גאַס, נישט ווייט פונעם „באַ־רימטן" „אומשלאַג־פּלאַץ". יעדן טאָג, נאָך דער אַרבעט, פלעגן די שטאָק־פעדערס צוזאַמען אַהיימגיין.

פון איין „אַקציע", ווען איך און מיין פרוי זענען „אַריינגעפאַלן", איז זיי געלונגען זיך אַרויסצודרייען. אָבער — נישט אויף לאַנג. אין אַ גע־וויסן („הייסן") טאָג, ווען אויף אַ סך גאַס־אָפּשניטן האָט מען געכאַפּט יידן צום „אומשלאַגפּלאַץ", האָבן מיר זיך געבעטן ביי די שטאָקפעדערס זיי זאָלן דעם טאָג נישט אַהיימגיין, נאָר בלייבן נעכטיקן ביי אונדז. שטאָק־פעדער, וועלכער האָט זיך באַנוצט מיטן ווערטל: „מיר וועלן סיוּוי נישט איבערלעבן", האָט זיך שטאַרק איינגעעקשנט, אַז ער וועט דאָך גיין. עס

האָבן אויך נישט געהאָלפן די בקשות פון זיין פרוי, אַז ער זאָל זיך צוהערן צו דעם, וואָס אַלע ראָטן אים.

— אויב דו ווילסט, — האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי, — טאָ בלייב. איך גיי אַהיים, אפשר וועט מיר באַשערט זיין צו שלאָפן נאָך אַ נאַכט אין מיין אייגן בעט.

און די פרוי זיינע, וועלכע האָט אים נישט פאַרלאָזט אין די שווערסטע מינוטן פון זיין לעבן, איז צוזאַמען מיט אים אַוועק...

מער האָב איך זיי טאַקע נישט געזען. צומאָרגנס זענען זיי שוין נישט געקומען אין „שאָפּ" אַריין צו דער אַרבעט. משמעות, אַז מען האָט זיי אויפן וועג, גייענדיק אַהיים, געכאַפּט און... אַוועקגעפירט צו די גאַז־קאַמערן אין טרעבלינקע.

ווען מיר זענען מיט די איבעריקע חברים־אַקטיאָרן געשטאַנען צו־מאָרגנס ביי דער אַרבעט אין אונדזער „שאָפּ", האָט אונדז אַלעמען באַ־הערשט אַ שווער געפיל. שווייגנדיק האָבן מיר דעם טאָג געטון אונדזער אַרבעט. און יעדער איינער פון אונדז האָט מסתמא געטראַכט דאָס זעלביקע:

— וועמענס ריי איז איצט?!...

ראַשעל בערגער

ראַשעל בערגער האָט געהערט צו די אינטע־רעסאַנטסטע טיפּן אין דער גאַלעריע פון פרויען־געשטאַלטן אין יידישן טעאַטער. זי האָט פאַרמאָגט אַ סך אייגנשאַפטן, וואָס זענען ביי אַ שוישפּילערין אַ זעלטנקייט. זי איז געווען אַ טאַלאַנטירטע שויש־פּילערין, אַ גוטע טעאַטער־דירעקטאָרין און אַ גלענצנדיקע אָרגאַניזאַטאָרין אין דעם יידישן טע־אַטער פון פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה. מיר קענען אויסרעכענען פרויען־שוישפּילערינס, וואָס האָבן פאַרמאָגט די אַלע מעלות, אויף די פינגער פון איין האַנט. צווישן די דאָזיקע געציילטע פרויען האָט ראַשעל בערגער בלי שום ספק פאַר־נומען איינע פון די ערשטע ערטער.

ראַשעל בערגער איז געבוירן געוואָרן אין בראילא, רומעניע, אין אַן אָנגעזעענער יידישער טעאַטער־משפּחה. איר פאָטער איז געווען אַ באַ־קאַנטער יידישער שוישפּילער און טעאַטער־דירעקטאָר. איר מוטער איז אויך געווען אַ שוישפּילערין. זיי האָבן ראַשעל געגעבן אַ גוטע דערצי־אונג. זי איז געווען אינטעליגענט, באַלעזן און גוט געקענט אייניקע שפּראַכן, דערצו איז זי געווען זייער קלוג.

אירע ערשטע טריט ביים טעאַטער האָט זי אָנגעהויבן שטעלן אונטער איר פאָטערס דירעקציע אין רומעניע, נאָך אַלס יונג מיידל.

זי איז געווען זייער פּעאיק, געהאַט אַ רעפּרעזענטאַטיווע פיגור, אַ שיין, איידל פּנים און אַ סך חן. נאָך זייענדיק ביי איר פאָטער אין טרופּע, האָט

זי אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צום בעסערן טעאַטער און בעסערן רעפּערטואַר. עס זענען איר געווען דערווידער די ביליקע מאַכערייקעס, וואָס איר פֿאָטער האָט אויפֿגעפֿירט אין רומעניע און זי האָט געשטרעבט צו קענען זיך אויסלעבן אויף דער בינע אין ראָלן און אין פּיעסן פֿון בעסערן רעפּערטואַר.

ווען זי איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין ווין שפּילן טעאַטער, האָט זי די גאַנצע פֿרייע צייט פֿאַרבראַכט אין די דאָרטיקע טעאַטערס, געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט געהערט פֿון דער בינע. זי האָט אַ סך געלערנט פֿון די גלענצנדיקע ווינער שוישפּילערס און פֿון דעם רעפּערטואַר, וואָס זיי האָבן געשפּילט. איר שטרעבונג איז געווען, אַז אויך אין יידישן טעאַטער זאָל מען שפּילן אַזאַ רעפּערטואַר און אויף אַזאַ פֿיינעם קינסטלערישן אופֿן, ווי מען שפּילט ביי לייטן.

ווען זי איז מיט איר פֿאָטערס טרופּע געקומען קיין פּאַריז און זיך באַקענט מיט דער גרויסער פֿראַנצויזישער טעאַטער־קולטור, האָבן אין איר אָנגעהויבן צו וואַקסן אירע אַמביציעס אין באַציאונג צום טעאַטער. זי האָט אין פּאַריז אַ סך געלערנט.

דער איבערברוך אין איר בינע־קאַריערע איז אָבער געקומען אין קאָוונע (ליטע), וווהין זי איז אַנגאַזשירט געוואָרן אין סוף פֿון די צוואַנציקער יאָרן. זי איז דאָרט אויפֿגעטראָטן אין אַ מאָדערנעם אייראָפּעאישן רעפּערטואַר. אַ גאַר גרויסן דערפֿאָלג האָט ראַשעל בערגער געהאַט אין ל. פֿאָדאָרס „קירכן־מייזל", אין וועלכער זי האָט געשפּילט די הויפּטראָל. מיט דער דאָזיקער ראָל האָט זי געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער גאַנצער קאָוונער יידישער אינטעליגענץ. זי איז גיך געוואָרן דער ליבלינג פֿון קאָוונער עולם און געוווּנען די סימפּאַטיע פֿון אַלע טעאַטער־גייערס. זי, די רומענערין, האָט געוווּנען די הערצער פֿון די ליטווישע יידן. זי האָט זיך אַזוי איינגעבירגערט און אַקלימאַטיזירט אין קאָוונע, אַז זי האָט באַשלאָסן דאָרט זיך אויסבויען איר היים.

ראַשעל בערגער איז אָבער געווען צו דינאַמיש, זי זאָל זיך באַגנוגענען מיטן בלויזן דערפֿאָלג אַלס שוישפּילערין. איר אַמביציע איז געווען צו ווערן די טאָן־געבערין פֿונעם יידישן טעאַטער אין קאָוונע. מוט און ענערגיע האָבן איר נישט געפֿעלט, איניציאַטיוו און אָרגאַניזאַציע־פֿעאיקייטן האָט

זי אויך געהאַט. אַ דאַנק די באַציאונגען אין אַלע קרייזן פון דער דאָרטי־קער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס זי האָט באַוויזן אַנצוקניפּן, איז זי גאָר גיך אַוועקגעשטעלט געוואָרן פון אויבנאָן פונעם דאָרטיקן ייִדישן טעאַטער־לעבן.

ראַשעל בערגער האָט געדונגען אַ שיין טעאַטער אין צענטער פון שטאָט (דאָס „פּאָלקס־הויז״), אַנגאַזשירט אַ גוטע טרופּע, אַראָפּגעבראַכט רעזשיסאָרן און אַוועקגעשטעלט איר טעאַטער אויף אַ געהעריקן קינסט־לערישן ניוואָ. עס מוז אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז ביי איר אין טעאַטער האָט מען געשפּילט אַ געקליבענעם רעפּערטואַר פון דראַמאַטישע בינע־ווערק, קאָמעדיעס און מוזיקאַלישע אויפפירונגען — און דאָס אַלץ ציכטיק און אין אַ שיינעם ייִדיש. דאָס מזל האָט צוגעשפּילט ראַשעל בערגער און דער עולם האָט אָנגעהויבן צו שטראָמען אין איר טעאַטער, ווו זי איז געווען נישט נאָר די דירעקטאָרין און קינסטלערישע לייטערין, נאָר אויך די הויפּט־שוישפּילערין.

צו איר שבח דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז זי האָט זיך באַמיט צו אַנגאַזשירן אין איר טעאַטער די בעסטע שוישפּילער, וואָס האָבן זיך גע־פונען אין די באַלטישע לענדער. זי האָט אויך צוגעצויגן די יוגנט פון די פאַרשיידענע אָרטיקע טעאַטער־סטודיעס. ביי איר אין טעאַטער האָבן געשפּילט: דער אַמאָל־באַרימטער רוסישער בינע־ און פילם־אַקטיאָר אָסיפּ רוניטש; די אַקטריסע פון פּעטערבורגער טעאַטער סאָפיאַ ערדי; די אַק־טיאָרן י. ראָטבלום, גורעוויטש, סערבסקי, מ. קופּריץ, ראָזאַ אַלשאַנסקאַיאַ, יאשא גלעזער, קאַפּלאַן, לעווין, שוב, קראַיעווסקי, שניידערמאַן א״אַ.

זי האָט אויך אַראָפּגעבראַכט אויף גאַסטראָלן דעם באַקאַנטן ייִדישן רעזשיסאָר פון רומעניע יעקב שטערנבערג, זיגמונט טורקאָוו, סידי טאַל, דינה האַלפּערן, די אַמעריקאַנער ברידער דזשייקאָבסאָן, מרים קרעסין, דיאַנאַ בלומענפעלד און דעם שרייבער פון די שורות א״אַ.

דער דערפאָלג פון איר טעאַטער איז געוואַקסן פון סעזאָן צו סעזאָן. ראַשעל בערגערס „פּאָלקס־הויז־טעאַטער״ האָט אין די יאָרן פאַרן לעצטן וועלט־קריג פאַרשריבן אַ שיין קאַפּיטל אינעם ייִדישן קולטור־לעבן פונעם ליטווישן ייִדנטום.

די ליטווישע ייִדן, וואָס האָבן גענאָסן פון דער פולסטער אויטאָנאָמיע

אין דער יונגער ליטווישער מלוכה, האָבן אין דער גאַנצער ברייט אויס־געניצט די דאָזיקע רעכט און אויך אויפן געביט פון טעאַטער אַרויסגעוויזן זייער ערנסטע באַציאונג און אחריות צו דעם וויכטיקן צווייג פון דער יידישער קולטור.

אויסער ראַשעל בערגערס „פאָלקס־הויז"־טעאַטער זענען אין קאָוונע געווען אויך אַנדערע יידישע טעאַטערס פון בוקאַנץ, לאַן און סטופעל, ווי אויך — ערנסטע דראַמאַטישע סטודיעס, וואָס האָבן געטון אַ נוצלעכע טעאַטער־אַרבעט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קינסטלערישער פאַרמעסט צווישן די דאָרטיקע יידישע טעאַטערס, וועלכע האָבן זיך באַמיט איבער־צושטייגן איינע די אַנדערע. דעם אויבנאַן האָט אָבער שטענדיק פאַרנומען דאָס טעאַטער פון ראַשעל בערגער.

די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין קאָוונע האָט די אַלע פּרוּוון און אויפטועז געשטיצט אין פולסטער מאָס און אַ סך מיטגעהאָלפן צו הויבן דעם ניוואָ פונעם יידישן טעאַטער.

דער, אין ניו־יאָרק, נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענער קולטור־ און געזעל־שאַפטלעכער טוער, דער אומפאַרגעסלעכער ד"ר מענדל סודאַרסקי, וועל־כער איז פאַר זיין קומען קיין אַמעריקע געווען דער רעדאַקטאָר פונעם קאָוונער „פאָלקסבלאַט", איז אויך געווען איינער פון די, וואָס האָבן אַרומ־גערינגלט דאָס קאָוונער יידישע טעאַטער און די יידישע שוישפּילער מיט אַ סך אויפמערקזאַמקייט און ליבשאַפט. ער האָט נישט ווייניק צוגעהאָלפן צו שאַפן די נויטיקע וואַרעמע אַטמאָספער אַרום דעם יידישן טעאַטער.

ד"ר מענדל סודאַרסקי, דער אומדערמידלעכער קעמפער פאַר יידיש לשון און יידישע קולטור, האָט ביז זיין פאַרלאָזן קאָוונע צוזאַמען מיט זיין פרוי אַלטע סודאַרסקי געשאַפן ביי זיך אין שטוב אַן אָפענע היים פאַר יידישע קינסטלער און זיי געמוטיקט אין זייער אַרבעט.

ראובן רובינשטיין, דער רעדאַקטאָר פון דער קאָוונער „יידישער שטי־מע", האָט אַלע זיינע יאָרן געקעמפט פאַר אַ בעסער יידיש טעאַטער אין ליטע און געשטיצט אַלע זיינע אויפטועז.

די יידישע און העברעאישע שולן אין קאָוונע האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב צו באַקענען די שטודירנדיקע יוגנט מיט די דערגרייכונגען פונעם יידישן טעאַטער. עס איז געווען אַ נחת צו קוקן ווי די שילער

האָבן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן באַזוכט די פאָרשטעלונגען פונעם ייִדישן טעאַטער און זיך באַקענט מיט די פּערל פון דער ייִדישער און אַלוועלט־לעכער ליטעראַטור, וואָס האָבן געפונען אַ לעבעדיקע אָפּשפּיגלונג אויף די ברעטער פונעם ייִדישן טעאַטער.

די קאָוונער ייִדן האָבן געהאַלטן פאַר אַ נאַטירלעכע זאַך מיטצוברענגען זייערע קינדער אויף די פאָרשטעלונגען פונעם ייִדישן טעאַטער און אַזוי אַרום צוגעגרייט פאַר אים אַ נײַעם דור צושויער.

אין דער פּערספּעקטיוו פון צײַט, אין פּערספּעקטיוו פונעם שרעקלעכן חורבן, וואָס דעם ליטווישן ייִדנטום איז אויסגעקומען דורכצומאַכן, קען מען איצט ווי געהעריק אָפּשאַצן די גרויסע ראָל, וואָס עס האָט געשפּילט אין רענעסאַנס פון אונדזער ייִדישן קולטור־לעבן, וואָס איז, לײַדער, אַזוי אומברחמנותדיק פאַרשניטן געוואָרן.

צו ראַשעל בערגערס פאַרדינסטן געהער נישט נאָר בלויז דאָס, וואָס זי האָט אין קאָוונע געשאַפן אַ בעסער ייִדיש טעאַטער און אַראָפּגעבראַכט אַהין אָנגעזעענע ייִדישע קינסטלער מיט אַ פאַרשיידנאַרטיקן אויסוואַל פון ייִדיש־קלאַסישע און מאָדערנע פּיעסן, נאָר וואָס זי האָט אויך באַוויזן זיי צו באַקענען מיט דער גאַנצער ליטווישער פּראָווינץ — ביז צו די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך, וווּ עס האָט נאָר געלעבט אַ ייִדישער ישוב. אַזוי אַרום האָט זי מיטגעווירקט צו פּראָפּאַגאַנדירן דאָס ריינע ייִדישע וואָרט און דאָס בעסערע ייִדישע טעאַטער.

בעת מײַנע און דיאַנאַ בלומענפעלדס גאַסט־אויפטריטן אין קאָוונע, אין יאָר 1937/1936, איז מיר צום ערשטן מאָל אויסגעקומען מיטצואַרבעטן מיט ראַשעל בערגער. איך האָב באַוווּנדערט די אומאויסשעפּלעכע ענערגיע פון דער דאַזיקער, דאַן 28־יאָריקער פרוי, וואָס איז געווען פול מיט איניציאַטיוו און אײַנפאַלן. זי האָט ליב געהאַט טעאַטער און זי האָט ליב געהאַט די בינע.

ראַשעל בערגער האָט חתונה געהאַט אין קאָוונע מיט אַ יונגנמאַן פון זייער אַן אָנגעזעענער משפּחה — אַראָנאָווסקי, מיט וועלכן זי האָט געהאַט אַ קינד און געפירט אַ גליקלעך פאַמיליע־לעבן.

דאָס רומענישע מיידל האָט ליב געקריגן די ליטווישע ערד, שנעל זיך אויסגעלערנט די שפּראַך און איז געוואָרן אַ גרויסע ליטווישע פּאַט־ריאָטקע.

צו דעם יאָרטאָג פון ליטעס אומאָפּהענגיקייט זענען אין לאַנד פאָרגעקומען גרויסע פייערונגען. ראַשעל בערגער האָט אויך באַשלאָסן אַרויסצוּווייזן איר צוגעבונדנקייט צו איר נייַ היימלאַנד. זי האָט זיך געגרייט אויפצופירן ביי זיך אין „פאָלקס־הויז״־טעאַטער אַ ליטווישע פּאַטריאָטישע פּיעסע. זי האָט מיר איבערגעגעבן די זאַך צו רעזשיסירן.

ראַשעל בערגער האָט ממש געשיינט פאַר נחת, ווען אויף דער פייערלעכער פאָרשטעלונג האָט זי אין דער לאָזשע געזען זיצן ליטווישע מיניס־טאָרן, דעם הויפּט פון דער קירך, און אַנדערע פאָרשטייער פון דער ליט־ווישער העכערער געזעלשאַפט. ראַשעל בערגער איז געווען גערירט ביז טרערן, ווען עס זענען פאָרגעקומען די באַגריסונגען.

דעמאָלט האָט זיך ראַשעל בערגער נישט פאָרגעשטעלט, אַז די דאָזי־קע ערד, וועלכע זי האָט פאַר זיך אויסגעקליבן צו בויען איר נייע היים, וועט זיך אין אַ פּאָר יאָר אַרום אַרויסווייזן אַזוי נישט גאַסטפריינטלעך צו איר און צו אַלע אירע יידישע מיטבירגער, וואָס האָבן אַזוי פיל בייגע־טראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון זייער יונג לאַנד.

די מערהייט פונעם ליטווישן פאָלק האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַ־מען אין די גורלדיקע טעג פונעם וועלט־געראַנגל. דאָס דאָזיקע קליינע פאָלק, וואָס האָט הונדערטער יאָרן געשמאַכט אונטערן ברוטאַלן צאַרישן רעזשים, האָט אין משך פון זיין 20־יאָריקער זעלבסטשטענדיקייט שנעל פאַרגעסן די אייגענעליידן בעתן לאַנגן פאַרשקלאַפונג־פעריאָד. ליטע האָט זיך די ערשטע געשטעלט אין דינסט פון די נייע פעלקער־פאַרשקלאַ־פער און פעלקער־מערדער.

די מערהייט פונעם ליטווישן פאָלק האָט נישט נאָר צוגעהאָלפן די דייטשן אויסצושטרייכן דאָס פרעכטיקע קאַפּיטל: ליטוויש יידנטום, נאָר אַליין זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די יידן־שחיטות, אין דער יידן־אויסראָ־טונג. די דאָזיקע „אַרבעט״ האָבן זיי אָפּגעטון אין זייער אייגן לאַנד און אין די שכנותדיקע לענדער, ווו זייערע ספּעציעלע באַטאַליאָנען האָבן

אין פייער און בלוט אָפּגעווישט פון דער ערד גאַנצע יידישע קהילות.

ראַשעל בערגער איז, בעת די דעפּאָרטאַציעס פונעם קאָוונער געטאָ, פאַרשיקט געוואָרן אין אַ דייטשישן קאָנצענטראַציע־לאַגער. זי האָט פאַר־לוירן איר קליין, הייס־געליבט קינד. זי האָט אויך פאַרלוירן איר אייגן, פיל־צוזאָגנדיק, יונג לעבן.

שלמהלע קאַן

אין דער גאַנצער יידישער טעאַטער־משפחה האָב איך נישט געקענט קיין מענטש, וואָס זאָל זיך פילן אַזוי פאַרביטערט און באַעוולהט, ווי שלמה קאַן. שוין זיין פּנים אַליין האָט עדות געזאָגט וועגן דער טראַגעדיע, וואָס ער לעבט איבער. דער גאַנצער וועלט־שמערץ איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים...

אַ הויכער, מאָגערער, מיט אַ ביסל אַן איינגעבויגענער פּלייצע און אַ קליין, פאַרזויערט פּנים, האָט שלמהלע קאַן גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ישיבה־בחור, וואָס איז יום ולילה געזעסן איבער אַ בלאַט גמרא, ווי פון אַ טעאַטער־מענטש.

ער האָט טאַקע לאַנגע יאָרן געלערנט אין אַ ישיבה און איז געווען אַ גרויסער בקי אין גמרא און תוספות. אין אַ געוויסן טאָג האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז דאָס איז נישט זיין דרך, אַז אים איז באַשערט צו גיין אויף אַן אַנדערן וועג; אויף אַ וועג, וואָס זיינס אַ פעטער — אַגב, אַ באַרימטער יידישער אַקטיאָר יעקב ליבערט — האָט זיך אויסגעקליבן. שלמהלע קאַן האָט געהאַלטן, אַז דער דאָזיקער וועג איז אויך פאַר אים באַשטימט. אין דעם האָט ער זיך איבערצייגט, ווען ער פלעגט זיך פון צייט צו צייט אַריינגנבענען אין יידישן טעאַטער און זיצן אויף דער גאַליאָרקע, בעת זיין פעטער פלעגט שפילן.

אַ דאַנק זיין פעטער איז אים טאַקע אָנגעקומען זייער לייכט צו ווערן אַן אַקטיאָר. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אין דער דעמאָלט־באַרימטער יידישער דראַמאַטישער טרופּע, א״נ „פאַרייניקטע טרופּע״, ווו עס האָבן „געקיניגט״ די קאַמינסקיס, זיין פעטער יעקב ליבערט, לייזער זשע־

לאַזאַ, ווייסמאַן, יערמאַלינאַ, שפּירא, טוילינג, הערמאַן סיעראַדזקי, סאָניאַ איידעלמאַן א״אַ.

עס איז דעמאָלט געווען דער בלי־פּעריאָד, די אַזוי גערופענע „גאָלדענע עפּאָכע״ פון יעקב גאָרדין, וועמענס רעפּערטואַר עס האָט דאָמינירט אין בעסערן יידישן טעאַטער. און אַז שלמהלע קאָן האָט געקריגן צו שפּילן די ראָל פון „שמואל יאָסל״ אין דער „שחיטה״, האָט אים דאָס מזל צוגעשפּילט. קיין בעסערן „שמואל יאָסל״ האָט מען זיך נישט געקענט פאָרשטעלן. קאָן האָט זיך דערפילט אין זיין הויט, און אין דער ראָל האָט ער געגעבן זיך אַליין. ער איז טאַקע געווען אין „שמואל יאָסל״ גלענצנדיק. מיט דער „פאַרייניקטער טרופּע״ האָט ער דורכגעמאַכט דעם גאַנצן טורנע איבער רוסלאַנד און בעת די טריאומפן פון אסתר רחל קאַמינסקי אין פעטערבורג, האָט אויך שלמהלע קאָן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אומעטום געהאַט גלענצנדיקע פּרעסע־אָפּרופן, אָבער — בלויז אין דער ראָל פון „שמואל יאָסל״. ער האָט אָנגעהויבן און געבליבן — וויפל ראָלן ער זאָל נישט האָבן געשפּילט — אַלץ ביי „שמואל יאָסל״. אויף דער בינע און אַזוי אויך אין לעבן.

דער גרויסער דערפאָלג, וואָס שלמהלע קאָן האָט געהאַט אין „שמואל יאָסל״, האָט אים אַ ביסל פאַרשכורט און ער האָט זיך געהאַלטן פאַר איינעם פון די גרעסטע יידישע אַקטיאָרן. ער האָט געהאַלטן, אַז ער ווערט באַעוולהט ביים יידישן טעאַטער מיט דעם וואָס מען גיט אים נישט קיין הויפּטראָלן, וועלכע ער איז מרוצה געווען צו שפּילן.

אברהם יצחק קאַמינסקי, וועלכער איז געווען באַקאַנט פאַר אַ מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט יענעם אַריינצוזאָגן, האָט אָבער געטענהט:

— וואָס קומט אַרויס דערפון וואָס דו הייסט קאָן, אַז דו קאָנסט פאָרט נישט...

און ער האָט אים קיין הויפּטראָלן נישט געוואָלט געבן. אַנדערע טעאַטער־מענטשן האָבן אויך געטיילט קאַמינסקיס מיינונג.

אויף דעם יונגן, פיינפילנדיקן קאָן האָט דער דאָזיקער פּסק מוראדיק געווירקט. ער האָט זיך געפילט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געשלאָסן אַ בונד קעגן אים. וואָס מער אַנדערע האָבן אים נישט אָנערקענט, אַלץ מער האָט ער געהאַלטן פון זיך.

דאָס, וואָס די וועלט האָט אים נישט אָנערקענט, האָט ער איר נישט געקענט מוחל זיין ס׳גאַנצע לעבן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעברוגזטער, אַ זויערער און אַ שווייגנדיקער. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געגלויבט, אַז זיין צייט וועט נאָך קומען.

שלמהלע קאַן — אַ מענטש אַן אינטעליגענטער, אַ באַלעזענער — האָט כסדר געאַרבעט איבער זיך. ער האָט זיך אויסגעבויט זיין אייגענע וועלט, וועלכע ער האָט פאַר זיך אויסגעטרוימט און מיט וועלכער ער האָט זיך באַהאַפטן. אין דער וועלט פון זיינע חלומות האָט ער זיך פאַרמאַכט און אָפּגעצוימט זיך פון די אַרומיקע.

די דאָזיקע פסיכישע איינשטעלונג האָט אים אפשר אויך געבראַכט דערצו, אַז ער איז געבליבן אַן אַלטער בחור. זיין איינשטעלונג צו מענטשן איז געווען מיט אומצוטרוי, אין בעסטן פאַל — מיט רעזערוו.

אַזוי איז קאַן אויך געווען אין טעאַטער. און טעאַטער, פאַרשטייט זיך — בעסער טעאַטער, האָט ער ליב געהאַט מיט אַזאַ ליידנשאַפט, וואָס עס וואָלט נאָר געקענט באַשענקען זיין געליבטער דער העלד פון שיר השירים...

ביים אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז שלמהלע קאַן צוגעשטאַנען צו דער העברעאישער טעאַטער־סטודיע פון נ. צמח, ראָווינאַ, גנעסין, בערטאָנאָוו, מיט וועלכער ער איז אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד. פון דער דאָזיקער סטודיע האָט זיך אין מאָסקווע אַנטוויקלט די „הבימה״, געהערנדיק פאַקטיש צו די גרינדער פון דעם שפּעטער באַרימט־ געוואָרענעם העברעאישן טעאַטער. שלמהלע קאַן האָט אין דער „הבימה״ אין מאָסקווע זיך אָנגעזאַפּט און באַרייכערט מיט אַ סך טעאַטער־וויסן.

ווען שלמהלע קאַן איז, נאָך פוילנס באַפרייאונג, צוריקגעקומען אין זיין היימשטאָט וואַרשע, האָט ער אין „מרכז הצעירים״, אויף קרולעווסקע גאַס, געגרינדעט אַ העברעאישע טעאַטער־סטודיע און דאָרט געווען רעזשיסאָר און קינסטלערישער לייטער. ער האָט אָבער גאָרנישט געקענט מחדש זיין. די סטודיע האָט זיך לאַנג נישט געהאַלטן. קאַן איז צוריקגעקומען צום יידישן טעאַטער, ווו ער האָט שוין געאַרבעט ביזן סוף פון זיין לעבן. ער האָט געשפּילט אין דער „ווילנער טרופּע״ און אין אַנדערע טעאַטערס. אַ געוויסע צייט האָט ער געשפּילט אין קראָקע. דאָרט האָט ער אין דער

ראָל פון „מיראָפּאָלער צדיק" אין אַנ־סקיס „דיבוק" שטאַרק אויסגענומען. עס איז פאַר אים געווען דער צווייטער פאַל אין זיין לעבן (נאָך „שמואל יאָסל" אין גאָרדינס „שחיטה") ווען ער האָט זיך קינסטלעריש אויסגע־צייכנט און געהאַט אַ באַזונדער גרויסן דערפאָלג. ד"ר מ. קאַנפער, דער

שלמהלע קאָן (דער ערשטער לינקס) צוזאַמען מיט דער גרינדער־גרופּע פון דער „הבימה" (מאָסקווע, 1917). עס זיצן (פון רעכטס) משה הלוי, שושנה אביבית, דוד וואַרדי, נחום צמח, מנחם גנעסין און חיהלע גראָבער. עס שטייען: א. וויניאַר, חנה ראָווינאַ, נ. פערפיץ, ל. סטאַראַגרעץ, מרים עליאַס און שלמה קאָן.

טעאַטער־קריטיקער פון דער קראָקעווער פויליש־יידישער טאָגצייטונג „נאָווי דזשענניק", האָט אים אין דער ראָל פאַרגליכן צו די גרעסטע בינע־קרעאַציעס, וואָס מען האָט געשאַפן אויף דער יידישער בינע.

שלמהלע קאָנס „מיראָפּאָלער צדיק" האָט אין קראָקע געמאַכט אַזאַ רושם, אַז דערנאָך, ווען אברהם מאָרעווסקי האָט אין יאָר 1927 אויפגעפירט

אין „קראָקעווער ייִד' געזעלשאַפטלעכן טעאַטער" דעם „דיבוק" און גע־שפילט זיין קרוין־ראָל דעם „מיראָפּאָלער", האָט ער, נאָך קאָנען, קיין דערפאָלג נישט געהאַט... און מאָרעווסקי איז דאָך געווען פאַררעכנט פאַרן בעסטן „מיראָפּאָלער צדיק" אין פּוילן.

מיט דעם האָט זיך אָבער געענדיקט דער קינסטלערישער טריאומף פון שלמהלע קאָן. ער האָט געשפּילט ביי מיר אין „וויניט" („עליזעאום"־טעאַטער אין וואַרשע) אין יאָר 1928 און שפּעטער אין אַנדערע טרופּעס. ער האָט אָנגעפירט מיט פאַרשיידענע דראַמאַטישע קרייזן אין פּוילן, ביז ס'איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה.

שלמהלע קאָן (מען האָט אים נאָך אַלץ גערופן שלמהלע, הגם ער איז שוין געווען איבער די פופציקער) האָט נישט פאַרלאָזן וואַרשע. ער איז געווען געוואַלדיק שטאַרק צוגעבונדן צו זיין שוועסטער און אירע קינדער, וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך וואַרעמע געפילן. די גאַנצע וואַרעמ־קייט, וואָס האָט אין אים געטליִעט און וועלכע ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט באַשאָנקען, האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין נאָענטסטער משפחה.

אין געטאָ האָט שלמהלע קאָן געשפּילט ייִדיש טעאַטער אין „עלדאָ־ראַדאָ" אויף דזשעלנע גאַס און נאָך באַוויזן אָנטייל צו נעמען אין דער לעצטער פאָרשטעלונג פון ל. קאָברינס „דאָרפס־יונג". דאָס איז געווען זיין לעצטער אויפטריט און בכלל דער לעצטער אויפטריט פונעם ייִדישן טע־אַטער אין געטאָ.

פון דער ערשטער „אַקציע" (דעפּאָרטירונג) איז שלמהלע קאָנען געלונ־גען זיך צו ראַטעווען. שפּעטער איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן. מען האָט שוין מער וועגן אים נישט געהערט. משמעות, מען האָט אים אַוועקגע־שיקט קיין טרעבלינקע, בעת דער צווייטער „אויסזיִדלונג" פונעם וואַרשע־ווער געטאָ. שלמהלע קאָן האָט זיכער זיין גורל אויפגענומען גאַנץ געלאַסן, וואָרום וואָס האָט ער שוין געקענט דערוואַרטן פון דער וועלט, וואָס איז ס'גאַנצע לעבן געווען קעגן אים...

(סוף פונעם ערשטן באַנד)

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין ארגענטינע

רעדאקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה) (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פּאָליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (**פּאָעמע**)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (**לידער**)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (**אויספאַרקויפט**)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (**אויספאַרקויפט**)
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (**אויספאַרקויפט**)
45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (**אויספאַרקויפט**)
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (**לידער**)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (**ראָמאַן**) (**אויספאַרקויפט**)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן (**זכרונות**)
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (**אויספאַרקויפט**)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (**אויספאַרקויפט**)
54) **יצחק פערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (**ראָמאַן**)
55) **פנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש** — פעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (**ראָמאַן**)
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע"
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (**זכרונות**)
69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (**אויספאַרקויפט**)
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (**אויספאַרקויפט**)
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (**אויספאַרקויפט**)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּויזן
און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאַדזשער ראָמאַן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער יואָך
82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)
89) **מ. ד. גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן
90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91־92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (קראָקע)
95—96) **יאָנאָס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן (זכרונות)

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) **יעקב דינעזאָן** — „הערשעלע״ און „יאָסעלע״
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

דאָס פּוילישע ייִדנטום

★

ק. חרמץ שרייבט וועגן יאַנאַס טורקאָווס בוך „מיין קאַמף פאַרן לעבן" („יידישע פרעסע", ריאָ, 28טער יולי 1950):

ווען דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט אַמאָל מישן די בלוטיקע בלעטער פון אונדזער געשיכטע, פאַר דער צייט פון אייראָפּעאישן אויסראָטונגס־פּראָצעס פון יידישן פאָלק, וועט ער זיך מוזן אָפּשטעלן און פרעגן: ווי איז דאָס מעגלעך, אַז נאָר „דער דייטש האָט פאַרניכטעט" אַ גאַנץ יידיש פאָלק, 6 מיליאָן יידן אין אייראָפּע? ווו זענען געווען די אַנדערע פעלקער, צווישן וועלכע און מיט וועלכע יידן האָבן געלעבט און זיך געברודערט?

ווי האָבן זיי געקענט דערלאָזן צו אַ מאַסן־שחיטה פון מיטבירגער? האָבן זיי געטון אַלץ, כדי צו ראַטעווען זייערע שכנים?

דעמאָלט וועט די געשיכטע עפענען אירע זייטיקע קעמערלעך און באַווייזן דעם פאָרשער די בלוטיקע סליאַדן פון אַ מאַרטירער־וועג, איבער וועלכן עס האָט געשפּרייזט זיין לעצטן גאַנג, יידיש פאָלק פון אייראָפּע.

מען וועט דערזען, אַז דער דייטש איז נישט געווען אַליין אין זיין

פאַרניכטונגס־קאַמף קעגן יידישן פאָלק; אַז אים האָבן געהאָלפן: גענעראַל פעטענס מיליץ; ליטווישע איפּאַטינגיסטן; אַנטאָנעסקוס אַרמייען, פוילישע „שמאַלצאָווניקעס"

און אפילו אוקראַינער, שוין די אוקראַינער וואָס זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, אונטער דער קאָמוניסטישער אָרדענונג.

דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן צופעליקע דערשיינונגען, פון פאַראיינצלטע, אומווירדיקע אויסוווּרפן, עס איז ליידער געווען אַ מאַסן־באַוועגונג, פון גאַנצע באַנדעס, וואָס האָבן זיך געשטעלט פרייוויליק אין רשות פון אָקופּאַנט, בכדי צו קענען מאָרדן, רויבן און פאַרניכטן ייִדן.

אויסער ביים רומענישן „ציגיינער“, ווו עס איז זיך נאָך געגאַנגען אויסצוקויפן פאַר „באַקשיש“, זענען ייִדן אומגעבראַכט געוואָרן מיט דער הילף פון זייערע שכנים. וואָס מער די באַפעלקערונג איז געווען אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטישן סם, אַלץ ווייניקער זענען געבליבן.

אין די קלאַסישע לענדער פון אַנטיסעמיטיזם, אין מזרח־אייראָפּע, האָט היטלער געהאַט אַ לייכטע אויפגאַבע: זיין אויסראָטונגס־פּראָגראַם קעגן ייִדן איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער היימישער באַפעלקערונג. איינצלנע ייִדן האָבן זיך געראַטעוועט אויף דער „אַרישער זייט“. ווי אַזוי די ייִדן האָבן אויסגעקויפט זייערע לעבנס אויף דער „אַרישער זייט“, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע ענויים זיי זענען אויסגעשטאַנען פון „כאַפּונעס“, „שמאַלצאָווניקעס“ און אפילו פון זייערע „בעלי־טובות“, איז כדאי צו הערן פון די קרבנות אַליין. עס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע.

כ׳האָב נאָר וואָס געמאַכט אַ סיום איבער דעם בוך פון יאָנאַס טורקאָוו, פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום“ אין בוענאָס־איירעס, אונטערן טיטל „אין קאַמף פאַרן לעבן“. עס איז באמת זייער שווער צו באַהערשן אין זיך די געפילן, איינצושטילן דעם צאָרן און פאַרביטערונג, וואָס זאַמלט זיך אָן לייענענדיק דאָס בוך, קעגן געוויסע שיכטן אין דער פּוילישער געזעלשאַפט.

ליידער זענען די שיכטן, אין דער צייט, געווען גענוג גרויס און אַרומגעכאַפּט גרויסע קרייזן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן זיך רעקרוטירט נישט בלויז פון אונטערוועלט־מענטשן און ענדעקישע „פּאַנעס“, נאָר אויך פון דער אינטעליגענץ און פון די אַזוי גערופענע „דעמאָקראַטישע“ ספערן. איינצלנע טיפּן האָבן זיך פאַרנומען מיט ראַטעווען ייִדן און זיי, אַ חוץ אויסנאַמען, האָבן אַלץ געזוכט צו מאַכן דערביי אַ פאַרמעגן און אָפּצולעקן אַ פעט ביינדל.

יאָנאָס טורקאָוו דערציילט, ווי אַזוי מען האָט ביי רייכע ייִדן אויסגענאַרט זייערע פאַרמעגנס און בכדי צו זיין זיכער מיט דעם אַנגערויבטן גוטס, האָט מען די קרבנות איבערגעגעבן צום טויט. ווער האָט דאָס געמאַכט? נישט בלויז דער „קליינער" באַלעק און באַלעק טירכעטי פון דער אונטערוועלט, נאָר אַפילו פאַיעווסקי, דער באַן־אַרבעטער, וועלכער האָט געבראַכט פאַרן „אונטערערד'" און די באַרטשינסקי, וועמענס מאַן איז געווען אַ באַקאַנטער סינדיקאַליסט און אַנפירער פון דער פּ. פּ. ס־ישער מיליץ אין וואַרשע.

זיי האָבן פרי'ער אויסגעזויגן דאָס בלוט פון די ייִדן און שפעטער, אָן סקרופולן, זיי אָפּגעווישט פון ד'ערד.

טורקאָוו דערציילט, אַז „מיעטש אי פלוג — אָרגאַן פון נ. ס. ז. — די רעאַקציאָנערסטע פוילישע פּאַרטיי, האָט אָפן גערופן די פּאָלאַקן צו העלפן היטלערן אין זיין אויסראָטונגס־קאַמף קעגן די רעשטלעך לעבנגעבליבענע ייִדן. אויף יעדער זייט פון דעם אַנטיסעמיטישן גיפטבלעטל איז געווען אָפּגעדרוקט מיט פעטע אותיות: „פּאָלאַק, געדענק! דער ייִד איז דיין גרעסטער שונא — האָב אויף אים נישט קיין רחמנות..."

נאָך דערציילט ער, אַז יוזעף באַרטשינסקי האָט אים באַוויזן אַ בריוו פון אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, אין די שוויענטאָקזשיסקער בערג (קעלצער געגנט) „ס'רוב זענען דאָס געווען אַרבעטער פון די באַן־וואַרשטאַטן אין סקאַזשיסקאַ קאַמיעננאַ. אין דעם בריוו האָבן די פּאַרטיזאַנער געבעטן צוצושיקן זיי אַ פּאָר מיליטעריש־אויסגעבילדעטע פּאָלאַקן, וואָס זאָלן זיך קענען שטעלן בראש פון דער גרופּע, ווייל מיט זייער גרופּע — ווי זיי האָבן געשריבן — פירט אָן אַ געוועזענער סאָוויעטישער אָפיציר, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער דייטשער קריגסגעפאַנגענשאַפט און וואָס האָט נאָך דערצו אַריינגענומען אין זייער גרופּע אייניקע ייִדן...

ווען עס וועלן קומען די געפאָדערטע מענטשן — האָבן זיי ווייטער געשריבן — וועט מען קענען „ליקווידירן" דעם רוסישן אָפיציר און די ייִדן...

כמעט דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען אָנגעשטעקט מיט דעם סם. אפשר טאַקע דערפאַר האָבן היטלערס „ספּעצן" אויסגעפונען, אַז אין אַזאַ אַמביענט איז אַמפּאַסיקסטן צו שאַפן די אויסראָטונגס־אַפּאַראַטן, ווייל נאָר דאָרט וועלן זיי האָבן די נויטיקסטע אַטמאָספערע...

די ייִדן וואָס האָבן זיך מיט גרויסער מי און טויט־געפאַר קוים

אַרויסגעקריגן אויף דער „אַרישער זייט״, האָבן דאָרט געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות פון אַלע זייטן. מען האָט געשפּריצט אויף גליענדיקע קוילן. פון אַלע זייטן איז געווען אַ געיעג אויף די אומגליקלעכע קרבנות. עס האָבן זיך געיאַוועט שאַנטאַזשיסטן „שמאַלצאָווניקעס״, וועלכע האָבן זיך געמאַכט אַ פּרנסה פון „אַנטדעקן״ יידן און זיי שאַנטאַזשירן. עס האָבן זיך פאָרמירט גאַנצע באַנדעס „אַקציען־געזעלשאַפטן״, וואָס האָבן פאַרלייגט אַ נעץ פון אויסגעפינען ייִדן. טורקאָוו דערציילט, ווי ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ פירער פון אַזאַ באַנדע, וועלכער האָט געהאַט דעם צוועק אים מיט זיינע חברים צו „ליקווידירן״, וועלכער איז געווען אין וואַרשע אַ באַקאַנטער טעאַטער־אימפּרעסאַריאָ — קאַזשיק ביאַלעק.

אַ חוץ פאַר דייטשער פּאָליציי און געסטאַפּאָ, האָבן ייִדן זיך געהאַט אָפּצויאָגן פון פּוילישע פּאָליציאַנטן, געהיים־אַגענטן, ציוויל־באַפעלקערונג, וועלכע איז געווען, אין גרעסטן טייל, פיינטלעך איינגעשטעלט צו ייִדן, און שאַנטאַזשיסטן. אַפילו די ייִדן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין די וועלדער, צו די פּאַרטיזאַנער, האָבן די פּוילישע פּאַרטיזאַנער דערמאָרדעט. — טורקאָוו רעכנט אויס אַ גאַנצע רייע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס,וועלכע זענען „ליקווידירט״ געוואָרן דורך זייערע פּוילישע חברים.

מיר זענען אויך באַקאַנט אַ גאַנצע רייע פאַקטן, ווי ייִדישע פּאַרטיזאַנער־גרופּן זענען פאַרנאַרט געוואָרן דורך פּוילישע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען, אַפילו דורך „דעמאָקראַטישע״ פאַרמאַציעס, ווו מען האָט ביי זיי צוגערויבט אַלץ און שפּעטער דערשאָסן.

פון דעם אַלעם דאַרפן מיר לערנען, אַז מיר טאָרן זיך נישט צובינדן צו קיין שום „פריינט״, ווייל אַלע די פריינט קערן זיך אָפּ פון דיר, ווען דו דאַרפסט נאָר האָבן זייער הילף.

מיר וועלן ביי קיין שום פאָלק אין דער וועלט נישט געפינען קיין אמתע פריינטשאַפט. מען נוצט אונדז אויס ווען מען דאַרף אונדז, אָבער מען פאַראַט אונדז ביי דער ערשטער געלעגנהייט. אין אונדזער אומגליק איז נישט בלויז שולדיק דער דייטש. אַלע די פעלקער, צווישן וועלכע מיר האָבן געלעבט, האָבן אונדז פאַראַטן; זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט ווי מען פאַרניכטעט אונדז, אָדער אַליין געהאָלפן אונדז אויסראָטן.

אין דעם בוך פון יאָנאַס טורקאָוו זעען מיר דאָס בולט. ער באַווייזט דעם אמתן פּרצוף פון אונדזע־

רע „ליבע שכנים״. אין אַלגעמיין איז דאָס בוך רייך אין מאַטעריאַל. מיר געפינען דאָרטן אַ סך איינצלהייטן וועגן אַקציעס און פאַרניכטונג פון באַקאַנטע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אַמאָל גענומען אָנטייל אין אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון מזרח־אייראָפּע. דאָס בוך „אין קאַמף פאַרן לעבן״, איז אַ וויכטיקער צושטייער פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע.

מלך טשעמני שרייבט וועגן בער י. ראָזענס בוך „טלאָמאַצקע 13״
(„נייע יידישע צייטונג״, מינכען, 13טער אַפּריל 1951):

די וואַרשעווער גאַס מיטן נאָמען טלאָמאַצקע און מיטן נומער דרייצן איז געווען דער זאַמל־פּונקט פאַר

בער י. ראָזען

טלאָמאַצקע 13

דער יידישער קולטור און ליטעראַטור פונעם פוילישן־ און וועלט־יידנטום. אויף טלאָמאַצקע דרייצן האָט זיך געפונען דער יידישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין. איז דאָס נישט געווען בלויז אַ פאַראיין, וווּ מען איז זיך צוזאַמענגעקומען און סתם געשמועסט און באַהאַנדלט פּראָפעסיאָנעלע ענינים, נאָר — דער בפירושער שטעמפּל פון דער יידיש־מלוכה און אַלץ, וואָס האָט אויפגעלעבט און געגעבן אַן אַדרעס דעם יידיש־געדרוקטן וואָרט מארבע פינות העולם.

צוזאַמען מיטן אומקום פונעם אייראָפּעאישן יידנטום, איז אויך געוואָרן אָפּגעמעקט דער אַדרעס פון דער יידישער ליטעראַטור, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַרג שטיינער און גרוז — טלאָמאַצקע דרייצן.

דער מחבר פון „טלאָמאַצקע 13״, ראָזען, איז געווען אַ לאַנגע צייט סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן ראַט ביים פאַראיין. פיל שעה במשך פון טאָג האָט מען אים געזען אין זיין ביורא, ווו ער האָט דערליידיקט לויפנדיקע ענינים, וואָס האָבן גע־

האָט אַ שייכות מיט די רעדאַקציע־מיטאַרבעטער. אויך איז ראָזען געווען אַ רעדאַקציע־מיטגליד אין וואַרשעווער טאָג־צייטונג „אונדזער עקספּרעס״, ווו דער שעף־רעדאַקטאָר איז געווען לאַזאַר קאַהאַן.

אין דעם בוך „טלאָמאַצקע 13״ גיט דער מחבר אַן איבערבליק איבער דעם אַנטשטיין פון פאַראיין פון 1916 ביז זיין חורבנדיקער ליקווידאַציע. מיט אַ כראָנאָלאָגישן סדר און מיט פיל ליבע צו דעם היסטאָרישן קולטור־ווינקל, מאָלט ראָזען פאַרשיידענע בילדער פון שרייבערס און קינסטלערס — שטאַם־געסט און מיטגלידער — וואָס האָבן געלעבט מיט טלאָמאַצקע 13, דאָרט געשאַפן זייערע ווערק און דאָרט אויסגעחלומט, יעדער אויף זיין שטייגער, די טעג און נעכט. **טלאָמאַצקע 13** איז געווען אַ צוזאַמענקונפט פאַר ייִדישע שרייבערס פון אַלע וועלט־עקן. דאָרט האָט מען איינגעאָרדנט פייערלעכע קבלת־פּנימס און דאָרט איז אַנטשיידן געוואָרן דער גורל פון אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט אַריינקומען אין דער ייִדישער שרייבער־משפּחה. טלאָמאַצקע 13 האָט פאַרבונדן „יונג ווילנע״ מיט דער לאָדזשער „גרופּע״, האָט געפּסקנט, ווער עס האָט רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט דער שרייבערישער מלאכה און ווער נישט. אויף טלאָמאַצקע 13 זענען פאָרגעקומען חברים־געריכטן, דאָרט זענען דערליידיקט געוואָרן סכסוכים צווישן אָנגעזעענע שרייבערס און זשורנאַליסטן. עס דערמאָנט זיך אַ פאַל, ווען ד״ר י. גאָטליב האָט זיך „דורכגעווערטלט״ מיט אַ קאָלעגע אויף די שפּאַלטן פון „מאָמענט״, יענער האָט אים אָפּגעענטפערט אין זיין צייטונג און ס׳האָט געהאַלטן ביי אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל, האָט טלאָמאַצקע 13 זיך אַריינגעמישט, זענען פאָרגעקומען איבער אַ וואָך „היישע״ געריכטן. פאַר דעם לייענער אין גאַס איז ד״ר גאָטליב געווען אַ נאָמען, וואָס האָט געצויגן דרך־ארץ, אַ נאָמען פון אַ חשובן פּובליציסט און וואָרט־זאָגער אין פּויליש סיים, אָבער אויף טלאָמאַצקע 13 האָט ד״ר גאָטליב אויפגענומען דעם אורטייל, דעם חברישן פּסק־דין, מיט אַ פילנדיקן שווייגן. ווייל דער פאַראיין איז געווען אַ קראַפט, אַ ייִדישער וואָרט־זאָגער אין אַלע ענינים, וואָס האָבן נאָר געהאַט אַ שייכות מיט אָפּהיטן דאָס ייִדישע וואָרט, מיט באַשיינען דעם ייִדישן שרייבער און קינסטלער.

„טלאָמאַצקע 13״ פון בער י. ראָזען איז אַ מאָנומענט, אַ הייליקער אָנדענק, נאָך דעם אומקום פונעם שענסטן קולטור־ווינקל, וואָס דאָס ייִדישע פּוילן האָט אויפגעבויט.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Tomo 95

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el Depósito que marca la Ley

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 24 DE DICIEMBRE DE 1953 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

JONAS TURKOW

ASTROS EXTINGUIDOS

(FARLOSHENE SHTERN)

*

Editado por
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA
Buenos Aires - 1953